STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00469

MAYN SHTETELE SLOVESHNE

Itzik Kipnis

Permanent preservation of this book was made possible by
Leah Danberg
in memory of
Hershl & Peshe Fanaberia (Fine)

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

איציק קיפּניס

★

מײַן שטעטעלע סלאַוועשנע

איציק קיפּניס

מײַן שטעטעלע סלאָוועטשנע

באַנד צוויי

יום־טובים

איקוף פאַרלאַג

פאַרלאַג
י. ל. פּרץ
ישראל

תל־אביב תשל״ב 1971

ITZIK KIPNIS

MAIN SHTETELE SLOVESHNE

VOLUME TWO YOM-TOYVIM

I. L. Peretz Publishing House

31 Allenby St. Tel Aviv

איציק קיפּניס / מיין שטעטעלע סלאָוועשנע

באַנד צוויי: יום־טובים

פאַרלאַג י. ל. פּרץ, רח׳ אלנבי 31, תל־אביב

©

Printed in Israel 1971

נדפס בישראל תשל״ב

דפוס „א ו ר" בע״מ, תל־אביב, שדרות הר־ציון 104, טל. 822481



דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן מיט
דער הילף פון אַדאָלף־נוימאַן־פאָנד

באנד צוויי

יום־טובים

אויף דעם דעסיאַטעכע יאַריד פֿאָרט ביי אונדז די גאַנצע שטאָט. אַפילו מלמדים, וואָס האָבן נישט ביי אונדז קיין מסחר און קיין טועכץ, גייען אויך קיין וועלעדניק אויפֿן יאַריד.

סע זאָל זיין אַ מאָל אַ שלעכטע פּאָגאָדע אויף דעסיאַטעכע? קיין מאָל אין דער וועלט! אין דרויסן איז ליכטיק, אַז די אויגן צעפּענען זיך ברייטער, הייס — אין דער מאָס. פֿון אַלע יאָרן זאָגט מען: פּרשה בלק, פּרק, בן זומא, שוואַרצע יאַגעדעס, קליינע לאָשעקלעך, דעסיאַטעכע יאַריד...

ווי איר ווילט זיך, נאָר דער שבת פֿאַר דעסיאַטעכע איז אויך עפּעס טראַגעדיק מיט גוטע האָפֿענונגען, מיט פֿאַרגעניגנס, וואָס קיינער וועט זיי נישט אָפּשאַפֿן. ערב די דעסיאַטעכע יאַריד עסט מען אָפּ פֿריִער וועטשערע, מען לייגט זיך פֿריִער שלאָפֿן און מען שטייט אויף פֿאַר פֿרי. ווער ס׳שפּאַנט זיין אייגן פֿערד און וועגעלע, צו ווּעמען ס׳קומט אַ פֿור, וואָס ער האָט נעכטן באַשטעלט און דאָס איבעריקע שטייען אין מאַרק לעם קלויסטער־הויף פֿויערישע פֿורלעך. אַ גילדן פֿון אַ מענטשן, אַ גריי־ווינקע איז אויך נישט שלעכט. הין און צוריק — אַ פּערטעלע, אַ פֿער־ציקער. דער וואָגן איז אויסגעבעט מיט פֿריש שמעקעדיק היי. אויפֿגעקליבן פֿיר פֿינף פֿאַרשוינדלעך — אַוועק.

מיך נעמט דער טאַטע אויפֿן יאַריד כסדר. איך בין שוין נישט גע־שלאָפֿן פֿון ווייס איך ווען. אַ קשיה אויף אַ מעשה — טאָמער פֿאַרשלאָף איך! איך העלף שפּאַנען דאָס פֿערד, העלף טראָגן די יוכטן מיט די בוקאַטן אויפֿן וואָגן, איבערגעקערט מיט דער געשליפֿטער מעזדרע זייט אַרויף, ס׳שמעקט פֿון זיי מיט פֿרישן טראָן. זיי זענען אַלע אַזעלכע גייענקע, אַז ס׳גלוסט זיך זיי אַזש אַ גלעט געבן. דער טאַטע לייגט זיי

צונויף ביז צום וויידל, ווידל צום קאָפּ. ס'זאָל זיך אויסגלייכן דאָס אָרט צום זיצן. צונויפגעלייגט דעקן מיר צו מיט אַ ריין זעקל. מיר טראָגן אַרויס פון שטאָל אַ ביסל היי. דער טאַטע שנורעוועט צונויף דעם וואָגן מיט אַ גוט פעסט שטריקל. די בייטש איז שוין דאָ. דאָס פערד איז שוין איינגעשפּאַנט. די מאַמע איז צוגעשטילט, נאָר זי איז אומעטום מיט אונדז און לעם אונדז. איצט שטייט שוין אויפן טיש אַ פריש גלעזל וואַרעמס. טאַקע נאָר וואָס אָפּגעקאָכטע ציקאָריע מיט מילך. אַ פּאָר שטיקלעך ברויט מיט פּוטער, עטלעכע קאָרזשיקעס אין אַ ריין שמאַטקעלע. דאָס איז אויפן וועג.

איך זיץ שוין אויפן וואָגן. איך האַלט שוין די ווישקעס. דאָס פערד שלאָפט נאָך אַזוי ווי ס'שטייט רויק. אָבער אָט איז שוין דער טאַטע אויפן וואָגן. ער האָט זיך אַ נעם געטאָן הינטערוויילעכץ מיט די הענט פּאָר דער דראַבינע און זיך גרינג געגעבן אַ וואָרף אַריין אין וואָגן. דאָס פערדל האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, די ווישקעס זענען שוין איבערגע־גאַנגען צום טאַטן אין האַנט אַריין. די בייטש אויך. דער טאַטע און איך האָבן עפּעס געזאָגט. די מאַמע האָט עפּעס געענטפערט. זייער שטיל. נאָר ווער ס'דאַרף הערן — הערט.

די הויז־טיר איז נאָך אָפן, די טויערלעך אויך נישט פאַרמאַכט. די מאַמע וועט שוין אַליין פאַרמאַכן.

דאָס פערדל האָט זיך געגעבן אַ נעם און זשוואַווע גענומען אונדז אַרויפפירן אויפן בערגל צו דער שיניצע.

באַלד הינטער פּעטריקס שטוב קומען מיר אַרויף אויפן איינגעפּאַרענעם וועג. ס'איז נאָך אַלץ אַרויף באַרג. ס'פערדל גייט מונטער, נאָר לויפן איז פּאַר אים שווער. מיר פאָרן נישט דורכן שליאַך פאַרביי דעם רבס שטוב. מיר פאָרן דורך דער שיניצע אַרום די ניוועס און מיר הייבן זיך אָן אויסגלייכן מיט אייניקע פורלעך, ערשט ביים אַריינפאָר קיין באַקעיעווטשינע.

אַ קליין דערפעלע באַקעיעווטשינע, נאָר אויך אַ דאָרף — שטיבער, גרינע גערטנער. קוטשעראַוועביימער, אַלערליי פרוכטן, הויפן, שייערן,

בינשטאָקן און אַ פֿויערטע גייט אַרום אין הויף. ווייזט אויס, נאָר וואָס אויך אַרויסגעלאָזן אירע מאַנסבילן אויפֿן יאַריד קיין וועלעדניק. פֿון די קוימענס גייט אַ רויך. זומער וואַכט זיך אויף דאָס דאָרף פֿרי. אָבער אָטאָ זעגען מיר שוין פֿאַרביי די צוויי אַלטע גרויסע צעהאָרבעטע קליאָנען, וואָס שטייען פֿון ביידע זייטן וועג ווי אויף אונטערגעבעטע בערגלעך. אַרויס פֿון באָקעיעווטשינע און גלייך אויפֿן שליאַך.

פֿעלדער, לאַנען לאַנגע, נישט קיין ברייטע און אַלצדינג איז דאָ פֿאַראַן: קאַרטאָפּל, גערשטן, קאָרן, ווייץ, גריקע, ליין־פֿלאַקס. אָט רוקט זיך אָפּ פֿון אונדז אַ פֿעלד, וואָס פּוסטעוועט הײַנטיקס יאָר. ביי אים — ביי דעם דאָזיקן פֿעלד איז הײַנטיקס יאָר שמיטה. ווען ס׳איז מיין דעה דערביי, וואָלט איך אָפּגעשטעלט דאָס פֿערד און וואָלט אַ ביסל אַרומ־געלאָפֿן איבער די שיטערע גרעזעלעך פֿונעם הוליענדיקן פֿעלד. עס הוליעט — דאָס באַדייט, אַז הײַנטיקס יאָר האָט עס אויף זיך נישט קיין יאָך פֿון טראָגן און האָבן זויגן זיינע געוויקסן. ס׳פֿערדל שלעפּט, די רעדער קייקלען זיך אַלץ פֿאָרויס. מיר טוען גאָרנישט, מיר זיצן זיך אין וואָגן. אָבער אויך מיר ווערן פֿאַרשלעפּט מיטן וואָגן אין איינעם אַלץ פֿאָרויס און פֿאָרויס. אָנאָ זעען מיר אויס אַ פּאָר ראָוועס, וואָס די אַראָפּ־לויפֿנדיקע וואַסערן שווענקען אויס, וואָס ברייטער און וואָס טיפֿער. אויף די ברוכשטיקער פֿון די ראָוועס וואַקסן דריבנע בערעזקעס. אָבער ווער ווייסט, צי זיי וועלן זיך דאָ לאַנג איינהאַלטן. ס׳ווילט זיך אַראָפּקריכן און אַוועקגיין אַהין זען, וואָס ס׳טוט זיך דאָרטן אין דער ווייטער טיף. גזלנים האָבן זיך ליב צו באַהאַלטן אין אַזעלכע ערטער. גזלנים ווייסן וועגן יעדער הייל, וועגן יעדן שטיקל געדיכטן וואַלד. גזלנים האָבן פֿאַר גאָר קיין מורא נישט. איין זאַך איז נאָר שלעכט, וואָס די משפּחות זייערע זיצן אין די דערפֿער. קומען זיי פֿון מאָל צו מאָל ברענגען עפּעס דעם ווייב מיט די קינדער. איין מאָל גליקט זיי אָפּ. צוויי מאָל גליקט זיי אָפּ און סוף כל סוף כאַפּט מען זיי. מע בינדט זיי מיט שטריק, מען שמידט זיי אין קייטן. דאָס גאַנצע דאָרף לויפֿט זיך צונויף און דאָס ווייב מיט די צעלאָזענע האָר וויינט. די קינדער היילן... ס׳נעמט מיך אָן פֿאַרן האָרצן... ווען מען פֿרעגט ביי אַזאַ מין ייִנגל ווי איך, וואָס מען דאַרף

טאָן מיט גרויסע געניטע און פאַרשייטע גזלנים, וואָלט איך אַליין נישט וויסן, וואָס צו זאָגן. פון איין זייט איז אַ מורא, אָבער מע זאָל נעמען אויפן געדאַנק — וואָלגערן זיי זיך דאָך אין די היילן און אין די לעכער, האָבן נישט קיין טאָג און קיין נאַכט, אין רעגן און האָגל און שניי און אין פראָסט זענען זיי אין דרויסן. אַלע שלאָפן אויף זייערע געלעגערס ביי פאַרמאַכטע טירן אונטער וואַרעמע סטעלעס. קלאָר — מיר איז אַ רחמנות, ווען דער גזלן פּאַקט זיך אַריין! — די שטריק עסן זיך אים איין אין די הענט און אין די זייטן. און דאָס ווייב מיט די קינדער?... אַלע האָבן קינדער! אַפילו אַ וואָלף האָט קינדער...

אַנאַ הייבט זיך שוין אָן בילקע. אַ דאָרף, וואָס שטייט אויף פיר בערגלעך. ווינטער איז דאָרטן שווער אַראָפּצוגיין מיט די עמער נאָך וואַסער. אַראָפּגיין אין אַ גליטש איז שווער און אַרויפגיין מיטן קאָראָמיסלע און מיט די פולע עמער איז אויך שווער. נאָר קוק, זיי האָבן זיך באַזעצט אויף די פיר בערגלעך און זיי קלייבן זיך נישט צו קיין גלייך שטיקל פּלאַץ. דאָרטן זענען דאָ פרויען און יונגע מיידלעך, צו וועלכע איך בענק אַזוי. איך וויל זיי זען. איך וויל פון זיי עפּעס הערן. אָט דאָס האָבן זיי אָנגעזייט און אויסגעפּאָלעט אָט די אַלע פעלדער — שוין גרייטע זאַנגען שאָקלען זיך און שאָקלען זיך, ווי זיי וואָלטן זיך וועלן ערגעץ לאָזן, נאָר סוף כל סוף בלייבן זיי אויפן זעלבן אָרט. אפשר דאַוועגען זיי זייער אינדערפריענדיק דאַווענען. זיי זענען צווישן זיך פאַרברודערט שטרויעלע צו שטרויעלע. אַלע שטייען זיי אונטערן הימל, אַלע זויגן זיי פון דער ערד. און זיי זינגען זייער ליד צו אונדז מענטשן.

אַלצדינג איז באַשאַפן געוואָרן צוליבן מענטשנס וועגן. ער דאַרף נאָר צולייגן זיין האַנט צו אַלצדינג. זיין אַקסל און זיין שכל, וועט ער שוין זיין רייך און אָנגעזעטיקט מיט אַלדאָס גוטס.

מיר רעדן נישט גאָרנישט מיטן טאַטן אַ גאַנץ וועג. מיר קוקן אויפן ווייסן שטויביקן שליאַך, אויף די פעלדער פוןביידע זייטן, אויף די יאַרידנע פורן, וואָס יאָגן אונדז אַריבער. אַנאַ זיצט אויף אַ וואָגן משה יהודה, לייבאַ דעם שוסטערס זון — פון שליאַך. ער איז אַ מלמד אין

אַ דאַרף און איצט דאַרף ער עפּעס אויך אויף דעסיאַטעכע יאַריד. און אפשר וויל ער פּשוט זיך דורכפאָרן פאַר פריילעכקייט וועגן. ער האָט צו אונדז אַ שאָקל געטאָן אַ „גוט מאָרגן". מיר האָבן אים געענטפערט מיט אַ שאָקל. כאָטש אַ סך פאַרשידענע פורן יאָגן אונדז איבער, דאָך איז אַרום אַזוי שלעפּעריק און שטיל, אַז ס'וואָלט זיך גלוסטן אַזוי פאָרן אָן אָפּשטעל. נאָר וואָס האָט זיך עפּעס דאָס פערד אָפּגעשטעלט? אַהאַ עס דאַרף אויף קליינס. אַ קלוגע חיה און אַ גרויסע. דער גאַנצער שפּאַן האָט געגעבן אַ סקריפּע און זיך געגעבן אַ האָרבע איבער אים, דער כאָמוט מיט דער דוהע זענען אָפּגעשטאַנען.

אַ פויער פאָרט רייטנדיק און פירט זיינע נאַקעטע פערד. ער וועט זיי אָדער אויסבייטן אָדער פאַרקויפן. פון אונטן לויפט זיי נאָך אַ לאָ־שעקל. עס האָט זיך ערגעץ פאַרקוקט, אָפּגעטשעפּעט אַ זאַנג פון ברעג פעלד. נאָר אָט האָט זיך עס באַדאַכט, אַ שניידיקן הירזשע געטאָן און זיך געלאָזן אָניאָגן די מאַמע. פון וויטן זעען מיר שוין דאָס וועלעדניקער הייליקע אָרט מיטן צדיקס מויערל. ביימער אַרום ביימער, צווייגן געדיכט באַבלעטערטע אַרום צווייגן. זיי היטן אָפּ די וועלעדניקער יידישע „איי־ביקייט", די הימלישע יידן און יידענעס און קינדער. דאָס זענען אַלץ וועלעדניקער. און סלאָוועשנער „אייביקייט", יענע איז ביי אונדז. אונ־דזערע האָבן אויך איבער זיך ביימער און שטיבלעך און מצבות. נאָר דאָרטן איז די צוים אַן אַנדערע, דער טעם פון דער לופט אַן אַנדערער. די בלעטער אויף די ביימער אַנדערע און מיר זענען אויך אַנדערע. דער־פאַר האָט דאָך גאָט געשאַפן אַ סלאָוועשנע, אַ וועלעדניק און אַן אַמעריקע. זיי זאָלן האָבן יעדער איר באַזונדער פּנים.

דער גערויש פונעם יאַריד הייבט זיך שוין אָן. אין דעם עק שטאָט איז אַקוראַט די טאַרהאָוויצע: בהמות, אָקסן, קעלבער, חזירים, ציגן און פערד.

די שענסטע פון די באַשעפענישן איז ביי מיר אַ בהמה. בהמות, אָקסן, קעלבער, מיט זייערע פייכטע נאָזלעכער, קיילעכיקע אויגן, ברייטע שטערנס, הערנער, העלדזער, עקן און טיפע בייכער. זיי געפעלן מיר

אין זייערע אַלע מאַסטן, ווייסע און שוואַרצע, ראַבע, רויטע, ליסע. אַז איך וועל אויסוואַקסן אַ גרויסער, וועל איך בעטן דאָס ווייב מיר זאָלן האַלטן בהמות. שיינע גרויסע ליכטיקע בהמות מיט זייערע קעלבער...

אַנאַ שטייען שוין ביידלעך. מיר, האַרבאַרעס, האָבן זיך פון אַלע יאָרן אונדזערס אַ געסל. מיר שפּאַנען דאָרט אויס יעדערער זיין פערד. מיר שטעלן עס אַוועק צווישן די האַלאַבליעס מיטן פּנים צום וואָגן. אים, דעם פערדל, איז גוט. אַ האַלבע אַרבעט האָט עס שוין אָפּגעטאָן. עס מעג שוין איבערקייען. עס קוקט זיך אום, טוט אַ הירושע צו די זייטיקע פערד... דער טאַטע גיט אָפּ שלום די איבעריקע האַרבאַרניקעס. אַנאַ פאַרט שוין יענקל דער מומעס אויך. ער וועט זיך שטעלן נישט לעם אונדז, ער וועט זיך שטעלן לעם די נאַראָדיטשער האַרבאַרעס. ס׳איז שוין פון לאַנג אַזוי איינגעפירט, פון אַ סך יאָרן. די שטיבער, וואָס לעם זייערע ווענט מאַכן מיר אונדזער יאַריד זענען אויף אונדז נישט ברוגז. דאָס זענען יידישע שטיבער און זיי ווייסן, אַז אַ יאַריד איז אַ יאַריד. אייגנטלעך איז אין אונדזער ווינקל שטיל. קיין רעש קיין טומל. איך וויל אַרויסנעמען אַ קאָרזשיק פון דער ווייסער שמאַטקע און אים עסן. אָבער איך שעם זיך. איך ברעך אָפּ אין קעשענע די קליינע שטיקלעך און לייג פּאַמעלעך אין מויל, אַזוי ווי בגנבה. איך קיי פּאַמעלעך און לאַנגזאַם אַפילו מיט הפסקות און שלינג שטיל אַראָפּ...

אַטאָ ווייזט שוין דער טאַטע די פרעמדע שוסטער אַ פּאָר בוקאַטן. די שוסטער זאָגן אַליין, אַז צו אונדזער סחורה קען מען קיין טענות נישט האָבן. איך הער עס פון דער ווייטנס און ס׳קומט מיר צו אַ שטיק געזונט. אַנאַ שטייט שוין בנציונקע „גוי״ פון אונדזער שטאָט מיט זיין וואָגן סחורה. פונקט ווי ער אַליין אַזוי זענען זיינע יוכטיילעס גרויסע־קאָראַוועס. ווו איז זייער ווייכקייט? ווו איז זייער שיינקייט? נאָר ער לייזט געלט נישט ערגער ווי אַנדערע און איך חידוש זיך. איך פאַרשטיי נישט ווי אַזוי קען עס זיין? גיי פאַרשטיי, אַז אַנדערש קען עס נישט זיין. אויב נישט, וואָלט ער דאָך פון אַלע יאָרן קיין האַרבאַר נישט גע־ווען!... אָט שטייט שוין דאָ מאיר דער מומעס גאָלדעס. און אסתר איז

שוין אויך דאָ. אסתר קויפט גאָר אַליין בײַ אונדז סחורה. זי איז אויך אַ פּאַסטילניטשקע.

כאָטש ברודערשאַפט האָט נישט צו האַנדלשאַפט, אָבער עס פּילט זיך אין יעדער בליק און קער, אין יעדער גלעט, וואָס זי טוט מיך, אַז דאָס איז אונדזערע אַן אייגענע. נאָר איך פאַרגעס נישט אויף קיין איין רגע, אַז אסתר איז אַ מאָל... נו, מיטן דיבוק, מיט די יונגעלייט פון סטעליע, וואָס זי פלעגט ווערן פלאַם פּייער, די אויגן ווילד, דאָס פּנים רויט, אָבער זי געדענקט שוין נישט דערפון. און בײַ זיי איז אַ שיינע טאָכטער מרים און מען רופט זי מעמא. ווען איך בין אַ ביסעלע גרעסער, וואָלט מען זי מיר גערעדט פאַר אַ כּלה.

— מאיר — הער איך ווי ס׳זאָגט די קרובה אונדזערע צום מאַן — מען מעג באַצאָלן. נחום בעט נישט טייער.

— איך ווייס ? — ענטפערט מאיר פאַרוועלעך אַ ביסל. און אסתר הזרט איבער:

—מירן צונעמען די 5 פאַר יוכטלעך. אויב איר וועט אַראָפּלאָזן איין פינפערל, וועט עס זיין ווי אָפּגעמאָסטן. טאַקע מער נישט ווי איין פינפערל !...

— ווייזט אויס, אַז סחורה האָט זיך אַ ביסל אַ הויב געטאָן. — ס׳לייזט זיך פון סאַמע אין דער פרי. און בײַ אַלע האַרבערס לייזט זיך.

אסתר האָט מיך צוגענומען צו זיך. דער טאַטע האָט איר דערלויבט.

איך גלייך אויס דעם פּידזשאַק. טו אָן בעסער ס׳היטל. איך ווייס? איך האָב גאָר פריִער נישט געקלערט, אַז׳ מע וועט דאַרפן גיין צו גאַסט.

אויפן מאַרק איז אַן ענגשאַפט, אַ געדיכטעניש. פורן, וועגן, פאַרי־סעבע האַלאַבליעס, הענגענדיקע טיכער פון אַלערליי קאָלירן. די היגע קרעמער האַלטן אויך די סחורה אויף דרויסן. אויף אַ לאַד צעלייגט. אַנאַ קויפט אַ פויערטע אַ וואָלענע פלאַכטע אויף אַ קליידל, אַזאַ גראָב געוועב פון וואָל, רויט און גרין געקעסטלט אין גרויסע פירעקן. נישט קיין קעסטעלעך, נאָר קאַסטנס גאַנצע.

אַנאַ פּאַרקויפט מען שוואַרצע יאַגעדעס, רויטע ווייַנשל. די מאַמע האָט אָבער אָנגעזאָגט מיר זאָלן זיך עפּעס קויפן און נישט זיין הונגעריק. אסתר האָט אונדז געבעטן אויף וואַרעמעס, דאַרף מען באַך אויף עמיצן לאָזן דעם וואָגן. אַנאַ האַנדלט מען מיט רעדנעס, דאָרפישע אָבער בייע. אויך מיט לייוונט דאָרפישער, פּויערישער... אַלץ איז ביי, אַלץ איז ריין. אַטאַ קלינגט מען מיט קאָסעס. טאַקע קאָסעס זענען דאַך איצטער די בעסטע סחורה. בייַנאַנד שטייט אַ קריסט און פּאַרקויפט סערפּן מיט נייע הילצערנע הענטלעך. אויך מיר הענטלעך. מען האָט נישט געקענט מאַכן קיין שענערע? און אָט לייזט מען ביי פּויערים פּאַר קוואָס. און אַטאַ ווייטער שטייט מען מיט זיפּן און ווייטער — איקאָנעס אַלערליי. ניין. ס׳איז אַ שיינער יאַריד!

צו דער מומעס גאָלדעס שטוב און צו די האַרבאַרניעס גייען מיר אַראָפּ אין אַ דאָלינע. אַטאַ זענען אסתרס פענצטער מיט נייע פאַרהענגלעך. און אָט איז מעמא. זי גיט מיר די האַנט, און מען פירט מיך אין שטוב אַריין. שיינע אַלקערלעך מיט אויסגעוואַשענע פּאָלן. אָט איז אַריין און זיך דערפרייט מיט מיר אסתרס שוועסטער, די האַרבאַטע גיטל רופט מען זי. אַז איך קוק אויף איר דוכט זיך מיר, אַז איך זע פאַר זיך אַ פויגל מיט אויפגעפּוישטע פעדערן און מיט צעלאָזענע פליגל. מיר איז זייער אַ רחמנות, ווען אַ מיידל, אַ ווייבל אָדער אַ פּויערטע, וואָס זיי זענען דאָס שענסטע פונעם גאַנצן לעבן, קומט אַ מאָל אויס זיין אַ קאַליקע, אָדער חלילה אַ משוגענע אין משוגעים־הויז מיט צעביילטע פּיס און גלעזערנע אויגן.

גיטל דער מומע גאָלדעס איז גראָדע זייער ציכטיק פאַרקעמט און אין אַ דין פריש אויסגעפּרעסט קאָפּטל. אָבער דאָס פּנים, כאָטש זי האָט אַ מיידלש קול, איז דאָס פּנים פון אַ האַרבאַטן מענטשן.

האָרב פאַרשאָלטענער, אומדערבאַרעמדיקער, ווו נעמט זיך צו דיר אַזאַ רציחה, זיך אָנזעצן אויף אַ יונגן מיידלשן קערפּער?!...

גיטל רעדט צו מיר. זי האַלט מיך פאַר אַ קינד. ליבקעס ייִנגל... אַ וווּיל ייִנגעלע. זי פרעגט מיך אויס וועגן אַלץ מיטאַנאַנדער. וואָס זשע

מאַכט עפּעס די מאַמע? זי איז זיכער, אַז איך און דער טאַטע וועלן קומען צו זיי עסן וואַרעמעס. ווי קען דען אַנדערש זיין?

* * *

דעסאַטיעכע יאַריד. ווו האָבן זיך צעשאָטן אַלע מענטשן, וואָס זענען געפאָרן פון אונדזער שטאָט אַהערצו? בחורים, שדכנים, מלמדים. די שטאָט איז נישט קיין גרויסע און קיינעם פון זיי זע איך נישט. דער טאַטע האָט מיר געבראַכט ווייבשל אין אַ שמאַטקעלע און האָט גענומען שפּאַנען דאָס פערד. ס'איז נאָך נישט נאַכט, נאָר מיר מעגן שוין פאָרן. אמת, ס'איז נאָך אַן ענגשאַפט. מען לאָזט איבער אַ מיסט דאָרט, ווו מען איז געשטאַנען. וועלעדניקער לייט וועלן האָבן אַן אַרבעט: קערן. די ייִנגלעך וועלן מאָרגן אַ גאַנצן טאָג קלייבן באַבולענע פּידלעס און אַנדערע צאַצקעס דאָרט, ווו די ביידלעך זענען געשטאַנען. אַט דאָ אויף דער עקסטער גאַס איז שוין אין גאַנצן גראַם, כאָטש אויף דער טאַרהאָוויצע דרייען זיך נאָך אַרום רעשטלעך.

* * *

פאַרביי דעם הייליקן אָרט מיטן צדיקס מויערל איז דער טאַטע גע־פאָרן פּאַמעלעך. ער האָט אַפילו זיך אָפּגעשטעלט און מיר געוויזן דאָס מויערל פונעם וועלעדניקער, וווהין עס פאָרן אַלע יאָרן מענטשן פון דער גאַנצער וועלט. מן הסתם דאַרפן זיי אויף עפּעס בעטן, אָדער זיי קומען אָפּברענגען אַ נדר, וואָס זיי האָבן געטאָן.

איין זאַך דערציילט דער טאַטע, וואָס ס'איז געוויס אַן אמת; די מאַמע פלעגט עס אויך דערציילן: אַז מאיר דעם נאָזס ווייב — חיים דעם טויבנס מאַמע — איז, נישט דאָ געדאַכט, אַ צייט געווען פון די געדאַנקען, פלעגט זי אַרומגיין מיט עפּעס אַ שמאַטע פון אַן אַלטן מלבוש אויפן אַקסל אָדער אונטערן אָרעם, מיט בלאָטיקע פיס, נישט קיין גע־קעמטע האָר און ווילדע אויגן. זי פלעגט זיך אַרומשלעפּן איבער די

דערפֿער, איבער די פעלדער. אַז ס'פלעגט אויסקומען ערגעץ לעם אַ שטאַל אָדער אונטער אַ בוים איבערנעכטיקן, פלעגט זי אַוועקלייגן די שמאַטע אונטערן קאָפּ און אַלע מאָל זאָגן: „אַט דאָ ליגט דער אמת!" איין מאָל האָט זי זיך אין אירע בלאָנדזשענישן פאַרקליבן אַהער אויפן הייליקן אָרט לעם סאַמע מויערל, האָט זי אויסגעשפּרייט איר שמאַטע, זיך אַוועקגעלייגט און אַ זאָג געטאָן מיט אַ גרינג האַרץ: „אַט דאָ ליגט דער אמת!".

און שוין. מער האָט זי נישט געדאַרפט. זי איז אויפגעשטאַנען אין גאַנצן אַ געזונטע. זי האָט זיך פאַרריכט אַ ביסל די האָר, דאָס אָנטאָן און איז אַוועק גלייך צו איר היים און צו אירע קינדער.

אַט דערפאַר דאַנק איך דעם וועלעדניקער רבין מיטן גאַנצן האַרצן. ס'איז זייער אַ רחמנות אויף קינדער, ווען די מאַמע איז ביי זיי, נישט דאָ געדאַכט, אַן אומזיניקע. און דאָ האָט דעם נפטר־געוואָרענעם רבינס קראַפט אומגעקערט אַ מאַמע צו אירע קינדער. אַ מאַמע — ווי אַלע מאַמעס: קאָך, באַק, קער די שטוב, באָד אויס די קינדער אויף שבת. אוי, איז עס אַ גליק פאַר אַ שטוב!

* * *

מיר זענען אַוועקגעפאָרן צווישן די פעלדער מיט שטייענדיקער תבואה. לאַנג האָט זיך נאָך מיין געדאַנק אָנגעהאַלטן אין דעם מויערל, אינעם הייליקן אָרט מיט דעם הילצערנעם ברעטערדיקן וואַנט־פלויט. איך וועל אפשר אַ מאָל אויך צולייגן מיין קאָפּ דאָרטן אויף דער גרינער ערד, און מיט אַן אמת טרעפלעך וואָרט פועלן אַ הילף פאַר זיך און פאַר אַ סך נויטבאַדערפטיקע, שטאַרק נויטבאַדערפטיקע מענטשן. דער עיקר, אַז קינדער זאָלן האָבן זייערע מאַמעס געזונטע.

אונדזער פערד האָבן מיר נישט אָנגעטריבן, עס איז זיך אַליין געגאַנגען מיט אַ גרינגן לויף. דער שטויב הייבט זיך, אייביקע פויערישע פורן יאָגן אונדז אַריבער. דאָרטן זיצן פויערים און פויערטעס נישט אַזוי ווי אויסגעזעצט, נאָר אַזוי ווי צונויפגעוואָרפן. אָבער זיי זענען יום־טובֿדיק־פריילעך, אַ ביסעלע אויסגעטרונקען, טומלדיק און לאַכנדיק; די

פויערטעס לאַכן קוויטשיק, איך זאָל אויך זיצן ביי זיי אין וואָגן? — ניין, איך בין נישט צוגעווינט, מיין פּנים זאָל זיך אָנרירן אין פרעמדע סוויטעס. איך פיל, אַז דעם טאַטן איז רויק און גוט אויפן האַרצן.

אָנאָ, זעען זיך ווייטער אויס די ראָוועס, וואָס זעען אויס אַזוי אומ־געריכט מיט זייערע ליימיקע האַרטע שפּיצן צווישן די גרין־געלבלעכע, שיין־שמעקעוודיקע מיט זאַנגען באַשטעלטע פעלדער. עפּעס לאַכן זיי די ראָוועס מיט אַזאַ טויט, משונה געלעכטער, זיי שטשירען מיט זייערע שפּיציקע געל־פאַרזשאַווערטע ליימיקע מיילער, מיילער פון אַ ריזיקער גרייס. דער טאַטע זאָגט, אַז וואָס אַ יאָר ווערן די ראָוועס גרעסער, די ערד — אויסגעריסענער.

ביז וואַנען זשע קאָן עס רייסן אין דער טיף? — קלער איך. — צי דען ביזן אָפּגרונט? וואָס איז אַזעלכעס אַן אָפּגרונט?, ווייס איך געננוי. ס׳איז אַזאַ אַן אָרט אין דער טיף, ווו די האַרטע ערד ענדיקט זיך, און פון דאָרטן קוקט שוין אַרויס מיט אַן אויג פון מורא און שרעק דאָס וואַסער, דאָס טויטע וואַסער, וואָס ווייסט נישט פון קיין ערד און פון קיין וועלט. דאָס זענען יענע וואַסערן פון „וויסט און פּוסט״, וואָס האָבן אַ מאָל גע־בושעוועט נאָך איידער די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן.

ווען מען שטעלט זיך נאָר פאָר, וואָס ס׳איז געווען פאַר „בראשית״, גייט דורך אַ קעלט!... ווען איך גיי זיך אַזוי אַרום איבערן דנאָ פון אַזאַ מין טיפן ראָוו און טרעף אין מיטן דרינען אַן דאָס אַ לעכעלע, ווו ס׳איז שוין אויס ערד און וועלט...

דער טאַטע זאָגט, אַז ווייטער איז דאָ אַ סכנה. ס׳פאַרטראָגט מיט שנייען די פעלדער און די ראָוועס, און מען קאָן נישט דערקענען זייער אָנהויב און זייער סוף... אַז ס׳פאָרן שיכורע פויערים פון אַ חתונה אין מיטן ווינטער ביי נאַכט און ס׳איז אַ זאַווערוכע. זיי הוקען און שרייען אויף די פערד און די פערד, כאָטש זיי זענען מאַט פונעם טיפן שניי, טוען זיך אַ יאָג און פליִען אַריין אין אַזאַ טיפן ראָוו אַריין... איין מאָל זענען עטלעכע משפחות אַזוי אַהער פאַרפלויגן געוואָרן און מען האָט אַפילו זייער געביין נישט געפונען.

— און ווען? — פרעג איך.

— ווען — ענטפערט דער טאַטע — ווען מען זוכט, קאָן מען יאָ עפּעס געפינען.

און איך דערמאָן מיך, ווי אַזוי אַ פּויער איינער — אפשר איז ער טאַקע אַ מאָל אין די יונגע יאָרן געווען אַ גזלן — האָט גענומען און זיך נעבעך אויפגעהאַנגען אויף אַביימל אַ יונגס, וואָס איז געוואַקסן אויף אַן אויסגעבויגענעם אָפּריס פון אַזאַ מין ראָוו. ער איז געהאַנגען טאַקע איבערן אָפּגרונט אַליין. סטראַזשניקעס זענען אַהין געפאָרן מאַכן אַ פּראָטאָקאָל. אַ סטראַזשניק, אַן אוריאַדניק, וואָס ס׳זאָל נישט טרעפן, איז זייער אַרבעט זיך צונויפלויפן און נעמען אויף די קני אַ טאָוול מיט אַ פּאַפּיר און מאַכן אַ פּראָטאָקאָל. איך האָב נישט געוואָלט עס איצטער איבערדערציילן, ס׳זאָל נישט ווערן אומעטיק.

* * *

ס׳איז אַזוי שיין פון ביידע זייטן וועג און פון פאָרנט, אַז ס׳גלוסט זיך אַראָפּגיין און זיך קאַטשען איבערן דאַך פון די זיך באַוועגנדיקע זאַנגען, זיי זענען אַזוי ווי אַ דורכויסיקער דאַך, וואָס וויגט זיך, וואָס שווימט, וואָס דאַוונט, וואָס בעט, וואָס גלעט.

אין דער פּרי זענען בינעלעך אומגעפלויגן איבער דער צעבליטער גריקע. און איצט, איצט נעענטערט זיך דער טאָג צו דער נאַכט. אָט פאָרן מיר דורך בילקע, וואָס שטייט אויף די זעלבע פּיר בערגלעך ווי אין דער פרי, נאָר אין דער פרי איז דאָס דאָרף געווען אַנדערש, איצט איז עס ווייטער אַנדערש, אַפילו מיט די זעלבע פויערטעס און פויער־מיידן, וואָס גייען מיט די קאָראָמיסלעס אַראָפּ אַ באַרג נאָך וואַסער. פון די קוימענס גייט אַ רויך, וואָס שמעקט גוט. אין איין אָרט גייט דורך דער שליאַך אַראָפּ אַ באַרג צווישן צוויי גרויסע פאַרצוימטע הייפן. יעדער הויף קאָן זיין די גרייס ווי אַ גאַנץ דערפל אַ קליינס. די פלויטן זענען בידעריקע פון לאַנגע זשערדקעס, שיטער איבערגעלייגט, מיט

גרויסע דורכזיכטן. אַזוי ווי דער באַרג גייט אַראָפּ, אַזוי גייט דער פּלויט אַראָפּ און ס׳דוכט זיך, אַז ערטערווייז איז ער ווי אַ מילקער קאַלאַש, וואָס אויב ער וועט זיך אַ בויג טאָן, קאָן ער נאָך אין זיך אָנגעמען וואַסער און בלאָטע.

ווער ס׳וווינט אין דעם לינקן לאַנגן הויף, ווייס איך: דאָרטן וווינט אַ פּויער, וואָס גייט אין כראָמענע געפּוצטע שטיוול, און ס׳גייט אים 13 קערבלעך אַ יעדן טאָג דערפֿאַר, וואָס ער זיצט אין פּייטערבאָרג אין דער דומע. מען האָט אים אויסגעקליבן פֿון אָווריטשעווער אויעזד, ווי אַ רייכן מענטש. טאָן טוט ער דאָרטן גאָרנישט. נישט אַלץ, וואָס מע רעדט דאָרטן קאָן ער פֿאַרשטיין. נאָר וואָס? — אָנגעטאָן דאַרף ער גיין ריין און יעדן טאָג דאַרף ער נעמען 13 רובל. דאָס ווייב מיט די קינדער זענען אין דער היים. זיי זייען די ערד און האַלטן אויך געדונגענע פֿאַראָבקעס. ס׳וואַקסט ביי זיי אַ סך. און די הינט... זיי האָבן אַ פֿולן הויף מיט הינט און ווען מיר פֿאָרן דורך פֿאַרביי זייער נידעריקן פּלויט, האַווקען זיי. זיי יאָגן זיך דאָרט אינעווייניק פֿאַרביי דער גאַנצער לענג פֿון פּלויט אַראָפּ באַרג און אַרויף אַ באַרג. וואָס ווייטער האַווקען זיי שטאַרקער, אַז זיי ווערן אַזש הייזעריק. ווייס איך טאַקע נישט וואָס זיי ווילן, נאָר מיר דוכט זיך אַלע רגע, אַז איבער זייער גיכן געלויף און הויכן געשריי קאָנען זיי זיך נאָך אַריבערקאַטשען איבערן נידעריקן מילקן פּלויטל און אַ פֿאַל טאָן גלייך צו אונדז אין וואָגן אַריין. איין זאַך באַרויִקט מיך נאָר, וואָס דער טאַטע האָט קיין מורא נישט. ער גייט אַראָפּ פֿון וואָגן, פֿירט דאָס פֿערד אַראָפּ אַ באַרג פֿאַר דער צוים. דאָס פֿערד האָרבעט זיך אויף, שפּאַרט זיך אָן מיט די פֿיס אין דער ערד, דער אופּריאַזש, דער כאָמאָט, די דוהע זענען שוין ביי אים אויפֿן קאָפּ נעבן די סאַמע אויערן. זיי זאָלן זיך כאָטש נישט אויסטאָן.

דער באַלעבאָס און זיין געטרייע חיה הערן זיך נישט צו צום בילן פֿון די הינט, זיי זענען פֿאַרנומען מיטן צו סטראָמיקן באַרג־אַראָפּ. ס׳איז אין גאַנצן אפֿשר צוויי מיגוט פֿאַרעכץ, נאָר ס׳איז ערנסט און מען דאַרף זיך אויסהיטן פֿון געפֿאַר. מיר האָט דער טאַטע אָפּגעגעבן די ווישקעס — האַלט איך זיי מיט ציטער און שפּיר נאָך דער סכנה. וועגן די צעוויל־

דעוועטע הינט וויל איך ביי זיך פּועלן אַזעלכעס: אַזוי ווי דער ים האָט אַ ברעג און אַ גרענעץ, וועלכן ער טאָר נישט אַריבערגיין, אַזוי האָבן די כלבים אויך זייער גרענעץ, וועלכע מע טאָר נישט אַריבערשפּאַנען, ווי זיי זאָלן נישט פּינען און ווייזן די בייזע ציינער. פון דער אינע־ווייניקסטער זייט פלויט לויפט אייך, בילט אייך, עסט די ערד, ווערט אַפילו צעריסן!... און דאָ אויפן וועג איז שוין אונדזער רשות; דאָ דאַרפן מיר נאָר פאַרזיכטיק אַראָפּפאָרן...

הינט זענען דאָרטן אַלערליי, מכל המינים: גרויסע און קליינע, ליכ־טיקע און טונקעלע, יונגע און אַלטע. אָנאָ יענער שוואַרצער קאָלאָשמאַטער הונט האָט שוין אויס זיינע לעצטע הייזעריקע כוחות. די אויגן זענען ביי זיי פאַרלאָפן מיט בלוטיקער רציחה, די מיילער שפּריצן מיט פּינע, און זיי יאָגן איבערן אויסגעבויגענעם באַרג־זייט אָן אַ חשבון. וואָס וועל איך טאָן, אַז זיי וועלן טאַקע אַריינפאַלן אַהער צו מיר אין וואָגן אַריין? זיי וועלן זיך אַליין דערשרעקן און איך וועל זיך דערשרעקן... פאַר זייער האָרעוואַניע קומט זיי אַ ביסל מער ווי 13 רובל אַ טאָג.

זייער באַלעבאָס אין די אויסגעפּוצטע שטיוול, וואָס פאַרשטייט גאָר־נישט און טוט גאָרנישט, ער זיצט נאָר אויף אַ ריין בענקל, די פיס שטייען ביי אים אויף אַ ריינעם פאָל און מער גאָרנישט...

זע, אָנאָ האָוקען זיי שוין פון ס׳ניי אַ קאָן. ס׳פאַרט שוין עפּעס ווייטער אַ פור. ווען עסן זיי? זיי הענגען דאָך ביי טאָג און ביי נאַכט איבערן שליאַך?...

* * *

זיי זענען אַזוי שיין, די פעלדער, אַז דעם מענטשנס האַנט קאָן עס גאָר אַזאַ מין שיינקייט נישט באַשאַפן. זי לייגט אַריין איר קראַפט און דאָס איבעריקע טוט זיך שוין אַליין. דער הימל מיט זיינע זומער־דיקע כמאַרעלעך איז וואונדערלעך שיין, געטלעך. די ערד מיט אירע גרעזער און קווייטעלעך, מיט אירע צעפּאָכעטע זאַנגענדיקע צעפּ, איז

נאָך שענער. איך וויל זי טרינקען, די דאָזיקע שײנקייט, איך וויל זיך מיט איר צונויפגיסן אין אײן שטיק. און פונעם וועג צאַפּט זיך שטויב לינדער, אײדעלער און שמעקט אויך מיט גריקע. ער לײגט זיך צו מיר און צום טאַטן אויף די אַקסלען, ער פאַרגייט אין מויל אַרײַן, אין די נאָזלעכער, זעצט זיך אַפּרוען אויף די וויעס, אויף די דעכעלעך פון די אויערן. ס׳איז אָבער אַזוי גוט.

דעם פערד איז אויך גוט. עס פילט און האָט ליב דעם וועג, וואָס פירט אַהיים. אין אַ האַלבער שעה אַרום וועט עס שוין זײַן אויסגעשפּאַנט, עס וועט זיך זאַפּטיק אויסקאַטשען אין הויף, אָפּטרײסלען פון זיך די ערד, זיך אָנטרינקען און זיך שטעלן צום פולן זשאָלאָב. איך זע עס, ווי עס בלאָזט אָפּ מיט די ברייטע נאָזלעכער די סיטשקע אין ביידע זייטן און קײַט און קײַט אַ נאַכט אַ נאַכטיקע, עס ווערט נישט מיד קײַענדיק.

איצטער פאַרקערעוועט דער טאַטע, נישט דערפאַרנדיק צו באַקיעווי־שטשינע, מיט אַ שמאָל וועגעלע. דאָס וועגעלע האָב איך ליב. מיר פאָרן אַרײַן צווישן היימישע, אונדזערע, סלאָוועשנער, פעלדער. כמעט ווי איך וואָלט קאָנען טײַטלען מיט די פינגער: דאָ דאַרף זײַן כוועדער קילינעס פעלד מיט קאָרן, אָט דאָס אָ זאָל זײַן פּאַוועל שערשענס, און דאָרטן איז איוואַן דאָווּבאַשעס, אַהערצו גייט אַנדריי — ליוונקעס ברודערס און לעם אים — מיקיטאָ, וואָס לעשט פרײַטיק צו נאַכט די ליכט אין קלויז. און איצטער, ווו איז סאַמיל, האַניטשקעס ברודער? אַ פּויער מיט אַ רויִקן בכבודיקן גאַנג און מיט אַזאַ רײַנעם אויסזען. איצט, ווו זענען דאָ דאַ־נילאָ ווישניעווסקיס פעלדער? ראַדיאָנס? איוואַן בילאַהאַלאָווס? און אָניסקאָ דעם קאַבצענאַהאָס און טימוק כוויליאָנס? יעסיפּ קויפט נאָך צו ערד אויסער זײַן אײגענער, און מיטראָ האָט דאָ אַ שטיקל ערד און לעם די ליפּקעס אַ קלײן שטיקעלע פעלד. ווען איך קאָן זײַן אַ רואה־ואינו־נראה, וואָלט איך זיך אומבאַדינגט אָפּגעבעטן פון חדר און וואָלט אין שניטצײַט, ווען אַלע פּויערים מיט די ווײַבער, מיט די זין און טעכטער, מיט די אײדעמס און שנירן און אַפילו מיט די וויגעלעך אויף דרײַ פלעקער אונטערגעהאַנגען, מיט די טעפּ און האַנטעכער פאַרוויקלט, אַלע, אַלע זענען אין פעלד און די זאַנגען פאַלן איבער די סערפּעס, די

גראַבן בינדן זיך, די שאָקן הייבן אָן וואַקסן און צוקומען, פויערים, אַלט און יונג, אין גרויע לייוונטענע העמדער, בויגן זיך איבערן ברויט, מ׳זען זיך ווי די מילבן פון פינצטער ביז פינצטער, באָדן זיך אין זון, באַוואַשן זיך מיט שווייס — וואָלט איך ווי אַ שטרויעלע געקייקלט זיך פון פעלד צו פעלד, געקוקט, ווי געפּענטעטע, אויסגעלינעטע פערדלעך פּאַשען זיך אויף דער סטערנע, דאָס קליינוואַרג קריכט אַרום לעם די וועגענער. איך וויל לעם זיי אַרומטאַנצן, און וויל זיי אַלע זען. דאָס זענען מיינע שכנים. איך קען זיי. מיין טאַטע אַרבעט טעג און יאָרן אין האַרבאַרניע, די שוסטערס, שניידערס, וואָזאַקעס, קעסלערס, פּעלצנמאַכערס, סטאָליאַרעס טוען זיך זייער אַרבעט. מערסטנטייל אַ שטוביקע, אַן אינעווייניקסטע, און די דאָזיקע טוען זייער אַרבעט אונטערן פרייען הימל, ווען ס׳שווענקט זיי דער רעגן, ס׳בראָט זיי די זון; ס׳פּרעסט זיי אויך די קעלט און הײ שניידן זיי אין דער נעץ, אַ מאָל ביז די קני אין וואַסער. מיר בייטן זיך מיט דער פּרוכט פון אונדזער אַרבעט. זיי טוען, מיר טוען.

* * *

די רעדער קייקלען זיך איבערן האַרטן שמאָלן וועגעלע צווישן די ברויטן. מיין האַרץ, מיין בליק טאַפּט זיי, די ברויטן, גלעט די זאַנגען ביי די בערדיקע קעפּ. ס׳איז מיר אַזוי גוט... עפּעס זאָגט ער, דער טאַטע. אַ ?... יאָ... ער ווייזט מיטן בייטש־שטעקל, אַז פּאָר צוויי יאָרן האָבן מיר דאָ געהאַט אונדזערע קאַרטאָפּליעס. דאָ, אויף שערשענס פעלד. איצט שטייט דאָ אַ וואַנט מיט גוטן הויכן קאָרן.

אַ ביסעלע ווייס איך וואָס דאָס איז. אַלע וועסנע רעדן מיר אָפּ מיט אַ פּויער, אַז ער וועט ביי אונדז צונעמען דעם הנאָי (דאָס מיסט) פון שטאָל, און פון שאָפּע פון אונטער דער בהמה מיטן פערד, און... ער וועט אונדז געבן אַ לאָן פון זיין פעלד, וויפל דער הנאָי וועט פאַרנעמען. און... מיר זייען קאַרטאָפּל אויפן פעלד; ער וועט אונדז אַפילו אַליין צעאַקערן דאָס פעלד. מיט דעם הנאָי פעטיקן מיר אים אַ ביסל אויס די ערד און ער זייט דערנאָך אויפן זעלביקן פעלד עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד גערשטן, קאָרן,

גריקע, ווייץ. ער חשבונט ביי זיך אויס אין די לאַנגע ווינטערדיקע נעכט אויפן פּאָל ליגנדיק. די גאַנצע וועלט איז דאַן איינגעקוטעט אין שניי, אָבער ער זעט פֿאַר זיינע אויגן די פעלדער אָפּגעדעקטע, אויסגעאַקערטע, און ער זעט וואָס, ווו און ווען ס׳וועט ביי אים היינטיקס יאָר זיין פֿאַר־זייט און ס׳וועט ביי אים וואַקסן. פונעם פעלד זעט ער דעם וועג צום שייער, פון שייער צו דער מיל, פון מיל צום אָנגעהייצטן אויוון, ווו ס׳גייען אויף און וואַקסן פאַרברוינטע לעבלעך ברויט, אין קנישעס און פּאַמפּושקעס און האַלושקעס און קאַשע, און קאַרטאָפל מיט שמאַלץ און גלאַט לאַטקעס!...

* * *

די פעלדער, די פעלדער, ווי אַזוי זיי לעבן אַרום און אַרום פון אַלע זייטן שטאָט. אונדזער פערדל פאַרקערעוועט אַליין פון די טויערלעך און צו דער שיניצע. דער וועג פאַרביי די שקאָלעס איז אַ ביסל שטיינערדיק. אָבער מיר קערעווען אָפּ רעכטס. יעסיפּס שטוב און דאָס באַרג־ברונעמדל און די ביימלעך אויף דער שיניצע שטייען אַלע אויפן זעלביקן אָרט וואָס נעכטן, ווען ס׳נישט געווען קיין דעסיאַטעכע יאַריד. ס׳איז ממש אַ ווונדער, ווי אַזוי אַלץ איז דאָ ווי געווען, און אַפילו ערדיש און פעסט. אָט איז אונדזער שטוב מיטן גערטנדל פאַר די פענצטער, די קינדער שפּילן זיך אין הויף. ס׳איז עפּעס אַזוי ווי געוויינלעך וואָכעדיק, זיי ווייסן פון גאָר־נישט. איך זשאַלעווע...

די מאַמע שטייט לעבן וואָגן, דער טאַטע שפּאַנט אויס דאָס פערד. איך פיל — די מאַמע איז צופרידן, וואָס שוסטער וועלן בייען שטיוול פון אונדזער סחורה. זי זעט שוין, אַז אַלץ איז אויספאַרקויפט ביז אַ פּיצל.

די טרוקענע רויע עטלעכע פעל טראָגן מיר אָפּ גלייך אין האַרבאַרניע אַריין. די מאַמע גיט אונדז דעם שליסל. זי האָט, ווייזט אויס, נאָך פון פריִער געוווסט, אַז מירן אַהין דאַרפן. די מאַמע רעדט אַזוי ווייבציק און ווייסט אַזאַ סך...

מאַמע טייערע! איך פאַרשטיי דען נישט, אַז דו פרייסט זיך אין האַרצן, וואָס איך בין געקומען אַהיים אַ גאַנצער?! פריער גאָט און נאָך דעם דער טאַטע האָבן מיך אָוועקגעפירט אויפן גאַנצן טאָג און צוריק געבראַכט אַהיים בשלום. פאַר איר איז עס אַ מתנה און דער בעסטער יאַריד. און זי זאָל עס אַרויסווייזן כאָטש מיט אַ וואָרט?!... נישט קיין ווערטער, נישט קיין ווונקען און דאָס האַרץ איז איבערגעפולט מיט גליק. אונדזער שטוב, אונדזער הויף, אונדזער בהמה.

זיך אַ ביסל אַרומגעפּילעט פונעם שטויב, זיך אָפּגעוואַשן. די מאַמע איז אַריין פון שטאַל מיט אַ וואַרעם מעלק־שעפל מילך. מיר עסן אונדזער פאַרשפּעטיקטן וואַרמעס. דער טאַטע דערציילט עפּעס. איך הער גאָרנישט. איך וויל אַפילו נישט עסן. איך וויל אויפן געלעגער...

אַז איך ליג שוין מיט מיינע פאַרמאַכטע מידע וויעס, גייען פאַר מיינע אויגן אַלץ פעלדער און פעלדער, נאָך מערער ווי די, פאַרביי וועלכע איך בין היינט צוויי מאָל געפאָרן. איין חשבון איז פאַר מיר נישט גאָר קלאָר: מיר האָבן אין שטאָל הנאַי אָנגעבעט הויך, נאָסלעכער ווי דער פוס שטעלט זיך. ווו וואָלטן מיר אים אַהינגעטאָן, וויהין וואָלטן מיר זיך מיט אים געפירט? וויפל מי, וויפל הוצאות ביז מיר וואָלטן פון אים פּטור געוואָרן?!... צום סוף — ניין. פאַוועל דאַרף אונדזער הנאַי. ער וויל אַפילו אָפּרעדן וועגן אים באַצייטנס, אַ צווייטער שכן זאָל ביי אים נישט אויס־כאַפּן, און ער, פאַוועל, וועט אים אַליין אַרויספירן... ער וועט אונדז אַליין ווייזן אַ שטיק פעלד. נו?... און אַליין אויסאַקערן ס׳פעלד: — נאָט אייך, זייט זיך געזונטערהייט קאַרטאָפל.

אַליין האָט ער דען נישט קיין הנאַי, פאַוועל?... ער האָט פינף מאָל מערער פון אונדז: צוויי גרויסע אָקסן, דריי בהמות, נישט אַזעלכע גרויסע; צוויי קעלבער... נאָר ער דאַרף נאָך. און ס׳טוט אים נישט באַנג, וואָס מיר זייען אויף זיין פעלד קאַרטאָפל. ער פאַרדינט אין אונדז מער!...

איך פאַרשטיי יאָ און נישט. דער חשבון איז מיר נישט אין גאַנצן קלאָר.

פעלדער שווימען מיר פאַר די אויגן און איך שלאָף שוין...

* * *

אַז מען וויל זענען מיר זיך איין שטאָט. און אַז מען וויל זענען מ י ר די שיניצער באַזונדער, און די ש ט אָ ט איז זיך באַזונדער.

די שטאָט פּאַשעט אירע בהמות אין וואַלד, די בהמות זייערע גייען עטלעכע ווערסט ביז דער פּאַשע, און אונדזערע בהמות פּאַשען זיך אויף די שיניצעס דאָ אַרום. די שטאָט האַלט צוויי געדונגענע פּאַסטעכער. באַלעבאָס איז אויף זיי יאָסל־חיים דער האָרבאַטער. ער איז דאָך פּאָרט אַ קהלס מענטש: די באָד, די מקווה, וועקן שבת צו תהילים, אָסיען — צו סליחות, רופן אויף בריתן און אויף חתונות. אמת, דאָ האָט מען אים נאָך צוגעשטעלט צוויי שטאָט־באַלעבאַטים: חיימען מיט די פּאהלעך פון דער דאָלינע און יחיאלן דעם מלמד, אויך פון דער דאָלינע. זיי אין דרייען דאַרפן אָפּרעדן מיט די פּאַסטעכער. יאָסל־חיים דאַרף אויסצאָלן די פּאַסטעכער געלט אין דריי ראַטעס: די ערשטע — ביים סאַמע אָנהייב, די צווייטע — אויף ספּאָס, און די דריטע — אויף פּאָקראָווע, ביים סאַמע סוף, ווען די בהמות גייען שוין אַרום אויף זייער אייגענעם באַראָט: לעם אַ גאָרטן, היבטער דער שטוב, ווו ס'איז אַ גאַנץ יאָר געוואָקסן קראָפּיווע, לאָפּוך און בוריאַן, ווו ס'מאַכט זיך.

גיי זשע, זיי אָבער אַ בריה און קלייב צונויף ביי דער גאַנצער שטאָט געלט פאַר די פּאַסטעכערס וועגן. אמת, די ערשטע ראַטע טראָגן אַלע אַליין אַריין צו יאָסל־חיימען. צום סאַמע אָנהייב איז יעדערער אומרויק, אַפילו די בהמה אַליין אין שטאַל מעקעט עפּעס אַנדערש, ווי אַ גאַנץ יאָר, אַלץ וואַכט אויף און רופט צום לעבן. איז טאַקע יעדע באַלעבאָסטע אומרויק און לויפט אַליין עטלעכע מאָל פרעגן ווען וועט מען אַרויס־טרייבן די בהמות? ווען וועט מען זאָגן? ווען וועט מען רופן? ווען וועט קנאַקן די בייטש איבערן גאַנצן מאַרק־פּלאַץ?

די צווייטע ראַטע גייט שוין צו אַ ביסל צעקראָכענער; די דריטע איז שוין גאָר אַ פאַרשלעפּטע קרענק! געציילטע גוטע צאָלערס ברענגען אַליין אין שטוב אַריין, צו די איבעריקע גייט אַרום יאָסל־חיים מיט איינעם

פון די פאַסטעכער פאַר אַן עדות און מע ציט, מע קאַניוטשעט: איינער האָט איצט נישט, דער צווייטער זאָגט צו אַריינטראָגן, ווי דער מאַן וועט קומען פון דער אַרבעט, אַ מאָל דערגייט אַפילו צו דעם, אַז יאָסל־חיים מיט די פאַסטעכער שטעלן אָפּ די טשערעדע לעם אַ הויף דער האַנטשאַר־סקער גאַס — דאָס איז שוין היפּש נאָך ספּאַס — און פאַרקערעווען אַלע בהמות אינעם איינעם הויף אַריין. די שטאָט ווייסט שוין פון דער מעשה און מען לויפט אויסקויפן די בהמות, — מען דאַרף דאָך זיי מעלקן. יאָסל־חיים שטייט מיט אַן אייניקל און האַלט דאָס לאַנגע צעטל. ביי וועלכער באַלעבאָסטע ס׳איז אָפּגעצאָלט, גיט מען איר אָפּ די בהמה, ווער ס׳באַצאָלט איצט, זוכט מען אויף דעם נאָמען אין צעטל און מען שטעלט לעם אים אַ „פייגעלע”. גלייך לאָזט מען אַרויס איר בהמה, וואָס מוקעט שוין צו דער באַלעבאָסטע. נו, און געציילטע עטלעכע קאָנען טאַקע נישט אָפּצאָלן און בעטן און שווערן און וויינען און זאָגן צו און אַזוי ביז ס׳ווערט שוין טאַקע פינצטער אין דרויסן.

מיר, די שיניצער, ווייסן נישט פון די דאָזיקע זאַכן. אונדזערע בהמות צוזאַמען מיט די שכניש־פויערישע פּאַשען זיך אויף די פּאַדריזקעס, אויף די הליניש־טשעס און אין אָסיען אויף דער סטערנע — פון יענער זייט טויערלעך.

פאַסטעכלעך גייען דאָ, שיר נישט פון יעדן פויערישן הויף, און מיר באַשטעלן אונדזער בהמה אָדער ביי אוליטעס אַ יאַטל, אָדער ביי אַניסקעס, אָדער ביי דער גראָבערס מיט דעם גרויסן היטל, דעם קאָסאָקן ממזר, וואָרום זי האָט קיין מאָל נישט געהאַט קיין מאַן, וואָס טרייבט עטלעכע בהמות פרעמדע און אייגענע. די מאַמע רעדט אָפּ מיט אים און מיט זיין מוטער באַצייטנס, דינגט זיך אָפּ פאַרן גאַנצן זומער.

אַלע גאַנץ פרי גייט אַרויס אַ פאַסטעכל מיט זיין טאָרבע, מיט דער בייטש איבער דער פּלייצע און קלייבט צונויף זיין בינטל בהמות און פּאַשאָל. פון די „ראַנקעס” קומט ער אויך מיט דער בייטש איבער דער פּלייצע. אַ מאָל שיקט אים די מאַמע אַרויס אַ שטיקל צוקער, שבת אַ שטיקל קוילעטש. ס׳טרעפט אויך זומער אין די היצן, אַז די בהמות צעגעדזקען זיך, פאַררייסן די וויידלען און לויפן ווער־ווייסיך, אַנדערע

פאַרלויפן אין אַ בלאָטע אַריין, אַנדערע — אויף אַ פרעמד פעלד. דאָס פאַסטעכל יאָגט זיך אָן און וויינט זיך אָן און ערשט פאַר נאַכט האָט ער נאָך נישט אַלע בהמות לעם זיך. מען לויפט צום פאַסטעכס מאַמע זיך פרעגן, מען גייט אין דער פינצטער מיטן מידן פאַסטעך צוזאַמען זוכן די בהמה. אַ מאָל דערוווסט מען זיך גאָר, אַז דער און דער פויער האָט די בהמה פאַרנומען ביי זיך אויפן פעלד. ווערט גרינגער, וואָס כאָטש קיין וואָלף האָט זי נישט אויפגעגעסן. דאָ איז שוין געוועגדט אינעם היזק, וואָס די בהמה האָט אים געשאַפן און אויך אין דעם פויער אַליין. אַן אַנדערער פאָדערט אַ פרייז, מע זאָל אים באַצאָלן אַ קערבל אָדער צען גילדן, און גיי דינג זיך מיט אים. אַן אַנדערער בעט אַ האַלב קערבל און גיט אָפּ פאַר צוויי גילדן (דרייסיק קאָפּיקעס). אַז די בהמה איז שוין אין דער היים און מע מעלקט זי אויס אין דער פינצטער, ווערט פאַמעלעך איינגעהויטעט אין שטוב די אומרויקייט מיט דער מורא פאַרן אומגליק, וואָס האָט זיך, חס־וחלילה, געקאָנט פאַרלויפן און זיך אויסגיסן אויף דער גאַנצן שטוב־געזינד.

איין מאָל האָט אָבער דאָרטן ביי דער שטאָט געטראָפן אַן אַנדער אָנשיקעניש. וואָס האָט זיך צעקראַצט ווי אַ ווונד און זיך לאַנג נישט געקאָנט אויסהיילן — דער פריץ, וואָס האָט צו שאַפן איבער די ערדן פון אונדזער שטעטל מיט נאָך שטעטלעך און דערפער אַרום — זעלענסקי, אַ רייכער גרויסער פריץ מיט אַ ווייב אַ פריצה און מיט קינדער — יונגע פריצים, וואָס נישט מיר קענען זיי, נישט מיר זעען זיך מיט זיי, נאָר דער נאָמען קלינגט אויפן אַרום. און אַ וועלכע זענען זיי אַליין, גיי זיי אַ בריה און שטויס זיך אָן. נו, מילא, ווייסן מיר נישט אַ ווועלכן אויסזען די פריצעשאַפט אונדזערע האָט. אָבער גלאַט אַזוי גייט עס דאָך נישט.

מיר האָבן דעם פריצס הייפל צווישן דער שענק און צווישן די קלייטן דיניעס מיט יענקלס מיט משה־מרדכיס. דער הויף גייט אַוועק אַהין ווייט אין דער טיף, דער הויף האָט הינט און האָט פעטע פריצישע בהמות, מיט אַ מעלקערין, מיט אַ סטאָראָזש, מיט אַ דינסט און מיט אַרבעטער צו די שטאַלן, מיט אַ יידישן וואַסער־פירער, טאַקע אַרל דעם חריפס, וואָס פירט דאָרטן כסדר וואַסער פאַר די פערד, פאַר די בהמות און פאַר אַלע

באַדערפּענישן, און איבער זיי אַלעמען דער אופּראַווליאַיושטשי, וואָס איז אַליין אַ גרויסער פּריץ, גייט שיין אָנגעטאָן, האָט אין וואַלד אָביעזד־שטשיקעס און פֿאָרט אַליין אַ מאָל רייטנדיק מיט דער פֿאַרבויגענער טרובע אויף דער ברוסט איבערן וואַלד, און וואָס א י ם פֿאָלגן כסדר דער פּריסטאַוו, די סטראַזשניקעס און אַפֿילו סאָלדאַטן פֿון אָוריטש.

איין צייט איז ביי אונדז געווען אופּראַווליאַיושטשי קולעשאַ, אַ שיי־נער פּריץ מיט אַ ברייטער באָרד, מיט שיינע טעכטער, וואָס פֿאָרן אויף די פֿערד רייטנדיק אויף שיינע ווייבערישע זאָטלען, שיין רייטעריש געקליידט. איך האָב לאַנג געדאַרפֿט האַרעווען מיט זיך, ביז איך זאָל ביי זיך פּועלן, אַז קולעשעס גרויסלעכע יונגע טאָכטער, וואָס פֿאָרט, וואָס זיצט אין איר שליאַפּע אויפֿן שיינעם פֿערד רייטנדיק מיטן דינעם שטע־קעלע און מיט דער הענטשקע אויף דער האַנט — ביז איך האָב געפּועלט ביי זיך, אַז זי איז אַ מענטשישער מענטש, אַ מיידלש מיידל, אַ קריסט־לעכע יונגע פּריצה און נישט קיין מלאך.

דערנאָך איז געווען אויך אַ ווילער מענטש, מיט אַ קאַראַקולענעם ליכטיקן קאָלנער און מיט אַ קאַראַקולענער ווייסער קוטשמע — זשדאַ־נאָוויטש. דערנאָך איז אַראָפּגעקומען אויף יענעמס אָרט אומגעריכט אַ פֿאַרשוין, וואָס איז גאָר קיין מענטש נישט — איין שטיק רע, איין שטיק צורר, וואָס האָט גאָרנישט קיין מענטשלעכן דרך און קיין מענטש־לעך האַרץ. צום פּויער שלעכט, צום סוחר שלעכט, צו איטלעכן שלעכט. סווינטעצקי הייסט ער, נאַדיר גאָר אַ רוח פֿון בלאָטע מיטן היגטישן נאָמען סווינטעצקי! ער האָט אָנגעטאָן די פּויערים געברענטעליידן, ער האָט זיך פֿאַרגינען איין קלייניקייט: ביי אַ שטיק דאָרף אין בעהוני האָט ער צעבראָכן די הייזער און אַרויסגעטריבן די פּויערים מיט זייערע ווייבער און קינדער אין דרויסן. וואָס איז? די ערד, אויף וועלכער זיי זיצן, איז זיינע, דערום פֿאָדערט ער די פּויערים זאָלן אים צאָלן טשינש. די פּויערים, פֿאַרקערט, ווייסן, אַז די ערד איז זייערע. דער אַלטער פּריץ האָט זיי די דאָזיקע ערד געשענקט נאָך צוריק מיט 60 יאָר, נאָר קיין פּאַפּיר האָבן זיי דערויף נישט אַרויסגענומען. ס'האָט נישט געפּאַסט בעטן דעם פּריץ אַ פּאַפּיר. וואָס איז זיין וואָרט אַליין איז ווינציק? אַלע

יאָרן איז די דאָזיקע ערד שוין געווען זייערע. אַלע האָבן פון דעם געוווּסט און קיינער האָט ביי זיי גאָרנישט געמאָנט, דאַרף אויף זיי אָנקער־מען אַזאַ מין אָנשיקעניש, אַ שד פון אַלע שדים.

די פויערים זענען אומגעגאַנגען קיין אָווריטש אין סוד אַריין, זיי האָבן געפּירט מיט זיך צענדליקער עדות. אָבער די וועלדער זענען זיינע, דאָס געלט איז זיינס, די ערדן זיינע — איז דער סוד א ו י ך זיינער, און מען סודיעט אים צו און ער ברענגט אַראָפּ דרייסיק סטראַזשניקעס און מען טרייבט מיט האַראַפּניקעס די פויערים מיט די קינדער אויף דער גאַס און מען ברעכט די הייזער, מען רייסט די דעכער. ס'טראַשטשען זיך די פענצטער און אַ פּאַראַק מיט אַ יללה מיט אַ געוויין — עד לב השמים. אָט דאָס זענען די פּריצים, אָט דאָס איז דער בייזער הונט זייערער סווינטעצקי! און טאָמער איז אַלץ דאָס דאָזיקע ווינציק, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז די יידן טרייבן זייערע בהמות אין וואַלד אַריין און צאָלן אַ פערציקער (20 קאָפּיקעס) פּאַר אַ בהמה. ניין, איז אים ווינציק. גיט ער אַרויס אַ באַפעל, אַז אַלע זאָלן אַרויסנעמען קוויטלעך און מען זאָל צאָלן אַ קערבל פון אַ קאָפּ! האָסט געהערט אַ ביסל? ווילן דאָך די יידן נישט הערן און נישט זען אַזאַ גזירה. נעמט ער איין מאָל און שיקט אַרויס עטלעכע מענטשן זיינע אין דער האַנטשאַרסקער גאַס, מען שטעלט זיך אויס אין דער ברייט גאַס און מען לאָזט נישט טרייבן די בהמות אויף דער פּאַשע, מעג זיין אַפילו לייבע הוהס בהמה אַליין און מאַשקע דעם סטאַראָסטעס און אברהמל דעם טראַסקערס! קיין זאַך גייט אים נישט אָן — אַ קערבל אַ בהמה און מען זאָל אויסשרייבן קוויטלעך. די פּאַסטעכער שטייען מיט די בייטשן איבער די אַקסלען, די בהמות קוקן זיך איבער; יענע פאַרשטייען אין גאַנצן נישט, וואָס מען וויל פון זיי. אייניקע ווייבלעך מיט פעדערן אין די האָר נאָך פונעם שלאָף פרעגן וואָס טוט זיך עס דאָ? ביז ס'האָבן זיך צונויפגעקליבן אַ פּאָר באַלעבאַטים און צווישן זיי דער אַלטער היים מיט די פאַהלעך, יחיאל דער מלמד מיטן פּאַסאַלידיקן לאַפּאַטן נאָז און זיי מאַכן אַ געוואַלד מיט אַ געשריי, אַז ס'בישט דעם פּריצס, ס'איז די פויערימס, מען פּאַשעט אויפן האַלבן וואַלד, וואָס געהער צו די פויערים, און זיי צעשטופּן די

אויסגעשטעלטע וואָך אין מען הייבט אָן יאָגן די בהמות, זיי זאָלן זיך גיכער גיין פּאַשען.

וואָס טויגן אייך חכמות? פּאַר נאַכט איז געקומען סווינטעצקי אַליין. ביי אים איז אַ שטרויען היטל מיט צוויי דאַשעקעס פוןביידע זייטן; ער איז שוין געקומען מיט סטראַזשניקעס. מען האָט פאַרנומען די גאַנצע טשערעדע און... אַ קערבל אַ קוויטל! וואָלט עס נאָך געווען ווי צו דער־ליידן. אָבער אויף חיימען מיט די פּאַהלעך, אויף יחיאלן דעם מלמד און אויף יאָסל־הײמען דעם האַרבאַטן האָט מען אָנגעגעבן אין סוד, אַז זיי האָבן געמאַכט אַ בונט. וועמען איז עס דען נישט קיין געלעכטער? יאָסל־חיים דער האַרבאַטער, חיים מיט די ווייסע זאָקן און יחיאל דער אַלטער מלמד פון דאַלינע — אַ בונט!... יאָ, אָבער וואָס זאָל מען טאָן, אַז פונעם געלעכטער קומט אַרויס אַ גרויס געוויין?! אמת, די שטאָט דאַרף זיך איינשטעלן פאַר זיי. מען דאַרף שטעלן אַן אַדוואָקאַט און מען דאַרף אונטערקויפן די „גראָבע סטוהע" — טאָקע די זעלבע גראָבע מאַטרוי־נע — די מאַמע פונעם יאַטל מיטן גרויסן היטל מיט די קאָסאָקע אויגן, וואָס פּאַשעט אויף דער שיגיצע בהמות. זי איז נישט קיין מיידל, נישט קיין ווייבל, דער זון אירער איז נישט איבעריקס קיין גערעטענער: צע־שטעלטע אויגן, אַ צעעפנט מויל, מען לאַכט פון אים און ער לאַכט אויך מיט איטלעכן צוזאַמען.

ווי אַזוי איז פון איר אַרויסגעקומען אַן עדות, ווייסט מען נישט אויף קלאָר. נאָר דער עדות איז געווען פונעם שלעכטנס צד, און די יידן זענען אַלע מאָל געגאַנגען זי אונטערקויפן. און מען האָט זי — מיטן גראָבן גוף און פאַרשטאָפּטן קאָפּ — לאַנג געדאַרפט לערנען ווי אַזוי זי זאָל זאָגן גוטס, אָדער כאָטש נישט זאָגן קיין שלעכטס. אָט האָט איר אַ שעטנז — אַ פּאָר פון גאָט: חיים מיט די פּאהקעלעך און די גראָבע סטוהע...

געצויגן האָט זיך עס לאַנג. געענדיקט האָט זיך עס אָן סכנות און די בהמות זענען געבליבן בהמות, האָבן געוויינלעך געגעבן מילך, וועל־כע — מער און וועלכע — ווייניקער. דאָס שלעכטע יאָר האָט זיך פאַרענ־דיקט בשלום, נאָר פאַרגעדענקט האָט זיך עס אויף לאַנג.

* * *

פרייטיק איז די היץ גרויס, משוגענערווייז. ווי אַזוי שטייט גאָר די מאַמע אויס נעבן דעם צעגליטן אויוון? אין אַזאַ צעגליטן טאָג סמאַליעט, אַז ס׳איז סכנות. דעם טאָג פרייטיק, כאָטש מיר זענען ווייטלעך פון שטאָט, האָבן מיר עטלעכע שטענדיקע באַזוכערס: הוהלע די שטומע, ברוך דעם נגידס שטומער, זיידל דער בליגדער, שמערעליכע די אַלטע, גלאָט אַן אָרעמאַן, טוביה דער קעסלער, חיים מיט די פּאהלעך.

פּאָר יעדן איינעם פון זיי האָט די מאַמע — און אויב די מאַמע, האָבן מיר אויך —אַ גוט פּנים און אַ גוט, האַרציק וואָרט. בלויז לעם הוהלען דער שטומער קאָן מען אָפּקומען מיט אַ שפּאַס, מיט אַ שמייכל, אָבער אויך פון איר וועט די מאַמע נישט לאָזן אָפּלאַכן. לויט דער מאַמעס רייד — און אַז די מאַמע שטעלט עפּעס פאָר, דערפילן מיר דאָך עס גלייך — איז חוהלע די שטומע די ערשטע צדיקות אין שטעטל, די ערשטע ריינע און שיינע נשמה, וואָס האָט נישט אויף זיך דעם מינדסטן פלעק, אַפילו קיין פּינטעלע זינד וועט מען אויף איר אין ערגעץ נישט אָפּזוכן.

אין דרויסן שטייען אַ צוואַנציק בינטלעך קאָרע צעשטעלט, ווי די סנאָפּעס און טוען זיך אַ לופטער אויף דער זון. זיי זענען שוין אַזוי ווי אויסגעטריקנט, נאָר זיי דאַרפן נאָך אַ ביסעלע צוטשאָכענען. נישקשה, די זון וועט זיי דורכנעמען אויף דורך און דורך. נעכטן ביים צונויפּבינדן זיי, האָט דער טאַטע טאַקע אַזוי אָנגעזאָגט, איך זאָל די פּערעוויסלעס נישט פאַרציִען שטייף, דערפאַר וואָס זיי דאַרפן נאָך „דערגיין".

הינטער דער שטוב, לעם די גריבלעך, ליגט אַ ביסל איבערגעוואַ־שענער שערסט און טריקנט זיך. מירן אים אַ פּאָר מאָל איבערשאָרן, איבערקערן מיט דער ווידלע אָדער מיט דער הראַבליע. וועסנע וואַשן מיר דעם שערסט אין די גריבלעך, וואָס פאַר די פענצטער, זומער וואַשן מיר אים אין אַ ביטל, ווהין מיר גיסן אָן עטלעכע צעבריקעס וואַסער און מיט דער ווידלע מישן מיר אים אויס וויפל מאָל ס׳לאָזט זיך. דערנאָך לייגן מיר אים אַרויס מיט דער ווידלע אויף אַ נאָסילקע און שפּרייטן

אים אויס לעם די גריבלעך; דער שערסט האָט שוין דאָרט זיין חזקה. צעוואָרפן דאַרף מען אים מיט די הענט, ווייל אויף דער ווידלע נעמט ער זיך שלעכט אָן, די ציינדלעך קריכן נישט. מיר צענעמען און צעוואָרפן אים איבער דער ערד און פאַרן טאָג טריקנט ער זיך גרינג אויס. טרוקענערהייט איז גוט אים אַ ביסל אויסקלאַפּן מיט אַ צעפּ. גייט פון אים אַ ביסל אַרויס דער פּאָראָך און מיט אַ רעדנע טראָגן מיר אים אַרויף אויפן האַרבאַרניע־בוידעם. פּרייטיק האָב איך גענוג צייט דערצו און פאָרע זיך לעם די זאַכן, וואָס איך ווייס און האָב אין זיי אַ געפיל.

די מעזדרע — פון איר מאַכט מען קליי — טריקענען מיר אויפן דעכל פאַר דעם טירל פון דעם האַרבאַרניע־בוידעם. אויסשפּרייטן זי האָב איך נישט ליב, זי איז נאַס און גליטשט זיך אויס פון די הענט. דאָס טוט עליע, ווען ער טראָגט זי אַרויס פון האַרבאַרניע אין אַ מעסטל אָדער אין אַ צעבריק. אָבער איבערקערן זי, דערטריקענען און אַרויפטראָגן אויפן בוידעם — דאָס איז שוין מיין אַרבעט. זי טריקנט זיך אויס גאַנצע פלעצלעכווייז, טשעפּעט זיך איינס צום צווייטן, נאָר דאָס איז שוין גאָרנישט, אַזוי איז נאָך גרינגער איבערצוקערן — גאַנצע פלעצלעך.

אויפן בוידעם טראָג איך זי אויך אָפּ אין אַ רעדנע. אויף איין זייט בוידעם ליגט דער שערסט, אַנטקעגן — אויף דער צווייטער זייט בוידעם — ליגט די מעזדרע, און אָפּגערוקט אַ ביסל ליגן די הערנער.

אָט זעט איר, די הערנער, כאָטש זיי זענען פּראָסטע און טרוקענע — גראַדע זיי זענען נישט ריין. יענע זאַכן זענען דורכגעגאַנגען דורך וואַפּנע, און וואַפּנע עסט אויס אַלע אומרייניקייטן. דערפאַר די הערנער ווערן אויסגעשניטן רויערהייט, פאַרן ווייקן אָדער נאָכן ווייקן. די הערנער גייען אויף מאַכן פון זיי קעמלען, אָבער דערווייל זענען דאָרטן דאָ לעם זיי שטיקלעך רויע פעל, הייסט — די אינעווייניקסטע הערנער. דער אויבערשטער האָרן איז ריין און גלאַנצט ווי אַ גראָבער נאָגל, אָבער די אינעווייניקסטע זענען שווער — האָבן אין זיך אַ ווייסקייט נישט קיין שיינע, אַ צעשקראַבעטע, אַ ביינערדיק־צעפּלאַצטע, און אַ מאָל טרעפט, אַז דו נעמסט אָן אַ האָרן, וואָס האַלט זיך לעם דעם שטיקל רויער פעל, טוסט עס אַ דריי אַזוי אויף קאַטאָוועס, טוט ער זיך נאָסלעך אויס און

דערזעסט דאָרטן לעבעדיקע ווערעם, נאַסע און ס׳ווערט נישט גוט אויף זיי צו קוקן.

איך שטעל איבער אין הויף די בינטלעך דוב, גייט אַקוראַט חוהלע די שטומע. פאַר וואָס רופט מען זי „שטומע", ווייס איך נישט. זי רעדט אַלצדינג און הערט אַלצדינג, אַלע רעדן מיט איר אין שטאָט, אי גרויסע, אי קליינע. פון אַנדערע, מער איינגעגעסענע, קאָן זי זיך נישט אָרומטרייבן. אויף לאָקשן זאָגט זי „לאָטשן". מיך מיט דינהלען דערקענט זי כסדר, אַפילו זי זאָל אונדז זען ערגעץ אויף אַ ווייטער גאַס. זי רופט אונדז נישט ביי די נעמען, זי זאָגט אַפילו נישט „ליבקעס קינדער", זי ווייזט נאָר אויף אונדז מיט אַ פינגער און זאָגט: „די ליפקעס!"... זי זאָגט עס מיט אַ גוטער, אַזוי ווי קינדערשער פרייד. זי האָט ליב די מאַמע, האָט זי אונדז אויך ליב. זי איז נישט קיין גרויסע יידענקע, נאָר די גאַנצע שטאָט, אַפילו קליינע קינדער, ווייסן, אַז חוהלע איז אַ מיידל. וויפל זי איז אַלט, ווייסט זי אַליין נישט. זי קאָן אַ מאָל ענטפערן — „דריי יאָר", נאָר די מאַמע זאָגט, אַז ס׳דאַרף איר שוין זיין אַריבער פופציק. ביי איר איז מיטן שנירל פון פאַרטעך איינגעשטייפט די טאַליע אַזוי, אַז דער קליינער בויך טיילט זיך ביי איר כסדר אויס, ווי ביי אַ קליינער שוואַנגערשאַפט. די פאַטשיילע איז ביי איר פאַרבונדן מיט צוויי עקן אונטער דער געמבע לעם האַלדז. נחום דער סטאָליער האָט זי ליב כסדר פרעגן: — חוהלע, ווער האָט דיך געמאַכט פאַר אַ „ווייבל"?

— דער רב! — ענטפערט זי. — דאָס איז איר שטענדיקער באַגלויבטער תירוץ און אַלע, וואָס שטייען דערביי שיסן אויס אַ הילכיק צופרידן געלעכטער. אַלע ווייסן ווי אַזוי ס׳ווערט פון אַ מיידל אַ ווייבל, נאָר דאָ איז עס געווען נישט אַזוי. מיט אַ סך יאָרן צוריק האָט דער רב געלאָזט רופן חוהלען, ווי אַ שטיק קהלשע באַלעבאַטישקייט. ער האָט איר אויסגעשטרעקט אַ ווייסע פאַטשיילע און איר אָנגעזאָגט, זי זאָל גיין געשווירן און זיך ווייזן אין גאַס פאַר מענטשן כסדר אין אַ פאַטשיילע. און אין פאַטשיילעס גייען עלטערע יידענעס און ווייבלעך — שוין לאַנג חתונה-געהאַטע. קלאָר, אַז דער רב האָט זי „געמאַכט" פאַר אַ ווייבל. אַנדערש ווייסט זי נישט, אַנדערש פאַרשטייט זי נישט. אַלע פרייטיק

גייט זי איבער דער שטאָט, די גאָבן קלייבט זי מערסטנטייל אינעם אונ־טערגעשטרעקטן פֿאַרטעך. דירה דינגט מען איר אין אַן אָרעמער שטוב, ווו ס׳זענען דאָ ווינציק קינדער. דאָרט האָט זי זיך אַ ווינקל און דאָרט זשיווען זיך לעבן איר די אָרעמע באַלעבאַטים.

וואָס קלייבט זי דען אָן? — פֿרישע חלהלעך, גרויפּן, אַ ביסל צוקער, לאָקשן, אַן איי און נאָך קלייניקייטן. אין שטוב פֿאַרזיצט זי זיך נישט, זי האָט ליב זיין צווישן מענטשן, ס׳איז איר נישט אומעטיק, וואָס מענטשן שטעלן זי אָפּ אויף יעדן טראָט און מע האַלט ביי איר אין איין אויס־פֿרעגן און מען לאַכט לעם איר אַ סך. אויב מען פֿאַרשאַפֿט איר נישט קיין אַנגסטן, מען צופּט זי נישט ביים קליידל, איז זי צו איטלעכן זייער גוטמוטיק און ס׳איז איר גוט אויפֿן האַרצן. שלאָף איז זי זייער זעלטן, טאָמער קילט זי זיך אַ מאָל צו, קרעכצט זי ווי אַ קליין קינד און איז זייער פֿאַרזאָרגט.

ביי דער מומען אין האַרבאַרניע האָבן איין מאָל די באַלמעלאָכעס איר אָפּגעטאָן אַ שפּיצל, אַז זיי האָבן שוין דערנאָך אַליין חרטה געהאָט.

די מומע לאה דערציילט עס אונדז, אַז מיר בעטן זי:

— אין שטאָט האָט זיך אַרומגעדרייט איינער, אַ גאָטס־געשטראָפֿטער, שוין אויך אין די יאָרן, מיטן נאָמען „לכה־דודי". איין מאָל פֿאַרנאַרן די אַרבעטער חוהלען אין טרוקענעם ווערקשטאָט, פֿאַרמאַכן די טיר און זאָגן, אַז באַלד קומען זיי אַריין. חוהלע וואַרט און קוקט. דערוויי נעמט זיך הייבן אַ באַרג ווייסע יוכטן און ס׳קריכט אַרויס פֿון דאָרטן „לכה־דודי", אַ צעפּאַטלטער מיט אַ נאַריש פּנים; די אַרבעטער האָבן אים דאָ אומיסטן פֿריִער באַהאַלטן. ווי חוהלע האָט אַזעלכעס דערזען, איז איר באַפֿאַלן אַ פּחד מיט אַ ווילדער שרעק. זי האָט נעבעך אויפֿגעהויבן קולות מיט געוואַלדן און האָט זיך גענומען דראַפּען אין די פֿאַרמאַכטע, פֿאַרשטויבטע קליינע האַרבאַרניע־פֿענצטער. זי שלאָגט זיך נעבעך, ווי אַ געפֿאַנגענער פֿויגל. די באָבע בתיה און די מומע זענען געקומען צו לויפֿן, זיי האָבן אַלץ איינגעלאַדעט. נאָר די אַרבעטער האָבן אָנגענומען אַ מויל מיט וואַסער און געשוויגן, זיי האָבן נישט געוווסט פֿאַר חרפּה וווהין די אויגן אַהינטאָן.

— יידן מיט בערד — האָבן זיי די באָבע און די מומע געגומען שטראָפן — טאַטעס פון קינדער? ווי אַזוי האָט מען עס נישט גאָט אין האַרצן?! ס'איז דאָך אויף איר אַ צער בעלי־היים?! און דו, נאַריש פּנים, לאָזסט זיך אויך, מע זאָל דיך שטופּן אונטער די יוכטן?! חוהלע האָט געוויינט מיט ספּאַזמעס און זי איז געווען בלייך ווי די וואַנט. זי האָט געביסן די עקן פון דער פאַטשיילע און איז קוים געקומען צו זיך.

שפּעטער האָט בנציונקע „גוי" געגומען אויף זיך אויסהאַלטן חוהלען מיט דירה, מיט אַ העמד, מיט אַ ציצן קליידל, מיט אַ טשיפּיק, מיט אַ פאַטשיילע און אַפילו מיט אַ רעצעפּט, טאָמער וועט מען דאַרפן.

בנציון איז אַ גראָבער נפש. די בנים זענען נישט קיין בעסערע, אָבער אַנטקעגן סלאָוועשנער קבצנים איז ער פאַרמעגלעך, און געבן אַ נדבה האָט ער פיינט. איז אים איינגעפאַלן נעמען חוהלען אונטער זיין שוץ, און ער טוט עס זייער געטריי. פרייטיק גייט חוהלע סיי ווי איבער דער שטאָט. אַז מיר דערזעען זי גיין צו אונדז, לויפן מיר אַלע אין שטוב אַריין (אייגנטלעך לויפן מיר אין שטוב אַריין ביי יעדן פריש־געקומענעם מענטש). פאַר חוהלען מאַכט די מאַמע אָן אָרט אַנטקעגן ברענענדיקן אויוון אויפן מילכיקן טאָפּטשאַן.

— נו, וואָס מאַכסטו עפּעס גוטס, חוהלע? — פרעגט די מאַמע.

— ליבקאָ, — ענטפערט חוהלע — לאָטשן!...

די מאַמע טוט באַלעבאַטיש אַ קוק צו איר אין פאַרבונדענעם פאַר־טעך אַריין. דאָרטן ליגט אַ פּאָר חלהלעך, אַ פּאָר זעקעלעך... נעמט די מאַמע אַרויס דאָס זעקעלע מיט לאָקשן און שיט איר אַריין אַ זשמעניע פריש אָנגעבראָקטע לאָקשן.

— אַ שטיקל צוקער געבן? — פרעגט די מאַמע.

— גיב...

חוהלע זאָגט אַלעמען „ד ו".

און איך זע, אַז דער מאַמען איז חוהלע מיט עפּעס טייער. שטאַרק טייער. איז זי אונדז אויך טייער. ס'איז נאָר מאָדנע אויפקלערן, אַז אָט די דאָזיקע אַלטע יידענע מיטן פאַרטעך און מיט דער פאַטשיילע איז זיך אַלע יאָרן זינט זי לעבט אַ מיידל, אַפילו — אַ קינד.

זי זיצט אַ ביסל. דער מאַמעס גוטסקייט גייט איר אין האַרצן אַריין. דערנאָך גייט זי אַוועק צו דער מומע לאהן.

שבת ביי טאָג נאָכן שלאָפן קומט זי אָפּט צו די שיניצער נאָך אַ גלעזל וואַרעמס.

די מאַמע דערציילט, אַז הוהלע נעמט נישט קיין קערבל, ווען עמעצער וויל איר געבן. פאַר אַ קערבל אָדער פאַר אַ האַלב קערבל האָט זי מורא. אַ קלענערע מטבע — אַ זילבערנע אָדער קופּערנע — נעמט זי. דאָס הייסט ביי איר אַ קאָפּיקע.

איך האָב נאָך נישט געהערט עמעצער זאָל ביי הוהלען וועלן אויסנאַרן אירע קאָפּיקעס, וואָס זי האַלט פאַרבונדן אין אַ שמאַטקע. מן הסתם קויפט זי זיך דערפאַר צוקער אין אַ קלייטל. אָבער די קרעמערקע וועט ביי איר נישט איבערנעמען. פאַרקערט — זי וועט נאָך ביי איר נישט דערנעמען...

אַרויסגעלאָזט הוהלען, געדויערט נישט לאַנג און ס׳קומט צו גיין די אַלטע שמערעליכע.

די אַלטע שמערעליכע, אַ ברייטלעכע עלטערע יידענע מיט שלאַפּע פּיס. זי האָט אַן אָרעמע, פון אַלטקייט שוואַרצע דירה אויפן שליאַך, נישט ווייט פון ישראַליקן דעם אינדיק. זי וווינט מיט אַן אייניקל. איך וויל זייער דאָס אייניקל זאָל אויסוואַקסן געזונט און צופרידן, וועל איך אפשר לאָזן מען זאָל זי מיר שדכענען פאַר אַ כלה. איך וועל איינרעדן דעם טאַטן מיט דער מאַמען, מען זאָל נעמען פון מיינעטוועגן אָט דאָס אָרעמע מיידל און מירן מיט איר לעבן אַ שטיל און גליקלעך לעבן. און מאַשע? מאַשע פּאַסט אפשר נישט פאַר קיין ווייב — זי איז דאָך אַ געליבטע. אַז איך זע מאַשען, פאַרשעם איך זיך איגעווייניק. נאָר זי איז אַ סמעלערע. זי רעדט מיט מיר גלייך און פרעגט זיך אויף מיינע שטוביקע. גוט, וואָס זי ווייסט נישט. אַזוי איז נאָך בעסער. נאָר אַז זי גייט אַוועק מיט איר שוואַרצן פאַרטעך מיט די אָקסעלעך, בין איך עפּעס אַ גאַנצן טאָג ווי פאַרטשאַדעט. אַז מען רעדט עפּעס צו מיר, קומט מיר אויס צוויי מאָל איבערפרעגן...

אַז שמערעליכע איז אַריין, זענען מיר אויך אַריין אין שטוב. מיר קוקן פון סטאָלאָווע אין קיך אַריין.

אַ מאָל פירט די מאַמע אַריין שמערעליכען אין שטוב אַריין און שטעלט איר אַ בענקל, זי זאָל זיך אָפּרוען אַ ביסל פון דער היץ.

שמערעליכע איז אַן ערלעכע יידענע. זי מיטן אייניקל לעבן פון דער שטאָט, דאָס איז אמת, אָבער קלייבן קלייבט זי נישט נאָר פאַר זיך אַליין. אַ סך פון דעם, וואָס זי נעמט צונויף, צעטראָגט זי נאָך פרי פאַר נאַכט אין הייזער, ווו מען וואַרט שוין אויף איר.

שמערעליכע נעמט צונויף אַלץ, אַפילו ליכט אויף בענטשן. גרעסערע ליכט און קלענערע הענגען ביי איר אויף אַ הילצערנעם שיינעם קרוטשאַק פון אַ וואַלדיש שטיקל צווייג געמאַכט; ס'איז אַזוי ווי אַ סוטשאָק, וואָס ביי אים גייען עטלעכע ציינדלעך לאַנגלעך־פאַרבויגענע אַרויף. הענגט מען אויף זיי אַן די ליכט פאַר די קנויטנדיקע אויערלעך און סאַמע פון אויבן האָט עס אויך אַ פאַרבויגן שטיקל טשעפער, פאַרשטעקט זי אים פאַרן לייסט פון איר קליידל, לעבן סאַמע זייט פון בויך. דער הילצערנער קרוטשאַק מיט די ליכט געפעלט מיר בעסער פון אַלץ. נאָר חוץ די ליכט קאָן מען ביי איר זען נאָך אַ סך זאַכן: זי טראָגט מיט זיך אַ גאַנצן גאַנג טאָרבעלעך, און זי ווייסט אין וועלכן ס'זענען ביי איר גערשטענע גרויפּן, אין וועלכן — ו'עטשענע, ווו ס'זענען די גרייפּלעך, ווו — דער הירזש, זי האָט אַן אַרבעלע אויף צוקער און אַ צווייטס — אויף זאַמד־צוקער. אין גרויסן זאַק זענען ביי איר דאָ האַלבע ברויטן, חלות און חלהלעך, באַזונדער האַלט זי אין אַ געגלייזט רענדעלע פלייש. אויך דאָס פלייש קומט אויס האַלטן כשר־געמאַכטס באַזונדער און נישט קיין געזאַלצנס באַזונדער, אַ מאָל אַ שטיקעלע עוף אויך.

אַז די מאַמע רעדט מיט איר, רעדן זיי עפּעס שטיל, און אַזוי ווי פון זייטיקע זאַכן. אַז מיר רוקן זיך צו נעענטער, טרייבט אונדז די מאַמע דורך מיט אַ גרינגן מאַך פון דער האַנט.

שמערעליכע ווייסט אַ סך זאַכן פון שטאָט. פון שטיבער, ווו ס'איז דאָ צופיל נויט, פאַרדעקטע און נישט קיין פאַרדעקטע. צו דער נויט וואַרפן זיך נאָך צו צוטשעפּענישן: קרענק, מאָזלען, די בהמה האָט זיך

אין מיטן דרינען פאַרלאָזן, און דער מאַמעס האַרץ קאָן עס נישט דורכ־לאָזן. נישט אומעטום וועט זי קאָנען העלפן, גרינגער מאַכן, אָבער מען דאַרף געדענקען, מען טאָר זיך נישט מאַכן נישט־וויסנדיק... איינעם אַ שוסטערס ווייב איז געבעך שלאָף מיט ווייבערשע זאַכן, זי איז, נישט פאַר לייטן געדאַכט, ווייס ווי די וואַנט — אָן אַ טראָפּן בלוט, און קינ־דערלעך אין שטוב, נישט איבערגערעדט זאָל זיין — איינס־אויף־איינס, און ס׳נישטאָ קיין העמדל אויף צודעקן די באַקעטקייט.

איך זע, אַז די מאַמע פאַרעט זיך לעם שופלאָד פון קאָמאָדע און פאַרוויקלט עפּעס אין אַ גרויס פּאַפּיר. שמערעליכע נעמט צו און פאַר־שטופּט עס איז אַ באַזונדער אָרט. דער זאַק איז שוין ביי איר געגנוג שווער. ווען איך שעם זיך נישט און העלף איר פאַרטראָגן... אַזאַ שטילע און ערלעכע יידענע. מען הערט פון איר נישט קיין איבעריק וואָרט און אויב זי רעדט שוין יאָ, רעדט זי פון דאָס, וואָס מען דאַרף. ווען איך וועל אויסוואַקסן, וואָלט איך אויך דאַרפן ווינען אין אַ פּראָסט שטיבל.... אמת, רייכע מענטשן זענען אויך דאָ מיט אַ גוט האַרץ, וואָס זענען גרייט אַ צווייטן אויסהעלפן מיט אַ גוט וואָרט, מיט אַ שיינער נדבה. אָבער דער מענטש, וואָס איז אַליין אָרעם, אים מעג מען מערער גלייבן; ביי אים איז דאָס האַרץ ערלעכער און ריינער.

איך לאָז אַרויס שמערעליכען מיט די שלאַפע פּיס און מיטן שווער־לעכן זאַק און מיטן גאַנצן גאַנג אַלערליי זעקעלעך און מיטן הענגער ליכט. אַ מאָל איז בעסער, אַז דער זאַק איז שווער — וועט זיך אָננעמען אין די הייזער עטוואָס אַ קענטיקערער חלק פון דעם, וואָס שמערטשוכאַ, ווי אַנדערע רופן זי, וועט ערלעך און זאָרגעוודיק פאַנאַנדערלייגן און פאַנאַנדערטיילן.

ביי דער מומען אין שטוב פאַרהאַלט זי זיך נישט לאַנג. איך וואַרט אויף איר מיט די אויגן און באַגלייט זי מיטן בליק און מיטן געדאַנק אין קליינעם געסל אַריין. איך וויל זייער וויסן, וואָס טוט איר אייניקל, דאָס מיידעלע פון וואָטערע צוועלף יאָר? וואָס טוט זי איצט איינע אַליין אין דער קילער טונקעלער שטוב? און פון וואָס קלערט זי? אפשר בין איך איר געקומען אויפן געדאַנק און זי קלערט איצטער פונקט פון

מיר? איך בין דאָך איינער אין דער גאַנצער שטאָט, איך בין אַרומ־גערינגלט מיט אַלעמען, מיט דער גאַנצער שטאָט, נאָר איך בין איינער אַליין...

ברוך דעם נגידס שטומער קער זיין אין דער נאַטור נאָך ערגער פון זיין אייגענעם ברודער מאָשקען דעם סטאַראָסטע. ער וווינט נאָענט, אפשר פופציק שפאַן פון וואָלטשעס שטומען, אויך נאָענט צו דער דאָ־לינע. נאָר ער איז עלטער פון אים, דאָס איז איינס און, צווייטנס, קער ער זיין מיט אַ מיאוסער פאַסקודנער נאַטור. ער דאַוונט אין אַ טלית, נאָר קיין ווייב האָט ער נישט; ער דאַוונט אין אַ טלית, דאַוונט אין תפילין, נאָר דאָס האַרץ... דאָס האַרץ איז אַ פינצטערער גרוב! ווי די מאַמע דערזעט אים זאָגט זי, מיר זאָלן אויף אים אַכטונג געבן, ער קאָן נאָך עפּעס אַ כאַפּ טאָן. די מאַמע גיט אים אָפּ דעם צווייער און זי וויל, ער זאָל שוין גיכער אַוועקגיין. און ער וויל נאָך פאַרברענגען, אפשר וועט מען אים הייסן זיך וואַשן און גיין צום טיש, אויב נישט, גייט ער אַוועק צום טאַטן אין האַרבאַרניע, וועט מען אים דאָרט געבן אַ ציגאַר טוטין. זיין אומריינקייט גייט ביי אים מערער פון אינעווייניק, כאָטש ער איז ברוך דעם נגידס אַ זון. אמת, זיין מאַמע פלעגט מען רופן פּאַראַסקאַ. פאַר וואָס? ווייס איך אַליין נישט, נאָר סיי ווי יעדער פאַראַסקאַ איז לייטישער פון אים. מאָשקע שעמט זיך מיטן ברודער, ער איז דאָך אַן „איידעלער" ייד, אַ ביסל אַ מלמד, אַ ביסל אַ סטאַראָסטע, די מעשטשאַנ־סקע אופּראַווע איז אַפילו ביי אים אין שטוב, דערצו האָט ער נאָך אַ באַ־זונדער שופלאָד מיט וועקסעלעך און משכנות. פאַר דעם פופציקער, וואָס ער אַנטלייט דעם אָרעמאַן, דאַרף אים יענער אָפּגעבן זעכציק און אָנהייבן אים זיי אויסצאָלן פון דער ערשטער וואָך. דערפאַר הייסט ער דאָך אַ „וואָכערניק". כאָטש ער גייט אין אַ ריינער קאַפּאָטע און מיט אַ שוואַרץ שנירל אינעם קאָלנער פונעם העמד, איז ער מיר מאַנכעס מאָל מיאוס באַגלייך מיטן ברודער מיט זיינעם, וואָס גייט איבער די הייזער, וואָס גנבעט קלייניקייטן, וואָס האָט אַ טלית און האָט נישט קיין ווייב.

די מאַמע האַלט שוין ביים פאַררוקן דעם טשאָלנט, קומט צו גיין זיידל דער בלינדער. ביי אים זעען גרוי־ווייסלעכע אָפּענע, געזונטע

אויגאַנעס, ווי די שטיינדלעך, נאָר מען זעט אין זיי נישט קיין שוואַרצ־אַפּלען. איך זע נישט, ער זאָל מיט זיי פּינטלען.

— נחום איז נישטאָ אין שטוב? — פרעגט ער הויך אויף אַ קול.

קיין חילוק נישט, וועד ס'איז דאָ אין שטוב. דאָ איז ער זיכער, אַז ער וועט נישט אַוועקגיין מיט ליידיקן.

יענטל זיינע וועט ביי אים מאַנען דאָס גאַנצע געלט. ער דאַרף עס דען פאַר זיך! גאָר סיי ווי האָט ער ליב עפּעס איבערלאָזן אין דער טיפער קעשענע. טאָמער עפּעס, נעמט ער איר אַרויס אין מיטן דער וואָך אַ דרייער, אַ צענער און זאָגט, אַז ער האָט עס נאָר וואָס אָנגעטאַפּט ביי זיך אין קעשענע. אַ געזונטער, קיין עין־הרע, ייד זיידל, אַזוי ווי אַ קרעמען. ער וועט כאָטש נישט פאַרשפּעטיקן אין באָד אַריין? זיך אויסבאָדן, זיך אויסוואַשן.

באַלד נאָך זיידלען קומט טוביה דער קעסלער. ער קער שוין פאַר־מאָגן אַ דריטהאַלבן צענדליק יאָר אַריבער דעם פופציקער, נאָר ער אַרבעט נאָך: ער ווייסט אויס מיט צין קופּערנע פאַנען און סאַמאָווארן, ער פאַרריכט אַ צינענע לעפל, אַ בלעכענעם עמער. פאַראַן אַ סך זאַכן, מיט וועלכע מען גייט צו טוביהן דעם קעסלער, נאָר פּרייטיק האָט ער אַן איידעלע אַרבעט, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען: ער גייט איבער דער שטאָט נאָך תלמוד־תורה־געלט. קיין תלמוד־תורה איז נאָך ביי אונדז נישטאָ, נאָר עטלעכע אָרעמע תלמוד־תורה־ייִנגלעך האָט מען צעשטעקט איבער פאַרשידענע מלמדים און פּרייטיק קלייבט מען געלט. מאַכט זיך אַ מאָל, אַז טוביה פּילט לויטן חשבון, אַז ס'נאָך ווינציק, ס'וועט נישט סטייען. און ער ווערטלט זיך אין אַזאַ פאַל, אַז מ'וועט דאַרפן אָנטאָן אַ שווערדעלע ביי דער זייט; אַז מען גייט מיט אַ שווערדעלע איז אַנדערש. ס'איז נישט שווער זיך אָנצושטויסן, וואָס ער מיינט: אַז דער סטראַזשניק קומט צו גיין אָפּנעמען עפּעס אַ טשיגש אָדער אַ שטראָף, רעדט מען מיט אים אַנדערש און מען צאָלט אים גיכער.

בשעת־מעשה האָב איך זיך אָבער פאַרגעשטעלט, ווי אַזוי טוביה אַליין גייט מיטן שווערדעלע. ווייל ער האָט אָפט גערעדט וועגן דעם, פלעגט ביי מיר אויסקומען, אַז סוף־כל־סוף וועט ער זיך מאַכן אַ שווער־

דעלע, מעג זיין אַן אַ שיידל. אים איז גרינג — ער איז דאָך אַליין אַ קעסלער און זיין איידעם איז ברוך דער קאַוואַל. וועט ער זיך מאַכן נישט קיין שאַשקע; אַ שאַשקע איז שווער און אַ שאַשקע טראָגן סטראַזש־ניקעס, וועט ער זיך מאַכן אַ שמאָל, שפּיציק שווערדעלע, וועט איבער דער קאַפּאָטע איבערבינדן אַ פּאַסעק אָדער אַ שטאַרק בענדל און פון פאַרנט ביי דער לינקער זייט וועט ביי אים הענגען דאָס אייזערן שווער־דעלע. דאַן וועט דער עולם פאַרשטיין, אַז תלמוד־תורה־געלט מוז מען אָפּצאָלן צו דער צייט, נישט קאַרגן, נישט אָפּלייגן און נישט אָפּציִען. קינדער דאַרף מען געבן אין חדר, אָרעמע — נאָך בילכער ווי רייכע. און דער מלמד קאָן נישט וואַרטן, דער מלמד איז אַליין אַן אָרעמאַן.

טוביה זיצט ביי אונדז אַ ווײַלע. ער איז מיר שיין און ליב אין די אויגן, איך פיל אים ביי זיך אין האַרצן: גיב אומיסטן אַ קוק — אַן אַלטער פּשוטער באַלמעלאָכע איז גרייט אָוועקגעבן אַ האַלבן טאָג. זיין אַרבעט איז דאָך זיין שטיקל ברויט; און ביי אַזעלכע אַלטע יאָרן אויס־לויפן די גאַנצע שטאָט! וואָס איז? ער טראָגט אויפן קאָפּ די תלמוד־תורה־יינגלעך, יעדערער זאָל גיין צו אַ מלמד. ווער פון זיינע „סטודענטן" ס'הייבט ערשט אָן דעם אלף־בית און ווער ס'לערנט שוין חומש מיט רש"י. שפּעט איינהאַלטן אַ תלמוד־תורה־יינגל אין חדר איז שווער: אַ קינד פון אַן אָרעמער שטוב גייט פרי אַוועק אין דער לערע, דאָס הייסט — זיך לערנען אַ מלאכה. ווער ביים טאַטן אַליין, ווער אין דער פרעמד, נאָר טוביה, כאָטש אַליין קען ער נישט לערנען — ער קען קוים אַ קאַפּיטל תהילים זאָגן, — איז אים אָבער טייער, ס'איז אים שטאַרק טייער, אַז דאָס קינד זאָל זיך עפּעס אויסלערנען אין חדר. ער ווייסט אויפן קאָפּ וויפל קינדער ער האָט, פון וועלכע שטיבער זיי זענען, ביי וואָסערע מלמדים זיי לערנען... אַ קוק טאָן אויפן אַלטן פון דער זייט, וועט פאַר אים קיינער קיין דריי גראָשן נישט געבן, אָבער אַ קוק טאָן צו אים אין זיין טייער יידיש האַרץ — אוי, איז דאָרטן ליכטיק און שיין! מיר ווילט זיך צוגיין צו אים און אים פרעגן, אפשר זאָל איך אים העלפן פירן אַ חשבון, גיין צו די מלמדים אָפּטראָגן דעם שכר־לימוד־געלט, נאָר איך שעם זיך...

טוביה איז אַוועק. חיים מיט די פּאהקעלעך מיט די ווייסע זאָקן ביז די קני איז געקומען. ער קלייבט ארץ־ישראל־געלט. וואָס איז עס פּאַר אַ געלט, ווייס איך נישט. גיכער פון אַלץ איז עס נישט קיין געלט אויף אָפּקויפן ביים טערק גאַנץ ארץ־ישראל און אים אַוועקגעבן דעם יידישן פאָלק; גיכער פון אַלץ איז עס געלט פאַר עלטערע אָרעמע יידן, וואָס זיצן אין ירושלים און אין צפת און לערנען דאָרט גאַנצענע טעג.

די באָבע בתיה פלעגט כסדר שטעלן פאַר טוביהן און פאַר חיימען אַ ביסעלע אײנגעמאַכטס און אַ גלאָז וואַסער, מען זאָל זיך ביי איר אין שטוב אָפּרוען אַ ביסל און מאַכן אַ ברכה. אַז ס׳שוין אין שטוב נישט געווען קיין אײנגעמאַכטס, פלעגט זי שטעלן צום טיש אַ גלאָז ריין וואַסער, אַבי מען זאָל ביי איר אין שטוב מאַכן אַ ברכה.

איך טראָג צונויף די קאָרע אין שאַפע אַריין, שאַר צונויף דעם שערסט, מעלויצע אים אויס און טראָג אים אַרויף אויפן בוידעם. אַז די מאַמע שיקט מיך אין מאַרק נאָך עפּעס, באַגעגן איך מאַשקען. ער לויפט פון ערגעץ, ער האָט אויף פרייטיק זיינע גאַנגען. אמת, נישט נאָך קיין תלמוד־תורה־געלט: ער לויפט אין די אָרעמע שטיבער, וואָס שטעקן ביי אים מיט וועקסעלעך און מיט משכנות, נאָך וואָכער־געלט. ער רייסט אַרויס ביים אָרעמען מענטשן אַ „שטיקל לייב" מיטן בלוט אין אײנעם, נאָר קיין קרום וואָרט זאָגט מען אים נישט. ערשט, אַז ער גייט אַרויס, איז די בליקן, מיט וועלכע מען באַגלייט אים און די גוטע ברכות, וועלכע מען שיקט אים נאָך, ווען זיי וועלן מקוים, וואָלט ער זיך גוט דערקוויקט. נאָר איך וויל עס נישט. אַפילו אַ שלעכטן ייד אַז מען שעלט, וויל איך נישט ליידן. ער האָט אַ ווייב מיט קינדער, אפשר וועלן די קינדער זיין לייטישער?

איצט בלייבט נאָך די פּושקע, וואָס הענגט אויף דער וואַנט — די פּושקע פון רבי מאיר בעל נס. איך בין נאָך נישט באַקאַנט מיט רבי מאירן. ס׳דאַרף זיין עפּעס אַן אַנדער ערלעכער ייד, נישט דער רבי מאיר פון די תנאים, נאָר סיי ווי האָט אין זיך די פּושקע אַ גוטע צוציִענדיקע קראַפט. וואָס ס׳זאָל זיך נישט מאַכן, וואַרפט מען אַריין אָדער מע זאָגט

צו אויף רבי מאיר בעל הנס פושקע, און ס׳איז הייליק ראַיעל, אַז מע וועט אַריינוואַרפן.

אַלע סודות און אַלע שטילע רויקע כוונות, וואָס די מאַמע טוט אַריין אין די טעפּלעך מיט די קריגלעך, אינעם קוגל, אין דעם העלדזל, אין דער ציקאָריע אויף שבת, אינעם צוואָגן די קינדער, גייען שוין צום ענד. איך מיטן טאַטן האָבן נאָך אַ גאַנג אין מרחץ אַריין, אַראָפּצוּוואַשן פון זיך דאָרטן אַ סך שטויב און שוויס, נאָר ס׳איז גוט.

מיט וויפל מיליאָנען יאָרן צוריק האָט עס גאָט צוגעטראַכט דעם ערב־שבת, איז ער נאָך ביז הייַנט אַ גאָלד און אַ היות אין די ביינער. ס׳איז אַ האַרעוואַניע פון פרייד, אַ מין אַראָפּלאָזן פון זיך שווערע טויזנט־פודיקע משאות, און ס׳איז אַ שיינער אַריינגאַנג דורכן בלויען ווייכן פרייטיקפאַרנאַכט גלייך אינעם פּאַלאַץ פון דער מלכה שבת אַליין.

* * *

די מאַמע איז געווען שלאָף נאָך אַ קימפּעט. ס׳איז געווען זומער. קיין איין שיינע פאַרב איז נישט געווען פאַר די אויגן, קיין איין פרייער געדאַנק. אין חדר האָב איך שלעכט געוווסט, וואָס מיר לערנען, דער וועג אַהיים איז געווען אַ פאַרחלשטער, דער וועג אויף צוריק האָט עפּעס אין זיך געהאַט אַ קלעמעניש פון חרפה מיט האַרצווייטיק געמישט.

חרפה! איך זאָל כאָטש וויסן פאַר וואָס איז די ח ר פ ה?

אַז ס׳איז שלעכט אויפן האַרצן, ווייסטו נישט וואָס מיטן צווייטן צו רעדן. וואָס קאָן דיר יענער העלפן? ס׳גלויבט זיך נישט, אַז דער אויבערשטער אַליין איז אויפגעלייגט, ער זאָל דיר מיט עפּעס בייהילפיק זיין אין דער דאָזיקער רגע. דו ביסט פאַרקלעמט און פאַרשעמט. וואָס איז עס פאַר אַ שטוב? וואָס איז עס פאַר אַ לעבן, אַז די מאַמע ליגט גאַנצענע טעג אַ פאַרטראָגענע, אַ מאַטע, אַ מאָל טוט זי קוים אַ פיר מיט די אויגן, דאָס זאָל הייסן, אַז זי זעט מיך. זי זעט, אַז איך בין געקומען... כיי וואָלט זי עפּעס זאָגן! ס׳איז מיר אַזוי שפּל, אַז זי זאָגט גאָרנישט, זי קערט נאָר אָפּ די אויגן, ס׳איז איר איצטער גאָרנישט נישט ליב; זי איז אויך פאַרשעמט, זי ליגט ווי אַ געבונדענע. אין שטוב ביי אונדז שווייגט מען, אין אויוון הייצט אַ מאָל אויס די מומע, דינהלע

פאַרקערט די שטוב, טראָגט צו דער מאַמען אַ נאַסע שמאַטקע צום קאָפּ, צום שטערן, טראָגט איר צו אַ לעק מילך, וואָס זי ווייסט פריער, אַז די מאַמע קאָן עס איצט נישט פאַרנעמען. מיר גיסן איר אָן אַ לעפל רפואה — ביטערגאַל. איך וואָלט פאַר איר געטרונקען גאַנצע פלעשלעך ביטערניש, אַבי ס'זאָל איר, דער מאַמען, זיין אַ פּעולה.

אַ מאָל זאָגט זי זייער שטיל, נאָר מיר הערן יעדעס וואָרט:

— זאָל דער טאַטע אַריינגיין...

אַז דער טאַטע גייט אַריין פון האַרבאַרניע, גייען מיר אַלע אַרויס פון אַלקיר. דער טאַטע צעווישט די הענט, טוט אויס דעם פאַרטעך. מן הסתם וויל זי ער זאָל זי איבערקערן, אַראָפּנעמען דעם קאָמפּרעס אָדער עפּעס אַנדערש אַזעלכעס, וואָס פאַר אים שעמט זי זיך נישט און פאַר אונדז וואָלט זי זיך געשעמט.

אין אַפּטייק גייען מיר נאָכן רעצעפּט. מיר האָבן געקויפט אַ פּוכיר אויף אייז, אַ קיילעכדיקער אַזוי ווי אַ לאַטקע אָדער ווי אַ געפּלעטשט היטל, נאָר מיט אַ בלעכענעם דעקל אין דער מיט, וואָס שרויפט זיך אָפּ און פאַרשרויפט זיך.

נו, גוט — דער פּוכיר איז דאָ. אָבער אייז? ווו וועסטו נעמען זומער אייז? נאָר עמעצער האָט געזאָגט, אַז אייז איז דאָ אין שטאָט —ביים אופראַוולאַיושטשי אין הייפל איז דאָ אַ לאָדאָווניע.

דער אופראַוולאַיושטשי, דאָס איז קוליעשאַ מיט דער ברייטער ראָס־נער באָרד און מיט די צוויי טעכטער, וואָס זענען וווקסיק און שטאָטיש און פאָרן אויף שיינע פערד רייטנדיק. נישט אַזוי ווי פּראָסטע מענטשן פאָרן, נאָר אַזוי ווי אויף די קאַרטינקעס אין די ביכלעך: אַ שליאַפּקע אויפן קאָפּ, אַ שמאָל סורדוטל, וואָס הילט אַרום דעם מיידלשן איידעלן קערפּער און טאַליע, דינע האַנטשן אויף די הענט און אַ שטעקעלע אַ דינס, אַ געפּאַרבטס אין די פינגער. זיצן זיצט זי מיט אַ זייט און ס'איז אַ געמעל...

קוליעשאַ זיצט נישט אין הייפל. ער זיצט ביי משהן דעם פּיקסעלע און האָט אָפּגעדונגען ביי אים די גאַנצע בייע שטוב מיטן הייפעלע; ס'איז די אַנדערע שטוב פונעם גלח...

דאַרף מען גיין אַהינצו בעטן אייז.

זאָגן מיר, איך זאָל זיך לייגן און שטאַרבן און מיר זאָגן, איך זאָל גיין צו אַ פריציּשער שטוב, איז מיר אַלצאיינס. איך שעם זיך זייער, און איך האָב מורא. נאָר צוליב דער מאַמען מעג מען שטאַרבן אויך.

זיך גרייטנדיק צו אַזאַ גאַנג, האָב איך זיך געמוטשעט ביי זיך אין האַרצן, אין קאָפּ, אין בויך און אין אַלע אברים, אָבער זאָגן דאַרף מען נישט קיינעם, נישט דיגהן, נישט דעם טאַטן, נישט דער מומע לאהן.

איך גיי דורכן קליינעם געסל און ס'איז מיר אַפילו פון עפּעס גרינג. איך גיי. אויב איך וועל שטאַרבן, וועל איך שטאַרבן פון מיין שלאָפער מאַמעס וועגן. די נאָז איז פול, די אויגן זענען פול. דאָס איז אַזוי ווי ס'איז אַבי די פיס טופּען און אַבי אויף דער צונג האָלט איך נאָך אין הזרן, וואָס איך וועל דאָרטן דאַרפן זאָגן... איך שטעל זיך אין ערגעץ נישט אָפּ. איך קוק נישט צום מאַרק, צו די אָפענע קלייטן; זאָל מיך קיינער נישט זען. איך עפן אויף דאָס נידעריקע הויף־טירל פון שמאָלע נייע ברעטעלעך פאַרשפּיצט פון אויבן. איך גיי צו דער גלעזערנער טיר מיטן גאַנעק.

הינט מיט גראָבע האַרטע ווידלען, הויכע אַזעלכע מיט ראַבלעך מויזן־קאָלירענע פעל גייען דאָרט אַרום. אין האַרצן באַשווער איך זיי. זיי זאָלן מיך נישט עסן, זיי זאָלן מיך נישט אומוואַרפן און נישט קאַטשען איבער דער ערד. זיי וויסן דען נישט, אַז איך וואָלט קיין מאָל אין לעבן אַהערצו נישט געגאַנגען; דאָס גיי איך נאָך אַ רפואה פאַר מיין שלאָפער מאַמעס וועגן!

ביים פריץ, ביי קוליעשען עסט מען אַקוראַט וואַרמעס, דערום זענען די גרויסע באַקעטלעכע הינט אַלע לעם דער אָפענער טיר. מע וועט זיי אַרויסטראָגן שיסלען מיט ביינער. ס'שמעקט זיי. ביין, אַטאַ רופט זיי אַ דינסט איינע גאָר צו דער קיך־טיר און מען שטעלט זיי אַרויס אַזעלכע מילקע בעקנס מיט עסעכץ. מיינע פיס זענען אַרויף אויפן גאַנעק און האָבן מיך מיט גרויס שווערקייט אַריינגעטראָגן אין פאָדער־צימער. דינסטן גייען הין און צוריק, טראָגן שמעקעדיקע מאכלים אַהין, און ליידיקע כלים מיט געשמאַקע שיריים — צוריק. איך שטיי און ווייס

נישט וועמען עפּעס זאָגן, נאָר טרערן פאַלן פון די אויגן וואַרעמע און גלייך אויף די באָרוועסע פיס... אַ יונגע דינסט האָט אַ רוף געטאָן צו מיר די פּריצה. די פּריצה, אין טונקעלן פּריצישן אָנטאָן, אין די אייגענע האָר, אין די מיטעלע יאָרן האָט זיך צו מיר אָנגעבויגן און מיך מיט גוטנס עפּעס געפרעגט.

פון אַלע ווערטער, וואָס איך האָב דעם גאַנצן וועג געחזרט, האָב איך געזאָגט, ווי זעט אויס, נאָר „ליאַד" און „מאַמאַ", און די טרערן זענען געדיכט געפאַלן. און זיך געבן אַ ריר פון אָרט, האָב איך זיך נישט דערוועגט. די פּריצה האָט געזאָגט, אַז פּראָסקע וועט גיין מיט מיר.

פּראָסקע איז געווען נישט דאָ, נאָר אינעם הינטערהויף. אַ קליינע, אַ קיילעכינקע, אַ פּראָסטינקע פון אַ יאָר פערציק, מיט זייער בלאָטיקע פיס. מען ווייסט נישט וואָס איז דאָ געווען מער — בלאָטע, צי פיס. זי האָט זיך געפּאָרעט מיט די חזירים און געזאָגט מיט אַ סך שמייכל־דיקער גוטער ליבשאַפט, וואָס איז ביי איר געגאַנגען פון פּנים, פון די אויגן און פון דער גאַנצער קיילעכדיקייט פון אירער: פּאָראָסיאָטאָטשקי מאָי מילענקי!... דער אויסדרוק פון ליבשאַפט איז ביי איר געגאַנגען דורכן גאַנצן לייב.

עמעצער האָט איר געזאָגט, וואָס מען דאַרף, האָט זי גענומען אַ שליסל אין קיך, מיך אַ רוף געטאָן מיטן פּנים און מיט די אויגן און מיר זענען אַוועק. איצט האָב איך שוין געוווסט, אַז מיין מאַמע ווערט געזונט. שוין אַפילו דאָרטן אין דער היים נאָך, איידער איך בין געקומען. וועגן דעם האָב איך שוין פאַרשפּאָרט צווייפלען. נאָר וועמען זאָל איך דאַנ־קען? דער פּריצה אינעם טונקעלן אָנטאָן אין די אייגענע האָר מיט איר קילבלעכער פולקייט, צי פּראָסקען מיט איר וואַרעמקייט און גוטסקייט? אַז די איינגעריכטע פיס אין חזירישן מיסט און נעץ זענען מיר אויך געווען ליב צום אויסקושן...

מיר מיר רעדט זי ווינציק, נאָר זי גייט פלייסיק און מונטער אויס־פילן אָן פּראַגעס, וואָס די פּריצה האָט איר געהייסן, און איך שטיי שוין מיט איר לעם דער לאַדאָווניע. איך האָב גאָרנישט געזען ווי אַזוי מיר זענען דורכגעגאַנגען אין דער ברייט דעם גאַנצן מאַרק פון איין עק

ביזן צווייטן. זי איז אַריינגעגאַנגען ערגעץ אין דער פינצטער. איך טראָג אין אַ שמאַטקע עפּעס אַ קאַלטע, האַרטע, נאַסע און שווערע זאַך. ס'איז מיר נאַס אין די הענט און קאַלט און נאַס אין זייט, אָבער מיין מאַמע וועט שוין זיין געזונט!

מיין מאַמע, מיין טייערע מאַמע, ווען און ווי אַזוי איז זי געזונט געוואָרן?!... די טעג פּאָלגן זי ווייטער, קריכנדיק אין אויוון און פון אויוון, די בהמה איז שוין ווייטער אָנגעגעסן און אויסגעמאָלקן צו דער צייט, די קינדער צוגעזונט און אַרומגעכייעט און יום־טוב גייט זי ווייטער מיט מיר און מיטן טאַטן אין שול אַריין. איין יום־טוב וועל איך גאָר אייביק געדענקען, ווען די מאַמע איז ווייטער געלעגן און מיר האָבן זיך געפּאַרעט אין שטוב מיט פּראָסטע וואָכעדיקע זאַכן שפּעטלעך. אָבער ס'פּאַרגייט דאָך שמיני־עצרת, האָבן מיר זיך ווי עס איז איבערגעטאָן און מיר זענען אַוועק מיטן טאַטן אין קלויז אַריין. ס'איז נאָך געווען די גרויסע קלויז, וואָס וועלוול בנימין לייבס האָט אויסגעסטראָיעט, ס'איז געווען אַ בית־המדרש — נישט קיין קלויז: גרויס! הויך! ליכטיק! געראַם! מיט צוויי שטיבלעך, אַזוי ווי זייט־קעשענעס ביי אַ וואַזשנע מלבוש (אַהין פלעגט דער אָליקער רבי פּאַרפאָרן), און אַ שיינע ווייבערשע שול. קומען מיר מיטן טאַטן שמיני־עצרת אויף דער נאַכט. מנחה שוין פאַרשפּעטיקט. די יידן גייען זיך אַרום יום־טובדיק אָנגעטאָן, פרייעד־יום־טובדיק אויפגעלייגט. די בימה איז צוגעדעקט מיט אַ שיין קווייטנדיק טישטעך און ליכט — אַ שלל מיט ליכט און לאָמפּן ברענען אונטער דער סטעליע, ביי די ווענט און ביים עמוד. אין סאַמע די יום־טובדיקע העלע ליכטיקייט מיט דער, וואָס די קלויז איז געווען באַלויכטן, האָט מיך אַזאַ מין קלעם געטאָן און אַזאַ מין שטשעמע געטאָן ביים האַרצן: רבונו של עולם! אויף דער גאַנצער וועלט איז יום־טוב, אומעטום איז ליכטיק, און אַלע זענען אויסגעפּוצט, און מיין מאַמע ליגט אייגע אַליין, אַ בלייכע, אין טונקעלן אַלקיר. זי האָט קוים אָפּגעבענטשט ליכט, מיר האָבן איר דערלאַנגט אויף אַ בענקל צום געלעגער. גאָט! צו איר, צו אונדזער מאַמע, וואָס האָסטו? אויף שיקן איר אַ רפואה פעלט דיר כוח?...

און איך זוך זיך אַ ווינקל, נישט ווייט פון ריבע, אין ווינקל לעם

די צוויי זייטיקע שטיבלעך. די יידן זשומען זיך פריילעך און אויפגע־לעבט, אין דער מיט קלויז, דערום איז דאָ לעם מיר קיינער נישטאָ און ס'האָבן ביי מיר אַ שפּריץ געטאָן טרערן פון די אויגן און איך שטיי אויסגעקערעוועט מיט די פּלייצעס צום עולם און גיב זיך אָפּ קאָנטעס. איך באַוואַש מיך מיט הייסע טרערן. איך שטיי דאָ, און זע די מאַמע איינע ד אָ ר ט ן, אין אונדזער שטוב אין דער שיניצע. איך וואָלט וועלן, אַז מיינע חברים און חברטעס זאָלן מיר מיטפּילן, זיי זאָלן אויך אין האַרצן בעטן גאָט פאַר זייער חברלס מאַמען. ליבקע הייסט זי, די מאַמע מיינע, אַז די גאַנצע שטאָט האָט זי ליב, ווייס איך. מיין מאַמעס און מיין טאַטנס שטוב האָט מען ליב. אָבער אין דער־אָ צעלויכטענער, צעיום־טובטער מינוט, ווען די פייערן הוליען אַזוי איבער אונדזער קלויז איצט, רעדן אַלע צווישן זיך אַזוי פריילעך און פון מיין מאַמעלע געדענקט דאָך קיינער נישט... איינע אַליין אין אַלקיר אין דער טונקל. איך ווייס: איך דאַרף דאָ איצט נישט זיין, איך דאַרף וואָס גיכער זיין אין דער היים.

* * *

ס'איז געווען איין מאָל זומער. בתיה כייקלס, איינע פון די גרעסטע קרעמערינס אין שטאָט, די צווייטע קלייט נאָך ליבע קאָהאַנאָוויטשעס, און די קלייטן מיט די הייזער זייערע אין מאַרק שטייען אויך איינע לעם די צווייטע. האָט בתיה אין אָוונט זיך געפּאָרעט עפּעס אין שטאַל, מיט פייער, פאַרשטייט זיך — אַ לאָמפּ אָדער אַ ליכט, דאָס איז ריכטיק, ווי דער טאָג. דערנאָך דעם האָבן זיך שוין אַלע דערוווּסט, ווען ס'איז שוין געווען פאַרפאַלן. מיט פייער שפּילט מען זיך נישט; פייער איז אַ גנב. און מיט וואָס איז נאָך בתיה געווען שולדיק? די אַנדערע האַלבע שטוב מיט דער אַנדערער קלייט האָט זי פאַרדינגען יוראָווסקין דעם אַפּטייקער, און דאָרט איז געווען די אַפּטייק מיט אַ שיינער טאָבליצע, מיט שיינע בוטליעס אויף די פענצטער מיט אַפּטייק־וואַסער פון אַלערליי שיינע קאָלירן, באַזונדערס האָבן זיי זיך געשפּיגלט מיט זייערע קאָלירן אין אָוונט, ווען די לאָמפּן האָבן געברענט.

דער אַפּטייקער איז געווען אַ ייד, וואָס פלעגט אַפילו יום־כיפור נישט פאַסטן און די קינדער נישט געגעבן אין חדר אַריין. דערקענען אויף

אים, אַז ער איז אַ ייד האָט מען געקאָנט נאָר דאַן, ווען ער האָט מיט עמעצן גערעדט: מיט די קונים האָט ער גערעדט אויף יידיש. זומער איז ער געגאַנגען אין ליכטיקן גאַרניטער אויף ווייכלעכע פּיס. אַ דיק־לעכער, אַ וווקסיקער. כסדר פלעגט ער דערציילן, אַפילו מיר, בשעת ער פלעגט מיר גרייטן דעם רעצעפּט, אַז זיסל, כיטריקס ווייב, איז שלאָף אויף די אויגן, נעמט זי ביי אים רפואות. כאָטש זי איז נישט פון די אָרעמע, דינגט זי זיך לאַנג, לאָזט אַ טרער און מאַכט זיך מיט דעם מערער קאַליע די אויגן. אַזוי, אַז אין דער אונטערשטער שורה וועט עס זי שוין קאָסטן טייערער. און ער לאַכט מיט אַזאַ געלעכטער, וואָס דערביי וואָלט איך שוין אויך דאַרפן לאַכן, נאָר ערשטנס, שעם איך זיך לאַכן אין זיין אָנוועזנהייט, ער איז עלטער און איז אַ געלערנטער און האָט אַ ווייב אַ הויכלעכע שיינע פרוי, וואָס מען זעט נישט, זי זאָל מיט עמעצן רעדן אין שטאָט. צווייטנס, אַז ער לאַכט שוין אַליין מיט זיין ווייכן געלעכטער, פאַרשפּאָרן דאָך שוין אַנדערע לאַכן.

נאָר דאָס, וואָס ס׳דאַרף זיך דאָ דערציילן איז ווייט פון געלעכטער. אפשר האָט דאָס פייער מיט גרויס רשעות געלאַכט, אָבער די שטאָט, די מענטשן, די יידן, די ווייבער, די קינדער און זייער ביסל האָב־און־גוטס האָבן געוויינט מיט ביטערע טרערן. און די געשרייען זענען געגאַנ־גען ביזן הימל.

ס׳איז געווען אַזוי: מיר שלאָפן אַלע אַזוי ווי די געהרגעטע, ס׳געווען אָרום איינס ביי נאַכט, ווען ס׳איז דער סאַמע בעסטער שלאָף. ערשט פּיניע פון דער אָזעריאַנער רודניע — דער מומעס איידעם — ברכהס מאַן, קלאַפּט אין טיר און אין די פענצטער.

— פעטער, שטייט אויף, ס׳ברענט!

עפּעס האָט מען דערהערט, עפּעס האָט מען נישט געגלויבט, דער עיקר האָט מען גאָרנישט נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאַרף מען עס ביי נאַכט קלאַפּן, ווו דאַרף עס אין מיטן דרינען ברענען? אָבער אַז מען קלאַפּט, דאַרף מען אויפשטיין. יאָ, אין קלויסטער קלינגט מען אין די גלעקער.

אין מיטן ביי נאַכט —און ס׳קלינגט נאָך דער קלויסטער?!...

וואַרט נאָך צו:

דער טאַטע איז שוין אַנגעטאָן, די מאַמע וועקט די דערשראָקענע קינדער און טוט זיי גיך אָן. וואָס זשע טוט זיך עס דאָרטן פאַר אַזעלכעס?

די שטאָט ברענט!

און מען לעשט? אַזאַ שרפה קאָן מען דען לעשן? זע, סאַראַ ווילדע צונגען פייער?

דער טאַטע איז אַוועקגעלאָפן אין שטאָט אַריין. יענקל דער מומעס — אויך, איצטער שטייען מיר לעם באַרג־ברונעמדל און זעען שוין אַלץ.

הויכע פייערן ווי שפּיצן פון קלויסטערס הייבן זיך דאָרט אין שטאָט ביז אין הימל אַריין. אין מיטן זענען זיי רויט, אויבן זענען זיי שוואַרץ. אַזוי ווי די קלויסטערס זעען זיי אויס, די פייערן, אונטן גראָב, אין מיטן שמאָל און אויבן — פאַרשפּיצט אויך, קלויסטערס רייכע! אָבער פון שטאָט הערן זיך געשרייען און געוויינען, און די מאַמע זאָגט אונדז דערשראָקן: קינדער, האַלט זיך פאַר די הענט און גייט נישט אַוועק אין ערגעץ, איך וועל גיין צונויפבינדן די זאַכן.

ס'איז זומער. ס'ברענען דאָרט אַזעלכע רייכע פייערן און אונדז איז קאַלט. מיר וואָלטן זיך צוריק געלייגט שלאָפן, ווען מען לאָזט.

די מאַמע און די מומע לאה האָבן אין די ליילעכער, אין די רעדנעס און רעדישקעס אָנגעבונדן קלומקעס דאָס בעטגעוואַנט, דאָס ביסל אָנטאָן, די כלים. אייניקע קלייניקייטן — אַ בעכערל, אַ פינגערל, אַ זייגערל — אין קעשענע אַריין. פאַפּירן, דעם זיידנס געטווערדעוועטע צוואה, די כתור־בה און דאָרט נאָך עפּעס — אין בוזעם אַריין.

וווהין טראָגן מיר די קלומקעס? אַהין אַרויף דער שיניצע צו די שקאָלעס צו. דאָרטן איז הויך, דאָרטן איז גאָר ליכטיק. אין אייניקע ערטער איז עפּעס אַזוי ווי ביי טאָג, נאָר די שיין ווערט אַלע מאָל פאַרטונקלט. דאָס פייער ברענט און ברענט, אַזוי ווי די שטיבער וואָלטן געווען אויסגעטונקען אין גאַזע. און פלוצעם טוט עפּעס אַ פּאַל. און פונקען?! אַ גאַנצער הימל מיט פונקען טוט זיך אַ הייב! אַ צעשיט איבער דער גאַנצער וועלט. די מאַמע האָט מורא פאַר די פונקען ערגער ווי פאַרן פייער. די פונקען קאָנען נאָך קומען צו אונדז אויך.

לעם די שקאָלעס זענען דאָ נאָך קינדער, נאָך ווייבער און נאָך קלומקעס. און כאָטש מען שטייט צווישן די ביימלעך נישט ווייט איינס פונעם צווייטן, זעט מען נישט אַרויס איינס דעם צווייטן. ס׳איז עפּעס צו ליכטיק און צו פינצטער. די באַלעבאָטים די מאַנצבילן זענען אין שטאָט. מען העלפט טראָגן וואַסער, גיסן וואַסער, נאָר ווי אַזוי האַלטן זיי אויס פון דער היץ?!

די מאַמע רעדט שטיל צו גאָט און בעט איִם, ער זאָל אונדז אויס־היטן. מיר הערן שוין, אַז די קלויז אונדזערע ברענט, די אָליקער. מע האָט אַרויסגעכאַפּט די ספרי־תורות און אָפּגעטראָגן ווייט אויף אַ גאָרטן. גוט, וואָס מע האָט אָפּגעראַטעוועט די ספרי־תורות. און הער נאָר, דער קלויסטער קלינגט נאָך אַלץ. וואָס זשע קלינגט עס דאָרטן אַזוי לאַנג? און די מאַמע רעדט צו אונדזער גאָט — דעם יידישן, און איך הער, אַז זי איז גרייט באַצאָלן... אַ זעקל מעל קאָרענע פאַר אָרעמעלייט, ער זאָל אונדז נאָר אויסהיטן.

אַ זעקל מעל, דאָס איז נישט קיין זשמעניע מעל, וואָס מען גיט שמערטשיכען פאַר איינער פון אירע טאָרבעלעך און אַרבעלעך. אַ זעקל קאָרענע מעל — דאָס איז פינף פּוד. די מאַמע האָט עס געזאָגט אין דרויסן אונטערן הימל. קיינע וועט וועלן נישט פאַרשטעלן און קיינע סטעליעס וועלן נישט פאַרצאָמען דער מאַמעס ווערטער, וואָס זי האָט זיך מתחייב געווען פאַרן רבונו של עולם. די מומע לאה איז פאַר־מעגלעכער פון אונדז. די קינדער עסן דאָרט כסדר גרויסע חלקים פלייש, נאָר אויף געבן זענען זיי נישט קיין צעוואָרפענע. אָבער די שעה איז אַן ענגע און מען דאַרף אויך עפּעס זאָגן, בפרט זי הערט, וואָס די מאַמע זאָגט. זאָגט זי טאַקע נאָך. איך הער, ווי ביי דער מומע לאהן שטייען ׳טרערן אין קול און זי זאָגט נאָך: מען וועט אַוודאי אָפּגעבן, מע וועט אַוודאי אָפּגעבן...

דאָס הייסט, אַז דאָס זעקל קאָרענע מעל, וואָס איז אַוודאי נישט קיין קלייניקייט און וואָס די מאַמע האָט אין אַזאַ מוראדיקער שעה אַרויסגעלאָזט פון מויל און מענטשן האָבן אויך געהערט, פאַרזיכערט זי, די מומע לאה, דעם אויבערשטן, זי באַרויקט אים פשוט, אַז מען וועט

אַוודאי אָפּגעבן. דער, וואָס זיצט אין די הימלען און שלאָפט אויך נישט אין דער רגע, זאָל ער וויסן, אַז מע וועט אַוודאי אָפּגעבן. זאָל מען נישט מיינען, אַז ס׳קאָסט זי גאָרנישט, וואָס עמעצער וועט פון ז י י ן קעשענע אָפּגעבן און נישט פון א י ר ע ר. ניין. ס׳קאָסט זי, מיט עפּעס איז זי אויך אַ שותף, אָטאָ רוטשאַיעט זי זיך דאָך, אַז מע וועט אַוודאי אָפּגעבן און קיינער איז נישט מסופק אין דרינען.

מיר, קינדער, זיצן אויף די קאַלדרעדיקע קלומקעס, און מיר שטעלן שוין זיך אַפילו פאַר ווי אַזוי די מאַמע וועט געבן צו וויסן אַלע אָרע־מעלייט וועגן דעם קאָרענעם מעל. דאָס זעקל שטייט, די אָרעמעלייטס ווייבער דערלאַנגען זייערע טאָרבעס און די מאַמע שיט אָן יעדערן אַ טאָרבע מעל.

אָבער ניין. דער אויבערשטער וויל, ווייזט אויס, טייערער. און מיר זעען, אַז אַ נייער הימל מיט פונקען האָט זיך געגעבן אַ צעשיט מיט אַזאַ קראַפט, אַז איטלעכן אַרום האָט אַ כאַפּ געטאָן די ווייען ווי ביי אַ געווינערין, וואָס גייט צו קינד. און ביי דער מאַמען האָט זיך אַרויס־געריסן:

— אַ זעקל ווייצענע מעל פאַר אָרעמעלייט!

— מע וועט אַוודאי אָפּגעבן! — ענטפערט אָפּ דער מומעס שטים, ווי אַ ווידערקול.

„מע וועט אַוודאי אָפּגעבן”... געדענק איך און וועל געדענקען אַלע יאָרן. איך בין זיכער, אַז ס׳איז אויך אַ מין גאָטס־דינסט...

צו גאַנץ פרי האָט זיך דאָס פייער געזעצט, נאָר ס׳איז נאָך געווען גוט הייס; פון דער נאַכט האָט זיך עס גוט אָנגעהייצט. בסך־הכל זענען פאַר איינע 5—6 שעה פאַרברענט געוואָרן די גייע קלויז, בתיהס און לייבעס קלייטן מיט די הייזער, שמחה חיה־ברכהס שטוב מיט דער קלייט, מאָטל ראַטנערס צוויי־גאָרנדיקע שטוב, מאָטל איציעס, יאָסל אָרישעס, מאיר דוד דעם באַראַנס, קיילעס און אַלטער ישראל מאירס. אַלץ מיט די שטאַלן, מיטן האַלצוואַרג, מיט די טעפּ און מיטן גאַנצן ביסל באַ־לעבאַטישקייט.

אין דער פרי בין איך, איציקל, אויפן וועג אין חדר אַריין אַרויס־

געגאַנגען אַ קוק טאָן, ווי אַזוי מיט וועמען האָט די נאַכט אַזוי ווילד און אַכזריותדיק געזינדיקט?

איך פאַרשטיי נישט, פאַר וואָס מאַכט זיך עס דער גאַנץ פרי נישט ווייסנדיק, ווישט אָפּ די ליפּן און שווייגט.

געוועז אַזעלכעס?

— יאָ, געוועז... נאָר... פאַרפאַלן. אומקערן קאָן מען שוין נישט? טאָ וואָס וועט אַרויסקומען פון די רייד?!

וואָס זשע זע איך פאָרט? געוועז אַ גאַס, ווי אַ גאַס. איצט איז עס שוין דער רוח ווייסט וואָס. ס׳שרעקן די ווייסע אויוונס מיט די הויכע קוימענס, וואָס שטייען נאַקעט גאַנץ און אויף לייטיש געלעכטער. זיי זענען דען אַ מאָל אַזוי געשטאַנען מיט זייער אָפּגעדעקטער שאַנד?! באָרוועס און נאַקעט, ווי די מאַמע האָט זיי געהאַט?

גאַס שטראָף האָט זיך אויף זיי אויסגעגאָסן, אַז דער הימל און אַלע גאַסן־גייער זאָלן אויף זייער נאַקעטקייט קוקן. הייסע סמאַלינעס פאַרקריכן מיט זייער שאַרפן ריח טיף אין דער נאָז אַריין. וואָס איז עס פאַר אַ האַלבע גאַס? און פאַר וואָס איז די צווייטע זייט גאַנץ געבליבן, כאָטש די האַלב־אויסגעזעצטע פענצטער גלויבן זיך אַליין נישט, אַז זיי זענען גאַנץ. מיר ווילט זיך צורירן צו אַן אָפּגעברענטן קלאָץ, וואָס מע האָט אים נישט געלאָזט אין גאַנצן פאַרברענט ווערן, ער איז אַ לאַנגער, אַ שוואַרצער, אַרום און אַרום מיט קויל באַדעקט.

שאַ, און ווו זענען די מענטשן? די באַלעבאַטים פון די דאָזיקע הייזער? נישטאָ קיינער. אַלץ איז הפקר. טאָמער ווילט איר דאָ אָנגעמען קוילן געמט, טאָמער ווילט איר זיך ריַען מיט אַן אייזערן שטעקעלע אינעם גליִענדיקן פּריסעק, אינעם הייסן אַש — קיינער שטערט אייך נישט. און ייִנגלעך טוען טאַקע אַזוי. פאַרן גיין אין חדר אַריין גראָבן זיי מיט אייזנס. זיי געפינען צונויפגעשמאָלצענע שטיקער גלאָז פון די טאַפּליעס אָדער פון דעם, וואָס איז געכטן אין אָוונט און אַ סך יאָרן דורכאַנאַנד געוועז אַ פלעשל אָדער אַ גלעזל פון אַ לאָמפּ. איין ייִנגל האָט געפונען אַ פאַרטרעטענעם קופּערנעם צענער. דאָס פּנים איז אין

גאַנצן אָפּגעברענט, נאָר אויף דער לינקער זייט קאָן מען נאָך דערקענען אַ ווינקעלע פונעם אָדלער.

מען דערציילט, אַז בערל לייבעס, וואָס איז ביי ציפּען אַ שטיפזון, פלעגט גנבענען צו ביסעלעך געלט ביים פאָטער אין קלייט אין טיש־קעסטל. דאָס געלט האָט ער געהאַלטן אונטער אַ ברעט אויפן דיל פונעם צווייטן שטאָק. איז דאָס געלט אינעם באַהעלטעניש צעשמאָלצן געוואָרן און ס׳פון דעם אַרויס אַ גאַנץ שטיקל גאָלד. דאָס איז שוין אַ געוויסע זאַך. נאָר בערל קאָן עס נאָך נישט געפינען; דערביי טאָר ער נישט אַרויסווייזן, אַז ער זוכט אַזאַ זאַך. און זוכן מוז מען. מען מעג דען לאָזן פאַרפאַלן גיין אַזאַ פאַרמעגן? אַלע — די גאַנצע שטאָט ווייסט עס שוין אויף געוויס. איז נאָר אַ פראַגע, צי דער פאָטער מיט דער שטיפ־מוטער ווייסן שוין אויך וועגן דעם, צי ניין?...

היינט, ווו איז די שניט־סחורה און די טיי מיטן באַקאַליי פון לייבעס רייכער קלייט, ווו איז די שניט־סחורה פון בתיהס קראָם? — וועגן דעם אַלעמען ווייס איך גאָרנישט. איך ווייס נאָר, אַז צוריקגייענדיק פון חדר בין איך ווייטער געווען געפלעפט פון דעם פאַרלענדטן שטיק שטאָט. אַפילו אויף נישט אָפּגעברענטע הייזער פון דער איין גאַנץ־געבליבענער זייט ליסטווענער גאָס איז עפּעס מיאוס צו קוקן. ווי אַזוי שטייט עפּעס איין זייט, בשעת די צווייטע, אַנטקעגנדיקע זייט, ליגט אין שוואַרצע קוילן, אין אויסגעברענטע האַלאָוועשקעס און אין אַש?

און אַז איך בין געקומען אַהיים, האָב איך געטראָפן נייס: צו דער מומען אין זאַל אַריין האָבן זיך אַריינגעקליבן דער רב מיט דער רביצין און מיט אַלע קינדער: חנהלע, אַן איידלינקע, אַ שייבינקע אַזוי ווי אין מיינע יאָרן, איידעלע — אַ פולינקע, אויך אַ שייבינקע — אין דינהלעס יאָרן. אָן־אַ זיצט זי אין זומערדיקע דינינקע מייטקעלעך אין הויף נישט ביי דער מומען, נאָר ביי אונדז און שפּילט זיך אין זאַמד, אַזוי ווי ס׳גאָר קיין שרפה נישט געווען. אָבער ס׳נאָך נישט אַלץ — דינה פירט מיך שווייגנדיק אין שטאָל צו אונדז. ביי אונדז אין שטאָל שטייט דעם רבס יונג בהמהלע, אַ פעל פון רויט מיט ווייס, שיין ווי די שענסטע

שיינקייט, נאָר אין די אויגן מיט די ווייסע ווײַעס איז אַ סך צער. וואָס איז ?...

און אַז איך האָב דערזען, איז מיר אַנטפאַלן געוואָרן ס׳געזונט און ביי מיר האָט זיך דער בליק אויך אָנגעפילט מיט צער. דינהלע קוקט אויך מיט גרויס רחמנות און מיט טרערן אין די אויגן. ביים יונג, שיין און הויכלעך בהמהלע איז אַ גרויסער קלאָג — איין זייט, די רעכטע, איז אין גאַנצן אָפּגעבערענט: נאַס, רויט פלייש. האַנאַ דער רביצינס, וואָס וווינט אויך אויפן שליאַך און מעלקט שבת ביי דער רביצין די בהמה און טראָגט דער רביצין וואַסער — דאָס האָט זי מיט גרויסע שוועריקייטן אַרויסגענאַרט דאָס בהמהלע פון דער ברענענדיקער שטאַל. מען דערציילט, אַז אַ חיה אָדער אַ פערד אין אַ ברענענדיק הויז ווערט דערשראָקן און לאָזט זיך שוין נישט אַרויספירן פון דער געפאַר. נאָר האַנאַ איז צוגעגאַנגען צו דער בהמהלע און איר אַריינגעשריגן אין אויער אַריין:

— סע ברענט!

האָט זיך ס׳בהמהלע געגעבן אַ ריס פון אָרט און איז אַרויסגעשפרונגען דורכן ברענענדיקן טויער. איצט זאָגן אַלע, אַז דעם רבס בהמהלע וועט לעבן בלייבן, מען דאַרף נאָר שמירן די זייט מיט בוימל און נאָך מיט אַזאַ זאַלב, אַז קיין פליגן זאָלן זיך נישט זעצן און דעם נישט דערקוטשען. אַזאַ שיין, יונג בהמהלע! און נאָך וועמענס?! דעם רבס! אַלצדינג, וואָס ס׳איז זיינס מוז דאָך זיין שיין!

איך וויל זייער זען, ווי אַזוי דער רב קומט פון דאַווענען, ווי אַזוי ער גייט אַרויף אויפן גאַנעק. ביי דער מומען אויפן גאַנעק זענען דאָ פינף הויכע טרעפלעך. און ווי אַזוי גייט ער אַראָפּ פון דאָרטן. די רביצין האָב איך אויך ליב און די קינדער אויך.

יאָ, ביי טאָג זענען אָנגעקומען פון וועלעדניק צוויי פורן מיט געבאַקטן ברויט און מיט מלבושים פאַר די אָפּגעברענטע. מיך האָט פאַרנומען פאַרן האַרצן, וואָס אונדזער שטאָט איז אַזוי געוואָרן געפאַלן, אַז אַנדערע שטעט דאַרפן אויף איר רחמנות האָבן און מאַכן אַ נדבה. נאָר אייגנס צום אַנדערן האָט נישט; וועלעדניק איז אַ קלוגע שטאָט. זיי האָבן זיך נאָר דערוווּסט, האָבן זיי זיך גלייך אַ כאַפּ געטאָן! עפּעס אַ קלייניקייט

אויפקלייבן צוויי וועגן מיט געבאַקטן ברויט אין אַ קליין שטעטעלע און אַ פור מיט מלבושים פאַר אָפּגעברענטע שכנים?!

דער רב און נאָך צוויי יידן האָבן געמאַכט אַ צעטל און צעטיילט אַלץ אויף גלייך.

יחיאל בנימין־לייבס שטוב איז געשטאַנען און געקוקט פונעם ראָג אויף דער גאַנצער שרפה און איז געבליבן גאַנץ. אָבער יחיאל אַליין איז געווען זיכער, אַז זיי ברענען שוין, האָט ער, ווייזט אויס, פאַר גרויס צעטראָגנקייט אַריינגעשטעלט אין דעם שבתדיקן סאַמעטענעם היטל פיר גלעזער און האָט אַוועקגעטראָגן „באַהאַלטן" אויף דער בוידעמדיקער סוכה. ס׳טרעפט אַזוי מיט מענטשן אין אַ שעה פון גרויס געפאַר. איך בין נישט געווען דערביי, נאָר איך שטעל זיך לעבעדיק פאָר, ווי אַזוי יחיאל אין זיין שמאָלער לאַנגער קאַפּאָטע מיטן שמאָלן שפּיציקן בערדל הייבט זיך לאַנגזאַם איבער די טרעפּ פון דער בוידעמדיקער סוכה און האַלט איןביידע הענט מיט גרויס פאָרזיכט דאָס סאַמעטענע היטל מיט די פיר אויסגעווישטע גלעזער: אָט־אָט וועט ער זיי ראַטעווען פון דער שרפה!...

די נשרפים האָבן זיך באַזעצט אין שכנות ווער ווו ס׳האָט געפונען. די רייכערע מענטשן האָבן זיך גלייך אַוועקגעשטעלט סטראָיען. פאַר די אָרעמערע מענטשן האָט מען אַוועקגעשיקט איבער דער וועלט פיר פאָר־לעך מענטשן מיט ברייוו פונעם רב און די באַלעבאַטים. מען האָט אָפּגעמאָסטן פאַר די פאָרלעך די צאָל שטעט און ערטער, וווהין זיי דאַרפן פאָרן. צווישן זיי זענען אויך געווען מיין רבי איצל־נאָטעס און אברהם־משה פסח־שמערלס מיט דער שוואַרצער באָרד און גוטע שוואַרצע אויגן, וואָס גלויבט אין גאָט מיטן גאַנצן האַרצן און שטעלט זיך מיט דעם אין ערגעץ נישט אַרויס. ער לערנט אָפּ אַ פּרק משניות, זאָגט אָפּ מיט האַרץ עטלעכע קאַפּיטלעך תהילים; ער איז גוט צו גאָט און גוט צו לייט.

פאַרן רבס וועגן האָט מען זיך אויך געשטעלט סטראָיען אַ שטוב אויף אברהמל דעם רויטנס פּלאַץ, וואָס מען האָט פאַר זיינעטוועגן אָפּ־געקויפט. די רביצין האָט געזייט דעם גאָרטן; ביי דער זייט גאָרטן האָט

זיך אויפן שליאַך געסטראָיעט די שטוב. משהקע איז כסדר געגאַנגען קוקן, ווי אַזוי ס׳גייט די אַרבעט, און איך האָב געוואָלט רעדן אַ מאָל מיט הנהן. אָבער מיר האָט זיך געדוכט, אַז נאָך איידער מיר וועלן אָנהייבן, וועלן מירביידע בלייבן שטיין און נישט וויסן פון וואָס צו רעדן. איך האָב לאַנג געקלערט פון וואָס מען קאָן זיך צערעדן.

* * *

דעם טאַטן האָט מען אויסגעקליבן עפּעס איין מאָל אַזוי אין מיטן דרינען פאַר אַ גבאי אין שול.

וואָס איז דאָס טועכץ פון אַ גבאי אין שול, ווייס איך נישט אַקוראַט. אויף אַ לענגלעך שמאָל פּאַפּיר זענען ביים טאַטן געווען אויסגעשריבן מיט דינינקן שיינעם כתב די נעמען פון די יידן, וואָס דאַווענען ביי אונדז אין קלויז. זיין אייגענער נאָמען איז דאָרט אויך געשטאַנען. אויף אַ באַזונדער פּאַפּירעלע פלעגט ער צו יעדן שבת האָבן אויפגעשריבן די יידן, וואָס מען וועט דאַרפן אויפרופן צו דער תורה, און לויט וועלכן סדר. אויפן גרויסן צעטל זענען לעם אַלע נעמען פון די, וואָס מען האָט שוין אויפגערופן, געשטאַנען רעדעלעך. איך האָב געוווסט, אַז דעם טאַטן טוט שטאַרק באַנג, וואָס די סדרה באַשטייט נישט דורכויס פון גאַלע מיטלשטיקער, פון גאַלע ברוסט. ער וואָלט יעדן ייד — סיי דעם באַלע־באָס, סיי דעם באַלמעלאָכע, סיי דעם אָרעמאַן, סיי דעם פאַרמעגלעכן — געגעבן, געטיילט די בעסטע שטיקער מיטלברוסט. אָבער אַזוי ווי אין יעדער סדרה איז דאָ נאָר איין שישי, איין מפטיר און איין שלישי, וועסטו צוטאָטשען פון די אייגענע פינגער? שטיקעוועט ער און צעשטעלט ווע־מען אַ שביעילע, וועמען אַ רביעילע. די יידן פאַרשטייען אַליין, אַז מע פיצלט פונעם לעצטן. אייגנטלעך, וואָס איז דער אחרון אַזוי שלעכט? — אחרון, אחרון חביב.

אָבער ס׳מאַכט זיך, הלוואי זאָל זיך אַזוי נישט מאַכן! ס׳טרעפט, הלוואי זאָל זיך אַזוי נישט טרעפן! איין מאָל האָט מען שמריהן אברהם־דודס אויפגערופן אחרון. ער האָט געהאַט יאָרצייט און איז נאָר אַרייב־געפאַלן אויסערן חשבון. ביין, זיין ווייב האָט גאָר געהאַט אַ מיידל און

מע האָט אים געדאַרפט אויפרופן. כדי מאַכן דער געווינערין אַ מי־שברך אויף גיכן געזונט און געבן דעם פיצינקן מיידעלע אַ נאָמען. אַזוי איז ער דער שמריה דווקא אַ שטילער יונגערמאַן. ער האָט גערישנט פונעם טאַטן אַן אָרט אין מזרח־וואַנט, נאָר ער איז זיך אַ פּראָסט מענטשל, גייט אויפן דאָרף, קויפט אַ בהמהלע, אַ מאָל פאַרקויפט ער עס מיט פּרנסה, אַ מאָל קוילעט ער עס און פאַרקויפט אויס דאָס פלייש מיט דער פעל... זאָל מען זיך ריכטן, אַז ער וועט ווערן ברוגז? ס׳וועט אים נישט אָנשטיין די עליה?

— אַ רוח אין זיין טאַטנס טאַטן אַריין! — ט׳ער געזאָגט אויפן טאַטן. — נישקשה! מיין בלוטצאַפּעניש וועט אים נישט געשענקט ווערן!

„אחרון" איז בפירוש נישט קיין שלעכטע עליה. נאָר ס׳איז מעגלעך, אַז ער האָט זיך גענומען צום האַרצן, וואָס שוין אַזוי לאַנג, אַז מען לייענט די תורה און ס׳איז נאָך נישט דערגאַנגען צו אים?! האָט אים טאַקע געקלאַפּט דאָס האַרץ. נאָך איין רגע — און ער קאָן נאָך אין גאַנצן אויסן־בלייבן. ער אָן אַן עליה, דאָס ווייב — אָן אַ מי־שברך, דאָס פיצעלע קינד — נאָך אָן אַ נאָמען?..!

אמת, אין גאָר אין אַן ענגן פאַל קאָן מען נאָך פאַר נאַכט ביי קריאת התורה אויך אויפרופן. ווען ס׳טרעפט זיך אַזאַ מ ו ז, גייט דער טאַטע צו צום ייד און רעדט אָפּ אין דער שטיל: אַזוי און אַזוי — ס׳עפּעס היינט אַ ביסל זאַוויזנע, אפשר וועט ער מסכים זיין מען זאָל אים אויפרופן פאַר נאַכט?...

קורץ, שמריה, אָט דאָס קורץ גראָבלעך יידל, האָט געפייערט, געברענט און געזאָטן.

איך בין שוין אויך נישט געווען רויק: איך האָב געהאַלטן אין איין קלערן, אַז ער קאָן קומען אַהיים אַן אויפגעקאָכטער, און דאָס ווייבל זיינס, די געווינערין — צי ס׳גייט איר אָפּ די עליה, צי נישט, נאָר אַז איר מאַן — דער טאַטע פון אירע קינדער, זאָל זיך אויפעסן אַ לעבעדיקער איבער מיין טאַטנס שולד אָדער „פאַרזען" — וועט זי געוויס נישט וועלן. און אויב אַזוי וועט זי שוין אויך אויף אונדז זיין ברוגז.

דער טאַטע האָט געוווסט, אַז ער איז גאָט די נשמה שולדיק. ער

האָט קיין שום שלעכטן מיין דערביי נישט געהאַט — — — אָבער ערשט איצט האָט עס אים שוין גוט פאַרדראָסן. ער נעמט נישט קיין שכירות דערפאַר, וואָס ער דרייט זיך דעם קאָפּ מיט פרעמדע מעשיות. אפשר קאָן דער דאָזיקער שמריה בעסער טיילן, קאָן ער אים אָפּטרעטן דעם כבוד...

דער טאַטע האָט אויסגערעדט דאָס האַרץ פאַר אייניקע מענטשן; מיט שמריהן אַליין האָבן זיי כמעט נישט פאַרביטן קיין וואָרט אויף קיין וואָרט, אָבער ביי זיך האָט דער טאַטע געפּועלט פון דעסט וועגן אַנלערנען אַ ביסל דעם דאָזיקן פּראָסטאַק, און... גלייך דעם ערשטן שבת נאָך דער דאָזיקער שיינער געשיכטע לאָזט ער אים אויפרופן ששי, דעם צווייטן שבת — ווידער ששי, דעם דריטן — נאָך אַ מאָל ששי. ס׳איז געווען אַ גוטע צעפּיקעניש. אָבער יענער האָט זיך נעבעך געוואָרגן מיט די פּעטע ביסנס און ט׳געשוויגן ווי אַ קעצעלע. ווי דען ? וואָס פאַר אַ טענה קאָן ער שוין איצטער האָבן ?! מען רופט דאָך אים אויף ששי!

איך זע אַרויס, אַז אַ מענטש איז מער נישט ווי אַ מענטש... ביי מיר קומט אויס, אַז אויב דער טאַטע האָט אים יאָ געוואָלט איבערבעטן אויף פאַרקערט, רופט מען אים אויף איין מאָל אַן איבעריקס... איבערחזרן עטלעכע מאָל — דאָס איז שוין אַ נצחון־זאַך, און מיט וואָס שפּילסטו דאָ נצחון ? די עליות זענען דען דיינע ? זיי געהערן צו דער קלויז מיט יידן און נישט צו דיר !...

די מאַמע אין דער היים האָט עפּעס אויך געהערט וועגן דעם, גיי־כער — פון מיינס אַ וואָרט. איך ווייס, אַז דער מאַמען געפעלט עס נישט פון דער סאַמע התחלה.

— אָבער מען קלייבט דאָך אים אויס ?! — שטעל איך זיך איין. נאָר די מאַמע ענטפערט :

— אַז דו וועסט נישט וועלן, וועט מען דיך נישט קלייבן ! אויף אַזעלכע מאכלים וועלן זיך אָפּזוכן אַ סך אַנדערע בעלנים... ס׳איז אַ מקום־

קודש. גיי זיך דאַווענען, גיב אַ נדבה און זוך זיך נישט קיין כבוד. „כבוד" קויפט מען אין יאַטקע*).

די מאַמע זאָגט צו מיר: גיי דאַוון, אָבער מיינען מיינט זי געוויס דעם טאַטן. איך פאַרשטיי. איך האָב עס שוין צעקייט. די מאַמע איז היילינג געדעכט. דאָס דאָזיקע גליק מעג מען פאַרגינען די, וואָס קוויקן זיך מיט דעם.

וואָס האָט נאָך דער טאַטע געהאַט צו טאָן ביי זיין גבאות?

קלייניקייטן מיט קלייניקייטן: אַז אַ ייד האָט ביים עולה לתורה זיין מנדר געווען 18 גילדן אָדער ניין גילדן אָדער אַ דרייערל, צי אַ פינף־רובלדיקע, פלעגט ער עס גלייך זונטיק פאַרטראָגן אין שול אַריין און אָפּגעבן דעם שמש, ישעיה־חיימען. ישעיה־חיים פלעגט עס איבערגעבן דעם טאַטן. דער טאַטע האָט די דאָזיקע געלט געקליבן באַזונדער און מען פלעגט עס האַלטן אויף אַ טאַפּליע צו די קלויזפּענצטער, אויף האַלץ, אויף באַצאָלן דעם שמש וואָך־געלט, אויף באַצאָלן דעם בעל־קריאה חיימען רייזלס, אויך אויף דינגען אַ חזן צו ימים־נוראים. אויב ס'סטייעט נישט אויף עפּעס, מאַכט מען אַ ראַסקלאַדקע אוז מען מאַכט צונויף וויפל ס'פּאָדערט זיך, דערביי דאַרף מען אויך האָבן אַ ביסל קאָפּדרייעניש. און גיי האָב צו טאָן מיט פרעמדע האַלבע קערבלעך... דו ביסט דען אַזוי זיכער, אַז אַלע גלייבן דיר?...

גלייך מיט דער מאַמען האָב איך אויך אויסגעקוקט אויף שמחת־תורה, אַז ס'וועט קומען צו קלייבן אַ גבאי, זאָל דער טאַטע אונדזערער זאָגן מיטן פולן מויל: אַ דאַנק! אַ דאַנק! — איצט בעט איך מיר זאָלן קלייבן אַ צווייטן. זאָל זיך נאָך עמעצן אָננעמען אַ ביסעלע כבוד.

אָט אַזוי דאַרף עס זיין.

* * *

שבת נאָכן שלאָף גייט אַ מאָל די מאַמע מיט די עלטערע קינדער

*) שפּיל פון ווערטער: כבוד — ערע, כבד — לעבער. און לעבער קויפט מען אין יאַטקע.

ווייט אויפן פעלד אַ קוק טאָן צו אונדזער לאַן מיט קאַרטאָפּליעס. ס'איז אַהין — פון יענער זייט טויערלעך, גייענדיק מיטן ליסטווענער שליאַך. ווי אַזוי דערקענט די מאַמע, אַז ס'איז אונדזער פעלד? — דערויף דאַרף מען זיין אַ בריה! דאָ זענען אַזוי פיל לאַנעס מיט אַלערליי תבואות און אומעטום וואַרפט זיך דורך צווישן אַ לאַן מיט קאַרטאָפּליעס.

— אָט — זאָגט זי — איז שוין אונדזער לאַן.

איך פיל דערביי אַ שטיקל שעמעוודיקייט און אויך פּאַר אַ האַלבן גראָשן שטאָלץ:

דער פּויער האָט אייגן פעלד, אייגענע ערד, אַן אייגן לאַנד און לעם אים האָבן מיר אויך אַ נישט באַשטענדיקן צוטריט צו דער ערד. מיר רירן זיך אויף אַן אין איר: אָט דאָס איז הייגטיקס יאָר אונדזער פעלד. דאָס זענען אונדזערע קאַרטאָפּליעס....

די מאַמע זעצט זיך צו אויפן גרינעם ברעג פון פעלד. מיר ווילן אַרומלויפן. מיר ווילן באַטראַכטן די לענג פון אונדזער פעלד, מיר ווילן זיך נעענטער באַקענען מיטן צעצווייגטן באַרן־בוים, וואָס שטייט דאָ ביי אַ זייט.

— ס'איז אונדזער בוים? — ווילן מיר דערגיין ביי דער מאַמען.

די מאַמע שווייגט מערסטנס. פון וואָס האָט זי אַזוי פיל צו זיין פאַרטראַכט?

— דער בוים איז דעם פּויערס, נאָר ס'וועלן אָנפאַלן באַרלעך, וועלן מיר זיי מעגן קלייבן.

— מירן אַפילו מעגן טרייסלען?

— מען מעג אַ מאָל טרייסלען אויך. הייגטיקס יאָר זענען מ י ר דאָ די באַלעבאַטים.

די מאַמע שווייגט אַ ביסל. דערנאָך פרעגט זי ביי מיר:

— וואָס איז דער טייטש פון עוטה שמים כיריעה? זי האָט שוין מיך אַ סך מאָל געפּרעגט טייטשן פון „ברכי נפשי״. ערשט העט אַרום האָבן מיר באַשיימפּערלעך געזען, ווי די מאַמע אונדזערע ווערט באַגייסטערט פון דער אַרומיקער נאַטור, און אין „ברכי נפשי״ זענען דאָ זייער שיינע ערטער.

אַז די מאַמע זאָגט: — דאָס היי שמעקט אַזוי געזונט... אַז זי זאָגט: — דאָס היי האָט אַ פרישן ריח, האָב איך נאָך נישט פאַרשטאַנען. די מאַמע זאָגט אַ מאָל: — ס׳גייט אַ דערקוויקנדיק רעגעלע (רעגנדל) אין דרויסן... איז אַז דו קוקסט זיך צו, זעסטו ווי די מאַמע גייט אונטערן שטילן וואַרעמען רעגנדל און האָט נישט מורא, אַז זי וועט פאַרנעצט ווערן.

אין אַ סך יאָרן אַרום, אַז מיר פלעגן זומער־צייט קומען פון דער גרויסער שטאָט אַהיים, האָבן מיר זיך אָפּגעטרייסלט דעם שטויב פון די קליידער, זיך איינגעוואַשן מיט פריש קיל וואַסער, אויפן טיש שטייט שוין פון אונדזערטוועגן אַ קאַלט איינגעבריט גלאָז מילך, אַ קיכל. אָבער די מאַמע פירט אונדז פריִער צום פענצטער און זאָגט דערביי גאַרנישט.

אונדזער שטעטל שטייט אין דער נידער. אונדזער שטוב מיט דער שינעצע אין איינעם קומט אויס שטייען — העכער. אַנטקעגן — פון יענער זייט שטעטל — די פלאָסקע (אַ גרינער פלאַץ פאַר היי־שניט), שטייט אויך העכער. זעען מיר פון אונדזער פענצטער דאָרטן אַהינצו ווייטלעך — אַ גרין־סאַמעטענע שיינע רחבות. אויבן — אַ העל־בלויער הימל אַנטקעגן אַ גרינער רחבות, אַ צוציִענדיקער ים פון באַרויִקונג. ערשט איצט, מיט דער שיינקייט, וואָס אונדזער בליק האָט איינגעזאַפּט אין זיך, פירט אונדז די מאַמע צום טיש מיר זאָלן איבערכאַפּן ס׳האַרץ, ביז זי וועט איינהייצן דעם אויוון און פאַר אונדז מאַכן עפּעס עסן...

פרעמדע קינדער, וואָס שפּילן אויף דער גאַס, האָט די מאַמע ליב צו באַאָבאַכטן, ווי אַזוי זיי זענען פאַרטיפט אין דער שפּיל, ווי אַזוי זיי נעמען אָן שפּיל פאַר ערנסט. און גיין ערגעץ גייט די מאַמע זעלטן ווען, סיידן אויף אַן אָרעמער חתונה אָדער אויף אַן אָרעמען ברית. אַהין פלעגט זי זיך אויספּוצן אין דעם וואָלענעם קליידל און דער ליכטיקער, אַזוי ווי זיידענער, מאַטינע מיט די ברייטע פראָשוועס ביים קאָלנער און ביי די אָרבל פון אונטן. די שיך פלעג איך איר אויספּוצן באַצייטנס און אויפן קאָפּ פלעגט זי אָנטאָן די שוואַרצע שאַרפּע.

איך קוק ווי די מאַמע גייט אַוועק צו מיטערעס געסל עפּעס אַזוי ווי אַן אויפגעריכטע פון עפּעס. כאָטש דער טאַטע וועט דאָרטן אויך זיין,

נאָר צוזאַמען גייען זיי זעלטן. אין שטעטל איז שוין אַזוי איינגעפירט; אַפילו פּאַרבעטן פלעגט מען אויך באַזונדער. הערשל יאָסל־חיימס קומט בעטן די מאַגנבילן, חיה־רחל די אלמנה קומט בעטן די ווייבער:

— די און די בעטן אייך זייער איר זאָלט קומען צו איר טאָכטער אויף דער חתונה.

אויף אַ חתונה, אַז מען גייט, רעדן אָפּ צווישן זיך דער טאַטע מיט דער מאַמען באַצייטנס וויפל, אָדער וואָס, וועט מען וואַרפן דרשה־געשאַנק... אַ מאָל שענקט מען אַ פּאָר נאַקלאַדנע לעפל, אַ מאָל שענקט מען געלט. די פרעזענטן פאַלן אַריין דעם יונגן פּאַרפאָלק און דאָס געלט — ווי אַ מאָל. אַ מאָל גייט עס אַוועק צום יונגן פּאַרפאָלק, זיי זאָלן זיך איינקויפן און פאַרפירן באַלעבאַטישקייט. אָבער מערסטנס דאַרפן עס די עלטערן פון דער כלהס־צד, מע זאָל זיך אויסצאָלן פון די חתונה־הוצאות. זיי האָבן זיך נעבעך אומעטום פאַרבאָרגט און די איינציקע נאַדזשע איז דאָס דרשה־געשאַנק.

אָ,אַ מין דרשה־געשאַנק ציילן אַלע. די גאַנצע שטאָט ווייסט, אַז ס'איז אַריינגעפאַלן דרייסיק מיט אַ האַלבן קערבלעך דרשה־געשאַנק. דאָס איז שוין אַפילו גאַנץ לייטיש.

איך ווייס נישט, ווי לאַנג וועט עס אַזוי זיין: גרויסע שיינע הייזער און ווינציק קינדער; קליינע נידעריקע שטיבלעך מיט אַ סך פאַרמורזעטע קינדערלעך אין שטוב און אַרום שטוב, און אַז מען דערלעבט דאָרטן אַ חתונה, איז עס אַ הונגעריקע, אַ קאָרענע, אַן ענגע און קיין מאָל נישט קיין אויסגעצאָלטע. דוכט זיך, מען צאָלט און מען צאָלט און מען קאָן זיך אַלץ נישט אַרויסקאַראַבען. כאָטש שמערעליכע די אַלטע האָט דאָך אויך אַ מאָל חתונה געהאַט און קינדער חתונה געמאַכט...

אינעם גרויסן גאָרטן, לעם אונדזערע צוויי לאַנגע בייטן, וואָס צווישן דער מומעס און האַנעס גערטענער, האָבן מיר אַ ברייטע מעזשע, ווו דער טאַטע קאָסעט אָן זומער גראָז פאַרן פערד מיט דער בהמה. אַ מאָל טריי־קענען מיר אויס דאָס ביסעלע גראָז און דער טאַטע זאָגט:

— היי, אַזוי ווי זייד.

און אין דער רעדנע טראָגן מיר עס אָפּ אין שטאָל אינעם „סעל־

ניק" (דעם היי־זאַסיק). זומער איז דער סעלניק כמעט ליידיק. אין האַרבסט פּאַרפּאַקעווען מיר אים מיט היי ביז אַרויף און אַ ביסל לייגן מיר נאָך אָן אויף די ווישקעס. אינעם גרויסן גאָרטן האָבן מיר אַ טויערל צום אַריינפאָרן. דורך דאַנעט פירן מיר אַ מאָל אַרויף אַ פּאָר פורלעך הנאָי אויף צו באַגיטיקן אַ ביסל די ערד.

פון פאָרנט אין סאַמע ווינקל שטייט ביי אונדז אַ הויכער בוים פון ראַבינעס. ר'איז אַ הויכלעכער, נאָר נישט קיין גראָבער. פון יענער זייט פלויט, ביי האַגן, שטייט אַביימל פון קאַלינעס. די בלעטער אויף ביידעביימער זענען שיינע. די העגגלעך ראַבינעס און קאַלינעס זענען אויך שיין. אַ ביסעלע ביטערלעך אויפן טעם, נאָר געשמאַק. אין האַרבסט רייסן מיר זיי אָן העגגלעכווייז און מיר הענגען זיי אָן אין הויז אונטערן בוידעם אויף אַ טשוואָק. פאַרן ווינטער פאַרנוצן מיר זיי. זיי זענען גוט אויף אַלצדינג; אַפילו אַז מען טשאַדעט זיך איין, דאַרף מען אַריינלייגן אַ פּאָר קאַלטע קאַלינעס אָדער ראַבינעס אין די אויערן אַריין, ציִען זיי אַרויס דעם טשאַד פאַר עטלעכע מינוט. ווינטער, שבת נאָכן שלאָף, קוויקט מען זיך מיט זיי, ווי מיט אַ גוטער באַשעריי.

אויף דער סאַמע מיט מעזשע, האַרט לעם האַנעס פלויטל, שטייען צוויי פלוימען־ביימער. אויך איינער ביי האַגן אין גאָרטן און אייגער ביי אונדז אין גאָרטן. אויף האַנעס וואַקסן שוואַרצע פלוימען, אויף אונדזערן וואַקסן ליכטיקע, עטוואָס געלבלעכע פלוימען. צי מען גנבעט ביי אונדז אַ מאָל פלוימען ווען זיי הייבן אָן צייטיקן? כמעט ווי נישט. נאָר מיר רעדן איבער, וואָס האַנאַ רייסט אַרויס די פלוימען פון די צווייגן, וועלכע הענגען אַריבער צו איר אין גאָרטן. און מיר? מיר וועלן שוין דאַרפן אַראָפּרייסן די פלוימען פון אירע צווייגן, וואָס הענגען אַריבער צו אונדז אין גאָרטן? מיר זענען ביידע נישט שטאַרק אומגערעכט. פון דעסט וועגן דוכט זיך אויס, אַז זי נעמט פרעמדס און אַז מיר נעמען פרעמדס. ווי אַזוי איז, אַז מען פאַרמאָגט אַן אייגענעם סאָד, ווייס איך נישט. נאָר ס'קען זיין גוט צוגיין צום אייגענעם בוים, אַראָפּנעמען אַן עפּל, אים אָפּווישן און אָנהייבן עסן; אַ באַר פונעם אייגענעם בוים, אַ ווייכע, אַ זיסע... דאָס קער שוין גאָר זיין אַ גן־עדן, און ווינשל אייגענע

מוז אויך זיין פיין. אָבער מיר האָבן דערוויייל אַן אייגענעם פלוימען־בוים, און אַרום דעם גרויסן בוים זעגען אָנגעוואַקסן אַ סך יונגע ביימע־לעך אויך פון פלוימען. דער טאַטע האָט אויסגעגראָבן אַ פּאָר פון זיי און מיר האָבן זיי איבערגעטראָגן אינעם קליינעם גערטל. דאָס קליינע גערטל שטייט ביי די פלייצעס פון דער שטאָט מיט דער שאָפּע און אַפילו פון דער מומעס שאָפּע, דאָס הייסט צווישן די דרויסן וועגט פון די שאָפּעס מיט דער שטאָל און צווישן דעם וועג פונעם קליינעם געסל, וואָס פאַרקיילעכיקט זיך פאַרביי דער הורע זדיביצע, פאַרביי מיקיטעס און מאַרקעס גערטנער און פאַרקערעוועט אַרום פייגל ישראל־דודס און אַרום פעטריק יעסיפס שטוב און גלייך דורך דער שעניצע ביז די טויער־לעך, ביז די פעלדער און צווישן די פעלדער. דאָס געסל איז ביי אונדז כמעט אַ דרייעקיכיקס.

ווו ס׳ענדיקט זיך דער באַרג מיט זדיביצע ענדיקט זיך דאָס גערטל מיט אַ שאַרף שפּיציק ווינקל, און אַזוי ווי דער וועג בויגט זיך אָפּ אַ ביסל, אַזוי צעברייטערט זיך די צוים פונעם גערטל, וואָס קומט אויס אַקעגן מאַרעקס פלויטל מיט די וויינשל־ביימער.

אינעם קליינעם גערטל זייען מיר וואָס אַ מויל קאָן אויסרעדן: קאַרטאָפליעס, פאַסאָליעס, סטרוטשע, קייאָכעס (פּשעניטשקעס), ציבע־לעס, האַרבוזעס, זונען־רויזן, אוגערקעס, מערעלעך, בורעקעס, רעטעכ־לעך... ווי אַזוי האָט עס די מאַמע אַזוי קלוג צוגעטראַכט אַ בייטעלע אַזאַ און אַ בייטעלע אַזאַ, און אַ מאָל אַפילו אויף איין בייטעלע עטלעכע מינים מיט אַ מאָל: ציבעלעס, מערן, בורעקלעך.

פאַסאָליעס וואַקסן ביי אונדז אויף טיטשקעס, האַרבוזעס — אויף דער ערד. אַ מאָל צעפּויזן זיי זיך מיט זייערע ברייטע געזונטאַצקע בלעטער אַזוי ווי די גרויסע גרינע טאַצן אַזש ביז די זשערדקעס פון פלויט און אַריבער. מיר בייגן זיי אָפּ צוריק אין גאָרטן אַריין. וואָרום ס׳גייט דורך אַ בהמה און אוליטעס מיט האַגעס חזירים. פּאַסט מער נישט, אַז זיי זאָלן אָפּהריזען און אויפעסן די הודינע פון אַ גרייטער, גרויסער האַרבוזע. איז אין דעם־אַ גערטל פון פאָרנט לעם דעם האַרבאַר־ניע־הייפל, נישט ווייט פון אונדזער הויז־טיר, האָט דער טאַטע פאַר־

פלאַנצט די פּאָר פלומען־ביימלעך. אַ געלעכטער — אַ געלעכטער, נאָר פּאָר עטלעכע יאָר האָבן זיי זיך צעוואָקסן. ס׳קאָן זיין, אַז איבעראַיאָר וועלן שוין אויף זיי זיין פלומען.

איך האָב פאַרגעסן דערציילן, אַז אינעם „גרויסן" גאָרטן לעם האַ־נעס פלויט זענען נאָך געוואָקסן שטעכיקע מאַלינע־ביימלעך און אָזשינעס. מאַלינעס זענען געוואָקסן שוואַך, נאָר מיר פלעגן אָפּזוכן אַ צייטיקע מאַלינע, טאַקע אַן אמתע, האָט זי געהאַט אַזאַ איידעלן רוח און געשמעקט טעם גן־עדן. זי נעמט זיך אַראָפּ אַזוי ווי אַ היטעלע פון אַ קאַטשאַנדל אַראָפּ. און די אָזשינעס זענען מערער און זענען אויך ביט שוואַרצלעכע, פון קלייניניקע פּופּעשקעלעך צונויפגעשטעלט. און אַזוי ווי מען קוקט זיך נישט אַרום האָט זיך צוגעשטעלט אַהער אויך אַ קאַלינע־ביימעלע אַ יונגס. די גרעב פּונעם שטאָם קאָן מען אומנעמען מיט די פינגער פוןביידע הענט. די צווייגן זענען דינע, נאָר די בלעטער — גרויסע, ראַסנע. און קאַלינעס זענען שוין אויך דאָ. דאָס איז יונג, חנעוודיק און נעמט אָפּ אַן אויג מיט זיין שיינקייט.

אַז מיר פאַרגייען צום עק גאָרטן שטייט דער טשאַסטאָקאָל לעם שליאַך, וואָס קערעווערט אָפּ פון קליינעם געסל צווישן אוליטעס און אונדזער גאָרטן, צו די האַרבאַטשעווסקיס צו. דאָ איז אויך דאָ אַ קורצע מעזשע און אין ווינקל וואַקסט אַ יונגער קליאָן. ער וועט אפשר אויס־וואַקסן מיט דער צייט און ווערן אַ גרויסער, אַ ראַסנער, אַ שיינער און אַ געזונטער.

אַז איך וועל אויסוואַקסן און שוין דאַרפן חתונה האָבן, וועל איך בעטן ביים טאַטן ער זאָל מיר שטעלן מיין שטוב דאָ אויף די דאָזיקע צוויי בייטן. די פענצטער וועלן זיין אָפן פון ביידע זייטן — צו האַנעס גאָרטן און צו דער מומעס טאַקע גרויסן גאָרטן. די שטוב וועט ביי מיר זיין פון הילצערנע סמאַלאָווע ברוסעס, אינעווייניק וועט זי זיין אויס־געקאַלכט און אין דרויסן ניי, און פון קוימען וועט גיין אַ רויך, אַזוי ווי ביי אַלעמען.

ווו וועט זיין אונדזער שטאַל, ווייס איך נאָך נישט. מן הסתם דאָרט, ווו דאָס ווייב וועט זאָגן. און אַוועלכע בהמה וועלן מיר האַלטן, ווייס

איך אויך נישט. — מן הסתם אויך ווי אַזוי דאָס ווייב וועט זאָגן. אַז די מאַמע וועט אַ מאָל אַריינגיין צו אונדז, וועט זי זיין אַ גרויסער גאַסט! מירן גאָר נישט וויסן, אויף וועלכן אויבן־אָן זי זעצן. און די קלענערע מיינע שוועסטער מיטן ברודער זאָלן אויך ביי אונדז זיין היימיש. און איך וועל בעטן דער טאַטע זאָל מיר קויפן אַ פידל און שבת צו נאַכטס וועל איך שפּילן „המבדיל״ פאַר מיין ווייב מיט די קינדער און פאַר די געסט.

צו דער חתונה האָט דאָך די ראַדאָמישלער באָבע געשענקט דער מאַמען אַ גאָלדן זייגערל מיט אַ קייטעלע. פינגערלעך האָט איר דער טאַטע געקויפט. אויסער דעם קידושין־פינגערל האָט זי געהאַט נאָך צוויי. איינס — אפילו מיט אַ בלוי שטיינדעלע, וואָס האָט זיך געלויכטן. די פינגערלעך פלעגט די מאַמע אָנטאָן אין אַ יום־טוב און אויף אַ חתונה, אָבער דאָס זייגערל האָט זיך ביי איר געוואַלגערט אָן אַ נוץ.

די מאַמע האָט אונדז לאַנג נישט געוואָלט דערציילן, דאָך האָבן מיר ביי איר איין מאָל אויסגעפרעגט.

לאָזט זיך אויס, אַז די מתנה, וואָס די באָבע האָט געגעבן דער יונגער שנור איז געווען נישט געקויפט אין קיין קלייט פון צירונג און אויך נישט ניי. ס'איז געווען עמעצנס אַ משכון, וואָס יענער האָט נישט געהאַט ביד אויסצוקויפן...

ווען די מאַמע שעמט זיך נישט ענטפערן אַן עלטערן מענטשן, וואָלט זי איר געזאָגט, דער באָבען: — גיט עס אַוועק דער, ביי וועמען איר האָט עס גענומען. נאָר די באָבע רעדט כסדר צו דער מאַמען אויף אַ הויך קול און זי מאַכט זיך גרויס אָנטקעגן איר. אַז מע וויל זאָגן מאַכט זי זיך גרויס אַנטקעגן סלאָוועשנע, וואָס איז אַזאַ העק און פאַר־וואָרפן ווינקל. מעגלעך, אַז די באָבע, דעם טאַטנס מאַמע, איז טאַקע נישט קיין גרויס־מאַכערין — זי איז נאָר גרעבער און רייכער און פאַרנומענער פון אַן אַנדער סאָרט מענטשן.

פון דעסט וועגן איז זי געקומען צו פאָרן צו אונדז צו גאַסט.

דער טאַטע האָט געשריבן אַלע וואָך אַ קאָרטל קיין ראַדאָמישליע צוליב כיבוד אב ואם. די באָבע פלעגט ענטפערן, ווייל יעדעס קינד איז

ביי איר אַ קינד. אָבער צי האָט זי די מאַמע און אונדז אויך געהאַלטן פאַר אירע קינדער, ווייס איך נישט. אויף דער מאַמען פלעגט זי כסדר אונטערשרייען, פאַר וואָס איז ד אָ ס נישט אַזוי און י ע נ ץ נישט אַזוי? און פאַר וואָס טוט זי נישט אָן שבת אין שול אַריין דאָס צירונג? זי האָט עס באַמערקט שבת אין דער פרי, ווען די מאַמע איז געגאַנגען מיט איר גאַסט אין דער ווייבערישער שול אַריין.

שבת נאָך וואַרמעס ט׳מען אונדז געשיקט „מיט די געסט״ קוגל און איינגעמאַכטס.

פון דער באָבעס „הייבן אַ קול״ האָט די מאַמע אין האַרצן, ווייזט אויס, געלאַכט. ערשטנס, האָט זי דאָ נישט פאַר וועמען מורא צו האָבן — ביי זיך איז זי, אַ דאַנק גאָט, אַ באַלעבאָסטע, און צווייטנס, אַז גאָט דער לעבעדיקער וועט העלפן און מירן זיך פילן אַ ביסל פעסטער, וועט די מאַמע דאָס משכנת־זייגערל אָפּגעבן אַן אָרעמער כלה און איר וועט אונדזער טאַטן, זאָל געזונט זיין, קויפן אַזאַ זייגערל, וואָס ס׳זאָל זיך ווערלן עס אָנטאָן.

אין וואָס — אין וואָס, נאָר אין דעם זינען מיטן צירונג, ווען די באָבע דערוווּסט זיך וואָס פאַר אַן אויסזען און וואָס פאַר אַ טעם דאָס האָט ביי אונדז... און אַ קלוגע יידענע איז זי, און אַ בעל־צדקה איז זי אויך. אין ראַדאָמישליע קען מען זי... וואָלט זי נישט נאָר נישט געשריגן אויף דער מאַמען, נאָר זי וואָלט זיך געשעמט קוקן אין די אויגן... נאָר איצט איז זי ביי אונדז אַ גאַסט, און זי איז נישט געוווינט זיצן אָן אַ טועכץ. האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט אין דער צוגעבויטער סוכה און גענומען פאַרקנעטן ליעניווע וואַרעניקעס אויף וואַרמעס. די מאַמע מאַכט געווייג־לעכע וואַרעניקעס, ווען — מיט קעז און ווען — מיט איינגעהאַקטן ביילִיק. פון קיין „ליעניווע״ האָבן מיר ביז איצט נישט געוווּסט צי ס׳זענען גאָר דאָ אַזעלכע. האָט די באָבע זיי אָנגעקנאָטן, אָנגעקייקלט און אָנגעג־שניטן — זענען זיי אויך גוט און געשמאַק. אָפּגעקאָכטערהייט מישט מען זיי איבער מיט קעז און מיט פּוטער און מען שטעלט זיי אַוועק אין אַ הייסן אויוון אויף אַ פערטל שעה. איז עס אַ גאַנץ גוט עסן,

כאָטש דער מאַמעס זענען געשמאַקערע. נאָר אַ בייס איז עס און געמאַכט האָט עס אונדזער גאַסט — די באָבע אַליין.

אין די בריוולעך שרייבן מיר צו איר פייגע־שפּרינצע, נאָר רופן רופט מען זי פייגע די האַרבאַרקע אָדער פייגל הערש־לייבס. נישקשה, זי האָט אַ גוטן נאָמען אין ראַדאָמישליע און די מאַמע נעמט זיך נישט צום האַרצן. ערגעץ איז זי צופרידן, וואָס די באָבע איז ביי אונדז צו גאַסט; ס'שאַט נישט, אַז די באָבע זאָל וויסן, אַז מיר זענען ביי זיך חלילה נישט אַראָפּגעפאַלן. מיר זענען ביי זיך אין דער היים, און דעם טאַטן וועט די באָבע פון דער מאַמען נישט אָפּרעדן, וואָרום דער טאַטע אַליין רעדט איבער אַ מאָל, ווען ער איז אויפגעלייגט, אַז ער וואָלט וועלן פאַרמאָגן עפּעס אין קעשענע און אַז ער וועט פאָרן קיין ראַדאָ־מישליע, זאָל ער פאַרפאָרן מיטן ווייב אין אַ גוט איינפאָרהויז און צו דער באָבען גיין זיך זען, איר אָפּגעבן כבוד, נאָר נישט שטיין אין איר לאַסקע.

אָט דאָס האָט דער טאַטע טאַקע שוין באַקלערט. מיר געפעלט עס אויך: פאַרפאָרן אין אַ שיינעם איינפאָר, באַשטעלן זיך געריכטן אַזעלכע ווי איך פאַרשטיי און צו דער באָבען גייען מיר זיך צו גאַסט, זען וואָס זי מאַכט, זיצן אַ ביסעלע און פאַרברענגען. ס'האָט גאָר אַן אַנדער טעם.

און די מאַמע אונדזערע האָט זיך טאַקע מיט דער באָבען נישט פאַרטשעפּעט. מען האָט זיך אַפילו צעקושט ביים געזעגענען זיך, ווען דער באַלעגאָלע איז געקומען מיט די גלעקלעך. דאָס איז געווען דעם גאַנץ פרי, ווען די באָבע איז פון אונדז אַוועקגעפאָרן. דעם טאַטן האָט זי אַפילו געזאָגט:

— נונע, זאָלסט דאָ נישט ווערן קיין פאַרשמאַלצענער פּאָלישוק!

די פּויערים פון אונדזערע קאַנטן (פון פּאָליעסיע) הייסן פּאָלישוקעס און זיי זענען אַ ביסעלע אָפּגעלאָזענער און פאַרשמירטער פון די פּויערים, וואָס וווינען אין מיטל־אוקראַיִנע.

די באָבע האָט אונדז איבערגעלאָזן אַ פּופּציקער געלט. אַ פאַרמעג־לעכע מאַמע דאַרף איבערלאָזן די קינדער עפּעס אַ מתנה. די באָבע

פייגל איז אַ שיינע און אַ שטאַטישע. אין דער היים ביי זיך פירט זי די גאַנצע האַרבאַרניע.

איך האָב אַכטונג געגעבן ווי זי איז אַרויפגעקראָכן אויפן וואָגן און איר געווונטשן אין האַרצן, זי זאָל פאַרפאַרן פריִער צו דער באַן און דערנאָך מיט דער באַן ביז אירשע, און דערנאָך ווייטער שוין מיטן ראַ־דאָמישליער באַלעגאָלע אַהיים צו זיך. נישקשה — אַזאַ באָבע איז נישט קיין אומכבוד... דער טאַטע האָט אַפילו געזאָגט, אַז ער וויל איינשפּאַנען דאָס פערד און זי אַליין אָפּפירן קיין לוהא, אָבער די באָבע האָט געזאָגט, אַז ס'איז נישט כדאי טרייבן דאָס פערד 45 ווערסט אַהין. און 45 ווערסט צוריק. ביים באַלעגאָלע וועט עס קאָסטן 6 גילדן און מע וועט אויך פאָרן ווי אַ מענטש.

ווער איז נאָך ביי אונדז געווען צו גאַסט?

איין מאָל איז געווען פעסל די וועלעדניקער. אַ געזונט שיין מיידל. אַנטקעגן דעם טאַטן מיט דער מאַמען איז זי געווען אַ יונגע, אַנטקעגן מיר מיט דינהן איז זי געווען שוין אַ גרויסע. אַט־אַט אַ כלה. זי פלעגט שטיפן און קאָמאַנדעווען. אַ מאָל פלעגט ברכה דער מומעס צו איר קו־מען, פלעגן זיי שלאָפן אין אייבעם און אויך קאָמאַנדעווען, זיך אַנשפּילן און זיך אַנלאַכן.

די מאַמע אירע, גיטל, אַ יונגע, שטאַלטנע אלמנה, איז מיט אונדז פריינד. ווי אַזוי געהער זי זיך אונדז אָן, ווייס איך נישט אַקוראַט. זיי האָבן אַן אייגענע שטיב אין וועלעדניק, וואָס ענדיקט זיך פון פאָרנט מיט אַ דעכל אויף סטויפעס אַזוי ווי אַ שאַפע. זיי קערן עפּעס האָבן געלט און מען לעבט זיך. פעסלען וועט מען מן הסתם גיך חתונה מאַכן, דאַן וועט גיטל, די מוטער, זיך אפשר אויך מיט עמעצן צונויפגיין.

דאָס אַלץ הערן מיר אין שטוב, ווען דער טאַטע מיט דער מאַמען רעדן צווישן זיך און ס'זענען קיין זייטיקע נישטאָ דערביי.

איין מאָל איז געקומען צו אונדז איציק דער באָבעס, דעם טאַטנס יינגסטער ברודער. ס'איז געווען ווינטער. ער איז געגאַנגען אין אַ שיין טולעפּל מיט אַ שוואַרצן קאַטיקאָוון קאָלנער און איגעווייניק מיט פוטער פון אַזעלכע ווייסע קעצעלעך מיט שוואַרצע וויידעלעך. איך האָב נאָך

אין גאַנץ סלאָוועשנע נישט געזען ביי קיינעם אַזאַ פוטער. דער פעטער איציק איז זייער אַ שיינער, אַ ייִנגל נאָך, אָן אַ באָרד, מיט שוואַרצע חנוודיקע וואָנסעס, שיין פאַרקעמטע האָר, מיט אַן אייגן קעמעלע אין דער אויבערשטער קעשענע פון פּיזשאַק. ער איז געגאַנגען מיט אונדז שבת אין שול אַריין דאַווענען. אויפן שטענדער איז געלעגן זיין פוטערל מיט די ווייסע קעצעלעך אַרויף. איך האָב נישט געקאָנט אָפּגיין פונעם שטענדער אויף קיין רגע. איך האָב אַלע מאָל אין דער שטיל אַזוי ווי אומגערן אַ גלעט געטאָן די ווייסע קעצעלעך מיט די שוואַרצע וויידעלעך, כאָטש זיי זענען אונדזערע, אונדזער פעטערס...

דאָס איז געווען אַ גוטער גאַסט. ער פלעגט אונדז האַלטן לעם זיך, ער פלעגט מיר געבן זיין גלאַנציקן פּאָרטאַבאַק פון די גילזן, איך זאָל אים עפענען און פאַרמאַכן וויפל איך וויל.

די מאַמע פלעגט ער רופן — ליבע, דעם טאַטן — נונע און ביי יעדן וואָרט פלעגט ער זאָגן „ספּאַסיבאָ". ביי אים איז אַזאַ שיין און איידל געזיכט. שוואַרצע אויגן און גייט אָנגעטאָן אין גאַנצן שטאָטיש. אַז זעסט אים, קאָנסטו זיך נישט פאָרשטעלן, אַז ביי דער באָבען טוט ער אויך פּראָסטע האַרבאַרסקע אַרבעט, אַזוי ווי דער טאַטע פלעגט ביי איר יינגלוויז אַרבעטן. דער פעטער בערל — אויך אַ בחור — אַרבעט אויך אין האַרבאַרניע, נאָר אויפן פעטער בערלען איז דער אויסזען אַ פּראָסטערער...

די באָבע איז קיין עין־הרע אַ מאָלאָדיעץ: — אַכט זין מיט דריי שיינע טעכטער, דערנאָך גייען שניר, איידעמס און אייניקלעך. די זין זענען אַלע חתונה געהאַטע, אויסער בערלען מיט איציקן. פיר זין זענען אין אַמעריקע — אשר און שאוליק און שמואליק און שפּעטער — אויך בערל.

אשר, אַז ער האָט צוגעשיקט אַ קאַרטע, שטייט ער מיט אַ רייכן קאַמזויל און מיט אַ קייט און מיט אַ זייגער און אין אַ שוואַרצן פּראַק. לעם אים שטייט זיין וויב און לעם זיי ביידן צוויי שיין־אויסגעקעמטע קינדער. אַ קוק טאָן אויף אים איז ראָטשילד צו אים נישט גלייך, וואָרום ער זעט אויס נאָך שטאַלטנער פון ראָטשילדן. זיין אַרבעט איז אַ קאַנ־

דוקטאָר אויף דער קאָנקע. אין אַמעריקע זענען, ווייזט אויס, אויך דאָ קאָנקעס, אַזוי ווי אין קיִעוו.

שמואליק האָט דאָרט אַליין אַ זאַוואָד. ער איז אַוועקגעפאָרן אַהין נאָך אין גאַנצן אַ קליינער אפשר פון 16 יאָר. קיינער האָט אים אַהין נישט געטריבן. ער האָט זיך אַליין אָנגעטראַכט, און שאוליק — דער עלטערער מיט בערלען — דעם קלענערן האָבן ביי אים געאַרבעט. ער האָט זיי געצאָלט שכירות פון דער וואָך. אַ ביסל האָב איך זיך געשעמט מיט דעם. אַז מע האָט אַן אָרעמען ברודער, דאַרף מען אים נישט צונע־מען פאַר קיין אַרבעטער און אים צאָלן וואָך־געלט. מען דאַרף אים צו־נעמען פאַר אַ שותף אָדער אים עפּענען אַליין אַ קליין זאַוואָדל, וועט מיט דער צייט ווערן פון אים — אַ גרויסער. אָבער איבערפרעגן פּאַסט עפּעס נישט, כאָטש ביי אשרן וואָלט מען מעגן פרעגן אין אַ קאַרטל, וואָרום ער איז דאָ רויטשילד ביי זיך אַליין, ער אַרבעט דאָך נישט ביי שמואליקן...

שיינע זין ביי דער באָבען און שיינע טעכטער: דער טאַטע איז אַ שיינער, דער פעטער יהושע, וואָס איז דער עלטסטער (און זיצט מיט דער מומען איטען אויף אַ קאַרטע), וואָס וווינט אין זשיטאָמיר און האָט שוין גרויסע, אויסגעגעבענע קינדער, איז אויך אַ שיינער. הייַנט דער פעטער איציק, וואָס איז דער ייִנגסטער, איז דאָך טאַקע שיין ווי די וועלט.

אַז ער איז געווען ביי אונדז צו גאַסט, האָט זיך נישט געגלוסט ער זאָל פון אונדז אַוועקפאָרן. ער דערציילט, זייער שיין, ווי אַזוי דעם פעטער שאוליקס ווייב — די מומע חיהקע — איז אַליין פון הימען (אומאַן), רעדט מען ביי זיי אַזוי: „דער טאַטע איז געלעגן אויף דער קאַנאַפּע, איז געקומען די קאַץ און אים געגעבן אַ דראַפּע״... ווייזט אויס, אַז דעם טאַטן האָט מען ליב ביי דער באָבען אין שטוב. אַז די ברידער פון אַמעריקע וועלן קומען, וועלן זיי אויך פאַרפאָרן צו אונדז צו גאַסט, און מירן אויך מיט זיי גיין שבת אין שול אַריין און מען וועט זיי געבן מפטיר.

ווער איז ביי אונדז נאָך געווען צו גאַסט אויסער דעם פעטער שאו־

ליקן, געדענק איך נישט. איך ווייס נאָר, אַז יעדערן האָט מען געגעבן אַ ריין ליילעך אַ באַזונדערס צום שלאָפן און געמאַכט אַ ריין געלעגער מיט פרישע ציכלעך אויף די קישנס.

* * *

איין ייד, וואָס פלעגט צו אונדז פאַרפאָרן אַלע יאָרן, מיט אַ ווייסער, גרוילעכער באָרד און מיט קלוגע אויגן, איז געווען ברוך דער ראָזשעווער. פון וואַנען ער איז? דוכט זיך, פון ברוסילאָוו.

אַזוי ווי אַ גוטער ייד פאָרט אַרום אין אַלע שטעטלעך, אַזוי פאָרט ער אויך אַרום. ער שטעלט זיך אָפּ אין יעדן שטעטל — אין יעדן שטעטל, ווו ס׳זענען דאָ האַרבאַרניעס: אין וועלעדניק, אין סלאָוועשנע, אין לוהין, אין באַזאַר, אין נאַראַדיטש, טוט אויף וואָס ער דאַרף און פאָרט זיך ווייטער.

ער שטייט ביי אונדז סטאַנציע. ס׳געפעלט אים פאַרברענגען מיט מיין טאַטן. ס׳געפעלט אים דאָס עסן, וואָס די מאַמע קאָכט און דאָס געלעגער, וואָס ער האָט ביי אונדז. אַזוי, אַז ער קומט צו פאָרן איז ער שוין אַלע יאָרן אונדזערער. אַז ער קומט צו פאָרן, ברענגט ער אַ סך זעק, גרויסע לאַנטעכער. ער פירט מיט זיך אַ זאַק־נאָדל און שפּאַגאַט — וויפל דו ווילסט. מיט דער נאָדל און מיטן שפּאַגאַט פאַרנייט ער די זעק. ער גייט אין אַ פּראָסטער קאַפּאָטע. אַ הויכער, אַ קלוגער ייד. ביי טאָג, אַז ער לייגט זיך צו, סאָפּעט ער שוין. איך האָב ליב שטיין לעם אים און קוקן: ער טוט אַ בלאָז דורך די קוים־צעעפנטע ליפּן צווישן די וואָנסעס און טוט אַן עטעם מיט דער נאָז, טוט אַ בלאָז מיט די ליפּן און אַן עטעם מיט דער נאָז.

ער איז דער ייד פונעם שערסט מיט דער מעזדרע.

אין אַלע האַרבאַרניעס קריכט ער אויף די בוידעמער, באַטראַכט דעם שערסט, די מעזדרע, אַפילו — די הערנער, און קויפט עס אָפּ. די הערנער צאָלט ער אויפן שטיק און וואַרפט זיי אַריין אין די זעק. אויב ער קלאַפּט אויס די ביינער־אינעווייניקסטקייטן פון די הערנער, פאַר־

ברענגען מיר זיי אונטערן קעסל (ס׳גייט פון זיי אַ רויך נישט קיין געשמאַקער).

ער דינגט אַן אַרבעטער, וואָס פּאַקעוועט דעם שערסט מיט דער מעזדרע אין די לאַנטעכער. אַ מאָל דינגט ער טימורן אוליטעס פּאַר אַ פּאָדעניק און באַצאָלט שיין, יענער זאָל אויף אים קיין פּאַריבל נישט האָבן. אַ מאָל בעט ער ביי די האַרבאַרעס מע זאָל אַראָפּוואַרפן דעם שערסט אויף דער ערד און אים איבערקלאַפּן מיט אַ ציפּ, ס׳זאָל פון אים אַ ביסל אַרויס די וואַפּנע. אונדזער שערסט לויבט ער אַלע מאָל, ווייל ביי אונדז איז דער שערסט גוט אויסגעוואַשן און אויסגעקלאַפּט. עפּעס האָט ער ליב, דער טאַטע אונדזערער, ס׳זאָל ביי אים זיין אַלצדינג גוט אויפגעטאָן.

דערנאָך נעמט ברוך ביי יאַנקלען זוליאַך די ענגלישע וואָג און ער פאָרט אַרום מיט אַ פור פון האַרבאַרניע צו האַרבאַרניע, וועגט אָפּ די טיוקעס און לאַנטעכער מיט שערסט און מיט מעזדרע, ציילט צו די הערנער. מע לייגט אַוועק אויפן טיש אַ סטשאָט אָדער מען שרייבט מיט אַ קריידל, מען רעכנט און מען חשבונט. און אַז ס׳איז שוין אַלץ קלאָר פאַרביידע צדדים, נעמט אַרויס ברוך דער ראַזשאַזוער זיין לאַנגלעכן טייסטער (פון ליכטיקן זאַמש) און ציילט צו דאָס ביסל מזומנים, פריער מיט בנציונען דעם האַרבאַר, דערנאָך מיטן פעטער זלמנען, און אַזוי מיט איטלעכן. אַ מאָל צעצאָלט ער זיך ביי יעדן אין שטוב באַזונדער און אַ מאָל פירט ער צונויף די טיוקעס צו אונדז אויפן הויף. די געדונגענע פורן קומען צו פאָרן מיט שטריק און מיט רובליעס, די וועגן לייגט מען אָן הויך אַזוי ווי היי אָדער סנאָפּעס, און מען שטייפּט איין די זעק מיטן רובעל און מיט די שטריק. אַז אַלע פורן שטייען שוין גרייט, צעצאָלט זיך ברוך מיט אַלע האַרבאַרעס, שוין ביי אונדז אין הויף אויף אַ טיש. און מיר בעטן אים ער זאָל נאָך אויסטרינקען אַ גלאָז טיי און עפּעס איבערבייסן. ער איז שוין צעטומלט פונעם וועג, אָבער די מאַמע בעט אים איין; זי זאָגט, אַז די פורן וועלן צוּוואַרטן אַ ווײלע, און ער גייט אַריין אין שטוב, וואַשט זיך און טוט עפּעס אַ ביס.

מיר האָבן ליב, ווי אַזוי ער רעדט. אויף זיסער טיי זאָגט ער „זשיסע״,

נאָר אַ ייד איז ער אַ „באַיעוואָי״. אָפּט דערציילט ער אונדז וועגן זיינע זין. איצט ווייס איך שוין פון וואַנען ער איז. ער איז נישט פון ברוסילאָוו, נאָר טאַקע פון ראָזשעוו, פון דער ראָזשעווער קאָלאָניע. אין קאָלאָניע זענען טאַקע די יידן מיט געזונטע ביינער. די זין און די טעכטער זענען ביי זיי אויך געוואַקסענע געזונטע הברה. אַז מע דאַרף געבן אַ מאָל אַ פויער קלעפּ — גיט מען. זייערער אַ פּאַטש פאַרגעדענקט זיך...

אַז מיר הערן, ווי ער דערציילט פון זיינע בראַווע זין מיט זיינע פעסטע שנור, פאַרשטייען מיר, אַז אַזוי איז עס.

דעם שערסט מיט דער מעזדרע מיט די הערבער צעגיט ער אין פאַרשידענע זאַוואָדן, ווו מען באַצאָלט אים. מען קערט אים אום פאַר די הוצאות און מען גיט נאָך אים עפּעס אין קעשענע אַריין אויף צום לעבן. דעם שערכט גיט ער אָפּ אויף אַ געוואַנט־זאַוואָד, די מעזדרע גייט אויף סטאָליאַרסקי קלעי. אַז מיר קויפן ערגעץ אַ פונט קלעי — אַזעלכע דורכזיכטיקע ברעטלעך האַרטע מיט אַ קיילעכדיקן פּעטשאַט אין דער מיט, ווייסן מיר, אַז דאָס האָט זיך אומגעקערט צו אונדז פון אונדזער מעזדרע, און אַז מיר קויפן אַ ביינערן קעמל אויף צוואָגן דעם קאָפּ, ווייסן מיר, אַז דאָס האָט זיך אומגעקערט צו אונדז איינער פון אונדזערע אָדער פון יאָנטלס הערנער.

אָט אַזוי פאָרט ער אַוועק פון אונדז, רב ברוך דער ראָזשעווער. ער זעצט זיך אַוועק אויף דער פור, פאַר וועלכער ס׳זענען געבליבן ווינציקער זעק.

— זייט געזונט און האָט פּרנסה!

— פאָרט געזונט און זייט מצליח! — און די מאַמע גיט נאָך צו: — האָט אַ גוטע עלטער און קומט צו אונדז צו פאָרן!

ביים אַוועקפאָרן פאַרגעסט ער נישט איבערחזרן פון ס׳ניי:

— מיט אייער סחורה פאַרשפּאַר איך האָבן וואָס צו טאָן. אייער סחורה וועט מען מיר נישט פאַרבראַקעווען.

— קומט צו פאָרן! — הזרן מיר איבער.

ער וועט מירצעשעם קומען. ווער דען וועט קומען — אַן אַנדערער? נאָר וואַרטן דאַרף מען אויף אים ערשט איבעראַיאָר אין דער צייט.

די פּאָר רובל, וואָס מען לייזט ביי אים אָפּ, איז אָדער מען טראָגט אָפּ צו בתיהן אין קלייט, ווייל מיר נעמען ביי איר אויפן בוך (אויף חוב, וואָס פאַרשרייבט זיך אין בוך), אָדער מען באַשליסט קויפן אַ ביסל צייג אויף וועש, און מאַכן ווען מען דאַרף אַ מלבוש.

אַז ר׳ ברוך קומט צו פאָרן, ברענגט ער מיט זיך אויסער די זעק זיין גרויען שטויב־מאַנטל, אַ לעדערן רענצל מיט אַ מעשענעם שלאָס. דאָס רענצל איז מערסטנטייל ליידיק נאָר דער טלית און תפילין, די נאָדל מיטן שפּאַגאַט. און כסדר פירט ער מיט זיך גערויכערטע פישלעך און גוטע, געשמאַקע טאַראַנקעס.

אַז ער קומט צו פאָרן, טוען מיר זיך גלייך אַ וואָרף צו זיין סאַקוואַ־יאַזשל. ער האָט אָפּגעוואַשן דאָס פּנים מיט דער באָרד, מיטן האַרט־געשווירענעם קאָפּ פונעם שטויב, די מאַמע דערלאַנגט אים אַ גלעזל וואַרעמס, אַ שטיקל ברויט מיט פּוטער און מיר עסקן זיך שוין לעם זיין רענצל. די פישלעך, וואָס ער ברענגט, שמעקן אויסגעצייכנט, און מען מעג, מען דערלויבט אונדז זיי שיילן און עסן.

ר׳ ברוך דער ראַזשאָוער איז אַ קלוגער ייד. זיינס אַ וואָרט פאַר־געדענקט זיך. ער זאָגט:

— ס׳איז נישטאָ אויף דער וועלט קיין געשמאַקערע אַרבעט, ווי שטיין און קוקן ווי אַזוי עמעצער אַרבעט...

* * *

יאַגעדעס האָבן מיר ליב, סיניצעס — יאָ, מאַלינעס — ווי דען? און ווייַנשל — אַוודאי! פלוימען — אויך. ווייַנטרויבן זעט מען ביי אונדז זעלטן. אַבריקאָסן און פערשקעס — נאָך זעלטענער. ס׳זענען דאָ טעג אינעם זומער, ווען אַלע קינדערלעך אין שטאָט גייען אַרום מיט אויס־געשמירטע פיסקעלעך, פאַרמורזעטע בעקעלעך, די ציין און די הענטלעך שוואַרץ... וואָס איז? ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די שוואַרצע יאַגעדעס, און מאַמעס קאָכן יאַגאָדניק, איז ער שוואַרץ, איז ער געשמאַק. שמירט מען אים אויף ברויט, שמירט ער די באַקן, די ליפּן, די ציין. די ציין זענען אַ גאַנצן טאָג שוואַרצע. אַ מאָל ברענגט די מאַמע צו פירן אַ פויערטע

מיט אַ גאַנצן קאַרב יאַגעדעס פון מאַרק אין שטוב אַריין, און די פּויערטע מעסט מיט אַ גלאָז — מיט אונדזער גלאָז — אַזוי האָבן מיר זיך אויסגעדונגען, און מיר אַלע שטייען און קוקן און יעדערער ציילט ביי זיך אין קאָפּ און מען איז שטאַרק פאַרטאָן: 18, 19, 20!! די פּויערטע שטעלט זיך אָפּ, דערנאָך נעמט זי אָן אַ הייפל יאַגעדעס און שיט נאָך צו פאַר אַ צוגאָב. וואָס וועט די מאַמע טאָן מיט זיי? אַ טייל וועלן מיר עסן. פון אַ טייל וועט די מאַמע אָפּקאָכן אַ יאַהאָדניק, און די איבעריקע וועט די מאַמע אָנשיטן מיט צוקער אין פלעשלעך אָדער אין אַ קליינעם בוטליקל, וועט זיין נאַליוקע. די נאַליוקע איז גוט אַ מאָל גלאָט אין אַ גלאָז טיי, אַ מאָל אויף קידוש מאַכן, נאָר דער עיקר איז עס אַ רפואה. טאָמער מאַכט זיך ביי עמעצן אין שטוב אַ צעקאַליעטער, אַ שיטערער מאָגן, איז עס די בעסטע רפואה אויף האַרטעווען דעם מאָגן און דערצו איז עס נאָך געשמאַק אויך. האָט איר געזען אַ מאָל אַ רפואה, וואָס זאָל נאָך צו אַלע זאַכן זיין געשמאַק?!

דערנאָך הייבט מען אָן טראָגן פון דאָרף סוניצעס. מיר רופן זיי „רויטע יאַגעדעס". ווייכע און געשמאַקע — אוי־אוי־אוי!

פּאַר נאַכט זעען מיר, ווי קליינע פּויערשע מיידלעך לויפן אין שטאָט אַריין. ווער ס'טראָגט אַ טעלער איבערגעדעקט מיט אַ האַנטעך, ווער ס'טראָגט אַ ווייס פּאַרצעלייען שיסעלע. מיר פאַרקערעווען אַ פּאָר דאָרפישע מיידעלעך אַזעלכע צו אונדז אין הויף אַריין. די מאַמע דינגט זיך אויס. דאָס פּויער־מיידעלע איז נישט קיין בריה אויף האַנדלען און זיך דינגען, אָבער זי האָט דאָך אויך אַ מאַמע און די מאַמע האָט איר געקערט אָנזאָגן אַ פּרייז.

אין גוטע שטיבער, ביי גוטע פּויערשע מאַמעס וועט דאָס דריבנע געלט געהערן דעם מיידעלע אַליין, און זונטיק וועט מען דעם קויפן אַ קאָלירטן קאָסניק, אַ קעמעלע, אַ שפּיגעלע און אַ סטענגע. אין אַ קאַרגער שטוב אָדער אין אַן אָרעמערער וועט די מאַמע צונעמען דאָס גאַנצע געלט און באַהאַלטן אויף וויטיקערע זאַכן. און מיר קוקן שוין צו די איבערגעשאָטענע סוניצעס און מיר באַלעקן זיך אַזש, וואָס וועט עס די מאַמע טאָן מיט זיי? ערשט די מאַמע האָט גענומען עטלעכע שאָלן,

זי האָט אַראָפּגעשאָטן דעם טאָטן אַ שיינע שאָל יאַגעדעס און יעדן פון אונדז האָט די מאַמע אָנגעשאָטן צו ביסעלעך. אָבער זיי שיטן זיך שיין. זיי זענען גישט קיין צעקוועטשטע, און די מאַמע האָט נאָך אָוועקגע־שטעלט די סאַכאַרניצע מיטן זאַמדצוקער, אַז מיר זאָלן באַשיטן ווער ס׳וויל. אַזעלכע יאַגעדעס קאָן מען עסן אַזוי אויך, אָבער אַז דינהלע האָט גענומען אַ לעפּעלע צוקער און באַטרייסלט די יאַגעדעס, האָט זיך אונדז אויך פאַרגלוסט. און דער זומער־פאַרנאַכט איז מיט זיין גאַנצער שיינקייט געוואָרן נאָך שענער, אַ דאַנק די קליינע, פריילעכע דאַרפס־מיידעלעך מיט די ווייסע טעלערס, איינגעבונדן אין אַ ריין האַנטעך אָדער ווייס שמאַטקעלע.

אַז דאָס מיידעלע פאַרבינדט דאָס געלט אין אַ קליין שמאַטקעלע און באַהאַלט עס גוט, לויפט עס גלייך אַוועק צוריק קיין ליסטוועץ אָדער פּעטרישע אָדער פּראַנקאָווע. זומער ווערט פינצטער נישט אַזוי גיך, וועט זי נאָך דערלויפן אַהיים אין דער ליכטיק. און מאָרגן, אויב מען וועט זי לאָזן, וועט זי ווייטער גיין אין וואַלד קלייבן יאַגעדעס און זי וועט טראָגן אין שטאָט אַריין פאַרקויפן.

איינגעמאַכטס פּרעגלט די מאַמע צוויי סאָרטן: ווייַנשל און מאַלי־נעס. מאַלינעס איז אויך אַ רפואה, אַ מאָל דאַרף מען דאָס איינגעמאַכטס צום שוויצן. דאָס איז אויך אַ געשמאַקע רפואה. די מאַמע גיט אַ מאָל שבת צום פאַרבייסן דעם קידוש אַ גלעזערן שאָלעכל מאַלינעס איינגע־מאַכטס. די מאַלינעס שמעקן מיט זייער אַן איידעלן, גלוסטנדיקן ריח.

און ווייַנשל? — ווייַנשל פּרעגלען מיר מערער, און טאַקע אין דרויסן אונטערן הימל. די מאַמע קריגט אַ גרויסע פאַן אויף דריי פּיס־לעך, און מיר טראָגן שוין אָן שפּענדלעך, פון דער גאַנצער וועלט. שפּענדלעך, שטיקלעך שטעקעלעך, פּערעווויסלעס פון קאָרע און אַפילו אַלטע קלעפּקעס. און אַז די מאַמע קערלט מיט אַ האָרנאָדל די ווייַנשל, זענען מיר אויך אַלע דאָ, נאַשן? זאָל זיין נאַשן. פאַר וואָס נישט? אַז ס׳גלוסט זיך.

אַז דאָס איינגעמאַכטס הייבט אָן זידן און פּינען, טוט די מאַמע אַ פּיר מיטן הילצערנעם לעפל ביי די ווענטלעך פון דער פאַן און נעמט

אַראָפּ די ווייס־ראָזלעכע פּערע. מיר דערלאַנגען דער מאַמען אַ שאָל אָדער אַ טעלערל, אַ וואָס זי הייסט נאָר. כאָטש הונגעריק זענען מיר נישט, נאָר יעדערער פון אונדז קומט מיט אַ מוצאלע ברויט. די מאַמע זעט עס, זאָגט זי גאָרנישט, נאָר זי באַשמירט אונדז דאָס ברויט מיט קלעפּיקלעך־זיסער, נאָך הייסלעכער פּערע. מיר צעלויפן זיך אין אַלע זייטן מיטן געשמאַקן זומערדיקן ביסן און קומען זיך באַלד ווייטער צונויף. ס׳איז גוט! ס׳איז ליכטיק, ס׳איז הייס, און אַפילו דער ביטער־לעכער רויך, וואָס צעגייט זיך איבערן גאַנצן הויף און פאַרגייט אין די אויגן, איז אויך געשמאַק.

ביי דער מאַמען זענען שוין צוגעגרייט, אויסגעוואַשענע און אויסגע־ווישטע, די פאַראַיאָריקע סלאָיען פונעם איינגעמאַכטס; אַהין וועט מען גיסן דאָס שיינע רויטע בורשטינענע איינגעמאַכטס. ביז דאָס איינגע־מאַכטס קילט זיך אויפן טיש אין דער געגלייזטער רייין, פליען זיך אָן אַהער בינען פון דער גאַנצער וועלט, אַזוי ווי עמעצער וואָלט זיי געגעבן צו וויסן, אַז דאָ האָט מען געפּרעגלט איינגעמאַכטס. די בינען זענען נישט קיין בייזע, נאָר אַ ביס טאָן קענען זיי. פון אָנהויב פילסטו נישט, אַז די בין האָט זיך אָוועקגעזעצט צו דיר אויפן אַקסל אָדער אויף דער האַנט לעם עלנבויגן, אָבער פּלוצים דערפילסטו, אַז עפּעס שטעכט דיך־דיך, אַ־אַ־אַ — דו טוסט אַ פיר מיט דער צווייטער האַנט און ערשט דאָ דערשרעקסטו זיך, וואָס דו האָסט געמיינט, אַז ס׳איז דאָ גאָרנישט נישט, צום סוף איז אומגעריכט עפּעס אויסגעוואַקסן אונטער דיינע פינגער: אַ בין! אַ בין! די בין האָסטו אַ ביסל צעמיאַלעט, אָבער אויפן אַקסל וואַקסט דיר אָן אַ היפּשע גוליע און שטעכט און וואַקסט און ברייט און ס׳טוט וויי.

די מאַמע זאָגט, אַז מען דאַרף צעקייען אַ שטיקעלע צוקער און דאָס צעקייטע צולייגן צו דער גוליע, וועט זיך גיכער פאַרהיילן.

אָט האָסטו דיר! אַ פּאָר טעג יועסטו זיך שוין האַלטן. וואָס? זיך נישט אומגעקוקט? — ס׳וואָלט דיר סיי ווי נישט געהאָלפן.

קיין פאַרטיק איינגעמאַכטס פאַרזוכן גיט מען אונדז נישט. מען שוועבקט נאָך אויס די פאַן און די טעלערלעך מיטן הילצערנעם לעפל

און ווער ס'וויל קאָן טרינקען זיס וואַסער רויטלעכס; ס'איז אויך גוט. איצט דאַרף מען נאָך פאַרלעשן דאָס ביסל פייער פון אונטער דער פאַן. זומער דאַרף מען זיך היטן פאַר פייער און עס נישט איבערלאָזן אַליין.

אָט אַזוי האָבן מיר שוין ווישניאַק פון יאַגעדעס, און איינגעמאַכטס פון מאַלינעס און אַ געגלייזט קריגעלע פאַרבונדן מיט אַ ווייסער שמאַטקע און ווײנשל־איינגעמאַכטס אין צוויי מיטלע גלעזערנע סלאָיען. דאָס איז אויף אַ גאַנץ יאָר. מיר זאָלן לעבן און דערלעבן נייע. שפּעטער גייען פלוימען מיט עפּל אויף פּאָווידלע. אויף פּאָווידלע גייט אַוועק ווינציקער צוקער. פּאָווידלע איז אויך געשמאַק — די מאַמע זאָל נאָר וועלן געבן.

דערנאָך... נאָר דאָס איז שוין שפּעט. דערנאָך קומען די ברוסניצעס, אַ זויערלעכע ווייסלעך גרויע יאַגעדע אַ האַרטלעכע. זי כראָמטשעט זיך פליישיק אונטער די ציין און איז אויך געשמאַק. די מאַמע קויפט אַ גאַנצן קאָרב. זי גיט אַכטונג די יאַגעדעס זאָלן זיין שיינע. די פּאָווידלע, וואָס מיר פּרעגלען פון די ברוסניצעס איז זויער און גוט אויפן טעם און ס'טויג צו אַלץ אין דער וועלט: אי אַ בלעטל־קוגל קאָן מען מיט איר אָפּשמירן, אי אין עסיק־פלייש איז עס גוט, אי אין אַ באָרשטש און אַפילו אין טיי אַריין שבת נאָכן שלאָף איז עס אויך מלא טעם. די מאַמע פוילט זיך נישט און גיט נאָך אַריין אַהין אַ ביסל גאַנצע געשיילטע באַרן, נאָר דאָס שטעקעלע פון דער באַר לאָזט מען איבער נישט אַראָפּגענומען. די באַרן קאָכן זיך גוט איין אין די ברוסניצעס, און ווינטער, אַז מיר נעמען פון קריגל מיט לעפל איין מאָל, צוויי מאָל — פינף מאָל און אין מיטן דרינען שפּאַרט זיך דער לעפל אָן אין עפּעס האַרטלעכס און מיר נעמען אַרויס אַ גרויסן באַר, אַ באַקלעפּטן מיט זויערע פּאָווידלע, אוך, איז עס אַ באַר אַ פרישע, אַ שטייפע! — עס זי גאַנצערהייט, שנייד זי אויף פערטלען און גיב יעדן אַ חלק, אין מיטן ווינטער!

אַז דער טאַטע מיט דער מאַמען פועלן ביי זיך מיר זאָלן מאַכן עפּל־ווײַן, ווערט עס אַן אַרבעט פאַר דער גאַנצער שטוב: צעוואַשן און צעווישן די עפּל, איבערקלייבן. רייבן אויף ריבאייזנס, קוועטשן מיט

אַ שטאַרק האַנטעך, צעגיסן אין די פלעשלעך, אָנשיטן מיט צוקער צו דער מאָס. אַ מאָל שפילט דער ווייַן און ס׳טוט אַ שאָס. דער קאָרעק פאַר־פליט ווייס איך וווּ און ס׳לויפט אויס אפשר אַ האַלבע פלאַש, איז טאַקע אַן עבירה.

אָט אַזוי קלייבט דער זומער און גרייט פאַרן ווינטער.

די פויערשע פורן, אָנגעלאָדענע מיט סנאָפּעס הויך ווי אַ באַרג, פאָרן און פאָרן פון די פעלדער דורך דער שיביצע און פאַרביי אונדזערע שטיבער, דער עיקר אַרום פייגל ישראל־דודס שטוב און ביי דער זייט פון אונדזער קליין גערטל. דאָרטן גייט דער וועג צווישן אונדזער גערטל מיט מאַרקעס. דער וואָגן סקריפּעט און בויגט זיך. אָט־אָט קערט ער זיך איבער לעם יעדער גריבעלע, בערגל און פריפּעטשיק. די פערד האַלטן אונטער דעם וואָגן באַרג־אַראָפּ, דער פויער שטעלט אונטער אַ פלייצע אַלע מאָל דאָרט, ווהין די סנאָפּעס טוען זיך אַ בייג. און ס׳איז איטלעכן אַזוי גוט. ווען די סנאָפּעס לייגט מען צונויף אין די שייערן און אין די סטויגן, ס׳פרייען זיך אַלע: די געגנדז, וואָס גייען נאָך און קלייבן די קערנער; די פערד, וואָס פירן; די קינדער אין די פויערשע הייפן; דער פויער מיט דער פויערטע איז דאָך שוין אָפּגערעדט. נאָר אַפילו דער דרויסן און דער הימל זענען אויפגעלייגט — די זעט גייט!

דער זומער איז זייער אַ גוטער. מיט דער ברייטער האַנט גיט ער אונדז אַלץ דאָס זאַטע, אַלץ דאָס געשמאַקע, אויב דו לייגסט נאָר צו אַ ביסל קאָפּ און אַ ביסל מי. אָבער אויב דו ליגסט אויפן אויוון אָדער וואַלגערסט זיך גאַנצע טעג לעם שענק, וואַקסט אויף דיין פעלד בוריאַן. דאָס ווייב שעלט; די קינדער זענען נאַקעט און הונגעריק, גייען אַרום בעטלען און גנבענען.

גאָט זאָגט צו די מענטשן:

— נאַט, זעט! איך גיב אייך אַ שיינע וועלט. זי וועט אייך שפייזן און קליידן און באַשיינען אייערע ימים־טובים. פאַרשטאַנד און קענטע־ניש — זאָגט גאָט — האָב איך אייך געגעבן. אויב איר וועט וועלן, וועט איר עס אַלץ אויסנוצן פאַר אייער טובה וועגן!...

שוין אַ וואָך אַ גאַנצע, אַז מען פירט סנאָפּעס. די אַקסן סקריפּען.

די פערדלעך שטרענגען זיך אָן אויפצוהאַלטן דעם וואָגן, וואָס שפּאַרט מיט אַזאַ מין קראַפט אַראָפּ פון באַרג.

און מיין טאַטע אַרבעט אויך גאַנצע גרויסע זומערדיקע טעג. די מאַמע זעצט זיך נישט צו און אַפילו מיר, די קינדער, ווער ס'קען העלפט, און נאָך וואָס מען שיקט אונדז — פאָלגן מיר. דערווייל קומט די מאַמע און זאָגט, אַז אַ פּאָר שאָקעלעך היי פאַרקויפט אַ פויער, נאָר ער האָט קיין צייט נישט עס פאַרפירן. דער טאַטע זאָגט, אַז מע וועט קאָנען איינשפּאַנען דאָס פערד און אַליין ברענגען. אמת, מען וועט דאַרפן צוויי מאָל פאָרן; דער זאַסעק פונעם וואָגן איז נישט קיין גרויסער. קיין צוויי שאָקן מיט אַ מאָל וועט ער נישט קאָנען אַריינבעמען.

דער טאַטע לאָזט איבער די אַרבעט. שפּאַנט איין דאָס פערד. מיט־גענומען דעם מאַטש, די האַבליע און די שטריק און פאָרט אויף די פאַדריזקעס. געבראַכט ס'ערשטע פורל, דער טאַטע טראָגט מיטן מאַטש דאָס היי אין סעלניק אַריין. איך טאַנץ איבערן ווייכלעך־שמעקעדיקן היי אין סעלניק און טאָפּטשע אים איין און מאָסטע אים איין אין אַלע ווינק־לען. טאָמער איז דער שפּאַלט צווישן די פּלאַשקעס צופיל אָפן, פאַרלייגן מיר אים מיט עפּעס, דער רעגן זאָל אַהער נישט פאַרשמייסן. אין אַ קאַר־גער שעה אַרום וועט דער טאַטע ברענגען דעם צווייטן שאָק היי, וועלן מיר ווייטער טאָפּטשען דעם היי אין סעלניק.

די מאַמע און מיר אַלע זענען זאַט מיטן אַרייגגעבראַכטן ריין־אויס־געטריקנטן ביסעלע היי. ס'שמעקט אונדז גוט פונקט ווי בערע־באַרן, וואָס דער טאַטע האָט זונטיק געקויפט פון אונדזערטוועגן.

די שטוב דאַרף אַלץ: זי דאַרף קאָרענע מעל און אויף שבת ווייצענע. זי דאַרף צוקער, זאַלץ, אַ באַר, אַן עפּל, אַ גרויפּ, אַ טעפּל שמאַלץ. זי דאַרף אויך היי און פּאַלאָווע, מאַקוכע און קלייען, און אַפילו דער דאַך זאָל זיין גאַנץ. און דער גאָרטן ספּעיעט שוין: די האַרבוזעס האָבן זיך צעלייגט און צעשפּרייט איבער די מעזשעס מיט די ראָזאָרעס, ווי די גרויסע פּעטע קעלבער. אָנאָ ציט זיך אַ הודינע מיט אירע ברייטע טאַצן־בלעטער און ליכטיק־געלן לאָמפּ בליעכץ. ער זיצט שיין, דער „לאָמפּ" אויפן סאַמע פּלויט; ס'איז אים ענג אין גאָרטן, ער קאָן זיך

קײן אָרט נישט געפֿונען. די קאַרטאָפֿליעס האָבן שױן אָפּגעבליט, די צײַ־בעלעס אײניקע װאַקסן אין פּיק אַרײַן. די זונען־רױזן — יענע שטײען אױף זײערע הױכע באַבלעטערטע שטעקנס, דאָס גאַנצע פּנים פֿונעם ראָד איז אָפּגעשאָטן מיט לעמפּעלעך־בליעכץ. פּרוּװ אָפּשאַרן דאָס בליעכץ, װעסטו דערזען די סאַגעלעך מיט די פֿלײטשקעס צו אונגדז, אײנס לעם אײנס שטײף און געדיכט װי שײנע שורות צײן אין אַ געזונט מױל. איצט זענען זײ נאָך גרין, נאָר מען קאָן זײ שױן שײלן און עסן. װײַסע יאָדערלעך, גוט אױפֿן טעם, נאָך אַ ביסעלע װאַסערדיק. איצט, אַז זײ האַלטן בײַ פֿאַרטיק װערן, קומען צופֿליִען פֿײגעלעך און פּיקן אױס סאָנען װיפֿל ס'װילט זיך זײ.

— אױב אַזױ — זאָגט דער טאַטע — דאַרף מען אַװעקשטעלן אין גאָרטן אַ „גאַפּודאלאַ”. אַנדערע רופֿן עס „פּוגאַלאַ”.

מיר נעמען צװײ שטעקנס, בינדן איבער װי אַ צלם. אױפֿן שטעקן, װאָס אין דער ברײט, טוט מען אָן די אַרבל פֿון עפּעס אַן אַלטן צערײ־סענעם בגד, אױפֿן שפּיץ פֿונעם שטײענדיקן שטעקן טשעפּעט מען אָן עפּעס אַן אַלט היטל. אַז דער װינט טוט אַ בלאָז, צעפֿאָכן זיך די פּאָלעס, דאָס היטל נעמט זיך דרײען. מײנען די פֿײגעלעך, אַז אַ מענטש טרײבט זיך אַרום פֿון זײ. דערשרעקן זײ זיך און פֿליִען אַװעק ערגעץ אין אַן אַנדער גאָרטן זיך זוכן שפּײַז. די פּאַסאָליעס אױף די טיטשקעס האָבן שױן לאַנג אָפּגעבליט, איצט הענגען גרױסע גרינע סטרוטשקעס און הײבן שױן אָן געל װערן. די סטרוטשקעס אַלײן װערן דינער און די פּאַסאָליעס, װאָס זענען צעזעצט װי צירונג אין אױסגעבעטע װײכע שײדעלעך, פּילן זיך אױס און װערן שטײַפֿער און גרעסער.

אוגערקעס קלײבן מיר שױן פֿון עטלעכע װאָכן. אַז מען דאַרף עט־לעכע שטיקלעך צו װאַרמעס אָדער צום אָנבײַסן, זאָגט די מאַמע:

— גײ, װעסטו אָנקלײַבן אַ פּאָר אוגערקעס.

גײ איך צום בײטל אַזױ װי צו זיך אין קאַמער אַרײַן. דאָרטן ליגן אוגערקעס און פּאַשען זיך. קלײנינקע מיט שטעכיקע פּופּעשקעלעך און גרױסע און גרעסערע, אַנדערע אַפּילו אױסגעקײלעכיקט. נעמט איציק און טשעפּעט אָפּ אַ פּאָר אוגערקעס. אױב די מאַמע הײסט ברענגען אַ פּאָר

גרינע ציבעלעס, איז עס אויך בישט ווייט; אויב זי הייסט אָנשטשיפּען אַ ביסעלע קראָפּ פון אַ ריח וועגן, איז ער אויך נאָענט. דער קראָפּ וואַקסט שיין, מיט אַזעלכע איידעלע גרינע בערדעלעך אַרויף צו... אַ מע־רעלע? נאַ, אָט איז דאָ אַ מערעלע. יעדעס געוויקס האָט זיך זיין פּנים, זיין ריח און טעם. אָט שטייען גריגע שטעקנס זאַפּטיקע, מיט לאַנגע בלע־טערדיקע צינגען, וואָס זענען אַזוי ווי איינס מיט די שטעקנס. די ברייטערע זייט בלאָט האַלט זיך לעם שטעקן, די שפּיצן צונג זענען שוין ווייט פון אויבן און אָטאָ, ווי באַהאַלטענערהייט, קוקט אַרויס פון צווישן די בלע־טער אַ בייטל פון דינעם בלעטל־פּאַפּיר. אויבן שטעקט אַרויס אַ געדיכט טשוביקל ווייסע אָדער טונקעלע הערעלעך. פרעג זיך, וואָס זשע קאָן מען געפינען אינעם דאָזיקן בייטעלע אונטער דער צאָפּ האָר? — אַ קייאָך! אַ שיינער אַ פרישער מיט שורות ציינדלעך, אָנגעשטעקטע אויפן קאָטשאָן אַרום און אַרום שורותווייז אין דער גאַנצער לענג — געדיכט איינס לעם איינס. מיר רופן זיי — בעבלעך.

— גיי, ברעך מיר אָן אַ צוואַנציק קייאכעס — זאָגט די מאַמע.

אין אייניקע ערטער רופט מען זיי „קייקעס", אין אייניקע „שטעקנס" און ווו „פּשעניטשקעס" און „פּאַפּשויען".

איך גיי און ברעך אָן אַ צוואַנציק שטיק קייאכעס מיט די בייטלעך אין איינעם. אין די הענט פּילט זיך פון זיי אַזאַ ווייכע קילקייט. געבראַכט דאָס ביסל גוטס אין שטוב אַריין, און אויוון ברענט אַ פריילעך פייער. די מאַמע דערלאַנגט מיר אַ פּאַרעווע אָדער מילכיק טעפּל אַ טונקלס און זי זאָגט:

— נעם שייל אַרום.

איך טו זיך אַ נעם צו דער אַרבעט. איך רייס אַרום די פּאַפּיר־בלע־טער פונעם קייאָך, רייס אָפּ פון אויבן די קילבלעכע פייכטע הערעלעך, און דער קייאָך גייט אַרויס אויף דער ליכטיקער וועלט אַ ווייסער, אַ באַ־טעמטער. ס׳ווילט זיך אים צורירן צו די ליפּן. די בלעטער מיט די האָר — אין פּאַמעניצע אַריין, די קייאכעס — אין טעפּל אַריין; אויפן דנאָ די קלענערע, אויב נישט, ברעכט מען איבער אַ פּאָר קייאַכעס. אין מיטן פונעם בייכיקן טעפּל — די גרעסטע און לענגסטע, פון אויבן און ביי

די זייטן וווייטער די קלענערע, אויבן צוגעדעקט די קייאכעס מיט זייערע אייגענע האָר, די קייאכעס אַליין זאָלן נישט צוגעברענט ווערן, און אָנגעגאָסן ביז אַרויף מיט וואַסער.

אַז איך גיי פון חדר, הער איך ווי פון די קוימענס אין דער הייך און לעם דעם שטוביקן דרויסן טראָגט זיך און ס׳גייט אין נאָז אַריין דער זיסער ריח פון זידנדיקע קייאכעס.

אַ קליין גערטל ביי אונדז, נאָר וואָס איז דאָרט נישט? — אַלץ וואָס אַ מויל קאָן אויסרעדן — די מאַמע זיצט אָפּ שעהן לעם די בייטלעך. און... זי ווייסט שוין, וואָס מען קאָן פון זיי אַרויסבאַקומען...

* * *

הערשל יאָסל־חיימס איז דער שטאָטס אַ מענטש.

אַז מע וויל, זאָגט מען, אַז ער איז דער שטאָטס, נאָר מען קאָן אויך זאָגן, אַז די שטאָט איז זיינע.

הערשל איז יאָסל־חיים דעם האָרבאָטנס עלטסטער זון און זיצט מיט זיינע טאַטע־מאַמע אויף איין געסל; דאָס געסעלע רופט זיך טאַקע אויף זייער נאָמען, זיי זיצן כמעט אַ שטוב אַנטקעגן אַ שטוב. אָט איז יאָסל־חיימס שטיבל, אַנטקעגן — איבערן שליאַך, איז ברוך־אייזיק דעם שוחטס שטוב, לינקס גייט אַ שמאָל אָפּן הייפל און ס׳עפנט זיך שוין אַ טיר צו הערשלען יאָסל־חיימס אין שטוב. אויפן ביישטידל פון פאָרנטן פענצטער זע איך כסדר, ווען איך גיי דורך, ווי ס׳הענגט דאָרט אַ פידל. אויפן פענצטער־ברעטל זיצן אָפּט קליינע קינדער פון איין יאָר אָדער צוויי.

דער גאַנעק איז ביי אים לאַנג, נישט קיין דערבויטער, אָבער די שטוב אַליין איז אַ ביסעלע אַ נייע, הערשל קען אַליין בויען, ער קען אַליין פירן ליים און שטיינער, אַ מאָל אַפילו — אַ וואָגן דין האָלץ פון וואַלד. זיי האָבן אַן אייגן פערדל אַ רויטלעכס. איך ווייס נישט אויף געוויס וועמענס דאָס פערדל איז —הערשלס, צי יאָסל־חיימס. איך קלער, אַז ביי זיי איז אַלצדינג — איינס.

יאָסל־חיים שטייט מיט זיינע ביידע האָרבעס אונטער דער קאַפּאָטע אין הייזל פון דער באָד. אויף אַ נידעריק בענקעלע זיצט אַ ייד, אָדער אַ קריסט, אָדער אַ ייִנגל און יאָסל־חיים שערט אים מיט אַ מאַשינקע.

ער האָט אַ שערל אויך און אַ גאָלמעסער אויך. הערשל מיט זײַנע צוויי ייִנגלעך אַזוי די גרויס ווי איך, נאָר אַ ביסעלע ליכטיקערע פּנימער, ליכטיקערע האָר און איידעלערע אין וווקס, זיי הערט מען אַ גאַנצן טאָג אין באָד; הערשל גיסט קאַלט וואַסער פֿון ברונעם אין קאָרעטע, וואָס איז דורכגעהאַקט אין דער הויז־וואַנט און אין דער וואַנט פֿון שוויץ־באָד, הערשל שטעלט זיך אַוועק אויף די צעברינעס פֿון ברונעם, הייבט אָן ציִען דעם אונטערגעהאַנגענעם קרוק צום שטאַנג (וואָס הענגט אינעם זשוראַווייעל) אונטן צום קרוק איז פֿאַר דער דוזשקע צוגעשמידט אַ גרוי־סער הילצערנער עמער. אַראָפּגעצויגן דעם קרוק מיטן עמער אין דער טיף, אים געגעבן אַ טוק, אָנגענומען אַ פֿולן מיט וואַסער, אַרויפֿגעצויגן אים אַרויף, איבערגעקערט איבער דער קאָרעטע — פֿליוך דעם גרויסן עמער וואַסער און צוריק אַראָפּגעצויגן דעם קרוק מיטן עמער אין ברונעם אַריין. אַזוי איינס אָרן צוויי, איינס און צוויי. גיך גייט ביי אים די אַרבעט, און אַז דו ביסט אין שוויץ־באָד און זעסט ווי דאָס קאַלטע וואַ־סער כליופּעט אין פּעסל אַריין, איז אַ מחיה צו קוקן מיט וואָס פֿאַר אַ קאַלטקייט, מיט וואָס פֿאַר אַ פֿרישקייט דאָס וואַסער לויפֿט אַהער אויפֿן פֿולן מויל. און דאָס איז אַלץ הערשל! די ייִנגלעך טראָגן און לייגן אַלץ אונטערן קעסל, פֿליִען אויפֿן בוידעם און וואַרפֿן אַראָפּ בעזעמלעך; הערשל שאַפֿט זיך מיט זיי. און אַז מען דאַרף לאָזט ער איבער די באָד אויף זײַן טאַטן און אויף זיי און אַליין לויפֿט ער אַוועק איבער דער שטאָט בעטן מענטשן אויפֿן „אויפֿרופֿנס״ צו דעם און צו דעם, וואָס מאַכט חתונה דעם עלטערן זון. ער האָט אין קעשענע אַ צעטל און ער ווייסט, אויף וועלכער גאַס וואָסער מענטש ס׳וווינט. דורכגעמאַכט איין גאַס, פֿאַר־לויפֿט ער אויף אַ פּאָר מינוט אין באָד, כאַפּט אַ קוק, צי ס׳ברענט אונ־טערן קעסל, צי ס׳איז דאָ וואַסער, צי די מקווה וואַרעמט זיך און לויפֿט אַוועק מאַכן די איבעריקע פּאָר געסלעך.

פֿרײַטיק צו נאַכטס נאָכן דאַווענען גייט ער אַרויף אויף דער בימה, טוט אַ פּאַטש אין טיש און רופֿט אויס:

— ר׳ שלמה ב״ר חיים בעט דעם עולם אויפֿן בן־זכר.

זעט איר שוין? אויף אַלצדינג האָט ער צו שאַפֿן. אַלצדינג — די

שטאָט מיט אַלע אירע טועכצן איז ביי אים אין קאָפּ, ביי אים אין קע־שענע, ביי אים אין די פּיס, אַז מען דאַרף רופן אויף דער חתונה, זענען די צעטלען ביי אים, אַז מען בויט אַ שאַלאַש, ווו מען וועט פּראַוועט די חתונה, איז ער דאָרטן, אַז מען דאַרף צונויפּטראָגן בענק פון בית־המדרש — איז ער. אַז מען דאַרף רופן מענטשן צום רב אויף אַ דין־תורה, איז ווייטער — ער. ער זוכט אויס, ער רופט, ער ברענגט, און ערשט נאָך דעם אַלעמען קאָנט איר אים טרעפן אין מיטן דער וואָך מיט דער האַק אין האַנט ערגעץ לעם אַ בוידנג. ער האַקט און טעסעט באַגלייך מיט איטלעכן. איז שוין, דוכט זיך, גענוג? טאָ וואַרט אָבער צו: אַז ס׳קומען די װעלעדניקער קלעזמער אַהער אויף אַ חתונה, איז דעם פּויק ברענגען זיי, אָבער דעם פּויקער — אַ פייג! אויפן פּויק שפּילט ביי אונדז הערשל די גאַנצע חתונה, מיטביידע טאַצן און מיטן קלאַפּער־שטעקל. ס׳איז אַ שטעקל אַזוי ווי אַ טוקאַטשל, פון איין זייט מיט ווייכע שמאַטקעס אַרומ־געבייט. איז שוין, דוכט זיך, גענוג? אָט וואַרט צו נאָך איין ביסעלע: ווער איז דער גאַנצער מאַכער אויף אַ לוויה, אַז ס׳שטאַרבט, חלילה, עמע־צער? — הערשל. ער קאָמאַנדעוועט מיט דער חברה קדישא, ער הייצט די מקווה, ער רייסט קריעה ביי די מענטשן... ער גראָבט די קרקע, זעגט צו די ברעטלעך. ס׳זידט ביי אים אונטער די הענט, און ער גייט אַוועק דער לעצטער, ווען דאָס בערגל אויפן בית־עולם איז שוין אָנגעשאָטן און צוגעפּוישט מיט דער לאָפּעטע.

איצט איז שוין אַלץ? — ניין. נאָך נישט אַלץ. ווער טראָגט דעם אתרוג מיטן לולב איבער דער גאַנצער שטאָט הייזער אַלע טעג סוכות? — ע ר און זיינע ביידע ייִנגלעך. די גאַנצע שטאָט לויפן זיי אויס אפשר פאַר איין שעה צייט. ווייל מען דאַרף — ג י ך. גיך דאַרף מען אָפּבענטשן אתרוג, אין שטוב אָדער אין סוכה, ווייל ס׳וואַרט דאָך נאָך אַ שטאָט מיט מענטשן. דער עיקר וואַרטן די ווייבער מיט די מיידלעך, ווייל די מאַנצ־בילן קענען אָפּבענטשן אין שול אויך. און די ווייבער, ביי זיי איז שוין אָפּגערעדט, אַז פון עטלעכע שכנהשע הייזער קלייבן זיי זיך צונויף אין איין סוכה גיכער־גיכער און מען בענטשט אָפּ אתרוג. הערשל באַווייזט אין װעלכער האַנט דעם אתרוג, אין װעלכער — דעם לולב און פּאַשאַל.

אויף אַן אָרעמער חתונה אָדער אויף אַ סיום שפּילט הערשל אַליין אויף זיין פידל די גאַנצע חתונה. אַ מאָל לייט ער ביי אונדזער טאַטן דעם פידל, ווייל אונדזער פידל שפּילט בעסער, און די יינגלעך זיינע שפּילן אויף דער באַמקע.

אויף אַ ברית איז הערשל אויף־און־אָפּ: די מענטשן צונויפגערופן, דעם מנין באַוואָרנט. מען באַצאָלט אים ווען דאָס האַלבע קערבל אָדער דאָס קערבל פּאַר זיין טרוד, אָבער ווערט איז ער אוצרות.

איין זאַך, וואָס מיך וווּנדערט נאָר איז דאָס, וואָס ס׳איז שוין אַזוי לאַנג, אַז ער אַרבעט אויף אַלע אַרבעטן: אי שערן, אי באָדן, אי שמייסן, אי רופן, אי באַגראָבן, אי פירן האַלץ און שפּילן אויף אַלע חתונות און ער זאָל כאָטש זיין קוים־קוים אַ גביר, כאָטש אַ רעכטער באַלעבאָס! זיין טאָכטער שרהל, אַ מיידל פון אַ יאָר 15, דינט ביי יענעם. זייער אַ פריילעך קינד, מיט ליכטיקע ווײַס אַרום די אויגן. אי אַרבעטן, אי לאַכן, אי שטיפן און זאָגן אַ ווערטל: גאָראַד מצרים, אוליצאַ ב׳ת־חיים גאָספּאָדינו יעוור־רעיו... א.א.וו.

פּאַר וואָס ער ווערט נישט קיין גביר, הייב איך נישט אָן צו וויסן. אפשר דערפּאַר, וואָס ער איז נישט קיין באַרייסער. וויפל מע גיט אים נעמט ער צו, ער דינגט זיך נישט, טוט אַפילו נישט קיין קוק. אַריינגע־וואָרפן אין קעשענע, געזאָגט „דערלעבן איבעראַיאָר" און פּאַשאָל. באַבל יאָסל־חיימס איז זיין מאַמע און פסח דער בלינדער איז זיין שוואָגער. אַז ס׳קומט צו ימים־נוראים — ער דאַוונט דאָך ביי אונדז אין דער אַליקער קלויז — איז זיין אָרט, טרעפט ווו? — לעם עמוד.

אַ פּאָר טריט פונעם חזן שטייט אַ שטולכל, וואָס ער האָט אַליין געבראַכט, און ער זיצט אויפן שטולכל אָדער ער שטייט נעבן דעם שטולכל ווען מען שטעלט זיך צו שמונה־עשרה אָדער צו אַ הויכער תפילה. און וואָס איז זיין אַרבעט? — ער איז אַ משורר, זינגט צו לעם דעם חזן, העלפט אונטער הויך אויף אַ קול ביי יעדן ניגון. ער גייט אויך אין אַ קיטל און אַ טלית, מיט אַ רויטער פּאַטשיילע אין בוזעם און מיט אַ פלעשל חלש־טראָפּנס טשעסט־טשעסטאַ, אַזוי ווי ביי אַלע באַלע־באַטים. וואָס איז ער דען קיין ייד נישט?!

און ווער וועקט שבת גאַנץ פרי צו תהילים? אָדער ימים־נוראים צו סליחות? — אָדער ער, אָדער זיין פאָטער.

אַזוי ווי איך האָב געזאָגט: ער איז דער שטאָטס און די שטאָט איז זיינע. און ביי אַן אָרעמאַן איז ער נאָך מער אויפטוער, מער גוטער פריינד, מער צודינער, אי מיט אַן עצה, אי אַפילו מיט זאָגן פסוקים פון אַ סידור דאָרט ווו ס'פאָדערט זיך.

ביי אים איז אַ געל בערדל, ביי הערשלען. נישט קיין שיינער, נישט קיין מיאוסער; קיין גראָבער אוודאי נישט. גייט אין אַ קאָרענער קאַ־פּאָטקע, און איך גיב אים אָפּ אַלע מאָל אַ גוט מאָרגן. ער איז מיט אונדזער שטוב היימיש. צי, ווייל דער טאָטע פאַרגעסט נישט באַצאָלן פאַר יעדן טועכץ, צי איבערן פידל. אַז ער דאַרף נייטיק דעם פידל אונ־דזערן, קומט ער צו לויפן צום טאַטן, און דער טאַטע טוט אַ קלער און גיט פון דעסט וועגן דעם פידל. אָפּזאָגן הערשלען? וואָס פאַר אַ פנים וועט עס האָבן?!

* * *

אַזוי ווי מען קוקט זיך נישט אַרום, און ס'איז שוין אלול אויף דרויסן, דוכט זיך, אַזעלכע לאַנגע טעג, אַזאַ לאַנגער זומער. ווו איז ער אַזוי גיך אויסגערונען געוואָרן? מען בלאָזט שוין שופר און מען זאָגט שוין „לדוד אורי".

וואָס איז עס פאַר אַן אַרבעט? די פּרימאָרגנס זענען שוין קילער און עפענען זיך שפּעטער, די פאַרנאַכטן רוקן זיך צו פריער. ע־ע־ע, ס'נישט שיין. דער טאַטע גייט אַלע טאָג מיטן טלית און תפילין אין שול אַריין, אַ מאָל אַפילו אין בית־המדרש; דאָרטן זענען דאָ פרי־איקערע מנינים. אלול טאָר מען זיך מיט אַזעלכע זאַכן נישט שפּילן, די טעג זענען כמורנער, פאַרזאָרגטער. אמת, אויבסן זענען דאָ אַלערליי און אַ סך. דער ייד פון סטאַרוועלעדניק, וואָס הינקט ווייכלעך אויף איין שטיוול, קומט צו פאָרן מיט זיין פערד און וועגעלע. דאָס ערשט מאָל אין לעבן, אַז איך זע אַזאַ פערד ווי ביי אים: ווייסע לאַטעס אויפן בויך און אויף די זייטן. אַזוי ווי גרויסע שטיקער ליילעך. נאָר ס'איז נישט קיין ליילעך,

ס'איז ביי אים די פעל אַזאַ, און אַזוי איז ער רויטלעך. אויפן וואָגן ביים סטאַרוועלעדניקער ייִד זענען דאָ עפּל, באַרן, באַרלעך און פלוימען; אין וואָגן איז עס ביי אים אַלץ איבערגעצוימט מיט שטרוי. ער האָט אויך אַ וואָגשאָל, וואָס ער הענגט אויף אויף אַ פלעקל אַ צוגעשטעלט צום וואָגן, און אַלע נעמען ביי אים. ווער ס'וויל, נעמט אַ פונט פלוימען און עפּל מיט באַרן קאָן מען ביי אים נעמען אי אויפן פונט, אי אויפן שטיק. ער גיט אויך פאַרזוכן. מיר האָט זיך אָנגענומען אַ ווערעמדיקע פלוים, האָב איך אויסגעשפּיגן. איך וואָלט דווקא וועלן וויסן, ווי אַזוי לעבט ער, אָט דער סטאַרוועלעדניקער ייִד, אין דאַרף ביי זיך? און וויפל האָט ער קינדער? און צי האַלט ער אַ מלמד צו זיינע קינדער, אָדער זיי גייען קיין וועלעדניק אין חדר אַריין צו פוס? וויפל זענען ביי אים יינגלעך, וויפל מיידלעך? צי איז דאָס ווייב ביי אים נישט קיין שלאָפע? ווו שטייען דיביימער זיינע מיט די באַרלעך און מיט די פלוימען?

ער האָט אַ סך מעלות, דער סטאַרוועלעדניקער ייִד: ער גיט אויף באָרג, אַז מען בעט ביי אים, ער שרייט נישט אויף די יינגלעך, וואָס קריכן צום וואָגן און שטעלן זיך אַרום אים נאָענט, און דער עיקר, וואָס ער איילט זיך נישט קיין מאָל. אַז ער פאַרקויפט אויס די סחורה, פאַר־גייט ער אין אַ שטוב און זיצט אַ ביסל. איין מאָל האָב איך אים געזען אויף דער שיניצע. דער וואָגן איז אויסגעשפּאַנט, דאָס פערד מיט די ווייסע לאַטעס אויפן בויך און אויף די זייטן פּאַסעט זיך אָן אויסגע־פּענטעטס נאָענט, און ער אַליין ליגט זיך אונטערן וואָגן און כאַפּט אַ שלאָף. ער בלאָזט אויך מיט די ליפּן און עטעמט מיט דער נאָז, נאָר דאָס בערדעלע זיינס שלאָפט, דוכט זיך, נישט, און וואַרט און הערט זיך צו צו יעדן איבעררייס פונעם אַריינעטעמען מיט דער נאָז ביזן בלאָזן מיט די ליפּן. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט פון דער ווייטנס, מיר האָט זיך געגלוסט קוקן ווי אַזוי ער שלאָפט, ווי אַזוי זיין פערדל פּאַסעט זיך אויף אַ פרעמדער שיניצע? איך האָב אויך געוואָלט זען ווי אַזוי ער וועט אויפשטיין, אָבער ס'איז מיר געוואָרן אומעטיק זיצן אַזוי און גאָרנישט נישט טאָן. בין איך אויפגעשטאַנען, האָב נאָך אַ מאָל אַ קוק געטאָן און בין אַוועק.

* * *

די מאַמע וויל מיר נייען אַ גאַרניטער און אַפּילו שיך אויף ווינטער.

— אפשר בעסער שטיוול? — האָב איך געזאָגט.

ביי בתיהן הייקלס האָט מען מיר אָנגענומען צייג און ביי מאָטיען דעם שוסטער וועלן זיך נייען מיינע שטיוול, פּאָדעשוועס און אַ „ווערך״ גיט דער טאַטע. מאָטיען דאַרפן מיר באַצאָלן נאָר פאַרן דאָקלאַד, פאַרן שטעפער און אַרבעט־געלט; ס׳וועט באַטרעפן ביי די צען גילן. די מאַמע וואָרנט אים ער זאָל נישט מאַכן ענג, און מאָטיע לאַכט. ער זאָגט, אַז וואָס די שטיוול וועלן זיין קלענער, וועלן זיי זיין שענער.

אָנטאָן נייען מיר אָפּט ביי נחמיהן דעם שניידער, נאָר איצט האָט די מאַמע געזאָגט, אַז זי וואָלט וועלן דער נייער שניידער זאָל מיר עפּעס אויפנייען.

דער נייער שניידער איז אַ ייד עפּעס נישט געראָטן אין קיין באַל־מעלאָכע, אַליין אַ גראָבלעכער, מיט אַ גרווילעכער, נישט קיין געדיכטער באָרד, און זיין ווייב רופט מען באַבע — באבע די שניידערקע. אַלע זענען זיי פון באַרדיטשעוו, נאָר זיי זענען שוין לאַנג דאָ. אַלע אין איינעם מיטן עלטערן זון צוזאַמען רעדן זיי מיט אַ ווייך קול, אַ ליכטיקס. אַ ברייטלעכס און אויך די ווערטער רעדן זיך ביי זיי אויס ווייכער. באבע די שניידערקע איז אַ סאַרוועריין און אַ מאָל אין זעלטענע פאַלן רופט מען זי צו אַ געווינערין פאַר אַ באָבע. אַ ברייטלעכע יידענע מיט אַ ברייטן האַלדז און מיט אַ ווייכן גוידער אונטערן פּנים.

זייער עלטערער זון איז אויך אַ שניידער, איציק דער שניידער. אַ שטי־לער, אַ ווילער, כסדר ריין אָנגעטאָן; מיט אַ שוואַרץ בערדל איבערן פולן בליילעכן פּנים און רעדט אויך מיט אַ שיינער ווייכקייט אין קול. אין באַרדיטשעוו קענען אַלע אַזוי רעדן. איך וויל מע זאָל מיר בעסער נייען ביי איציקן. ער איז אַ פריאַטנער מיט אַ שוואַרץ שיטער בערדל און אַ הויכלעכער; ער האָט עפּעס אין זיך איידלקייט. כאָטש ער רעדט נישט קיין סך, דערקען איך אין אים, אַז ער איז מיר מיט עפּעס געטריי, ער האַלט פון מיר. און ביי ברוכן באבעס איז מיר נישט אַזוי גוט צו

בייען. ערשטנס, אַז ער נעמט פון מיר אַ מאָס, דאַרף ער דאָך נעמען מיט די הענט, ווייס איך נישט פאַר וואָס ער שטופּט מיך די גאַנצע צייט מיט זיין האַרטן בויך. ס'איז מיר נישט צום האַרצן. ווייטער נעמט ער טייער, און אַז ער נייט איז ביי מיר אַלע מאָל ענג אונטער די פּאַכוועס. איך וויל נישט זאָגן דער מאַמען, אָבער זי זעט אַליין, און זי בעט אים מיט גוטן ער זאָל מאַכן דאָס מלבושל אַזוי, איך זאָל אים קאָנען נוצן.

— אַז מירן אים נייען אימירצישעם חתונה־קליידער וועלן מיר זיך בעסער סטאַרען — ענטפערט ברוך און באַבע העלפּט אים אונטער, אָבער די מאַמע בעט אים פון דעסט וועגן, ער זאָל צעטאָטשען און אַריינשטעלן קלינקעלעך דאָרטן, וווּ ס'איז ענג.

— מירן זיך מיט אייך נישט דינגען דערפאַר — זאָגט אים די מאַמע און מיר גייען ביידע אַוועק נאָך אָן דעם קאָסטיום. מיט דער פרימערקע קומט ער צו אונדז און אָפּנעמען גייען מיר צו אים.

וואָס וועל איך טאָן מיטן נייעם קאָסטיום, ווייס איך אַליין נישט. דאָס הייסט, אַז דאַרפן דאַרף איך אים, נאָר דאָס ערשטע מאָל אַרויסגיין מיט אַ נייער אָנגעטאָנענער זאַך, איז עפּעס דאָסיק. מיט אַ ניי היטל איז שוין מיר גרינגער — צוגעמאָסטן און געננוג און דאָ דוכט זיך מיר, אַז די אַרבל זענען צו לאַנג, די קאָלאָשעס פון די הויזן זענען צו גראָב. איך בעט גאָט איך זאָל קיינעם נישט באַגעגענען, ביז איך וועל פאַרגיין מיטן טאַטן אין קלויז אַריין, ביז איך וועל זיך אַליין אַ ביסל צוגעוווינען און דערנאָך וועט שוין זיין גוט.

ביי באַבען דער שניידערקע איז דאָ אַ מיידל אַ הויכלעכע, אַן איי־דעלע. ס'זאָל זיין אַן אמת, וואָס מען זאָגט, אַז זי איז אַ שלאַפע, איך פאַרשטיי נישט, וואָס קאָן זיין ביי אַ מיידל שלאַף? איך ווייס? אויב אַ צאָן טוט אַ מאָל וויי, גייט מען אַרומגעבונדן די באַק; מען שניידט זיך איין אַ מאָל אַ פינגער. אָבער אַזוי פאַר וואָס זאָל זיין אַ מיידל אָדער אַ יינגל שלאַף?

נאָר אַ מאָל, אַז ס'קומט אויס, מוז מען זיין שלאַף אויך. אָטאָ אברהם־משה, ברוך דעם קאָוואַלס יינגל, איז מיט אַ צונויפגעבויגענער קני ביי דעם רעכטן פוס. ער גייט מיט אַ שטעקל און מען פירט אים

אָפּט קיין קיוּוּ אויף אַן אָפּעראַציע. וואָס קאָן מען העלפן? אָדער ביי לאָזער „קריינקען" (לאָזער מרדכי ישראלס): אין שטאָט האָט מען אים פיינט, מען זאָגט, אַז ער איז אַ מוסר און מען ווייסט טאַקע נישט פון וואָס ער לעבט אויף. אַנדערע זאָגן, אַז זיין ווייב מרים האָט אַ מאָל געלעבט מיט אַ פּריץ (די טעכטער זענען ביי אים אויך עפּעס אַזעלכע, וואָס ס'איז שווער מיט זיי טאָן אַ שידוך). איז ביי זיי געווען אַ מיידל פון אַ יאָר פופצן, איז זי עפּעס געווען שלאַף. איין מאָל גיי איך פון חדר און זע פּלוצים, אַז עטלעכע מענטשן זענען אַרויס פון לאָזערס שטוב אויפן שליאַך (דאָרט זענען לאָזער מיט מרימען געזעסן אין דער דירה) און איך זע, אַז מען טראָגט אַרויס אַ מיטה אויבן צוגעדעקט מיט שוואַרצן. וועך איז עס? — האָב איך זיך דערשראָקן — האַ? ס'איז זייער מיידל... די ייִנגסטע... וואָס איז נעבעך שלאַף געווען? און איז אַזוי שטיל געשטאָרבן?

געוויס איז זי געווען די שטילסטע און וווילסטע ביי זיי אין דער גאַנצער שטוב. האָט זי גאָט צוגענומען צו זיך. אים איז געווען אַן עבירה איבערלאָזן אַזאַ שטיל און איידל קינד אין אַ שטוב מיט שלעכטע, נישט קיין כשרע מענטשן.

מיך האָט זייער פאַרנומען פאַרן האַרצן פון אַזאַ יונגער מיטה מיט שוואַרצן איבערגעדעקט און אַזוי ווינציק מענטשן גייען. צי דען וועט מען זי אויך לייגן אין דער ערד אַריין? ווען איך בין גאָט, וואָלט איך זי צוגענומען אויפן הימל דורך אַן אַנדער וועג. דורך דער שיביצע און דורך די ליפּקעס, העכער די ביימער זאָל די מיטה שוועבן איבער די ברייטע צעבלעטערטע צווייגן, אַזוי שוועבן און שוועבן, ביז גאָט מיט זיינע מלאכים וועלן זי אַריבערנעמען גלייך אַרויף און איר אויסבעטן דאָס שענסטע הימלישע געלעגער, און דאָרטן זאָל זי ערשט אין דער ליכטיקער ריינקייט פריי אָפּעטעמען.

באַבעס מיידל זשאַלעווע איך אויך. פאַר וואָס איז זי אַזאַ שטילע? פאַר וואָס זעט מען זי ווינציק שפּאַצירן? גיין מיט די חברטאָרינס? דוכט זיך, אַז דבורה מאַריאַסעס און נתן דעם קוצ׳ס (אונדזער קרובה פון שליאַך) איז אירע אַ חברטע.

אַ הויכלעכע איז זי, באַבעס טאָכטער, גייט אין אַ ליכטיק־ראָזלעכער פּלאַטיע אָנגעטאָן און די מאַמע אירע קער זי זשאַלעווען נאָך מער ווי איך.

* * *

מען האָט צוגעגומען בימלען הוהס אויף דער מלחמה.

אונדזערע פירן אַ מלחמה מיט יאַפּאָניע. כאַרבין. מאַנטשוריע. פּאָרט־אַרטור. שיפן. גענעראַלן. געקויפט, פאַרקויפט, וואָס האָבן די רוסי־שע גענעראַלן פאַרקויפט? וואָס האָט מען ביי זיי געקויפט? אין אייביקע פּויערשע הייזער הענגען אַזעלכע קאַרטינעס פון גענעראַלן. רויטער אָנטאָן. רויטע פּנימער. אַ סך מעדאַלן. ווי אַזוי זשע קענען זיי קויפן? ווי אַזוי קענען זיי פאַרקויפן? ראובן ווייסט. ראובן זאָגט, אַז עטלעכע גענעראַלן זענען געווען נישט קיין ערלעכע צו זייער קיסר, צו זייער לאַנד. די שפּיאָנען פון יענעם לאַנד האָבן זיי געגעבן אַ סך געלט, האָבן די היגע גענעראַלן געמאַכט אַזוי, אַז די ביקסן זענען פאַרפאָרן אויף איין פראָנט, נאָר די פּוליעס פון די דאָזיקע ביקסן זענען פאַרפאָרן אויף אַ צווייטן פראָנט. די סאָלדאַטן דאַרפן זיך שלאָגן. זיי טוען זיך אַ כאַפּ צו די ביקסן — נישטאָ קיין פּוליעס! די אַנדערע טוען זיך אַ כאַפּ צו די פּוליעס — נישטאָ קיין ביקסן!

די עלטערע יידן גאַנץ פרי, אַז זיי לאָזן אַרויס די בהמות צו דער טשערעדע, איז אַנדערע גייען זיך נאָך צוליגן און אַנדערע קלייבן זיך צונויף אין אַ רעדל און מע רעדט פונעם פּאָניע מיטן רוס און מיטן יאַפּאָניעץ. זיי ווילן וויסן, צי יידן ווען ביי דער ביי האָבן פּרנסה אָדער נישט — אין פּייטערבאָרג זענען דאָ יידישע גבירים, דערציילן זיי, וואָס פירן כאַרטש אויף דער מלחמה און היי און האָבער פאַר די פערד און זיי שאַרן אָן בערג מיט גאָלד. דערווייל האָט מען צוגענומען אויף דער מלחמה בימלען הוהס. חוה איז אַ שיינע זשענשטשינע, גייט אויס־געפּוצט אין אַ פאַריק אַפילו אין דער וואָכן; זיי האָבן נישט קיין קינדער. איך שטעל זיך נישט פאָר ווי אַזוי וועט ער זיך עס שלאָגן, בימל, און

מיט וועמען? ער וועט זיך באַרען מיט עפּעס אַ יאַפּאַניעץ. אויף וואָס דאַרף ער דעם יאַפּאַניעץ און אויף וואָס דאַרף דער יאַפּאַניעץ אים?

ראובן לאַכט פון מיר.

— אַפילו אַ מאָל — זאָגט ער — אַמאַליקע יאָרן פלעגט מען זיך אויך נישט באַרען. מען פלעגט גיין מיט אַ ראַגן־בויגן און מיט פּאַנ־צערס און מען פלעגט וואַרפן פיילן איינער צום צווייטן, אַפילו פאַרסמטע פיילן מיט אייזערנע שפּיצן, איצט שיסט מען שוין מיט פּאַראָך און ס׳פליט אַרויס אַ פייער פון די ביקסן און אַ פוליע קאָן טרעפן אפשר פאַר דריי ווערסט און זיך אַריינזעצן אין האַרץ אַריין אָדער דורכלעכערן דעם קאָפּ און דער מענטש פאַלט אַ טויטער.

— קאָן נאָך בימל אויך פאַלן אַ טויטער? — פרעג איך.

אָבער איך שטעל זיך אַלץ נישט פאָר, אַז בימל, אַזאַ בימל, זאָל אויף זיך אָנטאָן אַ ביקס, שטיין אונטערן פייער און זיך שלאָגן פון דער וועיטנס. און ווי אַזוי קען ער זיך בכלל שלאָגן? אין קלויז, אַז איך זע אים דאַווענען, זע איך אַ הויכן, אַ ברייטן ייד מיט אַ געלבלעכער באָרד, אַ שיינער? נו, אַ שיינער. ער דאַוונט אין דעם טלית און איך ווייס, אַז זיי האָבן נישט קיין קינדער... איצט קער חוה אַרומגיין מיט פאַרוויינטע אויגן נישט קיין אלמנה, נישט קיין גרושה.

און די שטאָט שווייגט? די שטאָט וועט עס שווייגן?

* * *

אַזוי דוכט זיך מיר, אַז איך וויל, דער טאַטע זאָל מיך נעמען צו סליחות, נאָר אַז ער וועקט מיך, איז מיר אַזוי שווער אויפצושטיין! איך קען די אויגן נישט עפענען און איך וויל זיך נישט שיידן מיטן געלעגער... אָבער אַז איך בין שוין אויפגעשטאַנען און כאַטש דער דרויסן איז קיל, גייען מיר. די קלויז איז מיינע, אומעטום בין איך דאָ היימיש. אַלע ווינ־קעלעך אין הייזל און אינעווייניק זענען מיר באַענט און טייער סיי שבת, סיי אין דער וואָכן, ווייל איך בין דאָ ווי ביי זיך אין דער היים. נאָר פאַר טאָג צו סליחות איז עפּעס אַנדערש. דער חזן זאָגט שמע קולנו, ווערט דאָס האַרץ צעבראָכן אויף שטיקלעך.

אַל תשליכנו לעת זקנה — — — דוכט זיך, איך בין נאָך נישט קיין אַלטער מאַן, נאָר עס גייען מיר אויס אַלע כוחות.

נאָך די סליחות קומט אויס דאָס דאַווענען זייער פרי.

מיר גייען מיטן טאַטן אַהיים. מיר בייסן איבער, וואָס די מאַמע האָט אונדז צוגעגרייט, און מיר פאָרן מיטן טאַטן אויף די פּאַדריזסקעס צונעמען ביי אַ פויער נאָך צוויי שאָקעלעך היי.

אַהאַ, די פעלדער זענען שוין הוילע. די בהמות גייען אַרום אויף דער סטערנע. פערד טאַנצן אַרום געפּענטעטע נישט ווייט פון די שאָקן היי. דאָס גראָז וועט מען שוין נישט קאָסען אַזוי, אַז מען מעג עס אויספּאַסען.

אויף דעם דאָזיקן היי זאָגט דער טאַטע, אַז ס׳איז אָטאַווע. אָטאַווע איז, ווייזט אויס, דאָס גראָז, וואָס מען קאָסעט שוין סוף זומער, דאָס הייסט דאָס לעצטע מאָל, דאָס גראָז איז ווייכער, קירצער און גוט אויסגעטריקנט.

איך אָטעם אַריין אין זיך אַ סך געראַומען שטח, כאָטש די וועלט איז איצט נישט אַזוי הויך ווי זי איז געווען זומער. אָבער ס׳איז נאָך גוט. ס׳ווילט זיך צעגאַנגען ווערן אין די וואָלקנדלעך, אין דער טונקעלער בלויקייט פונעם הימל. עפּעס שמעקן נאָך דאָ אַלץ גוטע ריחות, און דער עיקר, וואָס מיר איז דאָ אַלץ נאָך ביי און פריש און שיין. אוי, ווי שיין! אמת, דער טאַטע איז לעם מיר דאָ, אונדזער פערד און וואָגן זענען לעם מיר דאָ. ווען זיי פאָרן אַוועק און לאָזן מיך דאָ איבער אַליין, וואָלט איך דאָ געקאָנט שפּאַצירן, אויב אַ סך, איז אַ פערטל שעה. און אַפילו אין דעם איינעם פערטל שעה וואָלט איך זיך אויך נישט געקאָנט איינהאַלטן פון קלערן: וואָס וועט ווייטער זיין? ווו וועל איך זיך אַהינטאָן? וואָס וועל איך עסן? ווער וועט זיך פאַר מיר איינשטעלן? — ביילע דער מומעס איז מיר אַרויף אויפן געדאַנק: ביילע דער מומעס און איך — צוויי מענטשן, וואָס זענען עפּעס געבליבן עלנט־אַליין און מיר גייען. זי האַלט מיך פאַר אַ האַנט. מיין האַנט אין א י ר האַנט. ווי גוט ס׳איז מיר פון דעם. מיט איר אין איינעם איבערגעטראָגן וואָגל און פיין — — — וועט מיר אויך די פיין זיין זיס.

נאָר דאָס הײַ אויפֿן וואָגן איז שוין אויסגעבעט, איך אַליין האָב עס אויפֿן וואָגן אײַנגעטראָטן. דער טאַטע האָט צונויפֿגעשאַרט די געבליבענע רעשטן, איצט בינדט ער עס איבער מיט דער שטריק. ער פֿאַרוואַרפֿט די שטריק צו מיר פֿון אויבן. די שטריק זאָל נאָך אָפּט מאָל נישט פֿאַרציִען מײַנע פֿיס מיטן הײַ אין אײנעם. ע, ניין! איך וועל נישט לאָזן. איך טאַנץ אַרום איבערן וויכן הײַ. אָט אַזוי זאָל איך טאַקע פֿאָרן אויף אַזאַ מין הייך? צי איך זאָל בעסער אַראָפּקריכן און גיין נאָכן וואָגן מיטן טאַטן אין אײנעם? מיר פֿאָרן שוין. מיטן דאָזיקן שטיקל פֿעלד געזעגענען מיר זיך אויף לאַנג, אפֿשר אויף אַ גאַנץ יאָר, אויב נישט מער?! און די בהמות, וואָס גייען דאָ אַרום וועלן קומען ערשט פֿאַר נאַכט. און נאָך די געפּענטעטע פֿערד וועט אויך עמעצער קומען. איך וויל זאָגן... איך ווייס, וואָס איך וויל זאָגן.

אויף דער־אָ סטערנע און אויף דעם דאָזיקן שטיקל גראָזפֿעלד, וואָס מע וועט שוין הײַנטיקס יאָר מער נישט קאָסען, וועלן נאָך אַרומגיין בהמות, וועלן נאָך שפּרינגען פֿערד. פֿייגעלעך וועלן ארומפֿליִען זוכן קערנער, פֿעלד־מײַז האָבן דאָ ערגעץ זייערע וווינונגען מיט זייערע פֿאַר־גרייטע אָנגעפּילטע שפּייכלערס. פֿאַסטעכלעך וועלן זיך דאָ שפּילן און אַ מאָל זיך אויך בעצן אינעם רעגן מיטן זאַק איבערן קאָפּ איבערגעדעקט... נאָר איך? — איך האָב זיך שוין מיט דעם־אָ געזעגנט, לופֿטיקן שטיק דרויסן און מיטן הימל איבער אים צעזעגנט אויף לאַנג. איך האָב זיך צעזעגנט און מײַנע חברים אין חדר האָבן אים אין גאַנצן נישט געזען, דער מערסטער טייל זייערער איז דאָ אויפֿן לעבן נישט געוועזן. זענען זיי מיך מקנא? אפֿשר נישט? און מען דאַרף עס נישט.

אין חדר ענדיקן מיר דעם חומש דברים, דעם לעצטן פֿון די פֿינף חומשים, און אַז מירן איבערקומען די ימים־טובים און מירן אָן ספֿק ווייטער גיין אין חדר, וועלן מיר אָנהייבן צוריק פֿונעם ערשטן חומש, פֿון דער ערשטער סדרה. איז דאָך טאַקע נישט סטראַשנע. אויב אַזוי קומט אויס, אַז די וועלט איז דאָך טאַקע ווייטער קײַלעכדיק. דער סוף איז פֿאַרבונדן מיטן אָנהויב. תכלה שנה וקללותיה, תחל שנה וברכותיה. מיר מיטן טאַטן האָבן שוין אין זיבעצן צעשיקן, דאָס הייסט פֿאַנאַנדער־

שיקן וואָס מער שנה־טובות: דער באָבען מיט די קינדער קיין ראַדאָ־מישליע — איינס; דער מומע באַבלען מיטן פעטער צאַליען מיט די קינדער — צוויי; דעם פעטער בענציען מיט דער מומע העניען מיט די קינדער קיין מאָזיר — איז דריי; דעם פעטער ישעיהן מיט דער מומע איטען מיט די קינדער — איז פיר; דער מומע ריוועלען, דער מומע אסתרן, די פעטערס קיין אַמעריקע. אַז מיר ווילן, קויפן מיר געדרוקטע שנה־טובות. זיי זענען זייער שיינע, מיט פייגעלעך און מיט גאָלדענע אותיות. מיר שרייבן נאָר צו אונדזער נאָמען און זייער נאָמען און מיר קלעפּן צו מאָרקעס מיט אַן אַדרעס און זיי גייען אַוועק צו איטלעכן אַלצאיינע. אויב ס׳איז נישט צו קריגן קיין געדרוקטע, שרייבן מיר צו יעדן באַזונ־דער לויט זיין באַדערפעניש.

און אָט אַזוי גרייטן מיר זיך שוין צום יום־טוב.

אין חדר האָב איך געהערט אַ זאַך. בערל לייבעס, וואָס גיט אונדז אַ מאָל ביכלעך אין הויף ביי דער הויזטיר פון זייער גלעזערנעם לאַנגן גאַנעק, וויל, ווייזט אויס, שרייבן ראָסקאַזן. ער איז ביי זיך פּראָסט: פון וואַנען זענען מיר עס אַרויס? אָט איז ער דאָך פון אַ רייכער שטוב — דעם רייכסטן שניט־קרעמערס אַ זון. און מיין רבי איז אָרעם און זיין טאַטע איז געווען הערשל דער שוסטער, וואָס פלעגט בייען קליינע שיכעלעך פאַר קליינע קינדער וועגן. און פון דעסט וועגן גייט ער, אָט דער בערל, אַרום מיט באַבלען, דעם רבינס עלטער מיידל פונעם ערשטן ווייב. דאָס איז טאַקע ראובנס עלטערע שוועסטער, וואָס לערנט זיך בייען ביי אברהם־בערן דעם ווייבערישן שניידער, דאָס הייסט זי קען שוין די אַרבעט און דער שניידער צאָלט איר שוין געלט פון דער וואָך. זיין טאָכטער — דעם שניידערס — מערל אברהם־בערס און באבל און כייטשיק ברוק־אייזיקס און בערל לייבעס און יצחק מערימס גייען תמיד אַרום אין איינעם. און אַלע ווייסן, אַז בערל נעמט באַבלען און מערל האָט נאָך קיינעם נישט און כייטשיק איז אַ קליינע אין וווקס, אַ פול־בלעכע, אַ שיינע און האָט אַ חדר פון מיידלעך און לאַכט הויך אויפן קול און וויל שוין אויך אַ חתן. אָבער דאָס איז נאָך אַלץ גאָרנישט, דער עיקר איז, וואָס בערל האָט געשיקט זיינעם אַן אייגענעם ראָסקאַז, אַזאַ

געשריפט — אין רעדאַקציע אַריין און מען האָט אים געענטפערט מיט אַ קאַרטל, ווו ס'זענען געווען אָנגעשריבן געציילטע צוויי ווערטער אָבער אַז דער רבי האָט די צוויי ווערטער אַרויסגערעדט, פלעגט זיך דאַכטן, אַז דאָס קאַרטל איז פול און ווערט צעשטאָפּט פון די צוויי ווערטער:

— נ־ניט פּ־פּעיִג!!! — פלעגט עס דער רבי אויסרעדן מיט אַ טראָפּ און מיט אַ קוועטש.

צי די זאַך איז נישט קיין גוטע, צי דער שרייבער איז נישט קיין פּעיִקער, נאָר פאַר וואָס קלייבט פון דעם אונדזער רבי אַזוי פיל נחת? — איז שווער צו פאַרשטיין. צי ס'געפעלט אים, וואָס די רעדאַקציע פאַר־שטייט אַ געשעפט און נישט אַלץ, וואָס יענעם פאַרווילט זיך שרייבן איז זי מחויב דרוקן? צי דאָס, וואָס בערל האָט זיך איינגערעדט אַ קינד אין בויך און אויף אַן אמת געמיינט, אַז אָט שרייבט ער אַן און אָט שרייבט ער איבער און ווי ער וועט עס נאָר אַרויפלייגן אויפן פּאָטשט, אַזוי כאַפּט מען און מען דרוקט אָפּ?!

ניין, מיין טייערינקער! ס'דאַרף דאָך נאָך פריִער טויגן. מען דאַרף נאָך פריִער זיין פּעיִק.

איך זאָל זאָגן, אַז דער רבי אַליין האָט אין דער שטיל געהאַט אַ באַהאַלטענעם יצר־הרע אויך עפּעס אָנצושרייבן? און ער וואָלט גראָדע געקענט די אַרבעט?! ווען ער טוט אין דער שטיל אַ באַשרייב, ווי אַזוי אונדזער אַליקער רבי קומט צו פאָרן און ווי אַזוי די סטאָלינער חסידים דערשרעקן זיך — צו זיי דאַרף אויך קומען דער רבי — טאַקע אויף היינטיקן שבת און זיי זעצן זיך אַנידער ביי יאָסלען אָרישעס אין שטוב און פאַרקאַטשען די אַרבל און הייבן אָן צונויפשטעלן אַ פּאַלשן, אַן אונטערגעשטעלטן בריוו צו אונדזערן, צום אַליקער, אַז ס'איז שלעכט די צייט, ער זאָל קומען אין אַ חודש אַרום, ווען ס'וועט זיין ג ו ט די צייט... דער רבי שמואליק אונדזערער וואָלט עס באַשריבן אַקוראַט, ווי אַזוי ביי יאָסלען אָרישעס שטעקן גרויסע צוויי שטיקער וואַטע פון די אויערן און ווי אַזוי ער האָט די גרויסע, רויטע פּאַטשיילע, אַן אויסגע־פּלעקטע פון טאַבאַקע און פון טינט אַרויפגעלייגט אויבן אויף דער יאַר־

מאַלקע, ס'זאָל אים זיין וואַרעם אין קאָפּ און ווי אַזוי ער טונקט איין די פעדער און פאַרגעסט עפּעס, ווישט ער זי דערווייל אין דער לינקער פּאה; ביי אים איז די פּאה אויך אַ שוואַרצע אַזוי ווי טינט. ווען מען שרייבט עס אַריין, וואָלט די גאַנצע שטאָט אומגעגאַנגען צו ישראליקן ראַטנערס נאָך דער בלאַט־צייטונג, און מען וואָלט עס אויסגעלייענט אין גאַנץ וועלעדניק — אויך און אין גאַנץ אָוורוטש — אויך. עפּעס אַ קלייניקייט אַזאַ שפּיצל באַשרייבן! און מיט אַלע שמיציקלעך, אַזוי ווי אונדזער רבי קען.

אָבער ער וועט עס נישט טאָן. אים וועט מען נישט שרייבן „ב־ניט פּ־פּעיג". כאָטש ווער ווייסט זיי? טאָמער שרייבן זיי אָן עפּעס אַנדערש?!

איצט פאַרשטיי איך שוין, פאַר וואָס דער רבי האָט אַ גאַנצן טאָג געסמאַקעוועט. אַפילו נאָך וואַרמעס, אַז מיר זענען געקומען און זיך אָוועקגעזעצט שרייבן די אַפּירן, האָבן מיר ווייטער געהערט, ווי ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַריינקוקן אין ברוך־יענקלס העפט און געזאָגט:

— ב־ניט פּ־פּעיג!!!

מיר האָבן געלאַכט און ווען מיר האָבן באַגעגנט בערלען לייבעס אויף דער גאַס, האָט זיך געגלוסט צו אים אויסשרייען: — בערל, ס'איז פּעיק?

אָבער בערל איז נישט געווען קיין נאַר. ער אַליין פּלעגט רעדן מיט פּסוקים און ס'פּלעגט זיין צוגעפּאַסט צו דעם, וואָס ער האָט געזאָגט. אָט־אָ גייט דורך וואָזניאַקס — אונדזער פעלדשערס — ווייב. עפּעס איז זי געווען זייער אויסגעפּוצט: אינעם ראָזלעכן קלייד מיט די קליאָשן, ריין און שיין אויסגעפּרעסט. פון די האָר אויפן קאָפּ זענען ביי איר אַראָפּגעהאָנגען פּייפּלעך אַזעלכע אַזוי ווי שיינע געקרייזלטע פּאות. אין האַנט האָט זי געטראָגן אַ זאָנטיק און אין גאַנצן האָט זי זיך אָנגעשמעקט מיט אַלערליי דוכיען, אַז דער ריח צעגייט זיך איבער דער גאַנצער גאַס. איך גיי פון חדר און בערל גייט מיר אַנטקעגן.

— געזען — מאַכט ער צו מיר, און טוט אַ ווונק אין איר זייט, — וריח בני כריח השדה?!...

און אַז ער וועט שטאַרק וועלן, בערל, וועט ער אָנשרייבן אַן אַנדער

זאַך און אָפּשיקן אין אַן אַנדער בלאַט. וואָס איז? אַלע בלעטער ענטפערן אַלצאַיינס? מען קאָן אים ענטפערן עפּעס אַנדערש אויך!

די שנה־טובהס האָב איך שוין אָפּגעטראָגן צו שׂרהלען דעם חריפּס אויף דער פּאָטשט. זי האָט צוגענומען מיט אירע איידעלע פינגער, האָט אַ קוק געטאָן אויף די שיינע געמאָלטע שנה־טובהס, דערנאָך — אויף מיר. זי האָט מיך ליב, שׂרהל און פילט ווי איך בין צו איר גוט. איך פאַרשטיי איר לאַגע ווי אַ גרויסער.

אין מיטן דריבען איז מיר אַרויף אַ געדאַנק, אַז איך וואָלט פון מיין האַנט אויך קאָנען שיקן אַ פּאָר שנה־טובהס. נאָר צו וועמען? — צו מאַשען טויג נישט. צו אונדזער רב מיט זיין הויזגעזינד? איך האָב צו זיי אַלעמען אַ ליבשאַפט, אָבער איך בין דאָך נישט זייערער קיין גלייכן?! שאַ, איך האָב זיך דערמאָנט! איך קאָן שיקן אַ שנה־טובה צו מיין אומ־באַקאַנטן חבר העבריק רייכמאַן קיין טשענסטאָכאָוו (דעם אמת געזאָגט, איצט געדענק איך שוין נישט אַקוראַט, צי ס'איז געווען פּיאָטרקאָוו, צי טשענסטאָכאָוו). איך וועל אים שרייבן, אַז איך ווינטש אים, זיינע עלטערן און אונדזער גאַנץ פאָלק אַ שנה טובה ומבורכת.

* * *

דינה פאַליקס האָט אונדז אַרויסגעשיקט מיט ראובנען מאַכן אַ נדבה אויפן שטאָט. ס'איז נישט נאַריש... ערב יום־טוב. קבצנים האָט זי, אויף איר קאָפּ געבוג. ווו וועט מען נעמען?...

מיר לויפן פלייסיק איבער דער שטאָט, מיר פאַרגייען אַפילו צו ראובנען אַליין אין שטוב — צום רבין אונדזערן. איצט לערנט מען שוין נישט אין חדר ביז נאָך סוכות און נאָך שמחת־תורה. אַ־האַ! — מיר האָבן אַ סך פרייע צייט!

די רביצין שמייכלט צו אונדז מיט אירע האַרטלעכע פּירעקעכיקע ווערטער. צום סאַמע ערשטן גיט זי אונדז די נדבה. זי צעבייט ביי אונדז אַ זילבערנעם גילן, דערביי פרעגט זי ביי אונדז לאַכנדיק־ווייל:

— נו? איר האָט שוין עפּעס אַ סך צונויפגעמאַכט?

אמת. מיר וואָלטן שוין מעגן וויסן אַ חשבון, ווייל אין דער דאָזיקער זענען שוין די לעצטע הייזער, די לעצטע גאַנגען אונדזערע. מיר זאָגן, אַז מיר דאַרפן נאָך אַ מאָל אַריינלויפן צו מאַטלען איטשעס, טאָמער זענען שוין געקומען פון אוסאָוו די פּוקסמאַנעס אויף יום־טוב. דאָרטן קאָנען מיר קריגן אַ רעכטע נדבה. אַ האַלב שטאָט ווערט אויסגיין און אַזוי פיל נישט מאַכן.

מיר זעצן זיך צו ביי דער רביצין אין קיך אויפן בענקעלע לעם טישל, ווו זיי עסן כסדר וואַרמעס און מיר ציילן טאַקע צו אונדזער קאַסע.

— זייער גלייך — זאָגט די רביצין — איר מעגט זיך טאַקע אַ ביסל אָפּרוען אויך.

* * *

ס׳איז גאָר קיין רייד נישט, אַז שבועות איז פאַר מיר דער ייִנגסטער יום־טוב. ער איז מיר באַליבט ווי אַן איידל וואָלקנדל אַ ליכטיקס אויפן הימל, ווי דער איידלסטער ברויזנדיקסטער האָפּט אויף אַ מיידלש העמד. וועגן פּסח וועט זיין אַ באַזונדער רייד. צו יום־כיפּור און צו סוכות וועלן מיר גיך קומען. איצט האַלט מיר ביי ערב ראש־השנה.

דער יום־טוב ראש־השנה זעט מיר כסדר אויס פינצטערלעך, ווי אַן עלטערער ייד אַ בייזער. נישט אַזוי בייז ווי פאַרטיפט און ערנסט. מיט אָנגעצויגענע אַראָפּגעלאָזטע ברעמען. אָבער ס׳איז אויך אַ ייד. נאָך אַ מין ייד! ער קען גוט לערנען און פאַרטשעפּעט נישט קיינעם מיט קיין קרום וואָרט, און... נאָך אַן עצה וואָלט מען דאַרפן גיין צו אים: וואָס וועט איר זאָגן?... נו, נו! ראש־השנה איז אַ יום־טוב נישט פון די קליינע. דערצו טונקט מען נאָך די מוציא נישט אין זעלצערל מיט זאַלץ, נאָר אין אַ שאָלעכל מיט האָניק, און עפּל דווקא געבראָטענע אויף צוקער. דאָס, וואָס דו שאָבסט אָפּ פון דעם דנאָ פון סקאָווראָדע איז אויך מאכל מלכים. און פליישיקע געריכטן און ליכט־בענטשן און ס׳איז דורכאויס פאַרכטיק אויפן האַרצן. ניין, מיינט נישט, איך קלייב זיך נישט אָנרעדן אויפן יום־טוב. ס׳איז גאָר ווי איך האָב געזאָגט: ס׳זענען פאַראַן שיינע

עלטערע יידענעס, און ס׳זענען פאַראַן יונגע, הנעוודיקע ווייבלעך, וויביילקע דער מומעס און פאנאסינא בילהאָלאָווס; פאַראַן מיידעלעך אייד־ דעלע, ליבינקע, וואָס אַרום זייערע הערעלעך שוועבט אַרום אַזאַ ליכטיקע סודותדיקייט און אין די לופטיקע אונטערגעהויבענע אַקסלעך פון זייער דין מלבושל. אַזעלכעס איז אויך פאַראַן. ראש־השנה איז אַ יום־טוב, וואָס טופעט שווער און איז אָנגעטאָן אין אַ סך קליידלעך און פאַלטנס, אַ מלבוש אויף אַ מלבוש, אָבער אַבי מען גייט נאָר אַריין אין זיין תוך, מען הייבט אים אָן צעקייען, קאָן מען זיך פון אים אויך נישט אָפּטאָן. לאָמיר זאָגן, דינסטיק איז ערב ראש־השנה. ביי דער מאַמען איז נאָך פון נעכטן אַלץ פאַרגרייט: מעל און אַ ראָשטשיבע, און עפּל, און פליייש, און קאָמפּאָט, און לאָקשן, און ראָזשינקעס, און האָניק, און קידוש. זי הייצט דעם אויוון, באַקט און קאָכט און גרייט אויף יום־טוב. ס׳נאָר, וואָס זי טוט עס אַ ביסעלע מיט מער פּאַרכטיקייט ווי ווען עס איז. אין דעם טאָג בעט מען אויס אויפן מאַן מיט די קינדער, אויף אַלע אייגענע, מיט כל ישראל אַ גוט יאָר.

דער מאַן און די קינדער...

ווען די קינדער הער איך פון איר כסדר, סיי בעת אַ שלאָפקייט, סיי ביים געזונט ווערן: „רבונו של עולם, קיינער זאָל זיך נישט שווענקען אין מיין טראָפּעלע בלוט!״.

איר „טראָפּעלע בלוט״, איר „ביסעלע בלוט״ — דאָס זענען מיר. זי זאָל אונדז דערלעבן אויפּצוזען, מיר זאָלן נישט איבערגיין אויף קיין שטיף־מאַמעס הענט...

אויבן אויף די חלות לייגט מען אַרויף אַ פלעכטעלע טייג, צונויפגעד לייגט ווי אַ בייגעלע מיט צוויי לאַפּקעלעך. די לאַפּקעלעך זענען אין דער לענג אויפגעשניטן מיט עטלעכע שניט, ס׳זאָל דערמאָנען פינגער. צו וואָס זענען עס די לאַפּקעלעך? מען דאַרף געדענקען, אַז ס׳איז איצט ימים־נוראים. און די לאַפּקעלעך זענען צוויי אויסגעשטרעקטע הענט, וואָס בעטן רחמים פאַרן רבונו של עולם.

מיר פאַרענדיקן אונדזערע אַרבעטן — איך אין הויף, דער טאַטע —

אין האַרבאַרניע. און מיר גייען אין מרחץ אַריין זיך שערן און וואַשן. דינהלע העלפט דער מאַמען אַלצדינג טאָן.

גילזן האָב איך אין דער פרי געקויפט און אָנגעשטאָפּט מיט באַיאַרס־קיס טיטון אויף יום־טוב. יום־טוב מעג מען רויכערן. אַפילו אין אַזאַ האַרבן יום־טוב. געקומען פון באָד, געטרונקען אַ גלאָז טיי. אַלע שיך זענען ביי מיר אויסגעפּוצט, אי דעם טאַטנס, אי דער מאַמעס, אי מיינע, אי די קינדערס. מען הייבט זיך שוין אָן אָנטאָן אין קלויז אַריין.

כאָטש אָנגעטאָן איז מען יום־טובדיק, אָבער אַלע פּנימער זענען אָנגעצויגן, ווי עפּעס אַ גרויסע נאַטשאַלסטווע איז איצטער וואַך. מע שאָקלט זיך ווי די זאַנגען אין כמאַרנעם טאָג. אַפילו ביי דער שטילער שמונה־עשרה הערט זיך אַ זשום איבער דער גאַנצער קלויז. האַרץ... האַרץ... מע זאָגט מיט האַרץ. מען הערט זיך צו צום טייטש פון יעדעס וואָרט... וכתבנו בספר החיים... ס׳איז דען עפּעס אַ שפּילעכל? יעדן ווילט זיך, אַז די גאַנצע משפחה זיינע, פונעם עלטסטן ביזן מינדסטן זאָלן זיין פאַרצייכנט אינעם בוך פון לעבן. פסח דער בלינדער שטייט לעם אַ ייד מיט וועמען ער האָט באַצייטנס אָפּגערעדט. יענער זאָגט עטוואָס הויכ־לעך די שמונה־עשרה און פסח כאַפּט אונטער יעדעס וואָרט און זאָגט נאָך, מיט זיינע נאַסע ליפּן, מיט אַזאַ פלייס, ווי מען וואָלט געגעסן אַ סך קאַוון נישט צעשניטענעם, נאָר זיך אַריינגעגעסן אינעם גאַנצן שטיק. ער ווייסט כמעט אַלע דאַוועגענס אויף אויסנווייניק, נאָר ער הערט זיך צו, כדי זיך נישט פאַרטשעפּען פאַר קיין וואָרט.

מיר זאָגן יעלה ויבוא, מיר זאָגן בספר החיים, אַפילו די געוויינלעכע ברכות זאָגן זיך איצט אַנדערש, הייבט בפרט די פרישע, די ראש־השנה־דיקע. נאָר ס׳איז גוט. ס׳איז געוועזן אַ ביסל סטראַשנע אָנהויבן, נאָר איז מען אַריין, פילן מיר שוין אַ טעם. ראש־השנה גייט דאָס דאַוועגען אַלע מאָל לענגער, ווי אין אַן אַנדער יום־טוב, אָבער אַט זאָגט מען שוין עלינו און קדיש, ווערט מען אַ ביסעלע אַזוי ווי פריי פון דער אָנגעשטרענגטקייט פאַר נאַטשאַלסטווע, דאָס הייסט, פאַר אים אין הימל און פאַר זיינע אַרומרינגלערס. ס׳הייסט מען האָט שוין אַ ביסל אַראָפּ־גערעדט פון האַרצן, מען האָט זיך אַ ביסל באַקענט, פאַרפירט אַ שמועס,

דאָס איבעריקע וועט מען זיך דאָ טרעפן מאָרגן און איבערמאָרגן. איצט וועדליק מען איז שוין אַריין אינעם יום־טוב, האָט זיך אין אַלע הערצער באַזעצט דער יום־טוב. אויף די פּנימער און אין די בליקן איז שוין דאָ שיינקייט, יעדער איינער איז שוין שענער ווי ער איז געווען צוריק מיט אַ האַלבער שעה. די פּנימער זענען באַלויכטן, די אויגן גלאַנצן באַפּייכ־טע, די ליפּן צעעפענען זיך און זאָגן גוט יום־טוב און ס׳איז נישט נאָר „גוט יום־טוב" אַליין, ס׳איז נאָך דאָ אַ גאַנצער שלייף לשנה טובה תכתבו... דער מזרח האָט אָנגעהויבן און דער מיטן האָט אָנגעהויבן, די דריי זייטן און די ברעגן האָבן אָנגעהויבן, און ווי די שיינע געגנדז, ווען זיי האָבן עפּעס אַ צונויפקום און אַ באַראָטונג בויגן זיי די קעפּ און די העלדזער פריִער אין איין זייט און זאָגן עפּעס, דערנאָך דרייען זיי אויס די קעפּ מיט די העלדזער אין דער צווייטער זייט און זאָגן עפּעס, אַזוי איז ביי אונדז אין קלויז. אונטער די לויכטנדיקע לעמפּער בייגן מיר די קעפּ אי אין דער זייט, אי אין דער צווייטער. מיר זענען אָנגעטאָן אין טונקעלע יום־טובדיקע זאַכן, און מיר זאָגן אָפּ דעם גאַנצן זאָג און מיטן גאַנצן האַרצן, אי רעכטס, אי לינקס, אי אַנטקעגן, ווער ס׳איז נעענטער צו דיר, ווער ס׳קוקט צו דיר, ווער ס׳וועט דיך גיכער דערהערן: — גוט יום־טוב... לשנה טובה תכתבו ותחתמו לאלתר לחיים. און מע ענטפערט: — גם אתם!

מיט די דאָזיקע געטרייע בויגענישן און מיט די זאָגענישן לאָזט אונדז די קלויז־טיר אַרויס אויף דרויסן. אין דרויסן איז ווינציק ליכטיק, קילבלעך נאָר אָט־אָ גייען די ווייבער פון דער ווייבערישער שול און מיר זאָגן זיי אויך: גוט יום־טוב... לשנה טובה תכתבו... און זיי ענטפערן אונדז: — גם אתם. און אַזוי קלייבן זיך אויף די סעמייסטוועס, שיילן זיך אויס פון דער געדיכטעניש. און יעדערער ציט זיך צו זיינע יום־טובדיקע פיר ווענט. און ס׳גייט עפּעס אַריין אין האַרצן פון דער איינגע־וויגטער, איינגעזונגענער תפילהדיקער באַגריסונג.

מיר מאַכן קידוש, מיר וואַשן זיך, מיר טונקען די מוציא אין האָניק און מיר האָבן אין זינען, ס׳זאָל זיין אַ גוט, אַ זיס יאָר אויף אונדז און אויף כל ישראל.

די געריכטן זענען אַ ביסעלע האַמעטנע, נאָר מן המובחר.

נאָכן בענטשן צעשביידן מיר דאָס קליינע קאַוונדל, וואָס דער טאַטע האָט נאָך מיט אַ וואָך צוריק געבראַכט פון אָוורוטש. מיר קוקן אַלע, וואָס וועט ער זאָגן אונטערן מעסער. יאָ, ער איז רויט, מיט שוואַרצע נאַסיקע יאָדערלעך. די סלינקע רינט אין מויל פונעם וואַרטן. דער טאַטע צעטיילט איטלעכן צו פּולקעלעך, מיר מאַכן שהחיינו און אַ ביס געטאָן. יאָ, דער קאַוון איז קיל און זיס. יאָ, דער טאַטע האָט געטראָפן מיטן קאַוונדל... און אויב מען וויל, קאָן מען שוין גיין שלאָפן, מאָרגן וועט זיין אַ שווערער טאָג: אַ סך דאַווענען, אַ סך זאָגן.

דער מאַמען האָבן מיר געקויפט אַ נייעם מחזור, אַזוי ווי אַ גמרא די גרויס. נישט גראָב, נאָר דאָרטן זענען דאָ אַלע תפילות מיט גרויסע ווערטער און מיט עברי־טייטש פון אונטן. ס׳איז אַ צירונג, נישט קיין מחזור. דעם טאַטנס מחזור איז די גרויס ווי אַ חומש, נישט קיין גראָבער און אין אים איז אויך דאָ אַלץ, וואָס מען זאָגט אין די היגע קלויזן, וואָרום ביי די ליטוואַקעס זאָגט מען אַ ביסל אַנדערש, אָבער סיי ווי די שמונה־עשרה איז אַלצאיינס, דער ונתנה תוקף איז אַלצאיינס.

איך טו אויס מיין נייעם גאַרניטער מיט די ענגלעכע פּאַכועס, וואָס ברוך באַבעס ט׳מיר אויפגענייט. נישקשה — ס׳וועט זיך פּאַנאַנדערטראָגן, און איך בין שוין ביי זיך אויפן געלעגער. איך ווייס, אַז איצט איז נישט קיין צייט צו טראַכטן פון גלוסטנדיקע זאַכן. די געדאַנקען וועגן באַקאַנטע ווייבלעך און מיידלעך זענען שטענדיק מיט מיר ביים אויפ־שטיין און לייגן זיך, איצט וואָלט איך זיך דאַרפן אויסטאָן פון דעם, נאָר ס׳קאָן זיך נישט. ס׳איז דאָך פאָרט יום־טוב, נאָך אַ גוטער וועטשערע. ס׳איז ריין אין שטוב און די גרעסערע ליכט ברענען נאָך, און איך בין שוין איינער אַליין אין סטאָלאָווע. און ווייטער, צוריקרעדנדיק, וועט דען גאָט, טאַקע אונדזער יידישער גאָט, חלילה, זיין ברוגז, וואָס איך, די באַשאַפונג פון זיינע הענט, בין יום־טובדיק אויפגעלייגט, און וואָס מיך ציט אַזוי צו דער צווייטער באַשאַפונג פון זיינע הענט, וואָס ער האָט מיט אַזאַ גוטן און קלוגן כיוון באַשאַפן: איך — אַ יינגל, זי — אַ מיידל, אַז מיר זאָלן באַשיינען זיין וועלט, ווען מיר וועלן אויס־

וואַקסן — מיט נאָך אַזעלכע קינדערלעך, וואָס וועלן לערנען אין חדר זיין תורה, וואָס וועלן לויבן אין קלויז זיין נאָמען לעם דעם טאַטן מיט דער מאַמען. נייך, אומזיסט זאָרג איך זיך. ער איז נישט אין כעס און קלייבט זיך נישט זיין אין כעס אויף מיר דערפאַר, וואָס איך בין ביי ליבקען דער האַרבאַרקע און ביי נחומען דעם האַרבער אויף דער שיביצע אַזאַ גוט יינגעלע. און איך קנייטש זיך צונויף אונטער דער קאָלדרע און אַלע אברים מיינע ווילן די לייבלעכע נאָענטקייט פון אָט יענעם אָ מיידעלע. און איך האַלט שוין די האַנט אונטער מיין באַק, מיין גע־לעגער איז שוין אַ ביסעלע איינגעוואַרעמט און איך שלאָף איין. מיינע ליבע גלוסטונגען זענען לעם מיר, זיי וועלן אין ערגעץ נישט אויסרינען. גאָט, גאָט! גיב אַ גוט, שיין לעבן מיינע טאַטע־מאַמע מיט די קינדער, אויף מיר און אויף כל ישראל!

* * *

אין דער פרי. אַ יום־טובדיק גלאָז טיי מיט מילך — אַ זיס, מיט אַ קיכל מיט אַ קאַרזשיק. מיר בייסן צו מיט דער שענסטער הנאה, נאָר אַ ביסעלע דאַרף מען האַלטן ס׳מויל, ערנסטקייט אויף די פנימער אַפילו, ווען מיר גיבן דער בהמה דעם פאָילע און דעם פערד זיין טרונק און דערנאָך זיין חלק סיטשקע מיט האָבער.

דער טאַטע טוט אָן זיין שיינעם זיידענעם סורדוט נאָך פון דער חתונה, זיין געפרעסט איבערשט העמד מיטן שניפסל. פון זיין באָרד בלישטשעט אַראָפּ אַזוי פיל שיינע לוסט אויפן זייד פונעם סורדוט, אויף דער ווייסקייט פון דעם געפרעסטן קאָלנער. ער טוט אָן זיין לעטנע פאַלטע, וואָס איז ביי אים גאַנץ און ניי אַלע יאָרן. ס׳קומט אויס אים אָנטאָן אפשר צוואַנציק מאָל אין יאָר אויף די צען מינוט, וואָס מיר גייען פון שול און אין שול. די שיך זענען ריין, די הויזן אויסגעפרעסט — — — נייך. יום־טוב זאָל זיין!... מיר נעמען דעם טלית, דעם מחזור. דער טאַטע טוט אַ קוק, צי האָט ער אין קעשענע די פושקע מיט די אָנגעשטאָפּטע גילזן? די שוועבעלעך? און מיר גייען. מיר גייען מיטן פרימאָרגן איבער דער ליסטווענער גאָס, מיר טרעפן זיך מיט איינציקע דאַווענער גייערס.

ווער ס׳וועט גיין מיט אונדז, ווער ס׳וועט גיין ווייטער — אינעם גרויסן בית־המדרש, און ווער ס׳וועט פֿאַרקערעווען לינקס צום טשערנאָבילער קלייזל.

אייגנטלעך גייען מיר נאָך נישט קיין איינגעשפּאַנטע, ס׳איז נאָך גרינג. באַלד, באַלד וועט מען זיך אַריינציִען אינעם דאַוונען מיטן מחזור, מיטן פּיוט. אַפֿילו דער „ה״ פֿונעם המלך, איז ער דען געגליכן צום „ה״ פֿון אַ גאַנץ יאָר? נאָר איך פֿיל אין דעם טאַטנס האַנט, פֿאַר וועלכער איך האַלט זיך אַ מאָל גייענדיק אין שול און פֿון שול, אַז ס׳איז פֿון דעסט וועגן אָן סכּנות. אַ ביסעלע דאַרף מען האָבן גאָט אין האַרצן, נאָר קיין גרויסער ויצעקו איז חלילה נישט. מיר וועלן עס איבערשלעפּן אויף זיך, ס׳לאָזט זיך.

איז מיטן טאַטן בין איך אַזוי ווי פֿאַרטיק, אָבער ווי האַלט איך מיטן איבעריקן עולם? טאַקע פּסח דער בלינדער, יחיאל בנימין־לייבס, עלטשיק דער שוסטער, יעקב־לייב דער קירזשנער, יענקל דער כּהן, נחום דער שוסטער איז אויך אַ כּהן, משה יידעסעס. אַנדערע יידן זענען אין דער עברי נישט אַזוי פּריי, אָבער דער מחזור איז דאָ און דער חזן זאָגט — וועט מען נישט פֿאַרבלאָנדזשעט ווערן.

ביי אונדז דאַוונט וועלוול בנימין־לייבס, אַ ייד מיט אַן אָנגעשפּאָלטן האַרץ; ער האָט נעבעך נישט קיין קינדער. גאָט האָט אים געגעבן געלט, שיין פּרנסה, אַ דירה פֿון צוויי שטאָקן. אויבן — ער מיט פֿריידלען, מיט פֿריידלס שוועסטער ציפּען, וואָס פֿריידל וויל התונה מאַכן און זיך פֿאַר־דינען אַ שטיקל מצווה, אונטן וווינט נחמיה דער שניידער מיט ווייב און קינדער. גייט ביי זיי די טיר אין הויף אַריין און פֿון פֿאָרנט גייען צוויי קלייטן. אין איינער — וועלוול אַליין און אין דער צווייטער שטייען מיכציע מיט ביילען. אַ סעדל איז דאָ הינטער דער שטוב, פֿעסלעך מיט הערינג אין הויף, מיט בוימל און מיט נאָך זאַכן. ער האָט אַ גוטן קאָפּ צו לערנען און צום סטראָיען, אַ באַמען אין שטאָט און באַזונדערס צווישן די אָליקער חסידים. און קיין קינדער — אַזאַ מין זאַך, וואָס יעדער מינדסטער קבצן פֿאַרמאָגט צו האַלבע טוץ און מערער — דאָס נישט. דאָס האָט אים גאָט נישט געוואָלט געבן. און וועלוועלען גייט אויס דאָס

חיות — אַ קינד, אַ קדיש, אַ זכר, אַ וואָס ס׳נישט איז. נאָר גיי רעד און שריי חי וקים! דערפאַר ווייַנט ער זיך ימים־נוראים אויס אַ ביסל. ער נעמט ביי אונדז, ד. ה. ביי דער קלויז, פּערציק רובל פאַר דאַווענען ימים־נוראים ביים עמוד. פּערציק רובל איז טאַקע שיין געלט, נאָר ער לייגט עס נישט צו זיך אין קעשענע. ער גיט עס אַוועק טאַקע אויף דער קלויז. איך האָב זיך פאַרקלערט וועגן וועלוולען און אַנאַ זאָגט ער שוין — טאַראַדאַמדאַמאַמדאַם, א־האַ — — — טאַראַדאַמדאַמדאַם...

דאָס הייבט זיך שוין אָן די הויכע שמונה־עשרה. אַ פּראָסט פּנים ביי וועלוולען, אַ פּראָסט אַנטאָן. די באָרד איז אַ קושטשעוואַטע, אַ ליכ־טיקע, די אויגן מיט זעקעלעך פון אונטן, ס׳נעזל, אַזוי ווי קליינלעך ווערדליק פאַר אַזאַ ייד, די שטים אויך נישט איי־א־איי. אָבער ער גייט ווי אַ שטאַרק פערד, וואָס פירט אַ שווערע משא; וועסט אים פון וועג נישט אָראָפּשטופּן. צו מכלכל חיים האָט ער זיך זייַנעם אַן אייגענעם ניגון: מכל־כל ח ־ ־ ־ יים בעי־עי־עי־חסד... און הערשל יאָסל־חיימס זיצט אויף אַ שטולכל, פון דער היים געבראַכט, אַזוי — אַ צוויי טריט פון עמוד און ער טאַראַלייקעט אים אונטער. און מיר, פון דער זייט, העלפן אויך צו, און ס׳פאַרט זיך דערוייל. די תורה לייענט מען מיט אַן אַנדער ניגון: ה׳ פּקד את שרה כאשר אמר. ערשט אין דעם אַ יום־טובדיקן ניגון דער־פיל איך טאַקע דעם גאַנצן טעם און די גאַנצע וויכטיקייט פון דעם, וואָס גאָט האָט טאַקע באַפוילן שרהן אַזוי ווי ער האָט געזאָגט. נאָר וואָרט, איציקל, פריי זיך נישט אַזוי מיט דער שיינקייט פונעם ניגון, ווייל ס׳גייט צו תקיעות. בלאָזן בלאָזט ביי אונדז יחיאל. ס׳שטעלן זיך אויס דריי יידן ביי דער בימה, מען נעמט די טליתים איבער די קעפּ. ס׳ווערט אַ ביסל אַ מורא. אין דרייען זענען זיי: — דער חזן, דער בעל־קורא און דער בעל־תקיעה.

און ס׳טוט זיך אַ גאָס פון אונטער איין טלית מיט אַזאַ ווייַנענדיקן אויסגעשריי, מיט אַזאַ האַרץ־טשיפּעניש, מיט אַזאַ בענקעניש: שיר המעלות ממעמקים קראתיך אדוני — אוי־אוי! און די גאַנצע קלויז כאַפּט עס אונטער מיט אַ צעגאָס פון קולות. קיינער געדענקט שוין איצט נישט פון קיין זייטיקע זאַכן. איצט איז דאָ איין דורכויסיקער געשריי,

איין געבעט, איין ריס פון האַרצן. דעם שיר המעלות זאָגט מען פּסוקים־ווייז און יעדער פּסוק רעוועט. די קלויז איז איבערפולט מיט קולות, זיי שפּאַלטן די סטעליע.

די ווייבערישע שול לאָזט זיך שוין אויך הערן מיט אַ כליפּעריי, מיט אַ נאַסער קוויטשעריי, מיט אַ געוויין. ניין, דאָ זענען שוין אַלע איין שטיק צונויפגעגאָסן האַרץ, איין שטיק נשמה. נישטאָ קיין קנאה־שנאה, נישטאָ קיין פּאַרדראָסן. ביי יעדן איז דער טלית איבערן קאָפּ און די קולות גיסן זיך צונויף אין איינעם. אַפילו דער גרעסטער רוצח זאָל איצט זיין אויף גאָטס אָרט, וואָלט אים שוין אויך גאָרנישט געהאָלפן.

דערנאָך דעם איז אָוועק למנצח לבני קורח מזמור. דער ארון־קודש איז אָפן. אַ טונקלקייט אַ פּאַרכטיקע הענגט איבער דער שול. שאַט, מען רופט שוין אויס תקיעה — טו־או־או־או, שברים — — — טו־או־טו־או־טו־או, דערנאָך תקיעה גדולה. ס׳איז גוט. דעם שטן מקטרג האָט מען צוגעקוועטשט צו דער סאַמע סטעליע. איצט האָט ער קיין שום מאַכט נישט.

די תקיעות גייען אַריין פריִער אין די אויערן, דערנאָך — אין האַרצן, דערנאָך אין ארון־קודש און — פּאַשאָל אַהין, וווּ מען וואַרט אויף זיי.

אָפּגעפּראַוועט די תקיעות, איז טאַקע אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן. איצט קאָן מען זיך גרייטן צום מוסף און צום ונתנה תוקף.

אַזוי ווי די תקיעות האָבן אַרויסגענומען אַ סך כוחות, אַזוי האָט דער גוטער אויסגאַנג זייערער צוגעגעבן פרישע כוחות. דער מוסף וועגט איבער דאָס גאַנצע דאַוונען, נאָר ס׳וועט שוין גיין...

* * *

וואָרמעס עסן מיר שפּעטער ווי כסדר, ווייל דאָס דאַוונען דויערט לענגער, ווי כסדר. דעם אמת געזאָגט, איז שוין אַ ביסל צו פיל. מע גייט נישט אויף קידוש איינס צום צווייטן, מען איז פאַרנומען מיט גאָט און מיט דער מידקייט און מיט דעם, וואָס דער טאָג איז שוין היינט נישט קיין גרויסער. מע וועט זיך צולייגן אָפּרוען נאָך וואָרמעס און אויס־טרינקען אַ גלאָז טיי און אויסריידן אַ וואָרט, און גיין דאַוונען מנחה.

אמת, פּאָר עלטערע איז איינס און פּאָר אונדז איז עפּעס אַנדערש. ס'זענען פאַראַן אַ סך נייע מענטשן אין שטאָט. די לערערס, וואָס זענען געקומען פון זייערע קנעלונגען אין די דערפער און שטעטלעך.

אייניקע יונגעלייט, טאַטעס פון קינדער, זענען אויך געקומען פון זייער לערערײַ: יאָסל, חיים־רייזלס זון, יאַנקל שולמאַן — סאָדעס טאַטע, חיים מלכה דעם באַראַנס, וואָס גייט שטענדיק אין ברילן, אהרן עלי, דעם טראַסקערס איידעם. היינט ייִנגעלעך און בחורים, קיין עין־הרע, אַ וועלט! ברוך־אייזיקס קינדער — דער עלטערער, כּייטשיקס ברודער שפּילט פּידל, גייט מען זיך צונויף הערן פון דער גאַנצער שטאָט. ער לייענט ביכלעך און איז אַ פאַרברענטער ציוניסט. מאיר, מאָטל שרהלעס זון, דאָס איז דאָך לאַנעס חתן. און יאַנקל — משה מרדכיס און משה יהודה, לייבע דעם שוסטערס און אשר אברהם־יצחקס און שלום יחיאלס. די לעצ־טע צוויי האָבן זיך מיט דער צייט אַ ביסל איבערגעאַנדערשט. אשר האָט געעפנט אַ קלייט פון צעלניק, די צווייטע פון שמחהן חיה־ברכהס. ס'איז אַ מאָדנע קלייט, — נישט קיין מעל, נישט קיין צוקער, נישט קיין לאָמפּן, נישט קיין הירזש, נישט קיין הערינג, נאָר שניפּסלען און מאַנישקעס און זאָפּעקעס און שיינע קנעפּ, און טאַשמעס מיט קרוזשעוועס מיט פינ־גערוטן, מיט בייוועלעך. אַזאַ ריינע אַרבעט, אַז ס'איז אַ מחיה. אמת, מיר ווייסן נאָך נישט, צי ער לייזט געלט. אָבער צו אים אין קלייט איז גוט אַריינצוגיין. אַלע לערער קלייבן זיך צו אים אין קלייט און מע רעדט און מע לאַכט, און מע וויצלט זיך. אַז ס'גייט אָן אַ באַלעבאַטיש מיידל, דאַרף זי זיין פון אייזן ביז זי גייט דורך פאַרביי אשרס קלייט, ווייל מע קוקט אויף איר, מען רעדט און מע לאַכט, ווייסט זיי דער גוטער יאָר, וואָס האָבן זיי אויף איר דערזען אַזעלכעס.

דער צווייטער לערער שלום יחיאלס האָט געכאַפּט אַ צוגווינט ער־געץ און איז, נישט דאָ געדאַכט, געליימט געוואָרן, — אפשר אַ גאַנצע האַלבע זייט, נישט פאַר קיין יידן געדאַכט. ער האָט אַ ווייב מיט דריי קינדער. פון אָנהויב האָט מען געמיינט, אַז ער איז חלילה אין גאַנצן געליימט. נאָך דערנאָך, אַז ער האָט זיך אַ ביסל אַרויסגעקאָראַבקעט און גענומען גיין איבער דער שטאָט, האָט מען ערשט דערזען, אַז מיר האָבן

אַ שטאַרקן גאַט אין הימל. ער איז פריילעך און שוטקעוועט און שטעלט צו די לינקע, די געזונטע האַנט צום היטל, אָדער צו דער שליאַפּקע פאַ סאַלדאַטסקאַמו: דאָס קאַפּעליושל איז ביי אים אַ האַרטס — אַ קאַטיעלאָק. ער איז נישט פון קיין גרויסן וווקס און איז נאָך גאָר יונג. אין דער געליימטער האַנט מיט די פאַרמאַכטע פינגער און לאַנגע אָפּגעוואַקסענע נעגל האַלט ער דאָס געלט, די נדבות, וואָס מען גיט אים. ער נעמט אַ ציגאַר און פאַררויכערט. ער גייט מיט אַ שטעקעלע און שלעפּט נאָך דעם געליימטן פוס. אויב ער מידט זיך נישט איין, קאָן ער פאַר אַ טאָג אויסגיין אַ האַלבע שטאָט און די צווייטע העלפט שטאָט לאָזט ער איבער אויף מאָרגן אָדער אויף איבערמאָרגן, — זיינס וועט נישט פאַרפאַלן גיין. דאָס ווייבל אַרבעט זאַקן, קנעט ברויט און דאָס איבעריקע האָט מען פון דער שטאָט.

אָט די צוויי זענען שוין נישט קיין מלמדים. אָבער פון מלמדישער פריילעכקייט און פון די חברים האָבן זיי זיך נישט אָפּגעזאָגט. פאַרקערט, אַז די מלמדימלעך קלייבן זיך צונויף בין הזמנים צו אָשרן אין קלייט, איז שלום אויך דאָרטן און לאַכט פון יעדער חכמה. אַ ביסל איז אים שווער צו לאַכן, ס׳גייט ביי אים סלינע פון איין מויל־ווינקל. אָבער מיט דער געזונטער האַנט ווישט ער גלייך אָפּ און לאַכט ווייטער.

איצט האָבן מיר ראש־השנה ביי טאָג. גאַנצע רעדלעך יינגלעך מיט מיידלעך שטייען לעם דעם ליידיקן אָפּרוענדיקן מאַרק־פּלאַץ. גאַנצע כאַ־ליאַסטרעס גייען שפּאַצירן אין די טכאָרינער און בעהוניער ליפּקעס, אַ סך קינדער חדר־יינגלעך און חדר־מיידלעך גייען אויך. מיר שטעלן זיך פאָר, ווי נאָך דער בר־מצווה וועלן מיר זיך אויך באַשטעלן אין אַ דאָרף אויף אַ גאַנצן זמן און יום־טובים־צייטן, בין־הזמנים, וועלן מיר אויך קומען קיין סלאָוועשנע צו די עלטערן און מירן זיך אויך דערפרייען מיט די אַלטע חברים און האַלטן אין איין דערציילן און דערציילן. מען דאַרף זיך נאָר היטן ס׳זאָל זיך נישט טרעפן, וואָס מיט איינעם פון אונדזערע לערער־יינגלעך ס׳האָט זיך געטראָפן. ער קומט דווקא אַרויס פון אַ שיינעם אָרט, נאָר ס׳איז אַזוי. יעדער זמן איז ער אין אַן אַנדער דאָרף און אין יעדן דאָרף ווערט פון אים, נעבעך, אַ מיידל טראָגעדיק. אַפילו נישט די, מיט

וועלכער ער לערנט, נאָר גאָר פון צווייטן עק דאָרף. ס׳איז אַ חרפה און אַ ווייטיק, אַזוי ווי אייגער זאָל זיך אויסלערנען הרגענען מענטשן און... זיי נאָך לאָזן אַ ביסעלע לעבן נישט קיין באַגראָבענע... די ייִנגלעך רעדן פון דעם אַלע מאָל אין שטאָט. ווי אַזוי־זשע שווייגן אים די עלטערן זיינע? און אירע דאָרטן אין דאָרף? אפשר וועט ער נאָך פאַר איר חתונה האָבן? דאָס וואָלט געווען פאַל בעדי, נאָר טאָמער איז ער פאַר די עט־לעכע זמנים געווען אין עטלעכע דערפער און ס׳זענען דאָ עטלעכע מיידלעך אַזעלכע? וועט ער דאָך פאַר אַלע מיט אַ מאָל נישט חתונה האָבן? ס׳איז אַ חרפה און אַ ווייטיק. ס׳גלאָט וואָס טאָמער איז עס אין גאַנצן אַ ליגן? טאָמער רעדט מען נאָר אַזוי? יאָ, אָבער פאַר וואָס רעדט מען נישט פון קיין אַנדערע? קאָרג שיינע ייִנגלעך זענען דאָ צווישן די לערערס: נאָך אַ ביסל שענערע פון אים. נאָר זיי ליגט עס נישט אין זינען. זיי היטן אָפּ דעם אייגענעם כבוד און דעם כבוד פון די עלטערן. און סיי ווי איז עס דען אַ שפּילעכל? וואָס וועט ער טאָן, אויב די דאָרפישע ברידער, דעם מיידלס, וועלן אים אַרויפוואַרפן אַ זאַק אויפן קאָפּ און וועלן אים אין אַ פינצטערן ווינקל אָפּשלאָגן די כריפּעס? אמת, דאָס מיידל היט זיך און זאָגט איר ווייטיק נישט אַרויס פאַר קיינעם. איך זשאַלעווע זייער דאָס דאָזיקע מיידל און האָב אויף איר רחמנות. איך האָב זי ליב און ס׳איז אַ סברה, אַז איך קען ביי זיך פּועלן און פאַר איר אין גאַנצן חתונה האָבן. אויף צו להכעיס אָט דעם ייִנגל מיטן שפּיציקן גערגעלע אויפן האַלדז. און אויף צו להכעיס דער גאַנצער וועלט, וואָס מע שווייגט אים און מע נעמט אים נאָך צו פאַר אַ מלמד אין די איבע־ריקע דערפער. און אפשר? אפשר איז עס פאָרט אַ ליגן? ס׳וואָלט זייער גוט געווען ס׳זאָל זיין אַ ליגן, — ער איז דאָך אַן איידעלער בחור, דער אינטעליגענטסטער אין דער גאַנצער שטאָט. אַז ער קען זיך אַרויסדרייען אַן אַנדער טאָג און נישט דאַווענען, דאַוונט ער אין גאַנצן נישט, כאָטש זיין פאָטער איז אַ כלי־קודש, נאָר איצטער איז ראש־השנה, הלמאי זאָלן מיר רעדן פון אַזעלכע זאַכן?

אין שטאָט האַלטן יום־טוב עטלעכע געזינדן ישובניקעס, מען קומט אַן פון אוסאָוו און פון דובראָווקע — טאַקע פוקסמאַן מיט די קינדער.

אַט יענע אַ „תמר” פונעם אהבת ציון, וואָס צוליב איר וואָלט איך וועלן זיין „אמנון”. ווי אַזוי ביי איין מענטשן קלייבט זיך צונויף שיינקייט, גלייכקייט, איידלקייט און באַהאַלטענער חן אין יעדער ריר. אַפילו דער צאָפּ אירער, דער ליכטיקער, דער דיקער, איז אויך דורכגענומען מיט אַ באַזונדער מין מענטשלעכקייט. אָן־אַ גייען זיי אַרויס פון ראַטנערס שטוב און פונעם גאַנעק. נאָך דער שריפה האָט זיך מאָטל ראַטנער אויס־געבויט אַ הילצערן צוויי־שטאָקיק הויז.

דער יונגער עולם און אויך די שנור מאָטלס מיטן זון גייען אַלע אין איינעם. זיי ווילן אויך גיין אַ ביסל אין די ליפקעס שפּאַצירן.

איך מיט מיין חבר, כאָטש מיר זענען שוין איין מאָל געווען אין די ליפּקעס, קערן זיך דאָך אום. מירן גיין פון דער ווייטנס און מיר וועלן קוקן אויף זיי. פון עפּעס רעדן זיי און זיי לאַכן. ס׳קען זיין אַ שמועס, וואָס זיי האָבן נאָך אָנגעהויבן אין שטוב.

מען גייט שוין מנחה דאַווענען. מעריב דאַוונט מען שפּעטער, ווייל די באַלעבאָסטעס קאָכן וועטשערע און באַקן, דאָס מעג מען, נאָר מע טאָר נישט קאָכן פון איין טאָג יום־טוב אויפן צווייטן.

אין קלויז איז ליכטיק, נאָר די שמונה־עשרה איז נאָך אַלץ אַ שטרענ־גע. ותמלוך עלינו לבדך, זאָג איך און געדענק, אַז ס׳איז אַ יום־טוב נישט אַבי אַ וועלכער.

מיר זאָגן זיך איצטער אויך „לשנה טובה תכתבו ותחתמו לאלתר לחיים”.

* * *

דעם ביטערן שפּאַס דערציילט מען פון אַ סך יידישע שטעט און שטעטלעך. נאָר ביי אונדז איז עס אויך געווען.

אַ בחור, אַ חסר־דעה, נעבעך, איז אַראָפּגעקומען צו אונדז אין שטעטל, ווייל ער איז אַ היגער אַ געבוירענער און דאָ אַ מאָל געהאַט עלטערן — חיים און גאָלדע־ביילע. ער האָט זיך דאָ אַרומגעדרייט עט־לעכע חדשים, האָט קיינעם נישט אָנגערירט מיט קיין בייז וואָרט, אָדער מיט אַנדערע משונה׳נע חפציות. פאַרקערט, מען פלעגט מיט אים שמועסן

און ער פלעגט ענטפערן כמעט צו דער זאַך. אויפגעהאַלטן האָט ער זיך ביי קרובים און אויך ווו ס'מאַכט זיך. פאַרן אוועקפאָרן איז ער אַריין אין בית־מדרש, אַרויף אויף דער בימה און אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש: רבותי, איך בין אייך מכריז ומודיע, אַז איך פאָר אַוועק פון דאַנען און איר זאָלט זיך זוכן אַן אַנדער משוגענעם. ס'איז ביי אונדז אַזוי פאָרגעקומען: ווער ס'האָט געלאַכט און ווער ס'האָט אַ טיפן קרעכץ געטאָן. דאָס איז געווען אַ דורכגעפאָרענער. אייגענע, ניט דאָ געדאַכט, אומזינענדיקע האָבן מיר צוויי מיידלעך. ביידע יונגע און גאַנץ שיינע. ביי ראובן עליע, דעם טראָסקערס איידעם, איז אַ יונג מיידל, נעבעך, אַזוי פון דער העלער הויט משוגע געוואָרן. זי לויפט אַרום איבער די גאַסן מיט באָרוועסע געשוואָלענע פיס און מיט אַ רויטן צעטראַסקעטן פּנים. זי טוט קיינעם קיין שלעכטס נישט, נאָר זי איז, נעבעך, נישט אויף דעם עולם, אָדער זי הייבט אָן זינגען הויך אויף אַ קול, אָדער זי שטעלט זיך לויזן אין מיטן מאַרק דאָס העמד. ווי אַזוי טראָגן עס אַריבער פון איר די אייגענע? ס'איז דאָך, נעבעך אַ שטראָף פון גאָט. מען זאָלט דאַרפן אַריינשטעלן אין די תפילות אַזאַ געבעט, אַז ס'זאָל זיך ביי קיין יידן אַזעלכע נישט טרעפן...

דאָס אַנדערע מיידל איז דאָ אַזאַ ביי חיה־פּערלען דאָברושעס, מלכה הייסט זי. וואָס זי לויפט זיך, נעבעך, אָן פאַרן טאָג, זי איז הייזעריק פון שרייען און ס'טראָגט זי, ווי אַ וויכער.

צו אַלע זאַכן איז דאָ אַ רפואה, צי דען איז צו דעם קיין רפואה נישטאָ? די דאָקטוירים זאָלן אַרויסנעמען דעם מוח, אים אַ שווענק טאָן אין ריינעם ספּירט און אים צוריק אַריינשטעלן אַ ריינעם. אפשר וועט דער מענטש צוריק ווערן אַ מענטש?

אויך זי פאַרטשעפּעט קיינעם נישט, נאָר איך ווער דערשראָקן, אַז איך דערהער איר הייזעריק הויך קול און איך שטעל זיך נישט פאָר אַקוראַט פון וואַנען וועט זי עס באַלד אַרויסלויפן אַהער?!

* * *

דעם אַנדערן טאָג ראש־השנה האָבן מיר זיך מיט די חברים אָנגעד

שפּאַצירט וויפל ס׳איז אין אונדז אַריין און געוואַרט אַלץ עס זאָל שוין זיין נאָך מנחה, מע זאָל גיין אַלע צו תשליך. גיין מעג מען איינציקווייז, מען מעג אין איינעם, אָבער מע גייט מיט אַ סידור צי מיט אַ מחזור, מען איז אָנגעטאָן אין די פּאַלטנס, ווייל ס׳איז קילבלעך! און לעבן אַזערע, אָדער לעבן טייך שטעלט מען זיך אָפּ. מע עפנט דעם סידור און מע זאָגט, וואָס ס׳איז דאַרטן אָנגעשריבן און מע קערט אויס די קעשענעס און מע וואַרפט אַרויס די ברעקלעך אין וואַסער אַריין. צי מע טוט עס, כדי די פישלעך זאָלן כאַפּן אַ ברעקל, צי מע וואַרפט די עברות אין טייך אַריין. איך מיין גאָר, אַז נישט יעדע עברה קלעפּט זיך אָפּ. נישט יעדע עברה לאָזט זיך אָפּרייסן. אַזעלכע עברות, צום ביישפּיל, ווי ביי יענעם בחור, דעם לערער, נישט די עברות וועלן פאַלן אין וואַסער אַריין, נאָר דאָס אומגליקלעכע מיידל אַליין קאָן זיך פּאַר צרות אַריינוואַרפן פון בריק אין וואַסער, ווען ס׳וועט איר סטראַשנע און מיאוס צו לעבן אויף דער וועלט?!

איך זאָג נישט די תפילה. דער טאַטע זאָגט אַליין פון זיין סידור און די מאַמע פון איר מחזור. מיר איז גוט — איך האָב צייט קוקן ווי אַזוי אייניקע יידן, ווייבער און יינגלעך גייען אַוועק. ווי אַזוי אַנדערע קומען צו, ווי אַזוי מע דערלאַנגט זיך צו די קעשענעס, כדי זיי אויס־קערן. איך דערמאָן זיך, אַז איך קאָן נאָך אַזוי פאַרקלערטערהייט אַוועק־גיין נישט אויסגעטרייסלט די קעשענעס. ביי מיר זענען נאָך נישטאָ קיין ברעקלעך, — דעם גאַרניטער האָב איך דאָך ערשט אויף ראש־השנה אָנגעטאָן, נאָר עפּעס אַ ברעקל וועט זיך מן הסתם אָפּזוכן.

איך שעם זיך זאָגן, ס׳איז עפּעס נישט קיין יום־טוב און נישט קיין שפּאַציר. ס׳איז קויטיקלעך און קאַלט אויף דרויסן און אויפן האַרצן. ס׳איז אויך עפּעס נישטאָ קיין פרייד. אפשר וועט מאָרגן זיין אַ ביסל בעסער?

* * *

איך גיב אַ קוק אויף דער מאַמע, איז זי דווקא מונטער און אויפ־געלייגט. זי איז ביי אונדז אַ שיינע, אַ שטילע און אַ ליבע. אַלץ האָלט

זי אויפֿן קאָפּ. אַלץ געדענקט זי. זי גיט אונדז וועטשערע פֿאַרן שלאָפֿן גיין און זי זאָגט: נישקשה, מיינע קאָכאַנע קינדער, מיר האָבן מיטן טאַטן און מיט אַלע יידן אויסגעבעטן אַ גוט יאָר.

זי גלייבט מסתמא, אַז דאָס יאָר, וואָס קומט, וועט זיין אַ גוט יאָר. מען דאַרף דען אַ סך, אַז דעם מענטשן זאָל זיין גוט? ס׳זאָל נאָר זיין שיין אין דרויסן, ס׳זאָלן זיך פֿון ערגעץ נישט יאַוועט קיינע שום קרענק, ס׳זאָל זיין אַ יאָר פֿון גערעטעניש, פֿון פּרנסה. די קינדער זאָלן וואַקסן געזונט און ס׳זאָלן זיין שמחות ביי יידן. ווער דאַרף דען אַ סך?!

ביז יום־כּיפּור האָבן מיר אַ זיבן טעג. אין חדר גייען מיר נישט. דאָס איז גוט. אַז די טעג שטייען שיינע, האָבן מיר צו טאָן מיט די גערטנער: די פּאַסאָליעס אָרומרייסן פֿון די טיטשקעס. נאָר אָרומרייסן גרינג, זיי זאָלן זיך נישט צעשיטן ווייט. די סטרוטשקעס זענען שוין פֿאַנאַנדערגעטריקנט און צעשפּאָלטן. זיי צעטראָשטשען זיך גיך. מיר וואַרפֿן די סטרוטשקעס אין אַ זיפּ אָדער אין אַ רעשעטאָ אַריין. אָן־אָ, אָן־אָ פֿון אויבן איז נאָך אַ סטרוטשאָק. צווישן די בלעטער, זעט מען אים נישט אויס. אָן־אָ איז ער. מע דאַרף צונויפֿנעמען אַלץ, וואָס דער זומער האָט אונדז געגעבן. מע דאַרף קיין איין זערנעלע נישט פֿאַרלירן. פֿאַראַן אַזעלכע מאַקאָוקעס, וואָס שיטן זיך אַליין אויס און פּאַרזייען זיך אַליין. ווערן זיי נאָר צייטיק און אַ ווינטל טוט זיי אַ שאָקל, שיטן זיי זיך אויס. אַזעלכע דאַרף מען אָרומרייסן, איידער זיי ווערן אין גאַנצן צייטיק. אַזעלכע שיינע קעפּעלעך ביי זיי מיט שליאַפּקעלעך אויבן. און אונטער דעם שליאַפּקעלע, אַז מע קוקט זיך צו, זעט מען פּיצעלעך, פּיצעלעך פֿענצטערלעך פֿאַרשטאָפּטינקע און ווי דער מאָן ווערט צייטיק אינעווייניק, עפֿענען זיך אויף אָט די לופֿטשיקלעך און די מאָנעלעך זייען זיך אויס און זייען זיך אויס. די מאַמע זאָגט, אַז זייען וועלן מיר אַליין, ווען ס׳וועט קומען די צייט און איצט דאַרף מען דעם מאָן פֿאַרגרייטן פֿאַר זיך. אַז מיר טרייסלען אויס דעם מאָן אויף דער האַנט, בלייבט דאָס קיילעכדיקע קעפּעלע אַ גרינס, ווי אַ ליידיק פּידעלע. אינעווייניק האָט דאָס פּידעלע אָפּגעטיילטע צימערן... אויסגעליידיקט און אַוועקגעוואָרפֿן.

כאָטש ס'איז נאָך שיין אַפילו אויסגעליידיקטערהייט נאַר... דעם קערן נעמט מען אַרויס, די שאָלעכץ וואַרפט מען אַוועק.

די שטעקנס פון די קייעכעס רייסן מיר אויס און מיר לייגן זיי צו־נויף, זיי זענען זייער גוט פאַר סכך אויף אַ סוכה. אַנדערע צעהאַקן זיי און גיבן זיי די בהמות. מיר וועלן זיי אפשר אויסהייצן. מירן שוין זען, דאָרט, ווו ס'זענען נאָך דאָ קייעכעס שיילן מיר זיי אויס און לייגן צו טריקענען אויף די פענצטער, אָדער אויף אַ דעכל. די טיטשקעס שלעפּן מיר אַרויס פון דער ערד. מען מעג פון זיי אַרומשיילן די אָפּגעטריקנטע פאַסאָליעס־בלעטעלעך און די הודינעס. און אַזוי לייגן מיר צונויף אַלע טיטשקעס, אין אַ גלייכן סטאָס אויף דער מעזשע אונטער דער סטריכע זיי זאָלן ליגן אין דער טריקעניש און ווינציקער פוילן.

ווער האָט איצט אַ סך פּרייען פּלאַץ אין גאָרטן — דאָס זענען די האַרבוזעס (קירבעסן), זיי זענען שוין אויך באַלד צייטיק. אָבער איצט לייגן זיי זיך אויס אויף דער ווייכקייט פון די בייטן. די בעקלעך און די בייכלעך אַנטקעגן דער זון. זיי ליגן, ווי די געזונטע, גלאַטע קעלבער, ווייסע, ליסע, ראָבע, געלע, שוואַרצלעכע, פּאַסעוואַטע. האַרבוזעס זענען דאָ אַלערליי. ס'זענען אַפילו פאַראַן לאַנגעכיקע און קיילעכדיקע. מיר האָבן שוין אויף ראש־השנה צעשפּאָלטן אַ פּאָר צייטיקע האַרבוזעס און אַרויס־גענומען פון זיי די נאַסע גליטשיקע יאָדערן און זיי אויסגעטריקנט אויף אַ בעקן. נאָך ראש־השנה, זאָגט דער טאַטע, — דאַרף מען ווינציקער עסן יאָדערן, ווייל ס'רייסט פון זיי אין האַלדז, שטערט עס צום דאַוונען.

די פלוימען האָבן מיר שוין לאַנג אַראָפּגענומען. אייניקע — די האַרטערע — ליגן נאָך און צייטיקן. די ווייכע, די פאַרטיקע, האָבן מיר שוין אַ טייל אויפגעגעסן און פון אַ טייל אָפּגעקאָכט פּאָווידלע און געשטעלט אין אַ פּאָר בוטליעס סליוויאַנקע. אַ פלוים איז אַ גוטע זאַך. זי האָט אין זיך אַ שיינקייט, אַ טעם און ווינטער לעקט מען די פינגער פון איר סאָק און פון איר פלייש. טריקענע פלוימען און וויאַנדזעלן זיי האָבן מיר נאָך נישט געפּרוווט. — מיר קויפן זיי אין קלייט גרייטע. ביז דו קאָלופּעסט אַרויס מיט די ציין דעם קערל פון דאָרטן איז דאָס אויך געשמאַק. אַז דו צעקלאַפּסט דעם קערל מיט אַ שטיין איבער אַ שטיין,

איז דאָס יאָדערל אינעװייניק אויך ביטערלעך געשמאַק. נישט אַזוי, װי אַ ניסל. אַז דו צעקנאַקסט אַ פלוימען־קערל פון קאָמפּאָט, האָסטו לעם די װוּנטלעך אינעװייניק גוטן, זיסן סאָק. דו נעמסט אים אָן מיטן שפּיץ צונג און זשאַלעװעסט, װאָס ס׳איז אַזוי װײניציק. קאָמפּאָט עסן מיר נאָר שבת און יום־טוב. אין דער װאָכן גייט עס נישט. אין דער װאָכן דאַרף מען װײניציקער נאַשן, מערער אַרבעטן. אײנס מיטן צװייטן גראַמט זיך נישט.

די מאַמע האָט שײנע נעמען פאַר זאַכן, איך װייס נישט פון װאַנען נעמט זי זײ, אָבער אין שטוב פאַרבלײבן זײ בײ אונדז אויף שטענדיק.

אין קלײנעם גערטנדל און אויך אינעם גרויסן, שטײען בײ אונדז סאָנען (זונען־רויזן), אויף גרינע שטעקנס מיט די גרויסע דרײעקיקע בלעטער. די קעפּ זענען בײ זײ געבויגן און אָנגעלאָדן מיט שװערע פּיל־װאָגיקע געדאַנקען. יעדער געדאַנק איז אַ גאַנצער, אַ פעסטיקער יאָדער מיטן פּלײטשקעלע צום דרויסן און מיטן שפּיציקן אינעװייניק. יעדעס קערעלע אין אַ באַזונדער קעמערל און איבער זײ איז פון אײן זײט געלע בלײעכץ לעמפּעלעך אַזעלכע און פון דער צװייטער — אַ קישן מיט װײכן פוך. אויסער דעם גלאָװנעם קאָפּ סאָן לאָזט אַרויס דער שטעקן פון זיך קלײנע קעפּעלעך סאָן, אויך מיט בלײעכץ אַרום און אַרום און מיט לעמפּעלעך בלײעכץ דאָס פּנים פאַרשטעלט. די מאַמע רופט זײ פּופּאַש־קעלעך און זי רופט זײ קומסאַלקעס, — רופן מיר זײ אויך אַזוי. די פּאַסאָליעס זענען שוין אַװעק פון גאָרטן, די גרינע ציבעלעס — שוין לאַנג. דער סאָן, די קײעכעס, די קאַרטאָפל האָבן מיר געגראָבן יונגער־הײט און געגעסן. די היטש פון די אוגערקעס איז שוין געל אויסגעטריקנט. װוּ נישט װוּ װאַלגערט זיך נאָך אַ געל שטיקל אוגערקל... װער איז נאָך געבליבן אויפן גאָרטן? געבליבן זענען די האַרבוזעס, זײ קענען נאָך ליגן אַ ביסל. אַ מאָל זענען זײ אין כעס אויפן קאַלטן רעגן, אַ מאָל צעשמײכלען זײ זיך פון ס׳נײ אַנטקעגן דער האַרבסטיקער זון. אויך בלײבן נאָך אַ ביסל סאָנען, די מערעלעך, די בורעקעס, רעטעכער און אַזוי איז שוין דער גאָרטן כמעט װי לײדיק.

זייען זייט אים די מאַמע. זי ווייסט וואָס ווהין ס'געהערט. זי פּאָלעט אים, זעט אים צו. ווער דען וועט אים קלייבן, אַז מיר האָבן דאָס ליב.

* * *

אלול גייען מענטשן אויפן הייליקן אָרט. יעדערער געפינט זיינע קרובים און וויינט זיך אויס וויפל ס'גייט אין אים אַריין. מייִנסטן גייען אַהער ווייבער און ווייבלעך, — זיי הערט מען אָפּטער. פאַר מיידלעך איז דאָס גיין נישט אַזוי דערלויבט, נאָר אַז ס'איז דאָ אַ מיידל אַ יתומה און זי רייסט זיך דורך אויפן „פעלד", רייסט זיך איר אָפּ אין האַרצן. ס'רייסן זיך ביי איר אַרויס טיפע געשרייען און דאָס פּנים ווערט פינצטער נאָך איידער זי זוכט אָפּ דעם גאָעגטן קבר, און אַז זי געפינט אים שוין און פאַלט צו צו אים רייסט מען זי קוים אָפּ פון דאָרטן אַ לעבעדיקע. און דאָס טוען שוין גראָד זייטיקע מענטשן: אַ שכנה אָדער אַ באַקאַנטע, וואָס גייט שוין צוריק פון אירע אייגענע... אין די טעג איז אויפן הייליקן אָרט „פריילעך", ווייל ביי יעדער פּלאַץ פאָדערט זיך זיינס: אויף אַ חתונה טאַנצט מען, מען עסט און מע טרינקט, מען הוליעט און מע לאָזט זיך וווּיל גיין, — איז דאָס איין מין פריילעכקייט. אויפן הייליקן אָרט איז מען אלול אויף — און — אָפּ און יעדערער וויינט מיט זיינע קולות און מיט זיינע מעגלעכקייטן — איז עס אַ צווייטער מין פריילעכקייט. מע וועקט די טויטע, אַנדערע דאַרף מען לאַנג נישט וועקן. דאָס גרויע בער־געלע ליים האָט זיך נאָך נישט געגנוג צוגעטריקנט. די פאַרב און די אויסגעדריבעטע אותיות אויפן יונגן מצבהדיקן שטיין האָבן זיך נאָך נישט אויסגעוואַשן פון די רעגנס, און אַנדערע... אַנדערע זענען שוין באַוואָקסן געוואָרן מיט אַלטן מאָך, דאָ דאַרף מען טאַקע לאַנג וועקן. זיי האָבן זיך פאַרשייעט, זיי זענען באַהעפט געוואָרן מיט עלטער און מיט אייביקייט.

עשרת ימי תשובה זענען דאָ אַנדערע אַרבעטן אויך. מען גרייט כפּרות אויף ערב יום־כּיפּור, אַ הענדעלע פאַר אַ יינגל־ווענגן, אַ הינדעלע פאַר אַ מיידל, אַ גרויסן האָן פאַרן טאַטן צי פאַרן זיידן. דאָס הענדל איז שוין אויך נישט אַזוי קליין, ס'נאָר יונג, אָבער ס'איז שוין אויך אַ האָן

מיט פעדערן און מיט אַ קאַם און ס'שטעלט שוין פיס, מיט באַנעגלטע שפּאָרן, אַזוי ווי אַ יונגער גענעראַל. דער מאַמע — אַ הון, די מיידע־לעך — הינדעלעך. כפּרות קויפט מען צונויף באַצייטנס. אַנדערע רעדן אָפּ אַפריער און מען פאַררעכנט אַן אייגן הינדעלע אינעם צעטל פון די כפּרות. שפּאַצירט זיך אום דאָס דאָזיקע הינדעלע מיט אַ שטאָלץ, וואָס ס'איז שוין אַליין אַ כפּרה. מן הסתם ווייסט עס, נעבעך נישט, אַז אויסער דעם טאַנץ מיטן „בני אדם", דאַרף מען געטראָגן ווערן צום שוחט. און דאָס איז אַ ביטערער וועג. איך ווייס נישט ווי פאַר ווּעמען, נאָר פאַר מיר איז עס אַ שווערער טעאַטער. אין קיין אמתן טעאַטער בין איך נאָך קיין מאָל נישט געגאַנגען. נאָר ס'רעדט זיך אַזוי — טעאַטער.

אין די עשרת ימי תשובה זענען דאָ זאָגעכצן מיט סליחות, מיט זכור ברית, מיט גערטנער אָראָפּנעמען, מיט גלאָט זאַכן, און מיט ליכט־ציִען. אין אייניקע הייזער קלייבן זיך צונויף ווייבער און ציִען וועקסענע ליכט אויף יום־כּיפּור. איצט די אָרעמע לייט, זיי דאַרפן דאָך אויך וויטן פון אַ יום־טוב. דיניא די פּעטשעריצע שלאָפט נישט, שמערעליכע — אויך. און די מומע ראָסל — אַ לאַנגע אַ דינע יידענע, וואָס איז אַליין גאָר פון מילכען, נאָר זי איז שוין לאַנג אַן אלמנה, נישט דאָ געדאַכט, און סע זענען ביי איר געבליבן מער דעם מאַנס קינדער, ווי אירע אייגענע, וויל זי אַ מצווה אויף דער עלטער און גייט אויך אַלע פּרייטיק איבערן שטאָט, אַז אַ רויך גייט. איצט וועט קיינער נישט פרעגן: „וואָס עפּעס ווייטער?" — מען גיט. אַלע גיבן און אַפילו פרום מיט אַ כוונה. ווער אַ צווייער, ווער אַ דרייער, דער אָרעמאַן דאַרף אויך פּראַווען יום־כּיפּור...

און אָט האָט זיך אָנגערוקט דער ערב יום־כּיפּור אַליין. אַ ליכטיקער, אַ טומלדיקער. כאַטש די קלייטן זענען אָפן, און כאָטש יעדערער מעג נאָך זיין פאַרנומען מיט זיינע נויטיקע טועכצן, אָבער אין שטוב ביי אונדז שטייט אויפן טיש אַ פלעשל משקה מיט אַ פּאָר בעכערלעך. קומט ווער אַריין, נעמט מען צו קאָפּעלעך און מע פאַרבייסט מיט אַ שטיקעלע האָניק־לעקעך, און מע ווינטשט איינס דעם צווייטן אַ גוטע חתימה טובה, אַ גוט יאָר מיט געזונט און מיט פּרנסה און נחת פון קינדער.

דוכט זיך איין וואָרט „קינדער״ און אין דער אמתן — ביי וועמען זענען נישטאָ קיין קינדער?! און ווער קלערט גאָר פון די קינדער?! נאָר אַז מע ווינטשעוועט צו, דערמאָנט מען זיך. יעדערער דערמאָנט זיך אין זיין שטיקל שמערץ, וואָס ער טראָגט ביי זיך אין האַרצן און וואָס איז אין קיין אופן נישט גלייך צום צווייטנס. טאָ זאָל טאַקע גאָט העלפן: ווער ס׳דאַרף אַ קינד חתונה מאַכן, ביי וועמען אַ קינד טראָגט, נישט דאָ געדאַכט, אַ שלאָפקייט אין זיך, און די גאַנצע שטוב־געזינד באַהאַלט עס אויס מיט כלערליי מיטלען און ספּאָסאָבן, אַז קיין פויגל זאָל זיך פון דעם נישט דערוויסן. ביי איינעם איז נישטאָ אויף שכר־לימוד, ביי אַ צווייטן אין ביידע זאַכן: ס׳איז נישטאָ מיט וואָס צו צאָלן שכר־לימוד און ס׳ייִנגל האָט נאָך אַ גראָבן קאָפּ און וויל אין גאַנצן נישט לערנען. ביי איינעם לעבט דער איידעם נישט גוט מיט דער טאָכטער. נאָר די שיינקייט פונעם ערב יום־כיפּור פאַרדעקט אַ סך זאָרגן. מאָרגן שטייט פאָר אַ טאָג, אין וועלכן דער, וואָס איבער אונדז, קען עפּעס עפּענען אַ סך גוטע וועלטן אַזעלכע, וואָס האָסט זיך נאָך אַליין אויף אַזוי פיל נישט געריכט.

אַ סך מאָל טרעפט, אַז איך האָב פאַרשלאָפן די כפּרות. דאָס איז מיר אין אַ סך זאַכן גרינגער. וואָס הייסט „פאַרשלאָפן״? דער טאַטע און די מאַמע, לאָמיר זאָגן, האָבן געהאַט אַ ידיעה — אַ שטאָפּעט, אַז די שוחטים ברוך־אייזיק, אָדער אשר אברהם דעם שוחטס וועלן זיין אין אונדזער ווינקל פאַר טאָג. דענסט מאָל, איז ערב יום־כיפּור אין אָוונט. איידער מיר גייען שלאָפן, ווערט אַ שטיקל רעש אין קוטשקע. מע צעוועקט די אַנטשלאָפן געוואָרענע הינער און הענער, מען זוכט אָפּ פאַר יעדן פון די קינדער זיין כפּרה און שוין פאַרן ברענענדיקן נאַכט־לעמפּל עפנט מען דעם סידור, מען מישט אויף כפּרות־שלאָגן און מע זאָגט מיט אונדז און מע דרייט אַנטקעגן לעמפּל מיטן עוף איבערן קאָפּ: זה חליפתי, זה כפּרתי... און דאָס עוף טוט אַ פּאַכע מיטן פליגל, שיעור וואָס עס קערט נישט איבער דעם לאָמפּ און מאַכט נישט אָן קיין שריפה אין שטוב. אָן אַרבעט איז עס אָן אומעטיקע, אָן אומריינע און אָן איינגעגעסענע, נאָר אַז מען דאַרף, דאַרף מען; און גאַנץ פרי, אַז מיר שטייען אויף, טרעפן מיר אין קיך לעם קוטשקע אַלע עופות מיט די איבערגעבונדענע פיסלעך,

נאָר זיי ליגן, זיי זיצן נישט, זיי בונטעווען זיך נישט, די אויגן־לעכלעך זענען פאַרמאַכט, די העלדזלעך פאַרבלוטיקט און איבערגעשניטן ביז האַלב, די קעפּעלעך אָפּגעוואָרפן. ס׳זענען שוין נישט די הינער, וואָס געווען!

אָבער ס׳טרעפט אויך, אַז מיר שלאָגן כּפּרות איז דער פּרי אַזוי ווי אַלע, מיטן זעלבן „בני־אדם״ און ס׳טרעפט טאָקע, אַז דער האָן פאַר־גלייזט אַן אייגל און וויל דערגיין, פאַר וואָס איז דער סידור צעעפנט פונקט אויפן בני־אדם. אַז מיר ווערן פאַרטיק מיטן שלאָגן כּפּרות און די געבונדענע עופות זענען שוין אַלע צוריק אין קיך, אָדער אין הויז, הויבן מיר אַן טשאַטעווען און אַכטונג געבן, אויף וועלכער גאַס און לעם וועלכער שטוב איז שוין דער שוחט. ייִנגלעך מיט לעבעדיקע עופות (ייִנגלעך אָדער מיידלעך) יאָגן זיך נאָכן שוחט, ווייל עטלעכע שכנים פון אַ האַלבער גאַס טראָגן צונויף די הינער מיט די הענער (ביי ווועמען ס׳מאַכט זיך אַפילו אַ קאַטשקעלע) צו איין הויף און דאָרטן טוט זיך שוין אַן אַרבעט! דער שוחט שטייט ביי אַ קעסטעלע מיט אַ ביסל אַש, ליים, אָדער זאַמד, וווּ ער פאַרדעקט אַלע מאָל דאָס בלוט — ס׳איז אַזאַ דין. מענטשן, קינדער שטייען יעדערער מיט זיין פּעקל עופות אין דער ריי, ביי וועמען די עופות ליגן אין אַ קאָשיק, ביי אַנדערע זענען די עופות אונטערגעהאָנגען פאַר די פיסלעך אויף אַ שטעקן, וואָס צוויי קינדער טראָגן. אַנדערע הברה זענען אַזוי פאַרנומען מיטן געדאַנק, אַז זייער אַרבעט זאָל אָפּגעטאָן ווערן ווי ס׳באַדאַרף צו זיין, אַז זיי זעען גאָרנישט, וואָס ס׳טוט זיך פאַר זייערע אויגן, אַנדערע פאַרקערט — פאַרקוקן זיך אַזוי אויפן שוחטס אַר־בעט, אַז מען פאַרגעסט אַפילו, אַז זייער ריי איז שוין אונטערגעקומען. מען דאַרף זיי אַ גוטן שטורכע טאָן אין פלייצע, אָדער אין זייט, זיי זאָלן זיך אויפכאַפּן און אָנהויבן דערלאַנגען זייער פאַרטיקע כּפּרות.

די הינער און הענער האָבן איצט נישט קיין אַנדער נאָמען, ווי נאָר כּפּרות: אַ שיינע כּפּרה, אַ משוגענע כּפּרה, אַ היפּשע כּפּרה, אַ פעטע כּפּרה, אַ פגירה נישט קיין כּפּרה... און דער שוחט איז אַ פאַבריקע, דורך וועלכער ס׳גייען דורך לעבעדיקע געבונדענע עופות און זיי גייען אַרויס טויטע, אָדער באַלד טויטע. דער שוחט נעמט אָפּ פּיאַטאַקעס אָדער זעקסער לויט דער צאָל עופות, וואָס דאָס קינד האָט געבראַכט, לייגט אַריין דאָס

מינץ אין קעשענע אַריין. די פּאָלעס פון דער קאַפּאָטע זענען ביי אים פאַרשטעקט, דעם חלף, וואָס איז שאַרף, ווי אַ פייער, נאָר שוין איינגע־טונקען אין בלוט, האַלט ער צווישן די ציין, ער נעמט אַריין דאָס עוף פאַר היינטער די פליגל אין דער לינקער האַנט, מיט די פינגער פון דער זעלבער האַנט נעמט ער אָן דעם קאָם און ציט אָפּ ס׳קעפּל. מיט דער רעכטער פליקט ער אָפּ אַ פּאָר פעדערלעך פון דעם עופות גאָרגל. דאָס עוף קען עס נישט ליידן, טוט זיך אַ בריטשקע ביי אים אין די הענט, דערנאָך נעמט ער אַרויס דעם חלף פון צווישן די ציין, מאַכט אַ ברכה און טוט אַ פיר מיטן פלאַם פונעם חלף איבערן אויסגעשטרעקטן העלדזל, ווי מיט אַ סמיטשיק איבער דער סטרונע הין און צוריק דריי מאָל. דאָס העלדזל טוט זיך אַ צעעפן דאָרט, ווו סע דאַרף נישט זיין אָפן און טוט אַ שפּיי מיט רויט בלוט, און ס׳ווערט פון דעם נישט קיין העלדזל, נאָר אַ מין הינערישער הינטן, וואָס טוט אַלע מאָל אַ שפּיי, אַ גאָס אַרויס אַ ביסל פליסיקייט, אָבער דער שוחט האָט שוין דאָס עוף אַוועקגעוואָרפן און מאַכט שוין מיט דער צווייטער דורך דאָס אייגענע. דאָס אַוועקגע־וואָרפענע עוף שפּרינגט אַוועק אַ געבונדנס איבערן אָפענעם גאָרטן פונעם יידנס הויפל. דאָס יינגל לויפט נאָך, דעריאָגט, טרעט אָן מיטן פוס אויפן העלדזל און גלייך אין דער זעלבער רגע דאַרף ער באַוואָרענען דאָס צווייטע עוף, וואָס דער שוחט האָט אַ שמיץ געטאָן, און מע דאַרף זיין פלינק, אַכטונג געבן, אַז זיינע געקוילעטע כפרות זאָלן זיך נישט איבערמישן מיטן צווייטן יינגלס כפּרות. ס׳טרעפט אויך, אַז דער האָן האָט זיך אומגערן צעבונדן און ער לויפט אַוועק אויףביידע פיס איבער די בייטן, ס׳איז אַ שרעק צו קוקן, מיט וואָס פאַר אַן אימפּעט אַ געקוי־לעט באַשעפעניש לויפט און מיינט אוודאי, אַז ס׳וועט אַנטלויפן פונעם טויט.

דער הויף, ווו מיר האָבן צונויפגעטראָגן דאָס ביסל כפּרות איז נישט קיין סדום, ס׳איז אַ רציחה־שטאָט, נאָך אַן ערגערע פון סדום. אַזוי פיל בלוט, אַזוי פיל גוואַלד, אַזוי פיל לעבנס אַוועקגענומען, נאָר דער שוחט איז זיכער, אַז ער טוט אַלץ פּראַווילנע. די צענערס אָדער די זעקסערס אין קעשענע, די פּאָלעס פאַרקאַטשעט, דאָס קעפּל צו די פליגל צוגעצויגן,

די פעדערלעך פון לעבעדיקן גאָרגל אָפּגעפליקט, די ברכה געמאַכט, מיטן פלאַמענדיקן שאַרפן חלף געטאָן די רעכט. און דו טו זיך, וואָס דו ווילסט, וואַרף זיך מיט דיינע שרעקלעכע ווייטיקן, מיט דיינע גסיסה־שמערצן. ביים ענדיקן פאַרשאַרט ער נאָך מיט אַ לאָפּעטקע, אָדער מיט אַ שטעקל ס׳בלוט — ס׳איז אַזאַ דין.

איבער דער גאַנצער שטאָט פליקט מען פעדערן, איבער דער גאַנצער שטאָט סמאַליען זיך עופות — ביי וועמען איבערן פריפּעטשאָק, ביי וועמען אין דרויסן, נישט ווייט פון דער טיר. נאָר סיי ווי איז דער גאַנצער קילער דרויסן דורכגעזאַפּט מיטן רויך פון געברענטע פעדערן. אָבער די געשרייען פון די הינער האָבן זיך געענדיקט. פאַרקערט, אויף די זאַלץ־ברעטלעך אין די קיכן לעם די טאָפּטשאַנעס ליגן שיינע געלע פערטלעך עוף, לעבערלעך, פופּיקלעך, העלדזעלעך, לאַפּקעס. באַלד גיסט מען זיי אָפּ, מען לייגט זיי צונויף אין אַ טאָפּ, מע דעקט זיי צו מיט פרישע קראָ־פּעווע — וועט עס זיך לאַנג האַלטן פריש.

וואַרמעס קאָכט די מאַמע פון עוף. אויף יום־כיפור קוילענען די קצבים נישט קיין פלייש, ווייל די גאַנצע שטאָט האָט וואָס צו עסן פון די כפרות. און מע באַקט ווייטער חלות מיט לאַפּקעלעך. יום־כיפור וועט מען דאָך פאַסטן און בעטן ביים רבונו־של־עולם.

אויסער דעם באַקט די מאַמע קיכלעך און קגישעס דרייעקיקע מיט מאָן און מיט עפּל און פון אויבן מיט האָניק באַשמירט צוליבן זיסן יאָר, וואָס מיר דאַרפן אויסבעטן.

יום־כיפור איז אַ האַרבער תענית, אָבער דער חילוק צווישן דיביידע איז זייער גרויס. יום־כיפור איז אַ יום־טוב און תשעה באב איז אַ קלאָג־טאָג. יום־כיפור איז שבת שבתון. אמת, מע דאַרף פאַסטן, מע דאַרף עפּעס אויסבעטן ביי גאָט. אָבער פאַר אונדז קינדער, איז עס אַ יום־טוב אַרום און אַרום, — ליכטיק, ריין, געשמאַק עסן, אין יום־טובדיקן אָנטון.

דערווייל איז ערב יום־כיפור. שמואל־יאַנקל דער שוסטער אין אַ ריי־נער קאַפּאָטע איז אַריין נאָך אַ נדבה פון עמעצנס וועגן. מיר פרעגן נישט פון וועמענס וועגן. אַזאַ זאַך דאַרף אַ מאָל זיין בסוד אויך. שמואל־יאַנקל איז אַ האָרעפּאַשנער ערלעכער ייד. לערנען — גאָרנישט, אָבער

דאַוונען מיט אַלע כבודן און מיט אַלע כוונהס פון גאַנצן האַרצן. ער האָט שיינע טעכטער, ווילע איידעמס, אויך שוסטער. שמואל־יאַנקלען בעט דער טאַטע זיצן. ער גיסט אים אָן אַ גלעזעלע משקה. צו לחיים גייט די מאַמע אַריין פון קיך אין שטוב אַריין. האָניק־לעקעך שטייט אויפן טיש אָנגעשניטן, מע זאָל טאַקע אויסבעטן אַ גוט יאָר אויף זיך און אויף דער גאַנצער וועלט. שמואל־יאַנקל צעזעגנט זיך און גייט אַוועק. די קאַפּאָטע איז אויף אים נישט קיין נייע, נאָר אויך נישט קיין שטאַרק אָפּגענוצטע, ווייל די גאַנצע צייט ביים ווערקשטאָט זיצט ער דאָך אינעם קאַמזויל, אינעם פאַרטעך און מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל! איך וויל ס׳זאָל אים אָנקומען גרינג דאָס גיין איבערן שטאָט, עס זאָל אים מאָרגן זיין גרינג דער תענית. ער האָט פיינע טעכטער און איז אויך אַן אָרנטלעכער האַרעפּאַשנער מענטש.

מיטן טאַטן האָבן מיר אייניקע אַרבעטלעך אין הויף און מע דאַרף אַריינכאַפּן אין דריי מאָל פאַרן טאָג אויסטרייבן די ביטן. עליע איז היינט נישט געקומען. היינט דאַרף מען נישט קומען. ווען ער כאַפּט זיך אַריין נעמען אַ ביסעלע בראָנפן איז עפּעס אַנדערש. וואָלט מען זיך צוגעווינטשעוועט, איינער דעם צווייטן. היינט דאַרף מען באַזונדערס זיין גוט איינער צום צווייטן און זיך, למען־השם, איבערבעטן, טאָמער איז מען מיט עמעצן צעקריגט. דו האָסט אַפילו נישט וואָס צו גיין דאַוונען, אויב דו האָסט זיך מיט דיין שונא נישט איבערגעבעטן.

דער טאַטע האָט נישט קיין איבעריקע איבערבעטעכצן. מיט יאַנקלען דער מומעס טוט מען זיך אַ מאָל אַ צעווערטל, אַפילו פּופּצן מאָל דורכן יאָר, נאָר ס׳גייט דורך. צו קיין ברוגז קומט עס נישט. אין אַ געלעכטער קען אַ מאָל דער טאַטע צוגיין און אים איבערבעטן. ביילקע הערט און לאַכט, זיי אַליין לאַכן אויך. דאַרפן וואָלט באַדאַרפט יאַנקל איבערבעטן דעם טאַטן. דער טאַטע איז, ברוך־השם, עלטער, איידעלער און שענער. נאָר דערפאַר איז דאָך עס טאַקע. וואָס אויב יענער האָט נישט אין זיך קיין איידלקייט און קיין רעכטן פאַרשטאַנד, טאָ זאָל מיינס איבערגיין. דער טאַטע איז אויך פאַר טאָג ביי זכור־ברית צוגעגאַנגען צו שמריה אברהם דודס:

— איך בין אַנטקעגן אייך באַגאַנגען אַנומלטן אַ פעלער, בעט איך איר זאָלט מיר מוחל זיין.

שמריה האָט אַ בורטשע געטאָן, אַז ער האָט שוין לאַנג פאַרגעסן און לאַנג מוחל געווען.

האָבן זיי זיך צוגעוווּנטשן, אַז גאָט זאָל איטלעכן מוחל זיין אַלע עבֵרות און גאָט זאָל אונדז מוחל זיין די זינד און איטלעכן געבן אַ גוט יאָר.

די מאַמע האָט אַ ביסל מערער וועמען איבערצובעטן. די מאַמע איז חלילה, מיט קיינעם נישט צעקריגט, טאַקע מיט קיינעם נישט. נאָר אַ ווייַ־בעריש האַרץ האָט אַ ביסל טיפערע און פאַרבאָרגענערע פאַרדראָסן. ווייַט דאַרף מען נישט גיין: פייגל ישׂראל־דודס, דער מאַמעס אַן אייגן שוועס־טערקינד. מיר זענען אי שכנים, אי אייגענע. און ביילקע דער מומעס, און די מומע אַליין, דאָס איז דאָך שוין אין גאַנצן אונטער אייך דאַך, נאָר מען איז זיך אייביקע שונאים און אייביקע פריינד...

פאַר דער מאַמע איז נישט געווען קיין גרינגע אַרבעט אַרייַנגיין צו פייגלען דעם פעטער זלמנס, אָבער זי איז אַרייַנגעגאַנגען. פייגל האָט געלע האָר, אָבער ווער זעט איר געלקייט, אַז זי גייט אין אַ פאַטשיילע. ווי לאַנג איז, אַז זי איז געווען אַ מיידל און געגאַנגען אין די אייגענע האָר?! פייגל איז אַ קלוגע. דערזען די מאַמע האָט זי שוין גוט געוווּסט נאָך וואָס די מאַמע איז אַריין. פון פאַר אַ יאָרן אָן איז איר פוס דאָ נישט געווען און אַפילו מיטן בליק האָט זי אויסגעמיטן איר שוועסטער־קינדס שטוב, סיידן אין גאַס זיך אָפּגעגעבן אַ גוט מאָרגן און זיך פאַנ־אַנדערגעגאַנגען אָן איבעריקע רייד.

פייגל האָט אָפּגעווישט פאַר דער מאַמע אַן אָרט אויף דער רויטער הילצערנער קאַנאַפּע, אָבער די מאַמע האָט זיך נישט געזעצט, נאָר איידער זי האָט באַוויזן אויסצורעדן דאָס ערשטע וואָרט, האָבן טרערן אַ שפּריץ געטאָן פון די אויגן און זי האָט געזאָגט:

— הייַנט האָבן מיר ערב יום־כּיפּור אויף דער גאַנצער וועלט און בין דיר געקומען ווינטשעווען, זאָלסט אויסבעטן בייַם רבונו־של־עולם אַלץ, וואָס דו באַדאַרפסט.

— גם אתן — האָט פייגל געענטפערט און אויך ביי איר קול האָבן זיך דערהערט טרערן. — מיר זאָלן קיין מאָל פון קיין שלעכטס און פון קיין ביטערניש נישט וויסן...

ביידע שוועסטערקינדער זענען איינס אַנטקעגן צווייטן אַ ווײַלע געשטאַנען שווייגנדיק. פייגל האָט זיך די ערשטע אָנגערופן:

— דו האָסט שוין אַרויסגענומען פון אויוון... איך דאַרף באַלד אַרויס־נעמען, — און האָט אַזוי מיט אַ ריר פונעם קאָפּ געוויזן דער מאַמע זי זאָל אַ קוק טאָן. איז די מאַמע מיט איר אַריין אינעם קליינעם קיכעלע. דאָ איז אַלצדינג ריין. דער אויוון איז אָנגעהייצט און ס׳שלאָגט פון אים מיט ווייסקייט. די מאַמע האָט זיך צוגעבויגן אַ קוק טאָן צו די חלות, וואָס ברוינען זיך אין אויוון.

— קיין עין־הרע, שיין געראָטן — האָט די מאַמע געזאָגט, שוין אַרויסגייענדיק — זאָל אונדז דאָס גאַנצע לעבן געראָטן.

זיי האָבן צוגעווונטשן איינס דעם צווייטן אַ גרינגן תענית. בייביידן זענען געווען אָפּן די הערצער. איינס צום צווייטן מיט פריינדשאַפט און געטרייישאַפט. אַפילו ליבשאַפט פון די יונגע יאָרן. כאָטש ווער ווייסט, צי זיי וועלן אינעם קומענדיקן יאָר אָנהויבן אַריינגיין איינס צום צווייטן.

די קינדער גייען כסדר פון איין שטוב אין דער צווייטער. מען שפּילט זיך, מען ווייסט איינס ביים אַנדערן, וואָס ס׳קומט פאָר. חיהקע איז מיט דינהן אין איינע יאָרן. זי איז לעבעדיקער פון אונדזערע קינדער. טוט זיך אַפילו מיט מיר אַ שפּיל. די מאַנסבילן גייען אויך. מערסטנס קומט ישראל דוד צו אונדז, כמעט אַלע שבת צו נאָכטס איז ער דאָ. און אין שמחת בית־השואבה, ווען מען גייט צוזאַמען אין קלויז אַריין הוליען, קען מען אַפילו מיטנעמען מיט זיך די פידל מיט דער טרובע. קיין טאָלק קיין גרויסער קומט פון דעם נישט אַרויס, נאָר סע רומפּלט ווער ס׳וויל.

פון פייגלען גייט די מאַמע אַוועק צו דער מומעס הויף און באַגעגנט, אַזוי ווי זי האָט געבעטן אין האַרצן, ביילקען. יענע גייט אָקוראַט פון שטאָט, אפשר פון דער מוטער. די מאַמע שטעלט זי אָפּ. ביילקע שטעלט אָן אויף דער מאַמע אַ פּאָר אויגן יונגע, לעבעדיקע אויף צו כלומרשט פאַר־וווּנדערטע:

— וואָס איז, מומע?

און דאָ קען די מאַמע נישט איינהאַלטן די טרערן, אָבער זי שטאַרקט זיך און זי זאָגט:

— ס׳איז היינט ערב יום־כּיפּור ביי ייִדן. טאָמער בין איך מיט עפּעס שולדיק אַנטקעגן דיר, דיין מאַן מיט דיינע קינדער, בעט איך דיך זאָלסט עס אַראָפּלאָזן פונעם האַרצן.

דער טאַטע איז דאָ נישטאָ, ער איז אַפילו אין הויף איצט נישטאָ, נאָר פאַר די אויגן זעט אים די מאַמע, פאַר די אויגן זעט אים ביילקע. דעם טאַטנס האַנט איז אויף ביילקען קיין מאָל נישט געווען, אָבער זיינע אויגן און זיינע געדאַנקען האָבן דאָ געטאָגט און געגעכטיקט אַ סך מאָל. און זי דערלאָזט עס כּסדר מיט אַ שמייכעלע, מיט אַ קוקעלע — אַ שיינע פאַרשייטע יונגע חיה מיט אַ ליכטיקער קרוין האָר און מיט אַ פייערדיקן ברען אַרום בליק, אַרום די ליפּן, אַרום אַלע אבֿרים.

— נו, גוט, מומע, — טוט ביילקע אַ זאָג, ווייל דעם אמת געזאָגט, ווייסט זי נישט אין דער רגע וואָס צו זאָגן. ווען זי האָט אַזאַ מאַן, ווי מיין טאַטע און נישט אַזוי ווי יאַנקל מיט אַ גרויסער אונטערשטער ליפּ, מיטן פּנים פון קאָליר פון קאָרענער מעל, מיט די גרויע עזותדיקע אויגן. אָבער ס׳איז איר נישט שלעכט. איר איז גוט, וואָס זי איז די איינציקע באַלעבאָסטע אין שטוב, די העכסטע, די גרעסטע. זי נוצט עס גאָר אַזוי פיל נישט אויס. אָבער אין יעדער רגע — זאָל זי עס נאָר פאַר־וועלן — אַזוי איז עס. איר איז גוט, וואָס זי ווייסט, אַז אַלע קוקן אויף איר גוט. היינט די קינדער! יחיאל איז אַ געקלאַרעוועטער און גע־זונט־אייזן, אים ווערט באַלד צוויי יאָר. אויפן קאָפּיל איז שוין דאָ אַ דריטס.

— נו, גוט, מומע, — זאָגט שוין ביילקע ווייטער, — דער פעטער זאָל זיין געזונט און איר מיט די קינדער זאָלט אַלע זיין געזונט און איר האָט זיך נישט פון גאָרנישט נישט וואָס נעמען צום האַרצן. דער פעטער וועט פון אייך מיט די קינדער אין ערגעץ נישט אַוועקגיין, קיינער נעמט אים ביי אייך נישט צו.

נישט פון אַלצדינג, וואָס מע קלערט, קען מען רעדן. ניין, די מאַמע האָט וועגן דעם זיך נישט געקליבן זאָגן אַפילו קיין איין וואָרט.

— פון טיפן האַרצן, — זאָגט די מאַמע — ווינטש איך דיר זאָלסט האָבן אַ גוטן יאָר, זאָלסט אויסטראָגן און איבערקומען געזונט און זען נחת אין די, וואָס דו האָסט.

— אמן, — ענטפערטביילקע — איך ווינטש אייך אויך אַ גוט יאָר און איר זאָלט זיך אויף מיר קיין מאָל נישט כעסן. דאָס, וואָס איך בין אַ יונגע, בין איך נישט שולדיק און אַז איך טשעפּע קיינעם נישט, ווייסן אַלע און דערום איז מיין נשמה ריין, מומע, — האָט ביילקע ווייטער צוגעגעבן — איציק איז ביי אייך אין אַלצדינג גוט אָנגעטאָן, נאָר אַ היי־טעלע האָט איר אים געדאַרפט קויפן שוין אַ נייע.

— אם־ירצה־השם אויף פּסח — האָט די מאַמע געענטפערט — דעם ווינטער וועט ער ביי מיר גיין אין אַ קוטשמע...

און מע איז זיך צעגאַנגען יעדערער צו איר גאַנעק, ביידע מיט אַ גוטן געמיט. ביי דער מאַמע איז אַראָפּ אַ סך פונעם האַרצן. אויף ביילען איז אַלע מאָל ליב צו קוקן. די מאַמע האָט ליב שיינע און געזונטע מענטשן און פריילעכקייט ביי אַ מענטשן איז איר אויך שטאַרק צום האַרצן. ס'גלאָט אויף וואָס האָט זי זיך געדאַרפט אָנרייסן אַהער אויף אונדזער ווינקל אין איין שטוב, אונטער איין דאַך און אויף איין סטעזשקע פון אין דער פרי ביזקל נאַכט. דער עיקר, וואָס זי מאַכט גאַרנישט שולדיק דעם טאַטן. „ווען איך בין אויף זיין אָרט — גייט איר' איבער אַ געדאַנק — וואָלט איך אויך נישט געווען בעסער"... אָבער זי באַהאַלט דעם שמייכל צווישן די פּאַטשיילע־שפּיצן — ס'איז היינט נישט אַזאַ טאָג, אַז ס'זאָלן קריכן אין קאָפּ פאַרשידענע נאַרישקייטן. מען דאַרף גיין מאַכן די עופות, פון ס'ביי הייצן דעם אויוון און קאָכן צום פאַרפאַסטן און אָפּפאַסטן און פאַר די קינדער אויפן מאָרגנדיקן טאָג. אַרבעט איז געבליבן ווינציק, אָבי אויפן האַרצן זאָל זיך אַלץ איינשטילן און דער קאָפּ זאָל זיין לויטער צום גרויסן טאָג, וואָס גייט אויף אונדז, אַ טאָג, וואָס האָט צו זיך נישט קיין גלייכן.

דער דרויסן האַלט זיך דערווייל שיין.

מיר לויפן מיטן טאַטן אין דער גיך אין וואַסער אַריין. טאַקע דער־פאַר, וואָס דער טאָג האָט אין זיך נישט קיין וואָכעדיקייט, מאַכן מיר מיט דער באָד בקיצור, טאַקע זיך אויסגעוואַשן, טאַקע זיך אָפּגעטוקט אין מקווה מיט כּוונה. אָבער נישט נאָר מיר. אַלע מאַכן עס אויף גיך. מיר גייען פאַר פרי דאַווענען מנחה. די מנחה מעג זיך זיין... אַוועלכע מעג זי זיך זיין? יאָ... אַזאַ מנחה איז די איינציקע אינעם גאַנצן יאָר. די קלויז איז שוין צוגעגרייט צום יום־כּיפּור, דער פּרוכת דער נייער, דאָס טישטעך אויפן בעלעמער — קווייטנדיק און פריש. דער האַנט־פּאָס אָנגעגאָסן מיט פרישן וואַסער, שטרוי שוין אָנגעטראָגן... לעם דער רובע שטייט דער לענגלעכער טיש פון דער שפּיגלוואַנט און דאָרטן שטייען אויפן טיש אייניקע שיסלען נישט אויף צו עסן. כאָטש דאָס זענען גע־וויינלעכע פּאָרצעלייענע שיסלען, אָדער טעלער. אויף די טעלער ליגן האַלבע קערבלעך און קערבלעך זילבער־געלט און פּאַפּיר־געלט. דאָ, אַז מע גייט דורך דאַרף מען זיך אויף אַ רגעלע אָפּשטעלן און צעצאָלן זיך: דעם שמש׳ס אַ שיסל, דעם חזנס אַ שיסל, פאַרן רב שטעלט מען אַ שיסל און ס׳זיצט לעם איר אַ ייד, ווען מע האָט געבעטן. פאַרן שטאָט־שמש — אַ שיסל. יעדער ייד שפּאַצירט דורך פאַרביי די דאָזיקע שיסלען נישט געאיילט. אַז מען צאָלט שוין יאָ געלט, וויל מען שטיין אַ ווײַלינקע, זיך איבערלייגן אין געדאַנק, כאָטש אין דער היים האָט יעדערער פאַר זיך שוין לאַנג צוגעציילט וויפל מען קען און ווי־פיל מע מוז. דער רב איז דאָך אויך אַ מענטש און נאָך וואָס פאַר אַ מענטש און גיט אָפּ די גאַנצע צייט דער שטאָט. דאַרף ער דאָך אויך עפּעס האָבן צום לעבן. דער קאַנטער־בוך אין קלייט, קאַרטאָפל און האָלץ אויף ווינטער, אַ שוך, אַ מלבוש פאַר זיך און פאַר די קינדער.

מען דאַווענט מנחה כמעט ביחידות ווער ווי אַזוי ס׳וויל. אין איין ווינקל, נישט ווייט פון דער טיר, ליגט אַ צעקנייטשט בערגעלע שטרוי, ס׳גייט צו אַ מענטש, שטעלט זיך אויף די קני און לייגט זיך מיטן פּנים אַראָפּ און שיע־חיים, דער שמש אונדזערער (זיין שיסל שטייט אויפן טיש אָן אַ באַלעבאָס) שטייט מיט די „לאָקשן״ — אַ שטעקעלע אַ קליינס, צו וועלכע ס׳זענען צוגעפּעסטיקט פיר לעדערנע פּאַסיקלעך — דערפאַר

רופט מען זיי לאָקשן, — די ייִנגלעך וואָלטן פּשוט געזאָגט —אַ קאַנטשיק. און יעדער ייִד, וואָס לייגט זיך דאָ גיט שיע־חיים מלקות — פּשוט גערעדט, שמיץ. ער גיט אַ שמיצל איין מאָל אין פּלייצע און איין מאָל אין הינטן און ציילט דערביי: והוא... רוחם... וכפר... עון... פּערציק מלקות דאַרף ער געבן. יעדערער נעמט עס אויף זיך פרייוויליק, צי ער איז שולדיק, צי ניין. ווער ווייסט? פּאַרט טאָמער איז מען דאָך אין עפּעס שולדיק?

אָט איז דער טאַטע אויך צוגעגאַנגען צום ווינקל און זיך אַוועקגעלייגט, מע זאָל אים שמייסן, מע זאָל אים געבן מלקות. ס׳פאַרנעמט מיך פאַרן האַרצן: מיין טאַטן! וואָס? פאַר וואָס? איך שטיי דערביי און יעדער שמיץ נעם איך אויף מיט ווייטיק. אמת, איך ווייס, אַז די שטראָף האָט דער טאַטע גענומען אויף זיך מיט זיין אייגענעם ווילן.

אָט שטייט ער שוין אויף. אייניקע שטרויעלעך האָבן זיך אַנגעטשעפּעט אין זיינע פּאָלעס אויף די קני און אויף די עלנבויגנס... מיר פּילען זיך אַרום. אַ העלפט שטראָף איז שוין אַראָפּ פון אונדזער שטוב און פון יעדן פון אונדז. די צווייטע העלפט וועט מען דאַרפן רייניקן מיט טרערן און מיט תפילות. צדקה ט׳מען אַ ביסעלע צעטיילט... סיי ווי מערער פון אונדזערע מעגלעכקייטן. נאָר סיי דער טאַטע, סיי די מאַמע, ווייסן, אַז מען דאַרף אַזוי.

נאָך פאַר וואַרמעס האָב איך געבראַכט פונעם רב אין אַ בלויען פּאַפּירענעם פּעקל צוויי ליכט, צוויי סטעריגעווע ליכט, ווי די שטעקנס די גרויס. איינע פאַר דער שטוב און איינע פאַר דער קלויז. אַזאַ ליכט קען ברענען אַ גאַנצן יום־כּיפּורדיקן מעת־לעת. די נאַכט פון יום־כּיפּור און דעם גאַנצן טאָג.

מיר גייען אַ היים פאַרפאַסטן.

אויפן טיש איז דער טישטעך אַ ריינער. אַ שבתדיקער. אויך די חלות, דאָס עסן.

אַ פעטע יויך, אַ געלע, גרויסע שטיקלעך עוף אויף די טעלער, חלה, קאָמפּאָט. דער טאַטע און די מאַמע עסן נישט קיין סך, זיי זאָגן, אַז מע שטאָפּט זיך נישט אָן צו פיל, איז גרינגער דער תענית. אויך דאַרף מען

עסן אַזעלכע זאַכן, ס'זאָל זיך נישט װעלן שטאַרק קיין טרונק. ס'שטייען גרייט די אויסגעוואַשענע קאַלאָשן, ווייל יום־כיפּור גייען אַלע אין זאָקן.

איך האָב צוגעגרייט פאַרן טאַטן דעם טלית, מיטן קיטל, מיטן מחזור, מיט דעם סידור. דער מאַמען — איר מחזור. אין די לייכטער שטייען סטערינעווע ליכט אויף יום־טוב און די הויכע די געזונטאַצקע ליכט די איינע האָבן מיר אַריינגעשטעקט אין אַ בלעכערנער פּושקע מיט זאַמד.

די מאַמע אין איר העל־זיידענער פאַטשיילע, אינעם יום־טובדיקן מלבוש הייבט אָן צינדן די ליכט. דאָס האַרץ הענגט ביי יעדן פון אונדז אויף אַ דין פעדימל. אַלע ליכט זענען אָנגעצונדן. די מאַמע טוט דריי מאָל אַ פיר מיט די צענומענע הענט אַרום די ברענענדיקע ליכט. צי זי האָט עפּעס אַ שעפּטשע געטאָן, ווי כסדר, צי ניין, ווייס איך נישט, נאָר פלוצעם שיסט אויס פון דער מאַמעס יומטובדיקייט אַן אומגעוויינלעך גרויס געשריי, אַ געשריי, וואָס מיר הערן אים קיין מאָל נישט ביי אונדז אין שטוב, אַ געשריי דורכגעווייקט מיט טרערן:

— אַ־צאַ־איי־ט, רבונו־של־עולם!... — און מיר הערן נישט, וואָס זי זאָגט ווייטער.

די ליכט הערן, די יונגע פייערלעך ווייסן...

וואָס וואָלטן מיר נישט געטאָן, מיר זאָלן מאַכן דער מאַמען גרינגער, זי זאָל נישט שרייען מיט אַזעלכע הייסע טרערן.

טרערן שטייען ביי אונדז איטלעכן אין די אויגן, אין שלונג און אין האַרצן. דער טאַטע האָט אַקוראַט געענדיקט דאָס בענטשן. ביי אים זענען דוכט זיך, אויך פייכט די אויגן.

די מאַמע האָט געענדיקט דאָס ליכט־בענטשן. איר איז, דוכט זיך, גרינגער. זי ווייזט אונדז מיר זאָלן צוגיין צום טאַטן. דער טאַטע הייבט זיך אויף פון אָרט, לייגט די הענט צו אונדז אויפן קאָפּ און בענטשט אונדז שטיל, נאָר דאָס שטילקייט נעמט אונדז אָן ביים האַרצן.

די מאַמע פרעגט דינהלען, וואָס האָט קולינאַ געזאָגט?

דינהלע גיט איבער געטריי און מע זאָל פילן, אַז ס'איז אַלץ ריכטיק ביז איין האָר, אַזוי הערט זיך עס אין איר ציטערדיקער שטים:

— קולינאַ האָט געזאָגט, אַז זי וועט באַלד קומען.

מיר טוען אַ קוק אויף די פּייערלעך איבער די סטערינעווע ליכט. זיי ראַנגלען זיך נאָך מיט דער ליכט פונעם טאָג. מיר טוען אַ קוק אויף די ווענט פון שטוב, אויף די קינדער, וואָס בלייבן אויף אַ גאַנצן גרויסן אָוונט אין שטוב, נאָר מיט זיי וועט זיין קולינאַ, אַן אַלטע גוטע שכנה, זייער אַן ערלעכער און פאַרשטאַנדיקער מענטש. זי דערציילט אָפט, אַז גאָט האָט געפרעגט אדמ׳ען:

— ווער איז דיר געווען נאָענטער פון איטלעכן דאָ אויף דער ערד? האָט אדם אים געענטפערט:

— דער, וואָס האָט מיר דערלאַנגט אַ לעק וואַסער אויף זיך צו דערקוויקן, בשעת די ליפּן זענען מיר געווען פאַרשמאַכט.

אַז אדם איז געקומען אויף יענער וועלט, האָט גאָט צו אים געזאָגט:

— איך קען דיך צוריק לעבעדיק מאַכן, דו ווילסט?

— וועל איך שוין מער קיין מאָל נישט דאַרפן שטאַרבן? — האָט אים אדם געפרעגט.

— דאָס קען נישט זיין — האָט אים גאָט געזאָגט — שטאַרבן וועסטו סיי ווי סיי מוזן.

— אויב אַזוי, וויל איך נישט, — האָט אים אדם געענטפערט, — אויף נאָך אַ מאָל שטאַרבן בין איך נישט מרוצה...

* * *

אין גאָס רייסט זיך אַרויס פון אייניקע אָפענע פענצטער אַ געשריי פון אַ מאַמען. אויך אויסגעווייקט אין טרערן און אויך מיט די זעלבע ווערטער:

„אַ צייט רבונו של עולם״... מיר באַמערקן די פלעמעלעך פון די פריש אָנגעצונדענע ליכט, מיר הערן דעם זעלבן געשריי, נאָר שוין פון אַ ווייטערדיקן פענצטער. דאָס קול איז אַן אַנדערש, נישט אַזוי ווי ביי אונדזער מאַמע.

נאָר אָט זענען מיר שוין לעם שול. דער טאַטע פרעגט, אפשר וויל די מאַמע אונדזער גרויסע סטערינעווע ליכט צו זיך, אין דער ווייבערשער

שול אַריין, אָבער די מאַמע טאָר שוין נישט האַלטן קיין וואָכעדיקע זאַכן — זי האָט דאָך שוין אָפּגעבענטשט ליכט. טראָג איך איר אַריין די ליכט אין דער ווייבערשער שול. איך דריי מיך גיך אַרויס פון דאָרטן און זע כמעט קיינעם נישט. פּאַטשיילעס, קליידלעך, שאַרפּעס, ליכט, בענקלעך, סטענדערס, פענצטערלעך!

אַרויסגייענדיק באַגעגן איך זיך מיט ווייבער, וואָס טראָגן מיט זיך שטולכענס אָדער טאַבורעטקעס: סע זאָל זיין אויף וואָס צו זיצן. ס'וועלן דאָך זיין ווינציק ערטער אין שול. — איצט וועלן קומען אַלט און יונג.

איך וויל, אַז דער מאַמען זאָל זיין גרינג און ליכטיק אויפן האַרצן.

איך בין שוין ביי אונדז אין דער מאַנסבילשער קלויז. יידן קלייבן זיך. דער טאַטע האָט אָנגעטאָן דעם קיטל איבערן זיידענעם סורדוט, דעם גאַרטל איבערן קיטל. אינעם אָפּענעם בוזעם האַלט ער דאָס טיכעלע, אַ מאָל אַפילו דעם מחזור, אָבער רויכערן האָט ער שוין נישט מיט זיך: איצט איז אַ צווייענדיקער שבת, רויכערן קומט אַפילו נישט אויפן געדאַנק.

כל־נדרי וועט וועלוול זאָגן לעם דער בימה, דאָרטן ברענען שוין ליכט. די לאָמפּן ברענען אויף זייער שטענדיקן אָרט, אָבער די סך ליכט, וואָס יעדערער האָט געבראַכט צו טראָגן, ברענען אומעטום — אויף בענקלעך, אויף טישלעך, לעם דער רובע, לעם די פענצטער.

פּאָר נאַכט זענען אויף די טישן געשטאַנען שיסלען אויף קלייבן געלט, אָבער איצט זענען עס שוין אַנדערע טישן מיט טישטעכער צוגעדעקט. אונטער די פיס איז איבערן גאַנצן קלויז אָנגעבעט שטרוי, שטרוי פרישע פונעם נייעם גערעטעניש. דער פּאָל איז שוין קיין פּאָל נישט, ס'ווילט זיך גאָר אויף אים זיצן, זיך קוליען. זיך קאַטשען. נאָר ניין, ס'איז איצט נישט די צייט. און ריכטיק, די ברענענדיקע ליכט ווערן שטרענגער, די פּנימער ווערן אָנגעצויגן און וועלוול הויבט אָן:

על דעת המקום, ועל דעת הקהל — און ער רעדט שוין גאָר אויף אַן אַנדער אופן: א־הא־הא — אהא, הא — הא־א־הא־הא...

עהע! ס'עפענען זיך די הימלען מיט דער סטעליע אין איינעם און איך פיל, ווי גרויס די וועלט זאָל נישט זיין, זענען אומעטום דאָ מנינים און שולן. אומעטום, אין אַלע מדינות זענען די קליינע קינדער געבליבן

מיט די אָנגעצונדענע ליכט אַליין אין שטוב. אַליין און אפשר מיט אַן עלטערער קריסטלעכער פרוי. און אומעטום, אין אַלע עקן וועלט, הויבט דער חזן אָן „כל נדרי״ מיט דעם זעלביקן ניגון. אומעטום עפענען זיך די הימלען און פון אַלע יידן אין אַלע עקן וועלט ווערט איין אויסגאָס פון יידישקייט. אַלע געדאַנקען — איין געדאַנק, אַלע באַגערן — איין באַגער, אַלע הערצער — איין האַרץ, וואָס בעט, וואָס גאַרט און לעכצט. אויך די שעפּטשענדיקע פלעמעלעך פון די ליכט שפּיגלען זיך אָפּ דאָרט, פון אויבן, ס׳פאַרברידערן זיך צווישן זיך איידעלע און פּראָסטע, יונגע און אַלטע, פרומע און פרייע, אָרעמע און רייכע. אַלע הערצער — איין האַרץ, אַלע יידן — איין פאָלק. אין צפת זענען דאָ יידן, אין בוכאַרע זענען דאָ יידן, אין אַמעריקע און אין כינע. ערגעץ אין אַ נאָענטן דאָרף האָט מען מיט שוועריקייט צונויפגעקוועטשט אַ מנין, אָבער אויך דאָרטן ברענען שוין איצט ליכט. אומעטום גייט אויס דאָס האַרץ נאָך עפּעס אומגעוויינ־לעכס. זייט ריין, הערצער, זייט ריין מיט דער טיפסטער ווייטיקדיקסטער ריינקייט און שטענדיק לאָמיר זיין איינס צווישן זיך אָט אַזוי, ווי איצט אין דער מינוט...

אָ! אַן־אָ שרייט מען שוין: כל לכל העם בשגגה!... ס׳איז אַ סברא, אַז גרויסע רויבער און שווינדלער קענען דערביי אין איין גאַנג אַריינ־כאַפּן אַ גרויסע מציאה. אָט אַזוי וועלן זיי מיטן גאַנצן עולם דורכשפּרינגען און אויפן האַרצן ווערט גרינג: א ו מ ג ע ר ן! און איצט טוען מיר זיך אַ לאָז מיט גרויס פלייס צום יום־כיפּורדיקן מעריב. יעדעס וואָרט ווערט אַרויסגעזאָגט ערנסט און מיט פאַרשטאַנד. „כי הם חיינו״ — און זיינע געזעצן ליגט אונדזער לעבן... ביז מיר פאָרן אַזוי אַריין אין דער יום־כיפּורדיקער שמונה־עשרה. דוכט זיך, תפילה בלחש איז אַ שטילע תפילה. און דאָך הודיעט עס, ווי אין אַ ריזיקן בינשטאָק — או — או — או ובכן תן פחדך ה׳ אלהנו על כל מעשיך... אין די „כל מעשיך״ גייען אַריין אַלע, אַפילו ליוונקע דער געלער פונעם קליינעם געסל און אַפילו אַלע פּראַנ־צויזן מיט די יאַפּאַנצעס. נישקשה, אַז אים דעם רבונו־של־עולם וועט זיך פאַרוועלן, כאַפּן זיי אַ גוטן ציטער! און מיר זאָגן און מיר פילן אַלץ, און מיר שטעלן זיך אָפּ פון מאָל צו מאָל אויף אָפּכאַפּן דעם אָטעם, כדי גוט

באַנעמען דאָס ווייטערדיקע. אַזוי פּאַמעלעך און פּאַמעלעך ביז מיר זענען געקומען צו על־חטא. און מיר טאַפּן איבער יעדע זינד. אמת, זי געהער זיך אַן מיט רייכערע פון אונדז, מיט שטאַרקערע פון אונדז, אָבער פאַרט, טאָמער האָבן מיר אין איר כאַטש דעם קלענסטן חלק? טאַקע אויף אַ האַר־רעלע. בעטן מיר זיך, סלח לנו, מחל לנו, כפר לנו.

וואָס איז עס פאַר אַן אויפדערנאַכט, אַז די קלויז איז פול מיט יידן, אַלטע לייט און יינגלעך. די יידן זענען אָנגעטאָן אין קיטלען און טליתים, אויף דער ערד איז אָנגעבעט שטרוי, די ליכט שמעלצן זיך און שושקען און מישן זיך אַריין מיט זייערע קולות אינעם דאַוונען און די מוחות מיט די הערצער זענען אָנגעהיצט מיט רחמנות און געבעט ביזן לעצטן גראַד.

אַז מען זאָגט שוין „יעלה תחנונינו מערב"... וועמענס האַרץ קען דען איינשטיין אַנטקעגן דעם ווייגענדיקן געבעט פון איין איינציק וואָרט „יעלה"? וועלוול שטייט ביים עמוד, מיר אַלע שטייען אויף דער ערד. ס'רעדט זיך אַזוי „אויף דער ערד", — מיר האָבן אַלע שטרוי אונטער די פיס און מיר רעדן איין דעם אויבערשטן... ביי זיך האָבן מיר שוין גע־פועלט, אַז ער ווערט נישט אָרעמער איבער אונדזערער אַן עבירה, ער קען עס לאַנג איבערטראָגן. דו ביסט געוווינט געדולדיק אי צו די גוטע, אי צו די שלעכטע. מיר זאָגן, מיר בעטן און מיר דערציילן. מיטן חזן אין איינעם גייט עס אַ ביסל גרינגער, — ער פירט אַרויס פון אַן ענגן אָרט. נאָר זע, — מע עפנט דעם ארון קודש! אַ סימן, אַז ס'רוקט זיך אויף אונדז אַ תפילה גאָר אַ וואַזשנע! אַ־יאַ־יאַ, וואָרום ווי ליים אונטער די הענט פון טעפּער, וויל ער מאַכט ער אונדז קירצער, וויל ער מאַכט ער אונדז גרעבער, ווי אַ שטיין אונטער דער האַנט פונעם העקער, ווי אייזן אונ־טער די הענט פונעם שמידער, ווי אַ רודער ביים שיפער, ווי אַ גלאָז ביים גיסער, ווי אַ פאַרהאַנג ביים אויסנייער, ווי זילבער ביים גאָלדשמיד — וויל ער לייטערט ער אים, אַז נישט לאָזט ער אים מיט פּחת. דאָס זעלבע איך — אַ קליין ייִנגל בין כסדר ביי אים אין דער האַנט. וויל ער וועל איך זיין אַ לייטיש קינד, וויל ער, וועט פון מיר ווערן אַן אויסוואָרף, אַ — וואָס אין דער קאָרט און מיר קומען צו דעם אָרט, ווו עזרא דער סופר

אַליין האָט זיך געקלאָגט, אַז ס'איז אים אַ ווייטע בושה און אַ חרפּה אויפצוהייבן די אויגן אַנטקעגן דעם רבונו־של־עולם. נאָר סוף כל סוף פאַרלאָזט ער זיך אויף זיין גרויסער דערבאַרעמדיקייט.

איך בין שוין אַ ביסל מיד. איך מוז זאָגן דעם אמת, אַז איך ביז זיך מחיה, וואָס מען האָט שוין געעפנט דעם ארון־קודש אויף צו זאָגן אָבינו מלכנו, דאָ ענדיקט זיך שוין דאָס מעריב־דאַווענען.

אייניקע יידן בלייבן נאָך אין שול. געציילטע יידן זענען גרייט אַפילו שטיין די גאַנצע נאַכט. פון אַזעלכע ווענגן איז אויך אַנגעגרייט, וואָס צו זאָגן, זאָל זיי גאָט געבן כוח.

די מערהייט האָבן שוין אויסגעטאָן די טליתים מיט די קיטלען, דער טאַטע אויך. מיר איילן זיך נישט, נאָר מיר גייען אַרויס אין קילן דרויסן — אַנטקעגן דער באַלויכטענער און אָנגעהיצטער קלויז, קומט עס אויס צו טונקל און צו קיל. אין הויז זענען מיר דורכגעגאַנגען פאַרביי מיקיטען, ליוווּנס ברודער פונעם קליינעם געסל, אַ הויכער אַ געגאָלטער, אַ טאַטע פון עטלעכע קליינע קינדער. ער שמייכלט שולדיקלעך, ווען ער זעט אונדז, זיינע שכנים. אָבער ער וועט דאָ בלייבן נעכטיקן און מאָרגן דעם גאַנצן טאָג וועט ער אויך אין ערגעץ פון דאַנען נישט אַוועקגיין. טאָמער אַ ליכט בויגט זיך אויס פון דער היץ, טאָמער מאַכט זיך און ס'פאַלט אַראָפּ אַ ליכט און דאָ ליגט אַזוי פיל שטרוי, קען נאָך ווערן אַ שריפה.

די גאַס, איבער וועלכער מיר גייען, איז אויך עפּעס נישט קיין שיינע, עפּעס אַן אומהיימלעכקייט הויערט אַרום און אַרום. הערשל ריווע־לאהס פלימעניצע, וואָס מע האָט זי גראָד שטאַרק געהיט, האָט זיך אין איינעם אַ יום־כיפּורדיקן אויפדערנאַכט אָנגעטראַכט און איז אַנטלאָפן געוואָרן צום גלח און פאַרפאַלן אויף אייביק, אַזוי ווי אין דער ערד אַריין. ס'איז אַ ווייטיק פאַר די פריינד פאַר דער שטאָט. מיר גייען אָן שיך נאָר מיט די זאָקן אין הוילע קאַלאָשן. אַנומלטן איז יום־כיפּור אויף דער נאַכט ביי וואָלטשען אברהמקעס אויפן בוידעם געווען אַ גניבה. אויפן בוידעם גאָר?!

מיר פאַרגייען אין אונדזער שיניצע־ווינקל, מיר גייען שוין מיט דער מאַמע אין איינעם. מיר קוקן צום גאָרטן, צום הויף און צום שטאַל —

מיר פֿאַרגייען נישט אַהין, מיר הערן זיך נאָר צו דורכגייענדיק. און אָט זענען מיר שוין אין שטוב ביי זיך. דאָס גרויסע ליכט ברענט, דער טיש איז עפּעס צו דאַר אונטער דעם ווייסן טישטעך, ווי אַ גלאַטער ברוסט־קאַסטן אַ מאָל ביי אַ פֿרוי. נישטאָ אונטערן טישטעך קיין חלות, נישטאָ אויפֿן טישטעך קיין קידוש. ס'איז היינט אַזאַ שעה.

דינהלע זיצט אַן אומעטיקע און דרימלט. ברכהלע שלאָפֿט שוין לאַנג אין בעטעלע און הינדע — אין וויגעלע. קולינע הייבט זיך אויף און גייט אַוועק. איר געצאָלט וועט קומען, אָדער ער איז געווען. זי זאָגט אַ גוטע נאַכט מיט אַ שטיל קול. אַזוי גייט עס איצטער. מיר פֿרעגן ביי דינהלען עפּעס אַ וואָרט, און נאָך אַ וואָרט און מיר בעטן די געלעגערס, ס'איז אומהיימלעך, נאָר מאָרגן אין דער צייט, אַז מירן דערלעבן...

פֿון מיין זייט איז אפֿשר נישט שיין, וואָס איך קלער שוין פֿון מאָרגן אין דער צייט. מיט אַזאַ טאָג שפּילט מען זיך נישט. אַזאַ טאָג איז אַ מאָל איינער אינעם גאַנצן לעבן. וועלכער נאָר איז עס גרייט גרינג און מיטן אייגענעם ווילן פֿאַרשפּילן אַזאַ מין טאָג? און אין מוח פֿאַרגנבעט זיך, אַז די בהמה, דאָס פֿערד זאָלן בשלום איבערזיין די נאַכט אויף זייערע ערטער. צי דען פֿילן זיי נישט, אַז ס'איז יום־כּיפּור אויף דער גאַנצער וועלט?!

קיין עסן קומט נישט אויפֿן טיש אַפֿילו פֿאַר די קינדערס וועגן. מאָרגן וועלן זיי עסן אַ גאַנצן טאָג אַפֿילו גוטע יום־טובדיקע זאַכן, נישט קיין געוואָרעמטע, פֿאַרשטייט זיך. און איצט וועט מען פֿון הונגער נישט שטאַרבן. מיר וויסן און מיר בעטן אַפֿילו נישט קיין עסן. הינדעלען וועט די מאַמע אָנזויגן, ווען זי וועט זיך נאָר אויפֿכאַפּן. די וואָכעדיקע געדאַנקען, וואָס פֿאַרבלאָנדזשען פֿון געוויינטשאַפֿט וועגן אין קאָפּ, בעט איך מיט גוטן זיי זאָלן נישט קריכן, דאָס הייסט, איך ווענד אָפּ פֿון זיי מיינע מחשבות. איך זאָג זיי: איצט איז די צייט פֿון שלאָפֿן און זעט — איך שלאָף שוין.

* * *

ראובן דעם רבין שמואליקס, מיין חבֿרל פֿון אַ סך יאָרן, איז שלאַף.

ער הוסט מיט בלוט. יום־כיפור איז ער נישט געווען אין שול. ער האָט היץ. ער ליגט.

איך בין מיט מײַנעם אַן עלטערן חבר, וואָס פאָרט שוין קיין ווילנע אין דער ישיבה, און פאַרשטייט עפּעס זאַכן מערער און טיפער, ווי אונדזערער אַ ייִנגל. ער קאָן שוין אַפילו דעם ווילנער רב ר׳ חיים עוזר אַליין. נאָר ער איז מיט מיר גוט פאַר עפּעס, איז מיט איבּ זענען מיר יום־כיפּור געגאַנגען צו ראובענען אין שטוב. אין שטוב זענען געווען אַ פּאָר שוועס־טערלעך, נאָר ס׳האָט זיך געקענט רעכענען, אַז ראובן איז איינינקער אַליין. די הענט, אַז ער נעמט זיי אַרויס פון אונטער דער קאָלדרע, זענען ביי אים צו דאַר און צו בלייך. די אויגן לאַכן אַזוי ווי ווייל ער וואָלט זיך מיט אונדז דערפרייט, נאָר גרויסע זענען זיי, גרויסע, ליכטיק בלויע און אַ רחמנות קוקט פון זיי אַרויס. אויף דער ערד איז געשטאַנען אַ שיסעלע מיט אָנגעשפּיגענעם קראַנקן לייכעץ און פליגן זעצן זיך אויף דעם. איך האָב אַ פרעג געטאָן, אַזוי ווי יוצא וועגן, אָבער נישט געוואַרט אויף קיין ענטפער, האָב איך אַרויסגעטראָגן און אויסגעגאָסן דאָס שיסעלע, עס אַ שווענק געטאָן מיט וואַסער, צוריק עס אַוועקגעשטעלט אויפן פריערדיקן אָרט. איך האָב דערציילט פון די דאַווענערס, ווי אַזוי משהלע דער שוס־טער אינעם גרויסן שווערן טלית, שלעפּט אַלע מאָל דאָס פּלעשעלע חלשות־טראָפּנס פונעם צעעפנטן קיטל־בוזעם און שמעקט זיי מיט זיין בלייכן, דינעם, דורכזיכטיקן נעזעלע. ער פאַרמאַכט די אויגן ווייל די טראָפּנס טוען אַ כאַפּ פאַרן האַרצן. מיר ווייסן אַלע, אַז ביי משהלען איז אַ שוואַך האַרץ און ס׳נישטאָ וואָס צו לאַכן.

— דער רב וואָלט אים דערלויבט נישט פאַסטן — זאָגט ראובן מיטן בלייכן מויל און מיט גרעסער געוואָרענע אויגן. — אָבער ער וועט נישט גיין פרעגן קיין שאלות. ער איז נישט קיין קליין קינד. איין טאָג אָפּפאַסטן וועלן מיר נאָך ווי עס איז קענען!...

— אַ טאָג באַשטייט נאָר פון 12 שעה — האָט מיר משהלע אַליין איין מאָל פאַרטייטשט — אַ שעה אַליין איז גאָרנישט. נאָך אַ שעה איז ווייטער אַ בלאָז מיט די ליפּן. און ווי מען קוקט זיך נישט אום, וועט מען שוין דאַוונען נעילה.

איז ער ווייטער גערעכט. אַז דאָס האַרץ וויל נישט איבערטראָגן די היץ אין קלויז, דעם טשאַד פון די ליכט אַ גאַנצן מעת־לעת. דער שטויב פון דער צעטראָטענער שטרוי?

— אַז גאָט וויל אַזוי, — ענטפערט משהלע — וועט ער אויך העלפן איבערטראָגן. דער טאָג וועט איבערגיין, אַזוי גיך זאָלן האָבן איבערגע־גאַנגען אַלע יידישע צרות.

יהושע זאָגט:

— יידישע צרות זענען, ווייזט אויס, באַזונדערע צרות.

ראובן קוקט אויף מיר און שמייכלט. ראובן ווייס איך, וואָלט עפּעס געזאָגט דערויף, נאָר ער האַלט זיך איין ער זאָל זיך נישט פאַרהוסטן.

מיר זענען היפשלעך געזעסן ביי ראובנען און מיר האָבן אים ווייטער איבערגעלאָזן אַליין, מיר זענען אַוועק איבער דער בלייכער פאַסטנדיקער דאַלינע.

— לאָמיר אפשר אַריינגיין אין בית־מדרש?

— לאָמיר אַריינגיין.

יינגלעך, יידן מיט טליתים איבער די קיטלען, סטענדערס, מחזורים און אַן אָרדענונג. אָבער אָט־אָ שטעלן זיך אַלע אויף. די מחזורים אין די הענט, די טליתים איבער די קעפּ.

וכל מאמינים שהוא...

טוט נאָר אָבער אַ קוק אויפן געזונטן ווערגעלעך, אויף מרדכין בן־ציונקע דעם האַרבאַרס. ער וויל נישט וויסן פון קיינע מעשות. אין סידור שטייט פאַרשטרויכלט „וכומש" שרייט ער אויס ביי יעדן פסוק „וכומש". ער ווייסט, אַז שרייען דאַרף מען, אַלע שרייען דאָך: איי, וואָס ער ווייסט נישט דעם טייטש? מאַכט נישט אויס.

דאָ דאַוונט סראָליק הינדע־רייזלס — ער איז דאָ חזן אַלע יאָרן. ער פאַרגייט זיך אַלע מאָל מיט אַ קרעפּטיקן קוויטש, נאָר אַ שטאַרק קול איז ביי אים. צוויי טעכטער זענען ביי אים דינסטן אין זשיטאָמיר און צוויי זין לערנען אין דער ישיבה. זיי קענען גוט לערנען, נאָר טאַקע גוט. איצט שרייט ער און פאַרגייט זיך מיט אַ טיפן קרעפּטיקן קוויטש

און הערט אַפּילו נישט, אַז איך מיט יהושע דרייען זיך דאָ אַרום צווישן די שטענדערס.

אַ ביסל זיך אַרומגעדרייט און מיר זענען אַוועק צו מיר אין קלויז אַריין. מיר וואָלט זיך וועלן אַריינגיין צו חנה דער רביצינס, זי האָט געוואָלט פאַסטן, אָבער דער רב אונדזערער אַליין — איך וויל זיין לעבן זאָל אים כסדר לויכטן, אַזוי ווי ער לויכט ביי מיר אין די אויגן — דער רב אונדזערער — חנהלעס טאַטע, האָט איר אַליין צוגעטראָגן אַ גלאָז געבריטע מילך זי זאָל טרינקען פון זיינע הענט.

מיר האָט די מאַמע מיטגעגעבן אין אַ טיכעלע אויסגעקאָכטע כפּרה מיט חלה און אַן עפּל.

איך האָב שוין אַ פּאָר מאָל געגעסן, נאָר איך זע צו טרעפן און עסן מיט אַלע יינגלעך טאַקע דאָ ביי דער זייט קלויז, וואָס איז אָן פענצטער, כדי די פאַסטנדיקע זאָלן נישט הערן דעם ריח און ס׳זאָל נישט איבערגיין די סלינע.

לעם דער טיר פון דער ווייבערשער שול זיצן פאָר דער טיר ווייבלעך יינגערע, עלטערע אויף די אַרויסגעטראָגענע שטילכענס. ס׳וואָרפן זיך דורך צווישן זיי שיינע אַזעלכע, מיט שוואַרצע שאַלכענס און פאַריקעס, מיט הויכע ביינערנע קעמעלעך. ביילקען דער מומעס זע איך אויך פון דער ווייטנס. זי רופט מיך צו צו זיך. איך שעם זיך פאַר די ווייבער, נאָר איך גיי צו. איך וויל פרעגן, ווי אַזוי גייט ביי דער מאַמע דער תענית, אָבער איך שעם זיך. אַז די מאַמע וועט גיין אַ היים אָנזייגן הינדעלען, וועל איך אויך לויפן מיט איר און וועל מיט איר רעדן.

ווען ביילקע קלערט פון מיר כאָטש אַ העלפט, ווי איך פון איר, נאָר פילן פילט זי. זי רעדט מיט מיר כסדר מיט איר פאַרשייטן, נאָר צוגע־לאָזטן צו מיר שמייכל.

יהושע האָט מיך געלויבט אין די אויגן פאַר איין זאַך: וואָס איך האָב געהאָט אין זיך שטאַרקייט און זיך נישט געמיאוסט ביי ראובנען, ווען מיר זענען געווען, מיטן שיסל לייכעץ.

איך האָב אים נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן, האָב איך אים גאָר געפרעגט: — ווי קלערט ער, ראובן וועט לעבן?

אָבער אָט־אָ זענען שוין אַלע יידן צוריק אין קלויז. מען פאַלט כורעים. איך פאַל אויך. נאָר איך קען זיך נישט צוביגן מיטן פּנים צו דער ערד, ווייל וועלוול דאָרטן ביים עמוד שטייט אויך אויף די קני. ער זעט אויס, ווי אַ קאַרליק מיט אַ באָרד. דאָס קאַרליקל שאָקלט זיך. זיין קאָפּ דער־לאַנגט קוים ביזן עמוד און ער דאַוונט אויף אַ קול, ווי אַן אמתער מעגטש. אַנאָ בוקט זיך ס'קאַרליקל מיטן קאָפּ אָן אַ זייט פונעם עמוד. אָט־אָ העלפט אים הערשל יוסף־היימס אויפצושטיין און וועלוול איז שוין צוריק דער חזן, ווי געווען. זיין קול איז אָנגעזאַפּט מיט צער. מיר דוכט זיך, אַז איך קאָן אים הערן די גאַנצע צייט. ווייל ער דאַוונט ביים עמוד נישט צוליב אויספיינען זיך. ער דאַוונט און געדענקט פון וועמען און צו וועמען ער איז געשיקט. אַז ער זאָגט אין דער שטיל הנני העני ממעש און ער באַקלאָגט זיך פאַרן רבונו־של־עולם, אַז ער ווייסט נישט, צי האָט ער די ווערט זיין אַ שליח ציבור איצט פאַר וועמען ער שטעלט זיך רעדן, ווי צו די יאָרן, זוער בין איך און וואָס בין איך ?...

אַפילו פאַר דער אָ איינער מעלה וועלוולס איז ער, דוכט זיך, ווערט ער זאָל זיך קונה זיין ביידע וועלטן. אין די אָ טעג איז ער דער אמת אַליין — אי אין מקווה געווען פאַרן דאַוונען, אי זיך אין קיינע שום רייד מיט קיינעם נישט אַריינגעלאָזן. און די ליפּן ציטערן ביי אים, דאָס קול ציטערט אין אַזעלכע ערטער, ווי דאָס גאַנצע לייב־און־לעבן דאַרף זיין „תפילה ותחנונים" און אַז ס'לאָזט זיך האָבן אַ פריילעכע מינע, קומט ער מיט אַ מונטערן ניגון. איך ווייס נישט צי ס'איז זיין אייגענער ניגון, צי ער האָט עס בירושה פון עלטערע פון אים.

ר' וועלוול, איך בין אויף אייער צד. ווען איך קען אויסבעטן ביי גאָט, אַז פריידל אייערע זאָל אייך געבוירן אַ לעבעדיק קינד ?!

דערוויל גייען אַריין אין מיינע אויערן די ווערטער: „לקונה עבדיו באַ־דו־אי־אין, — גאָט קויפט אויס זיינע דינער, דאָס פאָלק יידן — ביים שטן מקטרג, ביי אַלע משחיתים... וועלוול ווייס דעם טייטש פון יעדן וואָרט און אין אַזעלכע שעהען איז ער אין גאַנצן אויסגעטאָן פון דער וועלט מיט איר הו־האַ, איך קען פאַר אים שווערן.

ווען ביי די ווייבער דערהערט זיך אַ געוויין אין שול, ווייס איך,

אַז מען זאָגט דעם „ונתנה תוקף״, דער ספר הזכרונות איז שוין אויפן טיש און ער עפנט זיך אַליין און ס׳לייענט זיך פון אים אַלצדינג אַרויס...

דאָ וועסטו זיך שוין נישט אויסבאַהאַלטן מיט דיינע סאַמע פאַר־באָרגנסטע עבירהלעך... און דאָך ווייס איך, אַז אויף מיר איז דאָרט קיין שלעכטס נישט אָנגעשריבן. איך וויל נישט קיין שלעכטס און איך האָב נישט ליב די, וואָס טוען שלעכטס. איי, איך זע אַ מאָל, ווי אַ פויער בייסט איין זיינע אויסגעשייערטע בלישטשענדיקע ציין אין פעטן ווייסן שטיקל קוויטש און איך קלער, צי איך וואָלט עס אויך קאָנען טאָן, טו איך מיט דעם קיין שלעכטס נישט, און אַז איך בענק אויפן געלעגער, איידער איך ווער אַנטשלאָפן, נאָך שיינקייט פון פרויעשן לייב, טאָר איך עס פשוט נישט דערציילן פאַר קיינעם. מע דאַרף דערפון נישט רעדן, נאָר קיין שלעכטס טו איך מיט דעם אויך נישט. גאָט ווייסט דערפון און איך ווייס דערפון!

כבקרת רועה עדרו...

די יינגלעך דערציילן, אַז אַ גראָבער יונג, אַ ישובניק, ווייסט נישט ווי אַזוי ריכטיק אויסצורעדן די ווערטער, זאָגט ער: קעוואַקורעס ריווע ווידרע! ווייבער צעהען טאַכאַס וואַשטי... נאָר אין דער אמתן גייט טאַקע ביי גאָט אַ רעוויזיע: ראש־השנה פירט מען אַריין אין די ביכער, און יום־כיפור חתמעט מען אונטער — ווער אַהער, ווער אַהין. דאָ קען מען שוין קיין קלוגער נישט זיין: מי יעני ומי יעשיר... ס׳נישט ביי זיך אין די הענט, מיינע טייערינקע, און איצט שרייט, יידעלעך, העכער! ותשובה ותפילה וצדקה מעבירן את רוע הגזירה.

מאָטל יחיאלס, וואָס איז בלינד אויף איין אויג, רעוועט, ווי אַן אָקס. מע פילט, אַז די חיותן גייען אים אויס. פסחן דעם בלינדן, וואָס שטייט אַ סך ווייטער פון אונדז — הער איך אויך. איך הער אַלעמען. אַלע שרייען און רופן אויס אין דער הויך די מיטלען, מיט וועלכע מע קען זיך ראַטעווען.

איך פיר פאַר זיך אַליין, פּאַמעלעכינקע, דעם חשבון: שחרית, מוסף, מנחה, נעילה, מעריב דאַוונען, מקדש זיין די לבנה, ווינטשן זיך אַ גוט יאָר — און אַהיים און מע איז שוין פריי פון אַלע זאַכן ביז איבער אַ יאָר

יום־כיפור. אָבער דערווייל בין איך נאָך נישט פאַרטיק מיטן מוסף. אין מוסף גייט די עבודה. ווייל צו די אויגן, וואָס האָבן געזען זייער אייגן לאַנד, זייער אייגענעם בית־מקדש, זייער אייגענעם כוהן־גדול. יעדעס פויער־קינד איז ביי זיך אויף זיין אייגענער ערד און איך — בין דאָ אַ שכן — ווייל מען האַלט מען מיך, ווייל מען יואַרפּט מען זיך מיט מיר. „למשמע אורן דאבה נפשנו" דערווייל קומען מיר צו די עשרה הרוגי־מלכות. אָט דאָ, מיינע טייערינקע, ווייַן איך שוין אויך וויפל עס גייט אין מיר אַריין.

הרגע מיך פריִער, גיין מיך פריִער! — בעט זיך די גרויסע געהויי־בענע קעפּ צום רוצח — איך זאָל נישט זען דעם טויט פון מיין חבר. ביי רבי ישמאעלן האָט מען אָפּגעשינדן די הויט פונעם פּנים, ר' עקיבאן האָט מען אַרויסגעפּירט אַ באַקעטן און געריסן אים דאָס לייב מיט אייזערנע קאַמען. רבי חנינה בן תרדיון האָט מען אַרומגעלייגט מיט פייכטע ציגנוואָל ער זאָל לענגער ליידן פונעם ברענענדיקן פייער אויפן שייטער־הויפן.

און וואָס זאָגט דער אויבערשטער? ער זאָגט:

— היט זיך איך זאָל פון אייך קיין פּיפּס נישט הערן, וואָרום אָט נעם איך און מאַך פון דער גאַנצער וועלט אַ באַרג מיט אַש, אַ ים מיט וואַסער, אַ וויסטע פּוסטקע, ווי ס'וואָלט גאָר קיין מאָל קיין וועלט נישט געווען. נו, ס'איז קיין חידוש נישט. ס'איז אים אַליין שטאַרק שווער געווען צו קוקן, ווי אַזוי זיינע באַליבטע זין קאַטשען זיך אין זייער אייגן בלוט און כראָפּען, ווי די געקוילעטע רינדער.

מען וואָלט אים מעגן זאָגן:

— ס'איז דיר שווער און, פון דעסט וועגן, קוקסטו?! אָבער איך האָב מורא אַפילו קלערן — ס'קאָן זיך עפּענען אַן אָפּגרונט אונטער מיינע פיס און קיינער וועט אַפילו נישט וויסן, וווּ מיין געביין איז אַהינגעקומען.

ווי אַזוי די וועלט איז צעטיילט נישט נאָר אויף גבירים און קבצנים, נישט נאָר אויף באַלמעלאָכעס און אויף באַלעבאַטים, די וועלט איז צע־טיילט אַפילו אויף זאַכן, וואָס מע נעמט זיך נישט מיטן גוטן ווילן. אָט איז ראובן דאָרט אַליין אין דער היים, ער הוסט, נעבעך, אויס די לעצטע,

יונגע לונגען און איך שטיי דאָ מיט אַלע יידן, מיט יונגע און מיט אַלטע, איך עס כּפּרה מיט חלה, איך דאַוון און הער זיך צו צו דעם, וואָס דער חזן זאָגט, וואָס די יידן זאָגן.

וואָס אַזעלכעס וואָלט איך אים קענען אָוועקטראָגן, ס'זאָל אים דאָרט ווערן גרינגער.

עשׂת למען יונקי שדים שלא הטאו?...

אָט אַזוי ווי הינדעלע, וואָס ליגט אין דער היים אין וויגעלע, אָדער, וואָס דינהלע נעמט זי אַרויס און וויקלט זי איבער אין טרוקענעם, קומען די פּאַגראָמשטשיקעס אין קישעניעוו שניידן אויף די קישנס מיט די פּער־רענעס, שניידן אויף די בייכער און שטאָפּן זיי אָן מיט פעדערן. און גאָט קוקט אויף דעם אַלעמען און קוקט שטאַרק: יעדער קלאַפּ, וואָס מע דערלאַנגט אַ יידן, דערלאַנגט עס אים אויך.

קען עס זיין, אַז ער איז אויך אין גלות מיט אונדז אין איינעם.

דאָרט ווו דאָס פאָלק, איז דאָרט זיין גאָט?

און מ'יר בעטן אים ער זאָל זיך אַרויסרייסן פונעם גלות, אים איז אַ ביסל גרינגער, ער איז אַ ביסל שטאַרקער.

צו מנחה בין איך ווייטער אויף דרויסן. ס'איז מיר נישט שיין אויסצוזאָגן, אַז די יינגלעך שטיפן אויפן שולהויף. קוק איך פון דער ווייטנס און גיי זעלטן ווען צו צו זיי.

וואָס איז?

איך בין אַ לייטיש יינגעלע און זיי זענען פּאַרשייטע שטיפערס? ניין. איך בין שוין צו לייטיש, ס'דערגייט אַזש ביז צעקראָכנקייט, זיי טוען אַ לויף, זיי טוען אַ שפּרונג, זיי שטורכען זיך צווישן זיך. מע טוט דיך אַ כאַפּ פאַרן קאָלנער, מען וואַרפט ביי דיר אַראָפּ ס'היטל, מע רייסט אַפילו אַראָפּ אַן אַרבל און איך? חלילה! מיין היטל זאָל זיך אויסקאַטשען אין בלאָטע? דערפאַר קענען אַנדערע יינגלעך שווימען, זיך אונטערטוקן דאָ און אַרויסשווימען ווייס איך ווו, דערפאַר קענען אַנדערע יינגלעך זיך גליטשן, זיך באָרען, איבערשפּרינגען איבער אַ פּלויט.

איך קען אויך אַ סך זאַכן, נאָר, ערשטנס, דאַרף איך עס טאָן, ווען

ס׳זענען דערבײַ קיין זייטיקע מענטשן נישטאָ. צווייטנס, פּאַמעלעכקע, מיט מורא און מיט פריער אַרומקוקן זיך. אויף דער גליטשעלקע גליטש איך זיך קיין מאָל נישט און צעיאָג זיך קיין מאָל נישט, נאָר אין אונדזער קליין געסל, ווען איך גיי איבערן אייז און קיינער גייט נישט פון דער נאָענט, דאָרט גיב איך זיך אונטער חשק און גיב זיך אַ גליטש נישט צעיאָגטערהייט. די הענט צעשטעל איך, ווען איך זע, אַז איך בין נישט געפאַלן און זיך נישט צעקלאַפּט. ערשט דאָ נעם איך זיך איבער, ווער בײַ זיך גרויס און טו אַפילו אַ קוק צום ווינטערדיקן הימל — איינער מיינט — ס׳טו געזען?!

מיטן שווימען איז אויך אַזוי. איך גיי אַריין אין וואַסער, מעסט אָפּ עטלעכע שפּאַן, דערגיי טיפלעך־טיפלעך ביזן ברוסט, אַפילו ווען העכער און פון דאַנען לאָז איך זיך שווימען צוריק צום ברעג, טאָמער פּאַרטשעפּע איך מיך אין עפּעס, ווייס איך, אַז איך האָב אַ דנאָ אונטער די פיס, וועל איך מיך אַוועקשטעלן... קורץ, נישט אַזוי לייטיש, ווי נעבעכדיק. מיין טאַטע און מיין מאַמע זענען לייטישער און רירעוודיקער פון מיר. אַז די מאַמע גייט ווינטער אָנצונעמען אַ מולטערל זדיביצע אין זאַסעק, שאַרט זי אויף מיט די הוילע הענט דעם שניי, נעמט אָן אין דער גיך אַ מולטער זדיביצע, טוט אַ כוקע די הענט און אַוועק מיטן מולטערל אין שטוב אַריין. אַז מען שיקט אָבער מיך אָנצונעמען אַ מולטערל דוב, גיי איך פריער אַרויס און טו אַ קוק, ווי דער זאַסעק איז פאַרווייעט מיט שניי, גיי איך אַוועק. שיקט מיך די מאַמע ווייטער, נעם איך שוין מיט די הענטשקעס און זוך אָפּ אַ שטעקן אויף אַרומצושאַרן דעם שניי, פּונקט ווי דער שניי קאָן נאָך פון מיר אָפּבייסן אַ שטיקל. פאַר דערפאַר געדענק איך נישט איך זאָל זיך אַ מאָל ווינטער וואַרפן מיט שניי־קופּקעס, איך זאָל אַ מאָל אַליין, מיט מיין אייגענעם ווילן אויפּקאַטשען אַ שניי־מענטשן. איך בין אַ „שטיל, אַ לייטיש״ ייִנגעלע, נאָר אויף איין זאַך סטייעט מיר שכל נישט רעדן פון דעם פאַר קיינעם. אפשר וועל איך ווי עסן איז אויסלעבן מיינע יאָרן אַזוי אויך און וועל זיין אַ מאַגסביל אַזוי ווי שלמה דעם באַראַנס און חיים־לייזערס לייטשיקס מאַן. ער קאָן לייענען די תורה, ער גייט אין ברילן און לייענט אַ בלאַט און אַ העברעיִש ביכל. ער ווינט

ביים שוער דעם שוסטער אין די שטיבעלעך אין הויף און האַנדלט מיט פּאַסטיל (פאַרשידענע לעדערוואַרג).

עפּעס קען איך דאָך:

איך קאָן שוין טריקענען קאָרע, וואַשן שערסט, אָנשאַרן באַרלעך, טרייבן די ביטן און אויסקלייבן די האַרבוזעס...

אין קלויז ט׳מען שוין געענדיקט מנחה דאַוונען און איך פריי זיך, ווי מיט אַ גרויס געווינס, וואָס איך קען אַ סך זאַכן טאָן, כאָטש איך בין נישט קיין בריה, ווי אָן־אַ די יינגלעך, וואָס שפּילן זיך און רוען נישט איין ווי די קוועקזילבערס. יאָ, אָבער ביי אונדז אין הויף בין איך דאָך אויך נישט קיין פאַרשלאָפּענער. און ראובן שטעלט זיך מיר ווייטער פאַר די אויגן. ער זאָל זיך שטעלן, וואָלט געווען נאָך גוט, ער ליגט דאָך, נעבעך, מיט גרויסע יונגע אויגן און אָן אַ טראָפּן בלוט אין די איינגעפאַלענע באַקן.

איך בין אַראָפּ פון גאַנעק און באַקוק די עטלעכע ווייבער, וואָס זיצן פאַר דער טיר פון הויז פון דער ווייבערשער שול. דאָס זענען אַלץ אַזעלכע, וואָס האָבן אַ שווערן תענית. ביי אונדז פילן שווער דעם תענית די מאַמע און הינדעלע. אָבער ס׳איז נישט נאָר ביי אונדז. אַ סך ווייבלעך אין שטאָט גייען צו אויסנעמעניש אָנזויגן די קינדער און אַ קוק טאָן צו דעם קליינוואַרג און זען צי די קאָץ האָט גאָרנישט אויפגעגעסן. דער טאַטע איז אַרויסגעגאַנגען אינעם קיטל אָן דעם טלית — מן הסתם עפּעס אַ קלייניקייט, וואָס אַ מענטש דאַרף אָפּטאָן לעם נה אשרס פלויט. ער האָט אַ שמעק געטאָן דעם פרייען דרויסן. טאָקע, אַז מע גייט אַרויס פון דער צעריבענער שטרוי אונטער די פיס, פון די אָנגעטשאַדעטע, אָנגעשמאָלצענע ליכט, וואָס ברענען אַ גאַנצן מעת־לעת, האָט טאָקע דער ליכטיקער דרויסן גאָר אַן אַנדער פּנים.

איך בין אַוועק מיטן טאַטן אין איינעם צוריק אין שול אַריין. אייניקע אַלטע יידן, זע איך, אַז זיי האָבן זיך שטאַרק אויסגעבלייכט, אָבער זיי מאָנען דערפאַר ביי גאָט גאָרנישט אַרויס. פאַרקערט, טאָמער פּאָדערט זיך, וועלן זיי פאַרלענגערן דעם תענית. אַזוי איז יחיאל בנימין לייבס, אַזוי איז עלטשוק דער שוסטער, אַזוי איז פסח דער בלינדער און טאָקע וועלוול

אַליין. ער האָט זיך פאַרן טאָג געגוג אַנגעשוויצט, דער טלית איז ביי אים נאָס אַזש פון אויבן.

און איצט גייען מיר שוין צו נעילה.

אַפילו איך, מיר אַליין איז שוין אויך נישט צו לאַנג דער טאָג, פאַרקערט, ס׳הייבט זיך אָן דאָס סאַמע געשמאַקסטע.

אייניקע יידן טוען אַ רייד, אַ קוק איינס אויפן צווייטן, און דאָס הייסט, ווי מע וואָלט זיך אָנגעפרעגט צי ס׳איז שוין צייט צו זאָגן נעילה?

אַפילו מיקיטע פילט, אַז מע מעג שוין.

מיקיטע האָט זיך אָנגענודעט פאַרן טאָג געגוג. ער איז געזעסן, איז געלעגן אין הויז אויפן בערגעלע שטרוי, וואָס ער האָט טאַקע אַליין געבראַכט...

שא... ס׳הייבט זיך שוין אָן. איצט האָבן די ליכט פלוצעם שוין אין גאַנצן אַן אַנדער אויסזען, אַ פאַרבענקטן, אַ פאַרוויינטן. און דער ניגון — דער ניגון איז דאָך אַזוי ווי דער ווייטיק וואָלט אַ ביסל אָפּלאָזן:

יתגדל וי־אַי־תק־דש שמע עי־עי־רא־בא־אָ־אָ. אַי־אַי־אַי־אַי־אַי

אַלע זינגען אונטער מיט בלייכע שוואַכע קולות. ס׳האָט טאַקע צו איטלעכן. אַלע זענען דאָ אין קאָן. און איך פיל, אַז יום־כיפור איז שוין פאַרביי. די בלעטער אויף די בוימער זענען געגאָלדן, די שטראַלן פונעם זון־ראָד זעגענען זיך מיט עמעצן דאָרטן אין די ליפקעס. זיי באַגילדן אויך די קלויז־פענצטער און שפּילן זיך צווישן די מידע פלעמעלעך פון די דערברענענדיקע ליכט. בלייכע, בלייכע פּנימער ביי יידן אונטער די טליתים. די באָרד, אַפילו די באָרד הייבט זיך אָן אויסצובלייכן אָבער סאַראַ גוטסקייט ס׳פילט זיך אין אַלע בליקן?! עפּעס אַ געפיל פון אויי־סערגעוויינלעכער באַהעפטיקייט. מיר קריגן זיך נישט, מיר דינגען זיך נישט, מיר יאָגן זיך נישט נאָך קיין כבוד. מיר זענען אויף קיינעם, און קיינער איז אויף אונדז נישט ברוגז. די דעמערונג נעמט אַרום די גאַנצע קלויז. די הימלישע טויערן האַלטן זיך שוין ביים שליסן. איצט קענען מיר נאָך אַרויסלאָזן אַהין עטלעכע שטילע שוואַכע קרעכצן, וואָס זענען אָפּגע־רייניקט פון יעדן מין אָנשטעל און פניותדיקייט

מיין האַרץ איז אין דער רגע אַוועק פון יענער זייט וועגטל — אין

דער ווייבערישער שול.ביילקע איז ווי ביילקע — זי איז קיין עין־הרע יונג און געזונט און קיינער וועט איר קיין קיין פּיפּס נישט טאָן, אויב זי וועט אין קאַמער ביי זיי אין דער שטיל געבן אַ פּאָר זופּ אויבערשטע מילך פון אַ קריגעלע. אָבער די מאַמע?... די מאַמע אונדזערע. מיט איר שוואַכן האַרצן, מיט איר ריינעם מוטערלעכן געדאַנק, זי איז האַלב מיט די תּפילות און האַלב מיט די קינדער אין שטוב.

זי וויל אויך שוין גיכער זיין אין דער היים און נאָך הבדלה... שאַט, מען בלאָזט שוין שופר... ווען ראובן הערט עס?! יידן זוכן די שיך אונ־טער די בענק, צווישן דעם צעקאַראַטשעטן שטרוי... מען דאַוונט שוין מעריב. ס'איז גאָרנישט צו גלויבן, אַז אַזאַ מעריב זאָל מען אָפּמאַכן אַזוי כאַפּנדיק — אַ זאָג אַהער, אַ זאָג אַהין און אַפילו זיך נישט צוגעהערט, וואָס מען זאָגט. די טליתים מיט די קיטלען זענען שוין לאַנג צונויפגע־לייגט. אייניקע נעמען מיט זיך די שטיקעלעך ליכט, וואָס זענען געבליבן אין דעם ליים פון די טעפּלעך, אָדער בלעכענע פּושקעס. די יינגלעך זענען גרייט אַפילו דאָס שטרוי פון אונטער די פיס פאַרנעמען אַהיים, נאָר ווער דאַרף עס?!

אין דרויסן איז גוט, כאָטש ס'האָט זיך ביי טאָג אַ ביסעלע געכמאַרעט אָבער קיין רעגן איז נישט געווען און ס'איז אַ גוטע, ריינע לופט. אייניקע יידן דרייען זיך אַרויס אַהיים, אָבער אַ סך וואַרטן אין דרויסן מע זאָל מקדש זיין די לבנה. סימן טוב ומזל טוב... זאָגט מען מיט אַן אונטערטאַנצנדיקער פריילעכקייט. אויסגעבלייכט איז מען, אָבער פריי־לעך — אויך.

— שלום עליכם!

— עליכם שלום!

— דוד מלך ישראל חי וקים! און מע ווינטשט זיך אַ גוט־יאָר. אין מיקיטען האָבן מיר שוין אַלע פאַרגעסן, נאָר ער גייט אַוועק דער לעצטער, ער קלייבט צו, ער לעשט אויס די ליכט, קוקט אַלץ אַרום. און אָט האָבן מיר שוין לעם מיטרעס געסל אָנגעיאָגט די מאַמע!

— אַ גוט־יאָר, מאַמעלע טייערע.

„אַ גוט־יאָר" זאָג איך און „מאַמעלע טייערע" פיל איך, ווען איך נעם ביי איר צו דעם גרויסן מחזור.

דינהלע איז אויך אַרויס אַנטקעגן. זי האָט אַרויסגעטראָגן פאַר דער מאַמע אַ ביסעלע געבריטע מילך אויף זיך דערקוויקן, אַ שטיקל קיכל אויף אויפכאַפּן ס׳האַרץ. די מאַמע האָט געטריי אַ גלעט געטאָן דינהלען ביים קאָפּ און זאָגט כמעט גאַרנישט.

— די בהמה האָט שוין אוליטע אויסגעמאָלקן, — דערקלערט דינהלע — און קולינא איז אַ פּאָר מאָל אַריינגעגאַנגען געוויר ווערן, אַזוי ווי די מאַמע האָט זי געוועזן געבעטן. די שטוב איז נישט וואָכעדיק. ניין, נאָר עפּעס אַזוי ווי אויסגעקילט. מיר זאָגן אַלע דער שטוב אַ גוט־יאָר. ברכהלע האַלט זיך שוין אויך פּאַר דער מאַמעס האַנט. דער טאַטע האָט גענומען דאָס גלאָז מיט האָניק, האָט גענומען אַ פעדער און האָט אַ שמיר געטאָן דעם ווינקל פון שטוב דאָרטן, ווו דאָס ווינקל־שאַפקעלע פון די דריי פּאַליטשקעס איז אונטערגעהאַנגען, ס׳זאָל זיין אַ זיס יאָר.

פּאַמעלעכקע, נישט געאיילט האָט דער טאַטע אָפּגעמאַכט הבדלה, האָט אויסגעטאָן דעם זיידענעם סורדוט און אָנגעטאָן עפּעס וואָכעדיקס, זיך געוואַשן און מיר זעצן זיך צום טיש עסן. אייגנטלעך, אונדז קינדער וואָלט שוין נישט געקומען קיין עסן — מיר האָבן אַ גאַנצן טאָג זיך געשטאָפּט מיט כפּרה, מיט קנישעס, מיט בילקע און מיט עפּל, אָבער מע נעמט אונדז אויך צום טיש.

די מאַמע וויל צעלייגן אַ פּאָר שפּענדלעך אויפן פּריפּעטשיק און אָנ־וואַרעמען די יויך. דינהלע האָט דערווייל געשטעלט דעם סאַמאָוואַר. און זאָל גאָט געבן אַ גוט, אַ זיס יאָר אויף אַלעמען. אויפן טיש איז אַלץ דאָ, הונגעריק וועט מען שוין נישט זיין.

דער טאַטע עסט נישט קיין סך. די מאַמע — אויך. אַלצדינג צו ביסלעך און נישט געכאַפּט, און מע רעדט ווינציק, כאָטש ס׳איז אַ דאַנק גאָט, גוט אויפן האַרצן.

אויפן טיש שטייען דריישפּיציקע קנישעס, באַשמירטע מיט האָניק, אייניקע זענען געפילט מיט עפּל, אייניקע מיט מאָן. אָט דערלאַנגט שוין דינהלע יעדן צו אַ גלאָז טיי. די גלאָז טיי איז אויך נישט קיין וואָכעדיקע.

איצט האָב איך שוין מער צייט זיך דערמאָנען פון חנהן דער רביצינס, פון משהן, פון שיפרען זוליאר און אויך פון ראובענען האָב איך גישט אין גאַנצן פאַרגעסן, נאָר ער וואָרט ערגעץ אין אַ זייט.

פון אַ סך הייזער גייט מען איצט אַרויס — און מע פאַרקלאַפּט אַ פלעקל אויף אַ סוכה. איין מצווה קייטלט זיך פאַר דער צווייטער. אַ דאַנק דיר גאָט, — אַוועלכע שטימונג איז ביי אונדז געווען נעכטן אין דער צייט: און אַוועלכע — איצט.

איך קוק צום פידל און וואָלט וועלן אַ ביסל שפּילן אויף אים. מעג מען? מעג מען געוויס, ס'נאָר געווענדט אין דער רגע פון דערלויבן זיך און אים אַראָפּנעמען פון וואַנט.

מכל־כך־איי. אעל־היים בע עי־עי־חסד און איך שפּיל שוין טאָקע וועלכן ניגון איך קען. עס שטערט מיר נישט.

מען בעט פאַמעלעך די געלעגערס און דער טאַטע גרייט אָן חשק דאָס אָנטאָן, וואָס ער דאַרף אויף אין דער פרי, אין האַרבאַרניע אַריין. דער טאַטע קען זיך נאָך נישט אויסטאָן פונעם יום־טוב. און די וואָכעדיקייט וויל מע זאָל אין איר אויך נישט פאַרגעסן.

די סחורה אין האַרבאַרניע איז גראָד צעפּאַלצט, און צעפּאַנעוועט. איצט וועט מען זי דאַרפן לאָזן אין די ביטן. דוב געקלאַפּטער איז דאָ און מען וועט קענען רופן נפתלין און צוגרייטן נאָך עטלעכע סטעמפּ־לעך דוב...

דאָס לעמפּל האָבן מיר אַ ביסל צוגעדרייט — הינדעלע שפּילט זיך אין איין העמדעלע, אַ צעוויקלטע ביי דער מאַמען אויף די הענט. דער טאַטע נעמט זי איבער צו זיך אויף די הענט, ביז די מאַמע וועט איר איבערבעטן טרוקן דאָס וויגעלע. ביי אונדז אין שטוב איז שלום און שטילקייט זאָל זיין אין אַלע הייזער אַזוי.

דאָס פערד איז שוין צוגעזען. די בהמה איז שוין אויך דאָרטן צוגעזען אויף נאַכט. מיך פאַרדריסט, וואָס איך בין מיטן דרויסן נישט היימיש, ווען די געלעגערס זענען שוין אויסגעבעט און אין דרויסן איז שטיל און ליידיק.

אַ מאָל מאַך איך אויף זיך אַן אָנשטרענגונג און פּונקט ווי אַן

עלטערער דעם יונגערן — נעמט מיין ווילן דעם אָפּהענטיקן געפּיל מיינעם פּאַר אַ האַנט און זאָגט צו אים: „קום, לאָמיר אַרויסגיין אַ קוק טאָן אין גאָטס דרויסן. קיין וועלף זענען דאָרט נישטאָ, קיין גזלנים לויערן דאָרט נישט".

דאָן שטעל איך זיך איין. גיי אַרויס מיט פּאַרכט אין דער פינצ־טערער שמאָלער הויז, די טיר איז שוין געעפנט... דער ליידיקער אָוונט־דיקער דרויסן איז ווירקלעך נישט באַשטעלט מיט קיין שום בייז, נאָר איך ווייס נישט פון וואָס פאַר אַ ווינקל קאָן דורכלויפן אַ הונט, וואָס איז גאָר אַליין אַ פּרעמדער און האָט גאָר אַליין פאַר מיר מורא, נאָר דערווייל האָב איך מורא פאַר דאָס אומגעזעענע, פאַר דעם, וואָס ס'נישטאָ, אָבער ס'קאָן אפשר זיין.

איך גיי צו צום פּלויטל פונעם קליינעם גערטל, שפּאַר זיך אָן מיט די קני אין דער גראָבער הילצערנער באַנק, נאָר זעצן זעץ איך זיך נישט. איך בין אַזוי ווי צופרידן, וואָס כ'האָב געפאָלגט דעם געדאַנק און בין טאַקע געווען אויף דער פרייער לופט, אָבער קיין אמתע הנאה, אַזוי ווי איך האָב ליב אין אַלע מיינע קליינינקייטן, (ווייל צו קיין גרויסקייטן בין איך נאָך אין לעבן נישט געקומען), די הנאה, וואָס איך האָב אַלע טאָג פון אָנשאַרן אַ מולטערל דוב, פון באַטראַכטן אַ פויער מיט זיינע שטיוול, מיט דער סוויטע, מיט דער ליולקע און מיט דער באָרד, ווען ער זיצט ביי אונדז אויף אַ בענקל אין מיטן שטוב און גיט אונדז אָפּ אַ פּעל אין דער אַרבעט, סיי די, וואָס איך האָב, ווען איך האַלט אין די הענט אַ ביכל נאָך נישט קיין געעפנטס. שוין אָפּגערעדט פון אַן אָנגעבראָקטן ברויט און זיסן צעשטויסענעם צעפּירטן מאָן, און פונעם גלעט, וואָס מיין האַנט פילט אינעם העלדזול פון אונדזער פידל.

עפּעס אַ קליינינקייט וויפל פאַרגעניגן איך האָב אין משך פון טאָג, אַפילו ווען איך פאַרהער זיך ביים רבין די פּרשה רש"י פּסוקימווייז, און ס'גייט ביי מיר גלאַטער, ווי איך האָב געקלערט... איז איצט פון מיין אַרויסגיין אינעם פינצטערן, ליידיקן קילבלעכן דרויסן, כאָטש איך האָב ביי זיך אויסגעפירט עפּעס וואָס, אָבער די מינדסטע הנאה, האָב איך דערביי נישט געהאַט. אפשר ווייל אַ סך זאַכן האָב איך ליב מיט עפּעס

און מיט עמעצן און נישט אין דער וועלט אַריין און גאָר אין גאַנצן אַליין.

* * *

מיטן דרויסן טאָר מען זיך שוין איצט נישט שפּילן. ס'ווערט קעלטער וואָס אַ טאָג! ס'האָבן זיך נאָך אַזוי אויך פאַרהאַלטן שיינע טעג, ממש געשענקטע.

פון גאָרטן דאַרף מען אויסקלייבן אַלץ, וואָס ס'איז געבליבן.

פון טיטשקעס האָבן מיר געמאַכט אין מיטן גאָרטן אַ קורין מיט אַן אָפענעם דורכגאַנג. אַהינצו האָבן מיר נאָך פריִער צונויפגעטראָגן אַ ביסל האַרבוזעס (ביי לייטן רופט מען זיי קירבעסן). די אויערלעך האַלטן זיך ביי זיי שטאַרק, ווו ניט ווו ברעכט זיך אָפּ אַן אויערל לעם דער סאַמע האַרבוזע, ס'בלייבט פון דעם אַ קיילעכדיק גלאַטלעך אָרט, ווי אַ קור־פּערנער צענער די גרויס. אַזאַ האַרבוזע איז שוין שווער צו האַלטן. מען דאַרף זיך צו איר אָנבויגן און זי אָננעמען מיט ביידע הענט. אויב ס'זענען נישטאָ אַ סך אַזעלכע האַרבוזעס, איז בעסער, אַז מען צעקלאַפּט זיי, מען נעמט אַרויס די יאָדערן און די האַלבע האַרבוזעס קענען נאָך אויך ליגן אַ פּאָר וואָכן פון דער בהמהס וועגן. אַ מאָל נעמט די מאַמע פרייטיק פאַר נאַכט, פאַררוקט אינעם טשאָלנדיקן אויוון אַריין אַן אויס־געהוילטע האַלבע האַרבוזע און שבת אין דער פרי נעמט זי זי אַרויס — איז שוין די האַלבע האַרבוזע קלענער, ווי זי איז געווען, די שאָלעכץ איז דאָך פריִער אויך געווען האַרט, נאָר איצט איז זי געוואָרן דין און ביינערדיק און ברעכט זיך אַזוי ווי ביין. אַז מען ברעכט אָפּ אַ שטיקל, דאַרף מען זיין געהיט, מען זאָל זיך נישט איינשניידן קיין פינגער. דאָס פליייש איז געוואָרן היפּש איינגעפאַלן, נאָר אַז די מאַמע נעמט עס אָן מיט אַ לעפל און גיט יעדן פאַרזוכן, איז עס זיס, ווי איינגעמאַכטס. מיר פאַרזוכן צו איינע מאָל, און מער עסן מיר אים נישט. איבער איין זאַך: האַרבוזע עסט דאָך די בהמה, קומט אויס, אַז מיר נוצן אַ בהמהשן עסן. די יאָדערן טריקענען מיר אי אויף סוכות, אי אויף אין דער וואָכן.

ווען ס׳וועט זיך נאָר ווען. די איבעריקע האַרבוזעס מיט די שטאַרקע אויערלעך לייגן מיר אויס אויפן דעכל פון שטאַל און פון שטוב. פון אויבן, ווו די סטריכע הייבט זיך אָן, מעסטן מיר צו אַ סטאַרטש־ליגנדיקע ברעט, וואָס אויף איר שפּאַרט זיך אָן די ערשטע שורה אויסגעלייגטע האַרבוזעס. דער טאַטע שטייט אויפן לייטער לעם דעם דאַך און מיר טראָגן אים צו די האַרבוזעס פון גאָרטן און דערלאַנגען אים. ער לייגט אויס די האַרבוזעס איינע צו איינע. די צווייטע שורה שפּאַרט זיך אָן אין דער ערשטער, די דריטע אין דער צווייטער. יעדער העכערע שורה איז קירצער פון דער אונטערשטער אויף איין האַרבוז. אָט איז שוין דער טאַטע אויפן דאַך, איך — אויפן לייטער, דינהלע דערלאַנגט מיר און איך גיב איבער די האַרבוזע דעם טאַטן. די גרעסטע טייל האַרבוזעס זענען שוין צייטיק און מיט אַ האַרטער קאָרע. דער נאָגל פונעם גראָבן פינגער קאָן זיך אין זיי נישט איינקאַרבן. אַ טייל קלענערע זענען נאָך נישט אין גאַנצן צייטיק, וועלן זיי שוין דערספּייען אויפן דאַך ליגנדיק אַנטקעגן דער ליכט פון טאָג. די האַרבוזעס האָבן נישט איבעריק מורא פאַר קיין קעלט, אַפילו ווען ס׳זענען דאָ קלייגע פרעסטלעך.

פּטור געוואָרן פון די האַרבוזעס, רייסן מיר אַרויס פון דער ערד די מייערן, די בורעקעס מיט די רעטעכער. פריער ליגן זיי אַ ביסל אויף דער בייט, דערנאָך טראָגן מיר זיי אָפּ אין קעלערל און לייגן זיי צונויף אין אַ ווינקל. די קעלערלעך ביידע דאַרפן מיר, דער עיקר אויף קאַרטאָפל.

וועגן די קאַרטאָפל האָבן מיר שוין אויך דורכגעלאָזן אַלע טערמינען.

די מאַמע האָט געדונגען אַ וואָרפיער פויער־מיידל. זיי קומען אַלע גאַנץ פרי אין שטאָט אַריין זיך פאַרדינגען אויף אַרבעט. זי האָט געבראַכט מיט זיך אירס אַ „זאַסטופּ" און מיר גייען מיט איר אין פעלד אַריין גראָבן אונדזערע קאַרטאָפל. אויף די פעלדער איז ווי געוויינלעך אין דער צייט הוילע סטערנע. די שאָקן זענען שוין לאַנג אָראָפּגעפירט, ווו נישט ווו שטייט אַ לאַן קאַרטאָפל, די היטש איז שוין אַרומגערייניקט, מע דערקענט נאָר לויט די געבליבענע קליינע ווידעלעך פונעם היטש, אַז אונטן דאַרף דאָ זיין אַ קושטש קאַרטאָפל.

דאָס פויער־מיידל טוט אַ שטעל דעם זאַסטופּ און וואַרפט אַרויס

אַ גאַנצע משפּחה קאַרטאָפּל־ברודערלעך, שוועסטערלעך, גרויסע און קליינע, איבערגעשאָטן מיט ערד. מיר קלייבן אויס די קאַרטאָפּל אין אַן אייזערנעם עמער אַריין און מיר טראָגן זיי צונויף אין איין קופּע, אָדער מיר שיטן זיי גלייך אין די זעק אַריין. קיין סך זעק האָבן מיר נישט, די איבעריקע וועט מען שיטן גלייך אין וואָגן אַריין.

אָט איז דער טאַטע טאַקע גלייך געקומען צו פאָרן מיט אונדזער פערד און וועגל, אויסגעשפּאַנט דאָס פערד, דער וואָגן שטייט אויפן מיטן פעלד, וואָס לעם אונדזערן. דאָס פערד האָט דער טאַטע אויפגעפּענטעט און עס געלאָזן זיך פּאַשען, דעם וואָגן אינעווייניק אויסגעשפּרייט מיט רעדנעס און מיט היי, די קאַרטאָפּל זאָלן זיך נישט אויסשיטן און מיר טראָגן שוין אַהערצו די עמערס מיט קאַרטאָפּל און גלייך אין וואָגן אַריין. אַז דער וואָגן וועט זיין פול, וועט דער טאַטע קומען אים אָפּפירן אַהיים, אויסשיטן מעסטלעכווייז אין קעלער אַריין און וועט ווייטער קומען אַהער.

איצט זענען מיר אַליין באַלעבאַטים אויפן גרויסן שטיק פעלד און אַפילו אויף די פעלדער אַרום. די מאַמע זאָגט, אַז מען מעג צעלייגן אויפן בייט אַ פייער, דאַרף מען אָנטראָגן שטיקלעך טרוקענע צווייגן און בוריאַן, אָבער ווו וועלן מיר נעמען פייער?

— אַ שוועבעלע — זאָגט די מאַמע.

— דאַרף מען גיין אַזש אַהיים נאָך אַ שוועבעלע?

— ניין, — זאָגט די מאַמע — שוועבעלעך האָב איך דאָ ביי זיך.

אַ חידוש! פון וואַנען האָט די מאַמע געוווּסט, אַז מיר וועלן צע־לייגן אַ פייער?

נישט ווייט פון פעלד שטייט אַ ווילדער באַרנבוים, קען מען אָנ־טרייסלען אַ ביסל באַרן. די צווייגן זענען שטעכיקע און די יינגלעך שניצן אויס פון זיי אַזעלכע שטאַרקע און טייערע סוקעוואַטע שטעקלעך.

מיר צעלייגן אַ פייער. דער רויך גייט אין די אויגן אַריין, נאָר די מאַמע זאָגט, אַז מיר זאָלן שטיין מיט די פּלייצעס צום ווינט, וועט דער רויך נישט גיין אין די אויגן אַריין.

אַז ביי דער מאַמען האָט זיך שוין אָנגעקליבן אַ פולער עמער, הערן מיר ווי זי זאָגט:

— גיי.

לויף איך צו און קער איבער דעם עמער קאַרטאָפל אין וואָגן אַריין און לויף שוין ווייטער צום פייער.

די מאַמע לערנט אונדז, ווי אַזוי מיר זאָלן באַקן אינעם זשאַר פרישע קאַרטאָפּעלעך.

— און זאַלץ?...

זאַלץ האָט די מאַמע אויך מיטגענומען אין אַ פּאַפּירעלע...

אָוועקגעפירט דעם ערשטן וואָגן אַהיים. דער טאַטע פירט דאָס פערד פאָרן צוים. ס'איז אַראָפּ באַרג און איך זיץ אויפן וואָגן אויף די זעק מיט קאַרטאָפל.

אין דער היים העלפט חיים דער טויבער אַראָפּטראָגן די קאַרטאָפל אין קעלער אַריין. צוריק פאָרן מיר ווייטער מיט אַ ליידיקן וואָגן. דער טאַטע שטייט אויפן וואָגן מיט די לייצעס אין די הענט, איך זיץ אויף די ליידיקע זעק און האַלט זיך אָן פאַר אַ דראַבינע. און ס'איז דערוויייל גוט, דערווייל איז די שיניצע אונדזערע, דער שליאַך איז אונדזערער. איצט פיל איך זיך לעם טאַטע־מאַמע, לעם אונדזער טאָג־אַרבעטערין, לעם די קאַרטאָפל, לעם פערד־און־וואָגן, ווי אַ שטיק באַלעבאָס. איך בין דרייסט און פעסט ביי זיך און איך פאַרגעס גאָר, אַז נאָך היינט פאַר נאַכט וועט זיך עס אַלץ ענדיקן. און מאָרגן, ווען מע שיקט מיך אַליין, וואָלט איך נישט געוווסט דעם וועג אַהער. און איצטער בין איך אַ גאַנ־צער טוער: איך לויף איבער די לאַנען, איך באַק מיר קאַרטאָפל, איך טראָג אָפּ די עמער, איך מעסט אָפּ מיטן אויג, וויפל מיר האָבן שוין געמאַכט און וויפל איז אונדז געבליבן. ביז נאַכט וועלן מיר פאַרטיק ווערן. דאָס מיידל נעמט ביי אונדז פיר גילן אַ טאָג, מיר רופן זי ביים נאָמען, זי ענטפערט אונדז מיט לייטישקייט אויף יעדער פראַגע. גיי גלויב, אַז מאָרגן אין דער צייט וועלן מיר אַפילו נישט וויסן צי האָט זי אַ שטוב אין ווערפּיע און ווו, אין וועלכער זייט איז די שטוב אירע.

אונדזער מאַמע רעדט מיט איר שטיל די גאַנצע צייט, זי קער

שוין וויסן, ווי אַזוי לעבט אַזאַ מיידל אין דאָרף? פון וואָס איז איר גוט און וואָס אַזעלכעס גייט איר אָפּ? די מאַמע איז געווען צוויי מאָל אין דער היים פאַרן טאָג. דינהלע איז כמעט אַ גאַנצן טאָג אין שטוב. ברכהלע איז געווען מיט אונדז אויפן פעלד און איז שוין צוריק אין דער היים. נאָר איך, „די עלטערע קאָפּ" בין דעם גאַנצן טאָג אין פעלד, בין נאָר איין מאָל געפאָרן מיט דער פור אַהיים און צוריק.

מיין מוח איז שוין זאַט און איבערזאַט פונעם דרויסן. די גאַנצע צייט איז דער דרויסן געווען מיינער און איך האָב זיך געפרייט מיט אים. איצט בין איך גרייט אים אַוועקשענקען יעדן איינעם און זיך אָפּרוען. נאָר אַלץ אין דער וועלט האָט אַ סוף. מירן זיך נאָך אַ ביסעלע אָנקילן ביז ס'וועט ווערן נאַכט און דאַן וועט די אַרבעט זיין געענדיקט.

די מאַמע זאָגט, אַז ס'האָט היינטיקן יאָר געראָטן.

ווען מיר, הייסט עס, אָט די קאַרטאָפל פאַרגרייטן און נוצן אין אַ גוטן אופן ביזן קומענדיקן גערעטעניש.

אין חומש האָבן מיר אויך געלערנט: וישן מפני חדש תוציאו, דאָס הייסט, אויסקלייבן פון שייער דעם פריערדיקן ברויט, ווייל מע דאַרף שוין דעם שייער פאַרלייגן מיטן פרישן גערעטעניש. אַזוי איז געווען אין ארץ־ישראל, אַזוי דאָ איז ביים פּויער און אויך ביי אונדז, וואָס מיר זענען נישט קיין פּויערים, נאָר באַלמעלאָכעס, איז אויך אַ ביסל אַזוי.

אַז איך וועל אויסוואַקסן, וועלן מיר מיטן ווייב אויך האַלטן אַ בהמה. פרילינג וועלן מיר אָפּגעבן דאָס מיסט (הנאָי) אַדאַמען אָדער אַן אַנדער פּויער און מירן אויך זעצן קאַרטאָפל און מירן אויך זיין נישט ערגער פון לייטן.

די מאַמע פרעגט מיך, וואָס האָב איך זיך פאַרטראַכט?

אַז מע טוט מיך אַזוי אומגעריכט אַ פרעג, פאַרווילט זיך מיר וויינען, איך ווייס אַליין נישט פון וואָס.

איך פאַרזאַם זיך מיטן ענטפער, ווייל דאָס מויל עפנט זיך נישט אַזוי גרינג.

—דו ווילסט שוין אַהיים? — פרעגט די מאַמע.

דעם אמת געזאָגט, ווויל איך שוין אַהיים אויך. נאָר פאַרן טאָג איז

אַ דאַנק גאָט, ס׳האָט זיך אַ פּאָר מאָל געכמאַרעט און ס׳איז אָפּגעגאַנגען אַ האָר צו אַ רעגן, נאָר ס׳האָט זיך געענדיקט גוט... נאָך אַ שעה־אַנדער־האַלבן זענען מיר פאַרטיק מיט דער אַרבעט. אַ ביסל קאַרטאָפל, האָבן מיר אָפּגערעדט, וועלן מיר פאַרשיטן אין אַ גריבל. ווינטער וועט נישט צופרירן, אויב ס׳וועט נאָר נישט אונטערגיין מיט קיין וואַסער.

דאָס גריבל אין גאָרטן וועלן מיר אויסלייגן אַרום און אַרום מיט שטרוי, גלייכע שטריען פון אַ פרישן גאַרב, פאַרשיטן די קאַרטאָפל און אויבן אויך איינדעקן מיט שטרוי און צושיטן מיט ערד און ס׳וועט זיין גוט. ווען, אַז דער קעלער וועט שוין זיין פריי, וועלן מיר עפענען די גרוב און איבערטראָגן די קאַרטאָפל אין קעלער אַריין.

דאָס ווערפיער מיידל, וואָס אַרבעט מיט אונדז, איז שוין כמעט אין גאַנצן אַ היימישע. מיר האָבן צוזאַמען געגעסן, צוזאַמען גייען מיר צום איינגעגראָבענעם עמערל און טרינקען זיך אָן. מיר וואָלט זיך וועלן, זי זאָל שוין גאָרנישט אַוועקגיין פון אונדז, מיט אונדז אין איינעם זאָל זי זיין, ביי אונדז וועט זי שלאָפן, ביי אונדז וועט זי זיך אויסלערנען יידיש רעדן, ביי אונדז וועט זי חתונה האָבן...

ווי אַזוי רופט מען זי? איך וויל אַ פרעג טאָן ביי דער מאַמע, נאָר איך האָב זיך באַצייטנס געכאַפּט, אַז איר נאָמען ווייס איך נאָך פון גאַנץ פרי.

מען רופט זי יעוווא.

זי אַרבעט אַ באָרוועסע. אַ גאַנצן טאָג טרעט זי מיט דער באָרוועסער פּיאַטע אויפן פלייטשקע פון דער לאָפּעטע און די פּיאַטע מידט זיך נישט איין? און דער רוקן קער שוין אויך אַ ביסל ווי טאָן. נאָר אַזוי איז זי אַ געזונט מיידל און וווינט אין אַ דאָרף, דאָס דאָרף איז אירס, די שטאָט איז מיינע.

אָט ווייס איך ביז איצט נישט וווהין גייען זיי אין קלויסטער — צו אונדז, צי קיין מאַזשאָרי?! אַנדערע דערפער האָבן זייער אייגענעם קלויסטער, אַנדערע — נישט.

צו פאַר נאַכט האָבן מיר זיך שוין אַלע גוט אָפּגעקילט, אַפילו אין

די קני, אין די פּלייצעס איז קאַלט. איך וויל שוין נישט קיין עסן, נישט קיין טרינקען, איך וואָלט געגאַנגען גלייך אין בעט אַריין.

נאָר דערווייל זענען מיר נאָך אין פעלד.

אויפגעקליבן די לעצטע קאַרטאָפּליעס ביז איינער, אויפגעלייגט די זעק פון וואָגן, פון אויבן צוגעפגענומען ווי אַ פּלעשל, ווי אַ קווערטל, ווי אַ שמאַטקע. אַ קוק געטאָן, צי דאָס פייער איז אויסגעלאָשן — און מיר פאָרן שוין אַלע אַהיים. יעווואַ האָט פון שיניצע אָפּגעקערעוועט צו באָקיעווּשטשענער־ און ווערפּיער־שליאַך. די מאַמע האָט איר באַצאָלט און באַדאַנקט, זי האָט צוריק אָפּגעדאַנקט און מיר זעען שוין נאָר איר פּליי־צע — אירע באָרוועסע פיס און דעם זאַסטופּ איבערן אַקסל.

יעווואַ איז מיר טייער, ווי אַן אייגענע. עפּעס דוכט זיך מיר, אַז זי גייט אַהיים נעמען אירע זאַכן און קומען צו אונדז אויף אין גאַנצן.

קיין וועטשערע האָב איך נישט געוואָלט עסן. איך גיי שלאָפן. די מאַמע האָט מיך נאָר געבעטן איך זאָל פאַרן שלאָפן אַרויסטרייסלען פון זיך אַ ביסל דעם שטויב און אָפּוואַשן די הענט, די פיס, דעם האַלדז, דאָס פּנים. מיר האָט זיך זייער נישט געוואָלט וואַשן די פיס אין דרויסן אויפן באַנק, אָבער אַז איך האָב זי געפאָלגט איז מיר דערנאָך דעם געווען גוט פון אַלע זאַכן.

דער רעגן איז געווען ווייכהאַרציק און צוגעלאָזן צו אונדז. ער האָט אָן שום דערקיקע — געוואַרט ביז מיר האָבן זיך איינגעפּאַרעט מיט אַלע אַרבעטן. דעם וואָגן מיט די קאַרטאָפל האָט דער טאַטע אָנגענומען פאַר די האָלאָבליעס און אים אַריינגעקאַטשעט אונטערן שאָפּע. ערשט דאָ האָט ער שוין אָנגעהויבן גיין און זיך פאַרקאַטשעט אויף אַ גאַנצי־קער נאַכט.

— נו, ס'דאַך שוין זיין צייט! — זאָגט די מאַמע.

איך האָב זיך אַ ביסעלע איינגעוואַרעמט אונטער דער קאָלדרע. ליבע און ווייכע מחשבות שוועבן נאָך אַרום מיינע האָר און מיינע אויערן, אָבער איציק טוליעט זיי צו שטאַרק צו זיך און ווערט אַנטשלאָפן מיט אַ געשמאַקן שלאָף.

* * *

אויף סוכות — עפּל מיט באַרן קויפן. אויף סוכות — געבייטלטע מעל, בוימל, צימרינג. אויף סוכות — פלייש. די מאַמע קויפט אַלץ איין, איך העלף איר פאַרטראָגן.

אונדזער סוכהלע קען זיך רעכענען, ווי אַ געבויטע, אָבער אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר נוצט זי אונדז פאַר אַ שפּייכלער. איצט דאַרף מען אַלץ אַרויסנעמען, פונאַנדערשטעלן וואָס אין הויז, וואָס אין שטאַל. אייניקע קלייניקייטן אַפילו אין האַרבאַרניע און טרוקענעם ווערקשטאַט. אַז איך וועל דאָ אַלץ צוקלייבן, וועלן מיר עפענען דעם פליגל פון די דראַניצעס, וואָס האַלט זיך פון ביידע זייטן אויף צוויי אייגעפּאַסטע אייזערנע שוואָרעניעס. מיר ציען אַראָפּ די שטריק, הויבט זיך אויף דער פליגל, טאָמער גייט אַ רעגן, בינדן מיר אָפּ די שטריק, לאָזט זיך דער פליגל אַראָפּ.

איך זע, ווי לעם דער גאַנצער שטאָט הייזער שטעלט מען אויף סוכות. פון ס׳ביי ברעטל צו בר׳עטל, צוגעבונדן מיט שפּאַגאַט, צונויפגע־פעסטיקט צו אַ סטויפּעטשיק, וואָס איז פאַרקלאַפּט אין דער ערד. פאַר אַ סטעליע לייגט מען סכך פון קייאַשניק, אָדער מיט צווייגן, וואָס מען האָט אָנגעשניטן אין דער שיניצע.

וואָס זאָל איך טאָן מיט זיך, אַז אַלע מאָל, ווען איך גיי אויפן שיניצע נאָך ריטער, מיין איך, אַז יעדערער מעג מיך דורכטרייבן פון דאַנעט, יעדעס פויעריש ייִנגעלע מעג מיר זאָגן — גיי, ס׳בישט דיינס!

...וווהין זאָל איך גיין?

ווייסט ער דווקא וווהין: — קיין ירושלים.

דאָס הייסט — קיין ארץ־ישראל.

דער ארץ־ישראל, וואָס געפינט זיך אין חומש, אין רש״י און אין פסוק, מיט אים גראַדע בין איך אויסגעקאָכט. אָבער צי איז טאַקע פאַראַן אויף דער ערד ערגעץ אַן ארץ ישראל?

אין סידור און אין מחזור ביים דאַוונען האָב איך גאַנצע בערג מיט בת־ציון און מיט ירושלים. אָבער אין דער היים און אויף דער שיניצע?

איציק טייערינקער, זאָג מיר, ווו איז דיין ארץ־ישראל — דיין אייגן לאַנד? ביים דאָקטער הערצל? איך האָב געזען אַ בילד פון דאָקטער הערצל. ער שטייט מיט זיין בלויער שיינער באָרד, די הענט צונויפֿגעלייגט אויפֿן האַרצן און זאָגט:

„אם אשכחך ירושלים”...

ס׳זענען דאָ ציוניסטן און עלטערע יידן, וואָס לערנען אין צפת, אָבער ווו איז ארץ־ישראל אַליין? און פאַר וואָס פאָרן נישט אַלע איבעריקע יידן פון סלאָוועשנע און פון אָווורוטש קיין ארץ־ישראל?

— אָט דאָס איז דאָך דער גאַנצער קונץ, — האָט מיר איין מאָל יידל געענטפערט — ווען מיר זיצן אַלע אין ארץ־ישראל, וואָלטן מיר דאָך נישט געזעסן אין גלות?!

הייסט עס, אַז אין גלות, ווי ביטער און פינצטער ס׳זאָל נישט זיין. מוזן מיר זיך האַלטן? ווע‏לן אַדאַמס און פּאַדאָלסקעס אייניקלעך האָבן אַן אייגענע שיניצע און אייגענע שקאָלעס מיט אַן אייגענעם קייסער — אַפילו, און איך וועל קיין מאָל גאָרנישט נישט האָבן?

ומפני חטאינו גלינו מארצינו...

ביי מוסף אין קלויז, אַז דער חזן זאָגט עס, דערפיל איך עס מיט אַלע איברים. און דאָ אויפֿן שיניצע, פיל איך נאָר אַ ווייטיק. איך קען אַפילו נישט זיין אין כעס אויף די פויערישע קינדער, ווייל ביי זיי איז דאָך עס טאַקע אַזוי, ווי ס׳באַדאַרף צו זיין, זיי זיצן ביי זיך אין לאַנד, דערום האָבן זיי אייגענע פעלדער, אַן אייגענעם גלח, אייגענע וואָיסק מיט סאָלדאַטן און אייגענע שטעט.

אַלע קינדער דאַרפן האָבן טאַטעס, און אַלע טאַטעס — הויפן מיט שייערן. נאָר מיר זענען צעשפרייט איבער דער גאַנצער וועלט, מיר לערנען אין פרעמדע שקאָלעס. אויב מען האַלט אונדז אין איין אָרט, טרייבט מען אונדז פונעם צווייטן. אונדזער בלוט איז וואָלוול און גיסט זיך, ווי וואַסער.

פאַראַן ערטער, ווו מען האַלט אונדז אין שאַנד און אין שפּאָט און אונדזערע שכנים קוקן אויף אונדז ווער מיט רחמנות און ווער — מיט

עקל. מען קלאַפּט העק און די קעפּ, מען שניידט אויף לעבעדיקע בייכער און מע שטאָפּט זיי אָן מיט פעדערן פון צעריסענע פּערינעס...

ס'ווערט מיר ביטער אין די אויגן פון אַזעלכע געדאַנקען. איך טרייסט זיך מיטן געדאַנק, אַז אונדזער שכן יאַקים זאָגט צום טאַטן:

— פּאַניע סוסידע, ווי מעני דאָראָזשטשע זאַ בראַטאַ!...

גיטל מיכציעס, שיפרה יאַנקלס, חנה דער רביצינס — זיי זענען מיט מיר כמעט אין אייגע יאָרן, איך וועל פּאָר זיי אויסגיסן מיין האַרץ...

מיר האָבן אָפּגערעדט מיטן טאַטן, אַז מירן איבערלייגן דעם סכך און מירן אים פאַרבייטן אויף נייעם, קייאַשניק (די שטעקנס פון די קייאַכעס) איז גוט. און צווייגן פון בוימער איז אויך גוט. איך וועל גיין אויפן שיניצע און וועל נעמען מיט זיך אַ שטריק מיט אַ האַק און וועל פון דעסט וועגן ברענגען אַ בינטל צווייגן.

* * *

ערב סוכות לויפן אויך פאַרלעך איבערן שטאָט, כאָטש אַ סך זענען פאַרנומען מיטן ענדיקן די סוכה. מיר איז זייער מאָדנע, וואָס די וועלט איז דערוויל אַזוי אַוועקגעשטעלט, אַזוי ווי ס'מוז זיין זומער און ווינ־טער, הימל און ערד, וואַסער און פייער — אַזוי מוזן זיין גבירים און קבצנים.

ס'זענען דאָ אָרעמע־לייט, וואָס גייען אַרום אַליין איבער די הייזער, זיי איז גרינגער. פאַראַן אָבער אָרעמע־לייט, וואָס דאַרפן אַרויסקוקן ביז מען וועט זיך אויף זיי אַרומקוקן.

ביי אונדז איז דאָ לייבע־חותס מיט דער שענסטער און רייכסטער קלייט. לייבע דער שוסטער — אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס, לייבע דער וואָ־לאָך, וואָס פאָרט אַ גאַנצע וואָך איבער די דערפער און שלאָגט זיך אויס די הוצאה ווי עס איז. דאָס איבעריקע דערזאָגט ער מיט תהילים. לייבע דער חריף — מיין ערשטער מלמד — אַ קבצן הגדול, הגיבור והנורא. פרעגט זיך, צי דען איז עס פון אייביק און ביז אייביק?! אמת, די קלויז איז נישט פון גאָלע מזרח־וואַנט און די תורה איז נישט פון גאָלע

ששי, אָבער ווען ס'איז די מניעה נאָר פון דעם וואָלט מען קענען גע־פינען אַן עצה.

צוגעקליבן די סוכה, אַרומגעקערט די ווענט, אויסגעוואַשן די פּאָל. איצט אַ ביסל צו־פּאַרריכטן דעם טישל מיט דער באַנק און מען דאַרף נאָך אַרומהענגען די ווענט מיט שיינע זאַכן. צום ברעג פון דער קאַפּע מיט די קווייטנדיקע רעדער האָבן מיר צוגענייט עטלעכע אויערלעך און אויפגעהאָנגען אַ זומערדיקע קאָלדרע, אויך מיט אַזעלכע רעדער אויס־געוועבט און דערמיט איז טאַקע געוואָרן שיין. איצט האָבן מיר פֿאַר־שפּרייט דאָס טישעלע מיט אַ טישטעך. אַוועקגעשטעלט די לייכטער און מיר האָבן שוין פאַר זיך די סוכה אַן אויסגעצירטע און אויסגעפּוצטע מיט פרישן שמעקעדיקן סכך און מיט אַלעם גוטן.

איצטער פאַרשטיי איך, וואָס מען זאָגט „זמן שמחתנו" ס'זאָלן נאָר נישט זיין קיין רעגנס, און ס'זאָל נישט אַריינרינען אין שיסל, איז עס טאַקע אַן אמתע פרייד!

* * *

ליכט האָט די מאַמע געבענטשט אין סוכה. די ערשטע יום־טובדיקע סעודה האָבן מיר אַלע געגעסן דאָ. אָבער די איבעריקע טעג סוכות זענען מיר געווען אין סוכה נאָר איך מיטן טאַטן, מיר האָבן געגעסן און געזאָגט די אושפּיזן.

אַלע גאַנץ פרי פלעגט הערשל יוסף־חיימס קומען צו לויפן מיטן אתרוג און מיטן לולב. אין אַ שיינער זילבערנער פּושקע מיט וואַטע אינעווייניק ליגט דער אתרוג, ווי אַ גרויסער מיוחס.

מיר בענטשן אָפּ אתרוג, כאַפּט הערשל די זילבערנע פּושקע און דעם לולב און לויפט אין די ווייטערדיקע סוכות פון שטאָט.

אבי מען האָט איבערגעבענטשט אתרוג, מעג מען שוין טרינקען אין סוכה טיי מיט מילך און צובייסן מיט אַ פרישן קיכל, און טאַקע עפּעס זאָגן אַ יידיש וואָרט אויך.

אין שול ביי הלל מאַכט דער חזן מיטן לולב שיינע נענועים. ער

האַלט אין איין האַנט דעם אתרוג, אין דער צווייטער דעם לולב. הודו ל׳ה און ער טוט אַ טרייסל דעם לולב. שורשען זיינע לאַנגע שפּיציקע בלע־טער, אַזוי ווי זיי וואָלטן עפּעס צוגעבאַמקעט כי־אי־אי־אי און ווייטער געפּאַכעט מיטן לולב, אַזוי ביזן סוף און דער לולב שטרעקט זיך אויס צו דער סטעליע, צו דעם דיל, צו מזרח, צו מערב, צו דרום און צו צפון. און אַלע דאַוונער פון קליין ביז גרויס קוקן נאָך דעם שפּיץ לולב און הערן זיך צו, ווי צו אַ לעבעדיקן, ווי אַזוי ער שורשעט. ס׳איז עפּעס סודותדיק און געשמאַק, און אָט ענדיקט ער ס׳לעצטע וואָרט: חס־דו — און דאָ קענען מיר שוין אַלע זאָגן דעם פּסוק אין דער הויך.

* * *

קידוש מאַכן מיר אין סוכה, וואַרמעס אויך אין סוכה. דערנאָך — קנאַקן מיר ווייסע יאָדערן פון האַרבוזעס שוין אין שטוב, ווו דער טיש און די בענקלעך זענען אויס מאָדנע, נישט געוווינטע באַלד נאָך דער סוכה.

אין יאָדערן שפּילן מיר נאָך וואַרמעס מיטן טאַטן, מיר שפּילן און מיר לאַכן אַ סך — ס׳איז אונדז זייער פריילעך, ווייל אַ מאָל געווינט דער טאַטע, אַ מאָל געווינען מיר.

אַז מיר שפּילן אין דרייען, שטעלן מיר אויס אויפן טיש דריי מענ־טשעלעך פון יאָדערן, יעדעס מענטשעלע באַשטייט פון דריי טיילן: דריי יאָדערן — דער קאָפּ, צוויי יאָדערן — דער בויך, איין יאָדער — די פיס. יעדער שפּילער שטעלט פון זיין חלק יאָדערן אַ „מענטשעלע״. לעם יעדערן פון די שפּילערס ליגט זיך זיין בערגעלע יאָדערן. איצט נעמט דער טאַטע, אָדער איך צוויי יאָדערן און מיר שיילן ביי זיי אָפּ לעם פּיסקעלע נאָר איין זייט, זעט אויס דאָס ווינקעלע געל אַנטקעגן דער ווייסקייט פונעם גאַנצן יאָדער. נעמט, לאָמיר זאָגן, דער טאַטעביידע יאָדערן אויף איין האַנט, דעקט צו מיט דער צווייטער, ווערט פון ביידע הענט אַזוי ווי אַ פּושקע מיט אַ דעקל און ער טרייסלט, טרייסלט ביידע יאָדערן אין די הענט און טוט זיי אַ שיט אויס אויפן טישטעך. לייגן מיר

זיך אַלע אָן אויפֿן טיש און קוקן, וואָס האָט ער געוווּנען? ווייזט עס „קאָפּ“. נעמט ער צו פֿון אַלע דריי „מענטשעלעך“ די דרייען יאָדערן — געווינען גאַנצע ביין יאָדערן. פֿאַלן די יאָדערן איינער מיטן ווינקעלע אַרויף און איינער מיטן ווינקעלע אַראָפּ — ווייזט עס „בויך“, נעמט דער געווינער אַראָפּ דעם מיטל־טייל פֿון יעדער „מענטשעלע“, אַרום און אַרום — זעקס יאָדערן. פֿאַלן אויפֿן טיש ביידע יאָדערן מיטן גאַנצן ווייסן אַרויף, ווייזט ער „פֿיס“, נעמט צו דער געווינער די אונטער־טייל פֿונעם „מענטשעלע“, — אַרום און אַרום — דריי יאָדערן.

אַז ס'פֿאַלט ביי איינעם „קאָפּ“ — טוען מיר אַלע אַ מאַך: אָ־אָ־אָ דאָס איז דער גרעסטער געווינס. אַז די יאָדערן טוען אַ פֿאַל מיט דער גאַנצער שאָלעכץ אַרויף, טוען מיר אַ זאָג — ע־ע־ע!

דאָס איז שוין אַ קליינע מציאה. אָבער דאָס איז נאָך נישט אַלץ. אַט פֿאַלט ביי מיר „קאָ־אָפּ“ און דער קאָפּ איז שוין נישטאָ אויפֿן טיש, נאָר וואָס האָט אים איינער פֿון אונדז געוווּנען. מוז איך אַראָפּנעמען פֿון מיין קופּקעלע ביין יאָדערן און אַוועקשטעלן דריי „קעפּ“. איך האָב נאָר וואָס געשטעלט און באַלד נאָך מיר איז געוועז דינהלעס גאַנג און זי האָט זיי געוווּנען, ווערט אַ געשריי מיט אַ געלעכטער — ווער ס'לאַכט פֿונעם געווינס, און ווער ס'זשאַלקעוועט, וואָס ער האָלט אין איין אָנווערן. אַז ס'שפּילן זיך אויס אַלע דריי „מענטשעלעך“ שטעלן מיר פֿרישע דריי, און דער, וועמענס גאַנג עס איז, וואַרפֿט אַ פּריילעכער, ווייל איצט מוז מען עפּעס געווינען! אמת, אויך דאָ ווילט זיך כאַפּן דעם גרעסטן געווינס.

אַ מאָל טרעפֿט, אַז די מאַמע וויל נאָך נישט וואַשן דאָס געפֿעס און זי גייט אויך אַריין אין קאָן, נאָר מיט דער מאַמען איז נאָך אַ גרעסערער געלעכטער — טאָמער ווערט זי אָן זאָגט זי „ביין“. זי דאַרף איבער־שפּילן. שרייען מיר אַלע, אַז ס'איז פֿאַרפֿאַלן, זאָגט זי, אַז „נאָר איין מאָל“ לאָזן מיר זי נאָר איין מאָל, ווערט זי ווייטער אָן, שרייען מיר אַלע — אַז קאָן ווייזט אמת!

אַזוי לאַכן מיר זיך אָן און שפּילן זיך אָן, ביז דער טאַטע און די מאַמע גייען אָפּרוען און מיר גייען זיך שפּילן.

צו דינהן קומען חברטעס, שפּילן זיי זיך אין דער היים, נאָר שטיל, מע זאָל נישט וועקן די עלטערן, און איך גיי אַוועק צו אַ חבר, אָדער אַ חבר קומט צו מיר. אַ מאָל וויל איך זיצן אין סוכּה און לייענען.

אַ מאָל ווילן מיר זיצן מיטן חבר אין סוכּה און רעדן, און קנאַקן יאַדערן. די סוכּה איז גוט מיט דעם, וואָס זי איז אַ גאַנצן טאָג פֿריי, און מיר קענען דאָרטן טאָן, וואָס מיר ווילן, אַפֿילו שפּילן אין פּענעס. אָבער דאָס איז גוט אויף אַ האַלבער שעה און מער ווילן מיר נישט זיצן אין דער טונקל. מיר ווילן בעסער ערגעץ גיין. אַפֿילו זיצן אַ ביסל ביי אונדז אין גאָרטן אינעם קורין פֿון שטעקנס. מיר קלייבן אָן קייאַשניק — און שפּרייטן אָן לעם קורין, איז אויף אים גוט צו זיצן און גוט צו ליגן.

אַז נישט גיי איך צו מאירן, מאָטל־שלמה שרהלעס בעטן ביי אים זשורנאַלן. ער גיט מיר מיטן תּנאַי, איך זאָל זיי ברענגען אין דער צייט, און איך זאָל זיי האַלטן ריין און גאַנץ. נאָר דאָס פֿאַרשפּאָרט ער מיר זאָגן — איך היט זיי אָפּ, אַז קיין שפּרינקעלע זאָל אויף זיי נישט פֿאַלן. ווייטער גייען מיר צו סטיסיען יודע־בערס דעם באַלעגאָלעס טרינקען זעל־צער־וואַסער און פֿאַרבייסן מיט אַ מאַנדל.

אָט־אָ קלאַפּט אין פֿענצטער און רופֿט מיך שרהל דעם חריפֿס. איך גיי אַריין. ביי איר אין שטוב איז אויך יום־טובֿ. אַ ביסל אָרעמלעך, נאָר שטיל, שיין, ריין, און זי גיט מיר אָפּ אַזש צוויי קאָרטלעך מיט אַ מאָל — איינס פֿון דער באָבע און איינס פֿון דעם פֿעטער בן ציון מיט דער מומע העניען פֿון מאַזיר. ווען איך קען פֿאַר איין רגע מגולגל ווערן דאָרט, און כאַפּן אַ קוק, וואָס טוט זיך ביי זיי אין שטוב, זיי וואָלטן אונדז געשטעלט צום טיש אָנגעשניטענעם קאָוון מיט ווייַנטרויבן און מיר וואָלטן געקוקט ביי די קינדער די ביכלעך, דערנאָך וואָלטן מיר געגאַנגען מיט דער מומע העניעס קינדער אין הייף אַריין און אין שטאָט אַריין קוקן צום טייך, זען, וואָס פֿאַר אַ טייך זיי האָבן.

זיבן מייל אַ שפּאַן פֿאַרשפּאָרט מען גאָר לויפֿן. יום־טובֿ קאָן מען זיך גיין פּאַמעלעך. און דערנאָך אויף צוריקוועגס זיבן מייל אַ שפּאַן און נאָך דעם זעלבן פֿאַר נאַכט דערציילן דער מאַמען ווו געוועזן און וואָס געזען?! מיט וואָס האָט אונדז די מומע העניע מכבד געווען, אויף וואָס

זי האָט זיך אויסגעפּרעגט. מיר זאָלן איר באַזונדערס אויסדערציילן פון אַלץ פּאָדראָבנע. אם ירצה השם אינעם קומענדיקן בריוו וועלן מיר דיר, טייערע שוועסטער, אַלצדינג אַרויסשרייבן...

פּאָר נאָכט זענען מיר סיי ווי מיד פונעם שפּאַצירן, גיט אונדז די מאַמע אַ ביסל יויך פון קאָמפּאָט און אַ שטיקל בולקע מיט אַ ווייכער באַר — איז ווייטער גוט. ועלן מיר אָפּעסן און דערנאָך וועלן מיר גיין מיטן טאַטן אין קלויז אַריין.

אין דער וואָכן איז דער טאַטע אַ שיינער. יום־טוב איז ער נאָך אַ שענערער. דער סורדוט ליגט אויף אים, ווי אויסגעגאָסן. די באָרד שמייכלט כסדר אַזוי יום־טובדיק איבער דעם געפּרעסטן קאָלנער מיטן שניפּסל. אַז ער גייט מיט מיר אין שול אַריין, איז אַזוי ווי ער וואָלט גיין ערגעץ פאַרברענגען אין אַ גוטער קאָמפּאַניע, אויב דער דרויסן איז נאָך שיין, איז ער באַהעפט מיטן ליכטיקן הימל, מיט דער מעגטשלעכער ערד. איך פיל אַלע מאָל, אַז ער וויל מיר עפּעס זאָגן. נאָר איך בין נאָך צו קליין מען זאָל מיט מיר רעדן פון אַזעלכע זאַכן. נאָר איין מאָל, ווען מיר זענען געגאַנגען דורכן קליינעם געסל שבת אין דער פרי אין קלויז אַריין און דער פרימאָרגן איז טאַקע באמת געווען אַ לויטערער, פול מיט צאַרטער ווייכקייט, וואָס פאַר דעם איז קיין אַנדער נאָמען ווי „חסד" נישטאָ. מיקיטעס שטיקל גאָרטן, וווּ ס'שטייט דער עפּלבוים און די פּאָר ווייַנשל־בוימער, איז גרין און אויסגעבעט, ווי אַ ווייכער פּליר־שענער קישן און פון דער ווייטנס זעט זיך אַרויס די גרינע פּלאָסקע, איך האַלט מיין הענטל אינעם טאַטנס האַנט און איר הער, ווי ער זאָגט שטיל, אפשר איז עס געווען נישט צו מיר.

— ווען איך בין אַ מליץ (אַ שיין־שרייבער) — האָט ער געזאָגט — וואָלט איך אויסגערופן מה יפה הככר הזה!

אפשר דערפאַר איז, ווען ער גייט פונעם דאַווענען, איז ער גרייט פאַרבעטן אַ גוטן ברודער אויף קידוש. שיכורן שיכורט מען נישט, פרעסן פרעסט מען נישט, נאָר דער איידעלער געשמאַקער צובייס ביים קידוש און דער שמועס מיט אַ יונגערמאַן, וואָס האָט אויך געלייענט סמאָלענס־קעס און מאַפּוס אַ בוך העלפט מיט דער נשמה יתירה זי זאָל זיך אויס־

ברייטערן, אַזוי פאַרברענגט מען אַ מאָל מיט יאַנקלען שולמאַן (פייגעס מאַן, משהס טאַטע). ביי אים זענען כסדר געפוצט די קאָמאָשן מיט אַ ווייכן גלאַנץ. דאָס פנים איז ביי אים אַ ווייכס, די אויגן שטילע און ער רעדט ווינציק — הערט מער, וואָס יענער רעדט. אויף אַ העברעיִש וואָרט ענטפערט ער מיט אַ פסוק.

אַ מאָל קומט צו פאָרן דער משולח פונעם חפץ־חיים — רב זעליק. אַ ווייך יידל מיט אַ ווייכער באָרד, וואָס פאַרקיילעכיקט זיך פון אונטן, מיט קלוגע אויגן. אַז ער קומט צו אונדז נאָך געלט פאַרן ספר, צערעדט זיך מיט אים דער טאַטע אַ ביסל. טאַקע וועגן דעם חפץ־חיים אַליין, וועגן זיין ישיבה, וועגן די גערעטענע בחורים, וואָס לערענען אין דער ישיבה. דאָ טראָגט זיך דער טאַטע איבער אין אַ שענערער וועלט, אַ ווייטערע פון דאַנעט. אים איז נישט וויכטיק די פרומקייט, אים איז וויכטיק אַ שיינער, איידעלער געדאַנק. און ביים חפץ־חיים זענען דאָ איידעלע געדאַנקען. דער ווילנער גאון איז נאָך שאַרפער, נאָך טיפער.

— איינער — דערציילט דער טאַטע — האָט געפרעגט ביים גאון: רבי, ווי אַזוי ווערט מען אַ ווילנער גאון? האָט אים דער גאון געענט־פערט:

— וויל נאָר, וועסטו ווערן אַ גאון.

דאָס הייסט, אַז מע דאַרף אַ סך האָרעווען, קוועטשן די באַנק און לערנען. דער טאַטע גלויבט אין דערינען. ער האָט עס אַרויסגעזען — דערציילט ער — אויף זיך אַליין. ער האָט אַ גוטן קאָפּ צום פאַרשטיין, צום אויפכאַפּן עפּעס. צוזאַמען מיט אים האָט געלערנט אין חדר נאָך אַ יינגל, אַ חבר זיינער, וואָס האָט נישט געהאַט אַזאַ גוטן קאָפּ, אַפילו גאַנץ טעמפּלעך געווען. נאָר ער האָט געהאַט אַ גוטן „היינטן". אים האָבן דאָרט נישט געשטאָכן קיין „באַדלען", איז דער סוף אַרויס אַזאַ: אַז דער חבר זיינער קען איצט לערנען בעסער פאַר דעם טאַטן, אַפילו אַ סך בעסער.

— אַזוי — זאָגט ער — איז אַ מאָל אַ גוטער „היינטן" (פלייס, ווילן, איינגעשפּאַרטקייט) בעסער פון אַ גוטן קאָפּ.

זאָגן, אַז דעם טאַטן טוט באַנג, וואָס ער איז נישט קיין גרויסער

לערנער, קען מען נישט. ער קאָן אָפּלערנען אַ פּרק משניות (ערב פּסח מאַכט ער אַפילו אַ סיום), ער לייענט „זכרונות לבית דוד״, פּרוש המילות ווייסט ער. אַ פּרשה חומש קען ער — קען עס אים סטייען אויפן גאַנצן לעבן. דערצו האָט ער ליב די אַרבעט און קען די אַרבעט. ער קען אויך האַלטן אַ האַק אין האַנט, אַ זעג, אַ הובעל, אַן עקבער, אַ דאָלאָטע און האָט ליב טעסען, בויען, פאַרריכטן... גלויב איך, אַז מיט דעם איז אַ סך בעסער צו לעבן אויף דער וועלט, ווי אייגעם, וואָס לערנען קען ער אַ סך און טאָן — גאָרנישט.

שפּעטער האָב איך פאַרשטאַנען, אַז אין שבת־ יום־טובדיקע טעג האָט זיך דער טאַטע שטאַרק געגייטיקט אין אַ חבר, מיט וועלכן מע זאָל קענען פאַנטאַזירן. ...אַ גאַנצע וואָך האָט די אַרבעט אין האַרבאַרניע, די שאַפּע מיט קאָרע, דאָס פערד, די סטאַמפּ, דאָס רעדן מיט אַ שוסטער, אָדער מיט אַ באַלמעלאָכע פאַרפילט ביי אים די גאַנצע צייט אָן שום רעשט, אַז ס׳איז נאָך אַ מאָל געוועז אַ ביכל, פלעגט ער פאַרבייטן דעם טאָג אַרבעט, צושטעלן צום בעט אַ שטולכן מיטן לעמפּל, איז עס געווען גאָר אַן אַנטיק. אָבער שבת און יום־טוב — צום בעסערן טיש און שענערן אָנטאָן — האָט ער געדאַרפט געבן אַ ביסל בעסערן שפּייז אויך דער נשמה יתירה, און אַזאַ מין שפּייז האָט ביי אונדז אויסגעפּעלט. בשעת מיר זענען געגאַנגען אין קלויז אַריין פון פרימאָרגן, האָט ער נאָך באַגעגנט דעם ליכטיקן דרויסן מיט דער פרישער וועלט פריידיק און האָט בעת־מעשה געהאַט דעם געפיל, אַז היינט ׳וועט ער נאָך עפּעס נאַשן. אָבער נאָכן מיטאָג, נאָכן דרעמל, איז ער געווען צעוויאַלעט און אין גאַנצן אומבאַפרידיקט. אַפילו אויפגערעגט און נישט צופרידן מיט אַלץ און מיט איטלעכן. די מאַמע האָט געוווסט אָדער נישט געוווסט דערפון, פלעגט זי אַרויסגיין אין דרויסן. זיצן אַ ביסל אויפן גאַנעק, אָדער אויף דער פּריזבע. קיין גענג האָט זי זיך נישט געזוכט אין ערגעץ. אַ מאָל, אַז אסתר דעם קירזשנערס האָט געפּאַשעט נאָענט לעם אונדז די גענדז, פלעגט די מאַמע זי בעטן, זי זאָל זיך צוזעצן אויף דער פּריזבע און זיי האָבן זיך שטיל געשמועסט פון אַלערליי קלייניקייטן. זי האָט געוווסט, אַז דער טאַטע זיצט דאָרט לעם אַן אָפענעם ספר, זי האָט פאַרן אַרויסגאַנג

אַוועקגעשטעלט לעם אים אַ קאָרזשיק, אַ גלאָז באַרן־יויך. נאָר זי ווייסט, אַז דאָס האַרץ איז ביי אים ווילד און צעשמיסן. ס׳קאָסט זי געזונט. נאָר זי האָט נישט אין דער רגע, מיט וואָס אים בייהילפיק צו זיין. ס׳זאָלן צו איר גיין חברטעס און ווייבלעך פון שטאָט, דאָס איז פאַר איר אַ טויט — ער וועט זיך אין זייער אָנוועזנהייט צעפלאַקערן און צערעדן אָן אַן אָפּשטעל, פון וואָס מע דאַרף און פון וואָס מע דאַרף נישט. ביין, אַזעלכעס מיידט זי אויס מיט אַלע כוחות. נאָר וואָס ? דערציִען, דערשלעפּן ווי עס איז, אַז דער שטיקל טאָג ביז מנחה און שלוש־סעודות זאָל דורכ־גיין טאַקע ביז נאָך הבדלה און דענסט מאָל ווערט צוריק פּונקט דאָס פּאַרקערטע פונעם דערציילטן. מען דערציילט, אַז שבת רוען אָפּ די רשעים אין גיהנום: ווי נאָר דער שבת גייט אויס, צינדט זיך אָן דאָס פייער צוריק... ביי אונדז אין שטוב איז פאַרקערט. שבת ביי טאָג נאָכן דרימל הייבט זיך אָן אַ שטילער גיהנום: אַ נאָגעניש, אַ קויעניש, אַ נישט צופרידנקייט, אַ נישט קענען זיך קיין אָרט געפינען. מאַכט מען אָפּ הבדלה, איז ווי מיט דער האַנט אָפּגענומען, ווי מען וואָלט מיט אַ בלאָז־זאַק אַריינגעבלאָזן אַ פרישן צופלוס זויערשטאָף און דער אויוון הייבט אָן פריילעך ברענען. דער טאַטע צעפירט מיט די קליינע פינגער פון ביידע הענט די בלויע פלעמעלעך פונעם ברענענדיקן בראַנפן, וואָס נאָך דער הבדלה, ער טוט מיט זיי אַ וויש די ווינקלען פון די אויגן. ער טוט אַ שטעק ביידע הענט אונטער די פּאָלעס פונעם סורדוט, אין די שבתדיקע הויזן־קעשענעס (אַ סגולה צו פּרנסה). דערנאָך טוט ער אויס דעם סורדוט, נעמט אַראָפּ פון דער וואַנט די פידל און שטעלט זיך שפּילן המבדיל און... דער גיהנום האָט זיך אויסגעלאָשן, אַזוי ווי ער וואָלט גאָר אויף דער וועלט נישט געווען.

ביים טאַטן אין די אויגן און אין האַרצן האָט זיך צוריק באַוויזן זיין מילדע גוטסקייט און צוגעלאָזנקייט. אין שטוב זענען שוין דאָ ישראל־דוד, נפתלי, זיסקל דער גלעזער, אַ מאָל קומט אַריין כוועדאָר אָדער אָסיפּ דער אַלטער אַליין.

אויפן טיש זידט דער סאַמאָוואַר, מען רעדט פון זאַכן, וואָס טויגן פאַר אין דער וואָכן, נאָר אָן איילעניש, מיט אַ רויִק האַרץ. און אַזוי

קאָן מען אַוועקזיצן ביז שפּעט אין אָוונט. אויב נישט גייען מיר מיטן טאַטן צו פּיניען לייבעס אין קלייט אַ ביסל זיצן, אָדער צו נאָטע דעם זאַליאַזניק. און מיר זיצן אויך אַוועק דעם גאַנצן אָוונט. צוריק גייען מיר אין דער פינצטער איבער דער שטילער ליסטווענער גאַס. אויסער אונדז איז שוין דאָ קיינעם נישט צו זען.

איצט, ווען מיר פרעגן זיך צוריק די אייגענע מעשה: צי קען מען נישט ביי טאָג אָנפירן אין שטוב אַריין ישראל־דודן, זיסקלען דעם געלן, כוועדערן מיט אָסיפן, מיט מיטרען? וואָס? מע קען נישט?... ווייזט אויס, אַז מען קען טאַקע נישט. די שעה איז צו דעם נישט פּאַסיק.

ווען ס׳זוכט זיך אָפּ אַ דאָקטער, אַ גוטער פריינד ער זאָל מיט עפּעס קענען פאַרהיילן די דאָזיקע שטיקלעך שבת ביי טאָגן, וואָס זענען געווען אָפּגעסמט פאַר דער גאַנצער שטוב?! ניין, דער דאָקטער האָט זיך נישט אָפּגעזוכט און ס׳נישט געווען אַפילו פאַר ווער צו דערציילן.

די מאַמע האָט זייער ליב געהאַט דעם טאַטן, צו איר ליבשאַפט איז גאָר קיין ברעג נישט געווען, אָבער זי האָט פאַרמאָגט אַ סך עקשנות און האָט אים אויף קיין איין קאַפּעלע נישט געוואָלט נאָכגעבן, דאָרט ווו ער איז נישט גערעכט.

מיר האָבן געזען, אַז זי האָט אַזוי אַוועקגעשטעלט, אַז נישט נאָר „זי איז אויך אַ מענטש", ניין — זי איז טאַקע אַ מענטש מיט געשטעלט־קייט, מיט ריינקייט, מיט פאַרשטאַנד צו דער שטוב, צום מאַן מיט די קינדער, צו אַן אָרעמאַן, צו אַ שכן, צו דער באַציִונג מיט שטאָטישע מענטשן, און אָנגעהויבן האָט זיך עס גאָר פונעם זייגערל, וואָס די באָבע האָט איר געשענקט צו דער חתונה. אויב ביי עמעצן אויף איר אָרט וואָלט אפשר געווען אַ געפיל פון יונגער פרייד פון אַ גאָלדענער צאַצקע, פון אַ שיין גייענדיק זייגערל צו דער חתונה, איז ביי דער מאַמען, פאַרקערט, געווען אַ געפיל פון איבל און דערווידערקייט, ווען זי האָט זיך אומ־גערן דערוווסט, אַז דאָס איז עמעצנס אַ פאַרמשכונט זייגערל, נישט קיין אויסגעקויפטס.

...פאַר קיין שענערער מתנה האָט ביי דער באָבע נישט געקלעקט קיין השגה?...

די מאַמע האָט פונעם זייגערל ווינציק געה'עדט, קיינעם גאָרנישט אויסגעוואָרפן, נאָר אַז די ראַדאָמישליער באָבע האָט איין מאָל געפרעגט, פאַר וואָס טוט די מאַמע נישט אָן שבת אין שול אַריין ס'זייגערל, האָט די מאַמע שטיל געענטפערט, אַז זי האָט עס עפּעס נישט ליב... זי איז נישט געוווינט מיט דעם...

— אָ, דו פּאָלישוטשקע, — האָט די באָבע מיט איר רייך־העזהדיקן קוויטש אויסגערופן — ס'שטייט נאָך דיר נישט אָן?...

נאָר דער דאָזיקער אויסרוף איז ביזקל היינטיקן טאָג געבליבן אָן אַן ענטפער.

אָט אַזוי האָט די מאַמע פון יונגווייז אָן אָפּגעהיט איר כבוד און איר ווירדע. מיט שטילער עקשנות האָט זי בייגעקומען גריבער און קאַנאַוועס, באַרג־אַרויפן און באַרג־אַראָפּן, וואָס זענען אין לעבן צעשטעלט. נדן, ירושה, שוויגער, דין־תורהס, קינדער אויפציִען, קרענק, שווערע און אומגעריכטע. זי פלעגט נאָר בעטן מיט טרערן, אַז קיין פרעמדער זאָל זיך נישט שווענקען אין איר „ביסעלע בלוט". ווייזט אויס, קיין טיפערן און אַכזריותדיקן שונא איז נישט מעגלעך זיך פאָרשטעלן פון דעם דאָזיקן אומגעזעענעם, אומבאַקאַנטן „פרעמדן" (אַ פרעמד ווייב און אַ פרעמדע מאַמע).

און זי האָט שטיל מיט עקשנות געפירט דעם טאַטנס כאַראַקטער, ער זאָל נישט זיין צו נאָכגיביק צו קיין ווילד פרעמדע, ער זאָל נישט זיין צו פיל פאַרשלאָסן אין האָרבאַרניע, ער זאָל זיין דרייסטער ביים קויפן און פאַרקויפן אַ שטיקל סחורה.

דער טאַטע צעעפנט פאַרן שוסטער אַ יוכטל און זאָגט אים:

— אמת, זי איז אַ ביסל אַן אוהרעוואַטע (מיט לעכער), נאָר...

דערנאָך, אַז דער שוסטער איז שוין נישטאָ דערביי, זאָגט אים די מאַמע:

— נחום, דיין סחורה דאַרפסטו לויבן, באַווייזן וואָס פאַראַ מעלות זי האָט. די חסרונות וועט דער קונה אַליין דערזען...

איך פלעג ליב האָבן זען, ווי אַזוי די מאַמע קומט אַריין מיט אַ שוס־טער אין האָרבאַרניע אַריין און פאַרקויפט אים אַ צענדליק נאָסע לאָבעס

(שטערנס פון די פעל) אָפּגעשניטענע, אויסגעדזיבעטע, אָנגעבייזשעט צו צען אויף אַ שטריקעלע. די מאַמע ווייסט אַן ערך די פּרייז פון די לאָבעס, צעבינדט זי ס׳שטריקעלע, לייגט זיי אויס איינס אויף איינס מיט דער שענערער זייט פון פאָרנט, ווערט מושווה מיטן קונה פאַר דער פּרייז, נעמט אָפּ ס׳געלט און גיט נישט אָפּ דעם טאַטן. זי ווייסט עס פאַרנוצן אויף וואָס עס איז אויסער דער געוויינלעכער הוצאה. דעם טאַטן געפעלט עס אויך און ער מישט זיך נישט אין דעם „טאַרג״. אַזוי פאַר קיין געלט אויף דער הוצאה, אָדער פאַר עפּעס אָנגעמען זיך, אָדער די קינדער — האָב איך קיין מאָל נישט געהערט זיי זאָלן זיך צעגיין צווישן זיך. ווייזט אויס, אַז די מאַמע האָט אַליין געוווסט, ווו צו שפּאָרן און אויף וואָס מען דאַרף — דאַרף מען. קיין געלעגער־געלט איז ביי אונדז קיין מאָל נישט געווען. ס׳האָט, ווייזט אויס, קוים־קוים געטראָגן אויף צו דורכלעבן זיך. אַ מאָל פלעגט נאָך אויסקומען צאָלן נוח־אשרן אַכצן פּראָצענט פאַר אַ הונדערטער אַ יאָר. דאָס פלעגט טאַקע אַראָפּעסן דעם קאָפּ.

מיר פלעגן זיך שעמען דערציילן, אַז מיר לייען ביי נוח־אשרן געלט אויף פּראָצענט, ווייל אלמנהס און אָרעמע כלה־מיידלעך פלעגן אָפּטראָגן זייערע אָפּגעשפּאָרטע בלוטיק־פאַרדינטע גראָשנס צו לייבען חוהס און צו שלמה פּוטליאַרס אויף זעקס פּראָצענט אַ יאָר, אויב אַכט איז שוין אַ סך און מע האָט אַפילו קיין וועקסל נישט גענומען. היינט, אַז מיר צאָלן אין אַ שווערער צייט זעכצן, אָדער אַכצן, איז עס אי אַ חרפּה, אי אַ ווייטיק. אָבער מיר זענען ווי עס איז אויסגעלייזט געוואָרן פון נוח־אשרן און מיר פלעגן זיך איבערדרייען מיט אַ גמילת־חסד — פון מאָל צו מאָל. אַ גוטע הונדערטס קערבלעך זענען ביי אונדז געווען צעבאָרגט צווישן די שוסטער, אָבער דאָס מוז מען, אַבי ס׳זאָל נאָר נישט פאַרפאַלן ווערן.

חול־המועד סוכות קומען אויך די שוסטער אין האַרבאַרגיע אַריין עפּעס איינקויפן. זיי האָבן צייט, זיי פאַרבערענגען לענגער, קלייבן לענ־גער, וואָס זיי דאַרפן. און דער טאַטע קען צוגיין צו יוסף־יצחקן קויפן אַ פּעקל פעל. אַ מאָל טרעפט, אַז ביי ניסלען דעם בוק הינטערן טייך לאָזן איבער די באַראָוויער פריינד זייערע, אַ ביסל רויע פעל. אַ מאָל גייט

די מאַמע אויך מיט אים. זי טוט אָן די שאַל, גיט אַ קוק צום אויוון ס׳זאָל דערווייל דאָ ברענען שטיל.

דער טאַטע איז נישט קיין גרויסער איינשטעלער, אויף זיך שטעלט ער נישט און לאָזט אַ מאָל דורך אַ גוטע קניה. גייט נישט אַוועק קיין שעה און אַ צווייטער האַרבאַר האָט עס שוין אַוועקגעקויפט. די מאַמע איז שטאַרק ברוגז פאַר אַזעלכע זאַכן. זי זאָגט, אַז דער טאַטע איז פאַר־נומען נאָר מיטן „פייפל". דאָס מיינט זי דאָס ציגאַרן־שפּיצל, וואָס ער האַלט צו אָפט אין מויל, אַפילו ווען דער ציגאַר איז שוין אויסגערויכערט, אָבער זי דינגט זיך מיט אים קיין מאָל נישט פאַר קיין רויכערן. פאַר־קערט, אַז מע דאַרף, ברענגט זי נאָך אַליין פון בתיהס קלייט אַ פּעקל טיטון באַיאַרסקעס ערשטן, אָדער צווייטן סאָרט, וועלכן ס׳קומט אויס. דער טאַטע נעמט אים צו ביי איר פון די הענט און גיט אים עטלעכע מאָל אַ קוועטש צווישן די פינגער — צי דער טיטון איז נישט צו פיל פייכט און נישט צו פיל טרוקן.

— שוין? — פרעגט די מאַמע, פּונקט ווי זי וואָלט געוואַרט אויף אַ הסכמה, צי זי האָט געקויפט וואָס מען דאַרף.

דער טאַטע טוט אַ שמייכל און ענטפערט:

—נו, נו — איינער מיינט — אויף אַ האַלבער וואָך וועט שוין זיין.

אַז מען קויפט אַ פּעקל פעל, פאָרט מען צו מיטן פערד און מע ברענגט עס. אַז ס׳פאַלט אַריין אין האַרבאַרניע אַריין אַ פרישע פּעקל סחורה, פילן אַלע, אַז ס׳איז עפּעס צוגעקומען. דער פּערעסיפּ, די זאָלעס, די ביטן דאַרפן נישט שטיין ליידיק, אַפילו קיין איין טאָג — ס׳דאַרף גיין איינס נאָך איינס. חול־המועד קומט צו גיין עליע אויסטרייבן די ביטן. אַ מאָל דאַרף מען צוטריקענען אַ ביסל סחורה, אָבער אַפילו איבער־לייגן די פעל פון די זאָלעס.. אַז מען מוז — מוז מען. קיין שווערע און באַשטענדיקע אַרבעט טוט מען נישט.

נאָר איצט, אַז עליע קומט טראָגט ער מיט זיך אַ שמייכל, וואָס מען קען נישט אָנכאַפּן אַקוראַט זיין מיין. ער אַליין ווייסט נאָך אַליין אויך נישט אַקוראַט. די מעשה איז דערפון אַזוי: דער פעטער זלמן וויל אים ביי אונדז אויסדינגען אויף ווינטער. מיר צאָלן אַליין פיר קערבלעך

אַ וואָך. ווי ביי גאָט אַ דאַנערשטיק מוז אים זיין זיינע פיר קערבלעך. אַפילו מיר זאָלן דאַרפן ערגעץ גיין לייען. טאָמער האָבן מיר נישט דאָס געלט דאָנערשטיק צום מיטאָג, זאָגט אים דער טאַטע שולדיקלעך, אַז פאַר נאַכט וועט זיין דאָס געלט... נו, איצט פילן מיר, אַז דער פעטער זלמן איז שוין ביי אים אַ פאָר מאָל געווען. מעגלעך, אַז ער איז אַפילו גרייט געבן פיר מיט אַ האַלב קערבל אַ וואָך, און עליע קנייטשט זיך, אים ווילט זיך נישט אַוועקגיין פון אונדז, — מיטן טאַטן איז אים גוט צו אַרבעטן... אָבער ס'איז דאָך דאָ א לאה אויף דער וועלט. לאה די שוואַרצע, עליעס ווייב. — ער האָט מיט איר דריי קינדער: עטי־פייגע, חיהקע און שמואליק, וואָס רעדט, ווי מיט אַן אויסגעקוואַטשעטער נאָז. דאָס נעזל איז טאַקע ביי אים אַ דינס. לאה די שוואַרצע קויפט אַ מאָל אין דאָרף אַ הון, אַ צענדליק אייער און פאַרדינט עפּעס דערביי. אָבער מערער איז איר אַרבעט קויפן אַן אָוטשינע, אַ ביסל וואָל אויסקעמען, צונויפדרייען און אויסאַרבעטן אַ פאָר הענטשקעס, אַ פאָר זאָקן און פאַרקויפן.

לאה טראָגט אויף אונדז אַ האַרץ, זי האַלט, אַז עליע נעמט ביי אונדז צו וואָלוול. אמת, טייערער צאָלט דערווייל קיינער נישט. אָבער איצט קריכט נאָך דער פעטער זלמן און איך הער, ווי דער טאַטע עצהט זיך מיט דער מאַמען וועגן דעם האַלבן קערבל. אַז מען וויל זאָגן קענען מיר אויסקומען אָן אַן אַרבעטער אויך! וואָלט אַראָפּ אַ יאָך פון קאָפּ. מען נעמט צום זאַפּאַר, אָדער צום האָרן אַ פאָדעניק און מען קומט אָפּ, אָבער צוריק גערעדט, איז עליע אַ גוטער אַרבעטער, אַן ערלעכער און נישט קיין געגאַרניק, נאָר וואָס, פאַלצן קען ער נישט. אַזוי טוט ער אַלץ, אַפילו שליכטן שליכט ער נישט שלעכט און קאַטשען אַ יוכט קאַטשעט ער וואָס בעסער דאַרף מען נישט. און ס'איז געבליבן, אַז מיר זענען מוסיף דאָס האַלבע קערבל. ווו גאָט וועט געבן אויף פיר וועט ער שוין מוזן געבן אויף פינפטהאַלבן.

לאה איז אין כעס אויף אונדז, נאָך פאַר אַ זאַך. איין מאָל וועסנע איז עס געווען האָט מען געוואַשן דעם ווינטערדיקן שערסט לעם די גריבלעך און דער טאַטע האָט פאַרלאָרן דעם טייסטער מיט 28 קערב־

לעך — דרייערלעך מיט פינפערלעך. עליע האָט געקענט דעם טאַטנס טייסטער — אַ לענגלעכער אַ ביסל, אַזוי ווי אַ זעקל און פאַרמאַכט זיך מיט אַ שלאָס פון צוויי פּופּטשיקלעך, וואָס פּאַ'טשעפּען זיך איינס פאַרן צווייטן. וואָס איז? ער קען נישט דעם טאַטנס זאַכן? — די פּושקע פון טוטין, דעם ציגאַרן־פּיסקל. דעם טייסטער האָט דער טאַטע פאַרלאָרן און עליע האָט אים אויפגעהויבן. טוט עליע אַ זאָג מיט נישט קיין דרייסטן שמייכל...

— ר' נחום, איר האָט גאָרנישט נישט פאַרלאָרן?

— וואָס האָב איך געקענט פאַרלירן? — טוט דער טאַטע אַזוי ווי אַ פרעג איבער. ער האָט אַקוראַט געפּאַלצט די סחורה, אָבער אַז מען זאָגט אַזוי, פילט ער זיך נישט, צעווישט די הענט אַזוי ווי צום פאַר־רויכערן, טוט אַ שטעק די האַנט אין קעשענע און ווערט בלייך. אָבער עליען זאָגט ער נאָך גאָרנישט.

— איך וועל נאָך אַ קוק טאָן אין שטוב — זאָגט דער טאַטע. און עליע שמייכלט — איינער מיינט — קוק יאָ — קוק נישט — איך ווייס שוין אויף געוויס.

דער טאַטע איז אַוועק אין שטוב, האָט אַ רוק געטאָן דאָס טיש־קעסטל הין און צוריק, די פּושקע מיטן טוטין איבערגעשטעלט פון איין אָרט אויפן צווייטן, אַ נעם געטאָן די הויזן, מיט וועלכע ער גייט אין שטאָט אַריין און ער גייט אַרויס צו עליען, אַזוי ווי נישט מיט אַלעמען:

— פון וואַנען ווייסטו, אַז איך האָב עפּעס פאַרלאָרן?

— אַ נפקא־מינה — ענטפערט עליע — צי איך ווייס, צי איך ווייס נישט. אָבער וואָס האָט איר פאַרלאָרן?

דער טאַטע ענטפערט שטאַמלדיק, וואָרום ס'איז אים אַ ביסל נישט שיין און דאָס האַרץ קלאַפּט:

— דעם טייסטער — זאָגט ער.

— אַזוי־זשע רעדט! מיט געלט, צי אַ ליידיקן?

— ניין, נישט קיין ליידיקן.

— וויפל האָט איר דאָרט?

— אַכט און צוואַנציק קערבלעך — דרייערלעך מיט פינפערלעך, און

עפּעס אַ קליינינקייט זילבער־געלט.

נעמט אַרויס עליע דעם טייסטער. ביי אים איז אַ טונקל רויטלעכע באָרד נישט קיין גרויסע, און אַז ער שמייכלט זיך, דוכט זיך, אַז אַ דין בערגעלע צונג באַווייזט זיך ביי אים לעם די ציין. ט׳ער אַרויסגענומען דעם טייסטער און גענומען מיט אים פּאַכען פאַר די אויגן דעם טאַטן. דער טאַטע איז שוין דערפרייט. ער וויל נעמען דעם טייסטער און עליע גיט אים נאָך נישט.

— וואַרט צו — זאָגט ער — מירן פריער אַ קוק טאָן, וואָס איז דאָרטן דאָ. — און זיי גייען צו צום האַרבאַרסקן טיש אין טרוקענעם ווערקשטאַט און אַ האַלב געקנייטשטע יוכט מיט דער לעדער אַרויף, האָט עליע אָן קיין שום דרך־ארץ אויסגעשאָטן אַלץ, וואָס אין טייסטער איז געווען מיט דער דריבנע אין איינעם, און מען האָט גענומען ציילן די דרייערלעך מיט די פינפערלעך. אמת, 28 קערבלעך מיט 5 קאָפּיקעס. דער טאַטע לייגט צונויף דאָס געלט און ווייסט נישט, ווי אַזוי גיט מען עליען אַ חלק פונעם געפונענעם?

וווּ האָט ער עס געפונען?

לעם די גריבלעך פונעם שערסט.

ווען ס׳גייט דורך אַ פרעמדער און הייבט עס אויף, וואָלט דאָך עס געווען פאַרפאַלן.

דער טאַטע קלייבט זיך אַרויסנעמען כאָטש אַ פינפערל, אָבער עליע פאַלט אים אַריין אין די מחשבות.

— איר זאָלט אַפילו נישט קלערן, ר׳ נחום, און נישט דאַכטן! פאַר קיינע געלט אין דער וועלט וועל איך אַזאַ מצווה נישט פאַרקויפן!...

— און זיי האָבן זיך צוגעזעצט פאַררויכערן.

ביים וואַרמעס האָבן די מאַנסבילן דערציילט פאַר זייערע ווייבער פונעם געשעענעם. ליבע האָט פאַרגעהאַלטן איר נחומען, ווי אַזוי האַלט מען עס געלט נישט געהיט, ווי אַזוי טראָגט מען זיך אַרום מיט דעם ביי דער אַרבעט... און לאה האָט געגעסן עליען, יוי זשאַווער עסט אייזן — פאַר וואָס האָט ער אָפּגעגעבן? פאַר וואָס האָט ער פריער נישט געבראַכט אַהיים? זי קען דען נישט די נחומס מיט די ליבקעס? יענע, אויב זיי

האָבן נישט פאַרלאָרן, וועלן זיי אויך צונעמען, אַבי טו פאַר זיי אַ פּיפּס, אַז האָסט עפּעס געפונען. און זי גלויבט נישט, וויפל ס'איז געווען, זי גלויבט נישט ווערמענס ס'איז געווען. ס'איז געוויס דורכגעגאַנגען עפּעס אַ פויער און האָט פאַרלאָרן. זי איז אַ בעלן געווען קומען צו לויפן צו אונדז. דער טאַטע זאָל איר ווייזן דעם טייסטער, אַ וועלכער ער איז?! וואָס איז, קיין אַנדערן האָט ער נישט? וואָס הייסט, ער האָט נישט? און עליע אירער, אַזוי ווי ער איז געווען פון אַלע יאָרן אַ בהמה, אַזאַ וועט ער שוין בלייבן אַ פערד אויף אַלע יאָרן. און די אויגן פונעם שוואַרצן מאָגערן פּנים שפּריצן ביי איר מיט בייזע פונקען.

די פרייד פון דער מצווה איז ביי עליען פאַרקאַלאָטעט געוואָרן נישט אויף איין טאָג, אָבער ער זאָל חרטה האָבן אויף דעם — גאָט באַהיט! מער נישט — נישט געדאַרפט וועגן דעם איבעריקס רעדן אין דער היים.

חול־המועד פלעגט מען אָפּרעדן מיטן אַרבעטער אויפן זמן. די מערסטע האַרבאַרניעס ביי אונדז אין שטעטל זענען, מ'שטיינס געזאָגט, געווען אַזוי רייך, אַז אָדער מע האָט געהאַלטן איין אַרבעטער, אָדער מע האָט קיין איינעם אויך נישט געהאַלטן. ס'זענען געווען פאַלן, ווען צוויי האַרבאַרניעס האָבן געדונגען איין מענטשן — דריי טעג אין דער וואָך האָט ער געאַרבעט ביי איינעם און דריי טעג — ביי דעם צווייטן. פאַר מער שיינקייט וועגן, פלעגט איין באַלעבאָס צאָלן איין וואָך און איינער די צווייטע וואָך.

ביי יאָנטלען דעם האַרבער זענען געווען אַ סך קינדער. די חתונה געהאַטע פונעם ערשטן ווייב, ט'מען שוין געמעגט אַפילו נישט רעכע־נען — חיה יאַנטלס, משהקע יאַנטלס און הערשקע יאַנטלס. משהקע האָט געוווינט אין אַ פרעמדער שטאָט. מען פלעגט אויף אים רעדן, אַז יינגלווייז פלעגט ער שפּרינגען אויף זייערע בהמות. ס'איז עפּעס אַ מיאוסע זאַך. און אפשר נישט אַזאַ מיאוסע? איך שטויס זיך קוים אָן, וועגן וואָס ס'רעדט זיך.

הירשקע האָט חתונה געהאַט פון לעסקאָוויטש — אַ וווּיל ווייבל געגומען. און ער פלעגט אַרבעטן אין פרעמדע האַרבאַרניעס. מערסטן טייל אין וועלעדניק, נישט אין דער היים.

מיטן צווייטן ווייב — מיט בתיהן, זענען ביי יאָנטלען אויך געווען היפש קינדער: לייבל, געליאַ, גיטל, שלמה־אָרל.

אייניקע מענטשן האָבן אין זייער לעבן צוויי צייטן: ווען זיי זענען געווען זייער אָרעם און דער נאָך דעם האָט זיי אָנגעהויבן גיין גוט, ווען ס'איז געווען פריִער גוט און דערנאָך איז ביי זיי אַוועק שלעכט. ביי יאָנטלען זענען געווען דריי צייטן: די ערשטע צייט איז ער געווען זייער אָרעם. וואָס דאַרף מען אַ סך: אויב ביי אים אויף דער חתונה איז נישט געווען פּאַר וואָס צו דינגען קיין קלעזמער און מע האָט געשפּילט אויף קאָטשאַלקעס?! איז טאַקע חיה ביי אים פונעם ערשטן ווייב אַ נישט דערבאַקענער פּלעצל, אַ גראָבע — אַ דינסט. דערנאָך איז ער שטאַרק אויסגעוואַקסן. כאָטש ער איז, נישט דאָ געדאַכט, בלינד אויף איין אויג, ט'ער שוין געהאַלטן מענטשן און געפאָרן מיט אַ גוטן פערד, געקויפט אַ טייערע בהמה. נאָכן ערשטן ווייבס טויט ט'ער זיך גענומען אַ ווייב פון טורעוו, אַ יונגע. זי האָט געקאָכט קאָמפּאָטן, זענען זיי געווען גערדיכט און מאַזקע, מיט די גרויסע שוואַרצע פלוימען און מיט די פּעטע ראָזשינקעס. קוגלען ט'זי אויך געמאַכט פּרעכטיקע, אַז זיי צעגייען זיך אין מויל. זי אַליין איז רייך אויסגעפּוצט. שבת איז זי געווען באַהאָנגען מיט אַ האַלדז־צירונג. די קינדער זענען ביי איר געגאַנגען אויך שיין אָנגעטאָן. נאָר ווער ווייסט, פון וואָס די צייט איז אים אַוועק ערגער און ערגער. איז זיך די שטוב טאַקע געבליבן אַ שטוב, נאָר מע האָט שוין אַריינגעלאָזן שכנים פון מאָל צו מאָל. די האַרבאַרניע האָט זיך צו ביסלעך אויסגעליידיקט. קיין פערד האַלט מען שוין נישט. איך בין איין מאָל געקומען צו זיי נאָך עפּעס. אין דרויסן איז געווען אַן אומדערבאַרעמדיקע היץ, אָבער יאָנטל האָט זיך ליב געהאַט חכמענען, זאָגט ער: „קום אַהער צו דער רובע, וועסט זיך אַ ביסל אָנוואַרעמען".

תחילת האָבן די יינגלעך געלערנט ביי גוטע מלמדים, די מיידלעך האָבן געהאַט שיינע חברטעס אין שטאָט, נאָר ס'איז אַוועק, נישט פּאַר לייטן געדאַכט, שלים־שלימזל, זענען די יינגלעך אַוועק אַרבעטן אין פרעמדע האַרבאַרניעס. לייבלען האָט נישט יעדערער געוואָלט צו זיך נעמען — ער איז געגאַנגען אין ברילן, פלעגן די האַרבאַרעס זאָגן: מיר

דאַרפֿן נישט קיין אַפּטייקער! אָבער ווי זאָגט די וועלט: „נאַ סוואַי רוקי באידוטסיאַט מוקי". ווי עס איז האָט ער זיך ביי עמעצן באַשטעלט.

געליאַ איז, דוכט זיך, אויך נישט אויף קיין גוטן וועג. אַ געזונטע, אַ שיינע, געפּאַקטע מויד. אפשר איז עס נישט אַזוי פֿיל, ווי מע האָט ליב צוטראַכטן, נאָר אַז אַך און ווײ איז שוין צו דעם, וואָס פֿאַלט אַריין אין פֿרעמדע מיילער. גיטל האָט געהאַלטן ביים אונטערוואַקסן. שלמה האָט אויך געאַרבעט אין דער פֿרעמד. מע האָט אים נישט ליב געהאַט. אַליין מיט גראָבע לעפּצן, נישט קיין באַחנטער און אַזוי ווי אויף צו להכעיס האָט ער ליב געהאַט אָפּלאַכן פֿון אַנדערע, אָפּלאַכן און זיך נאָכקרימען, אַז ס׳קערט צו דער גאַל.

אין שטעטל ווייסט איינער, וואָס ס׳קאָכט זיך ביים אַנדערן, מיט וואָס איז דער פֿאַרמעגלעכער אָנגענומענער פֿון דיר, מיט וואָס איז דער קלענערער הינטערשטעליקער פֿון דיר. האָסטו זיך וועגן שטאָט־מענטשן. היינט, ווען ס׳רעדט זיך וועגן האַרבאַרסקע קינדער, זעבען מיר דאָך אַזוי ווי אַנדערע ווייטע קרובים צווישן זיך. אָט האָסטו יאַנטלס קינדער, אָט האָסטו בן־ציונקעס דריי בנים און מאָטל דעם פּעטער זלמנס? נישט קיין זון, נאָר אַן אייניקל — ער איז דאָך שוין געווויס אַ פֿריינד, אַ ביי־סעלע עלטער פֿון מיר. און געלערנט האָבן מיר נישט אין איין חדר. נאָר שבת פֿלעגט ער אַ מאָל קומען צו מיר און מיך נעמען צו זיך, אָדער מיר זאָלן גיין שפּאַצירן. ער פֿלעגט פֿון מיר אָנקוועלן. אַ מאָל שבת נאָכן שלאָף פֿלעגט זיך דער טאַטע צו מיר טשעפּען, פֿאַר וואָס איך זיץ נישט ביים טיש און קוק נישט אַריין אין קיין ספֿר, דערביי פֿלעגט ער אויף מיר זאָגן: „פּערעפּערדאַלאַ". מאָטל האָט שוין געוווּסט פּונעם שיינעם וואָרט, מיט וועלכן דער טאַטע באַקרוינט מיך. פֿלעגט ער שטענדיק אַרויס־קוקן אויף דעם און גלייך אויסשיסן אַ געלעכטער. פֿון יענער זייט טיר, פֿלעגט ער מיט גרויס פֿלייס מיר עס איבערחזרן: „זשאַן פּערעפּערדאַלאַ". איך האָב נישט געפֿילט אין זיין געלעכטער ער זאָל זיך מיט מיר וועלן רייצן, אָדער דערגיין די יאָרן, נאָר ער האָט געסמאַקעוועט די דאָזיקע ווערטער בעסער, ווי אַ גלאָז גוטן קאָמפּאָט. פֿון קיין מיידלעך פֿלעגן

מיר מיט אים נישט רעדן. מיר פלעגן רעדן פון וואָס ס׳מאַכט זיך און ער פלעגט לאַכן מיט טעם פון יעדער קלייניקייט.

* * *

איינס מיטן אַנדערן.

אַז איך קלער וועגן דעם אָפּט, טאָ לאָמיר כאָטש איין מאָל וועגן דעם אַ רעד־געבן: בערל מיכאלס מאַכט כּסדר ביים רב די ליכט. ער האָט חתונה געהאַט קיין וועלעדניק און וווינט דאָרטן אויך. נאָר מאַכן די ליכט קומט ער אַהער און איז דאָ אָפּ אַ פּאָר טעג. משהקע דעם רבס איז מיט אים גוט, ווייל לערנען קענען זיי ביידע. פון קיין אָרעמאַן מיאוסט ער זיך נישט משהקע. האָבן זיי וועגן וואָס צו ריידן. אַ מייס־טער אויף פּרעגלען חלב און מאַכן ליכט איז טאַקע בערל אַ בעסע־רער, נאָר משהקע קען שוין אויך אַ ביסל די אַרבעט און אין אַן ענגער שעה טוט ער איבער די קאַפּאָטע, פאַרקאַטשעט די אַרבל און מאַכט אַליין ליכט — אי גרויסע, אי קליינע.

ס׳גלויבט זיך אַפילו נישט, אַז בערל, וואָס איז שוין אַליין נישט קיין יונגיטשקער, זאָל נאָך האָבן אויף זיין אייגנס אַ טאַטן, אָט דעם אַלטן אויסגעדינטן סאָלדאַט מיטן פּאַמעלעכן גאַנג, מיט דער געלער ברייטלעכער באָרד. נאָר פון דעם אמת קאָן מען נישט אַוועקגיין. אַזוי איז עס שוין. זיין טאַטע איז מיכאל דער סופר, וואָס האָט אַן אייגענע שטוב אויפן האַלבן אָפּגעריסענעם בערגל — סאַמע אַנטקעגן דעם בית־מדרש־הויף, אַ שטוב און אַ שטעלכל צוגעבויט צום שטוב, נאָר דאָרטן איז כּסדר ליידיק.

אַז מע האָלט נישט קיין בהמה, דאַרף מען נישט קיין היי...

אַז ס׳איז נישטאָ פּאַר וואָס, קויפט מען נישט קיין האָלץ.

פאַראַן אַזאַ וואָרט: כאָטש לייג די ציין איף דער פּאָליצע. וועגן מיכאלן מיט די גרויסע אויסגעגלבטע פאַרגטע ציין, קען מען עס זאָגן גרינג. עפּעס האָט מען ווען נישט ווען געקאָכט. עפּעס האָט מען ווען

נישט וועט געגעסן, ווייל זיך וואַשן צום טיש און בענטשן מוז מען דאָך. נאָר מ׳שטיינס געזאָגט, אַלץ הייסט געגעסן...

זיין ליידיקע הוילע שטוב מיט דער הויז, מיטן שטעלכל זענען מיר באַקאַנט. די מאַמע האָט אין זינען עפּעס אַרייַנשיקן אַהין אין אַן ערב שבת אָדער ערב יום־טוב, מיט וועמען? מיט מיר, אָדער מיט דינהלען.

פון אונדז איז דאָס ווייטלעך — כמעט דער צווייטער עק שטאָט.

פון וואַנען האָט די מאַמע געדענקט, אַז מע דאַרף עפּעס אַהין שיקן? נאָר איר זעט דאָך שוין, מן הסתם האָט זי געוווסט.

און וואָס פלעג איך דאָרט זען? איך פלעג זען גנענדלען — מי־כאלס צווייטע ווייב. קיין שענערע ווייס איך נישט, צי האָב איך ווען עס איז אין מיין לעבן געזען. אָבער הערן קיין קול האָב איך פון איר קיין מאָל נישט געהערט, און זען אויך נישט אַזוי פיל, יויפל איך וואָלט געוואָלט.

זי פלעגט זיך נאָר אומקוקן, ווען מיר גייען אַריין אין שטוב. מיר זאָגן אַ גוט מאָרגן, צי אַ גאָט העלף, לייגן אַנידער אַנטקעגן איוון לעם פענצטער אויפן באַנק דאָס שטיק פלייש און גנענדל, נישט קיין ברוגזע און נישט קיין פרעמדע, אויך נישט קיין פריילעכע און נישט קיין אייגענע, פלעגט זיך אויסקערעווען צום ר׳ינעם נישט פאַרשפּרייטן טיש, לעם וועלכן זי איז געזעסן און מיר האָבן זיך מיט איר מער נישט אָנגעקערט. שיין איז זי, יונג איז זי, ריין איז זי זייער. שבת אין שול אַריין גייט זי? איך ווייס נישט. נאָר ווו דען אַנדערש זאָל שבת גיין אַ ווייבל? און דער עיקר נאָך אַ סופרס ווייב! מיכאלן פלעגן מיר אַ מאָל רופן איבערקוקן אַ מזוזה, איבערקוקן דעם טאַטנס תפילין און באַצאָלן אַ קלייניקייט. מיכאל האָט נישט געהאַט קיין טרויעריק פּנים, קיין צו טרויעריקע באָרד, נאָר דער תענית איז געלעגן אויף אים אויסגעשפּרייט אין גאַנצן און אַפילו אויף זיין גאַנג. ווייס איך טאַקע נישט, צו וואָס האָט דאָס אים גאָט געדאַרפט געבן דאָס צווייטע ווייב, אַזאַ יונגע און אַזאַ שיינהייט? וואָרום וועמענס זאָל עס זיין אַרבעט, אויב נישט גאָטס? און פון וואָס לעבן זיי ביידע אין דרייען אַ גאַנצן טאָג? און צי רעדן זיי אויס אַ וואָרט צווישן זיך? איך וואָלט אַ מאָל דאַרפן פרעגן ביי

משהקען. ער רעדט דאָך מיט בערלען פון פאַרשיידענע זאַכן ביים פּרעג־לען די ליכט, אינעם קליינעם זאַוואָדל, וואָס איז קלענער פון אַ רעכטער סוכה, כיי יואָלט ער ביי אים פרעגן, וואָס איז פּאַר אַ פאַרענדערניש?

בערל האָט נאָך אַ געלן ברודער, אַ קלענערן פון זיך, נאָר דער ברודער איז אויך פונעם ערשטן ווייב און אויך ערגעץ אין דער פרעמד.

און דאָס מיידעלע געגעבנדל, וואָס זי האָט מיט זיך אַהער געבראַכט פון נאַראָדיטש, איז אפשר אַלט צוועלף יאָר. אַ שיין קינד מיט אַ קור־ציגקן בונדעלע און ריינע, שיינע באָרוועסע פיס. זי שפּילט זיך ערגעץ אויף דרויסן מיט נאָך מיידעלעך און האָט נאָך צייט זיך נישט פאַרקלערן פון קיין טיפע זאַכן. איך וואָלט וועלן זיין דעגסטמאָל, ווען דאָס מיידעלע וועט אויסוואַקסן און שוין זיין אַ גרויס מיידל.

און בערל מיכאלס ווייסט פון דעם פון אַלץ. ער ווייסט פון נאָך זאַכן, נאָר ער קוקט אויף דער וועלט מיט אַ גוטן בליק. לויט זיין קוק נאָך איז אַלץ אויף דער וועלט נישט קרום — צו עפּעס וועט דאָס אַ מאָל פאַרגיין.

* * *

דער טאַטע האָט געבראַכט דער מאַמען פון ראַדאָמישליע אַ האַרב־סטיקן מאַנטל פון העל־גרויען קאָליר געצווייגלט אין דער לענג מיט שוואַרצע צווייגעלעך. דער מאַנטל קאָסט אַרום און אַרום ביין רובל אַ גרייט־געגייטער. די מאַמע האָט צוגענומען דעם מאַנטל געווייגלעך. זי פלעגט גיין אין אים אי אָסיען אי ווינטער. אַז ס׳פלעגט זיין קאַלט, פלעגט זי איבער דער פּלייצע נאָך אָנטאָן די גרויסע שאַל. אָבער געליען יאַנטלס איז דער מאַמעס מאַנטל געווען ביז גאָר געפעלן און פון מאָל צו מאָל פלעגט זי בעטן ביי דער מאַמע דעם מאַנטל אויף אַ טאָג, צי אויף צוויי, זי פלעגט זיך אויספּוצן און גיין אין אים.

אַזוי ווי געליע האָט געהאַט רייד אויף זיך און אַ שיין מיידל איז זי געווען, פלעגן מיר מיט מאָטלען דעם באַראַנס רעדן וועגן איר אַ סך. — מיר זענען דערגאַנגען אין אונדזערע שטילע רייד אַפילו אַזוי ווייט —

למשל, דהיינו — ווען אַ בחורל קלייבט אָן פינף קערבלעך... וואָס און וויפל וואָלט ער ביי געליען געפּועלט אַזעלכעס, פון וועלכעס ס׳צעגייט זיך ביי אונדז וואַרעמקייט און אַ גלוסטעניש איבער אַלע איברים.

אַ ביסל דערלויבן מיר זיך האַלטן געליען אין מויל, ווייל אַרום איר גייען אַרום רייד.

„גל געול מעון חתום" שרייבט זיך אין סידור וועגן אַן אַנדער סאָרט מיידלעך. יענע זענען אויך דאָ ביי אונדז אין שטעטל. נאָר מיט וואָס איז געליע שלעכט?

* * *

אין פּעטרישי — אַ דאָרף וואָסערע פינף ווערסט פון אונדז — האָט זיך געשפּילט אַ חתונה. אברהם דער פּעטרישיער, דער אָקסן־הענדלער — קיין עין־הרע, אַ ברייטער, אַ וווקסיקער, אויף וועלכן מע זאָגט אַ דעמב — האָט געהאַט זין אויך וווקסיקע, ראָסנע. זיין ווייב ליבע איז אַ ברייטע, פּראָסטע דאָרפישע יידענע, אַ נידעריקע אין וווקס. זיי וווינען אין אַ נידעריקער שטוב פון עטלעכע גרויסע חדרים. פאַרמאָגן אַ הויף מיט שטאַלן און שטעלכנס. איז אברהם מיט ליבען מאַכן חתונה זייער עלטערן זון יאָסלען — אַ בחור פון אַ יאָר עטלעכע און צוואַנציק, מיט אַן איינגענעמענער שיינקייט. ער העלפט שוין דעם טאַטן אין מסחר. אַ מאָל פּאָרט מען אַפילו אַזש קיין וואַרשע. מאַכט מען אים איצט חתונה פאַר אַ יתומה — יצחק דעם קוליקיערס אַ פּלימעניצע.

יצחקס דאָרף איז פון דער צווייטער זייט שטאָט. ער האָט אַ שיין ווייב און שיינע טעכטער. אַלע אין לייב, נאָר זיי האָבן אַ שטאָטישן אויסזען, אַ שטאָטישן — דאָס מיינט מען עפּעס העכער אַפילו פון סלאָ־וועשנע אַליין.

די פּלימעניצע, די יתומה האָט זיך אויפגעצויגן ביי זיי אין שטוב. דער שידוך האָט ביי איטלעכן צוליב אַלע טעמים זייער שיין אויסגענומען, און די חתונה האָט מען געפּראַוועט ביים חתן.

די חופּה איז געווען פריִיטיק פאַר נאַכט און די חופּה־וועטשערע האָט מען געפּראַוועט שבת צו נאַכטס.

איך האָב מזל — דער טאַטע בעמט מיך אומעטום. צי ס'איז אים פריילעכער מיט מיר, צי איך האָב זיך געהאַלטן שטיל און אים אין ערגעץ נישט פאַרשעמט און ער וויל זיין קינד אָנטאָן פאַרגעניגן.

אַזוי, אַז ער האָט מיך גענומען אויך קיין פעטרישי. די מאַמע האָט, ווייזט אויס, ווינציק ליב געהאַט זיך טומלען גיין צו גאַסט, פאַרברענגען, זיך מיט עפּעס אַרויסשטעלן, רעדן און באַרעדן — פלעגט זי גיין נאָר דאָרט, ווו ס'איז שוין געווען אַ מוז. און, מערסטנס, צו אַן אָרעמער כלה — דאָרט איז שוין געווען אַ מצווה און אַ חוב משמח צו זיין אָרעמע עלנטע מענטשן. אַזוי אויך אויף אַ ברית, אַזוי אויף אַ חתונה.

אַליין פאָרט זי נישט, די מאַמע, נאָר אונדז פאַרווערט זי אויך נישט.

שבת צו נאַכטס, נאָך הבדלה שפּאַנען מיר איין דאָס פערד אין שליטן. אין שליטן האָבן מיר אָנגעבעט געגוג היי די מאַמע האָט אַכטונג געגעבן איך זאָל זיך גוט פאַרשפּיליען, אַרומבינדן דעם האַלדז. די קינדער אין שטוב, כאָטש די קעלט מיטן אָוונטיקן דרויסן האָבן זיי געוויס אָפּגעשלאָגן דעם השק, האָבן זיי דאָך מיך, אַלנפאַלס, אַרויסבאַגלייט מיט שטילע בליקן, ווי זיי וואָלטן מיר אויף עפּעס מקנא געווען...

איצט וועט איר אפשר פרעגן צי פאָרט נאָך עמעצער מיט אונדז? וועל איך אייך ענטפערן: — יאָ, מען פאָרט, געליע האָט נאָך פריִיטיק געבעטן, מיר זאָלן זי נעמען אויף אונדזער פור און מיר האָבן איר צוליב געטאָן: האָט זי זיך נישט געפּוילט און ווייטער געבעטן ביי דער מאַמען זי זאָל איר לייען דעם מאַנטל, וואָס דער טאַטע האָט איר פון ראַדאָמישליע געבראַכט צו פירן. די מאַמע האָט איר נישט אָפּגעזאָגט. וואָס ס'האָט זיך געטאָן ביי דער מאַמען אין דער רגע אויפן האַרצן, האָט זי פאַר קיינעם נישט אַרויסגעוויזן. און, מעגלעך, אַז אויף געליען האָט זיך ביי איר געלייגט מער רחמנות ווי פאַרדראָס, סיי אויף געליען, סיי אויף יאָנטלען מיט בתיהן איז בפירוש געווען אַ רחמנות און די מאַמע האָט עס פאַרשטאַנען.

מיר זיצן שוין אין שליטן. דאָס פערדל האָט אַ גוטן נעם געטאָן פון אָרט און מיר האָבן זיך געלאָזן אַרויף אַ באַרג איבער דער שיניצע פאַרביי די שקאָלעס צו די טויערלעך און מיר נעמען זיך רעכטס איבערן ליסט־ווענער און פעטרישיער שליאַך.

כאָטש מיט געליען האָט מיר אַ ביסל פאַרשלאָגן די געדאַנקען מיט איר נאָענטער שכנהשאַפט, בין איך דאָך געווען איבערראַשט פון דעם הערלעכן דרויסן. די לבנה קילט אונדז מיט איר קאַלטער ליכט, אָבער אַזוי ווי זי פּילט, אַז מיר זענען ביי איר נישט קיין קנעכט, פאַרגיט זי אונדז אירע פעסער ליכט בשפע. דער איינגעפאָרענער שליאַך סקריי־פּעט אונטער די פּאַלאָזעס. ווו נישט ווו שטייט אַ בוימעלע ביים וועג און איז אויך נישט דערשראָקן, נישט פאַראומערט, נישט עלנט. דאָס בוימעלע באַגעגנט אונדז אויפן וועג נישט מיט קיין פרעמדקייט, נאָר מיט געדנדיקער נאָכגיביקייט. דאָס פערדל גייט גוט און פלייסיק. מיר קענען צו אים גאָרנישט האָבן. איין זאַך, וואָס מיך האָט געקענט אַ ביסל אַרן, איז דאָס, וואָס דער טאַטע האָט מיך נישט אַוועקגעזעצט אין מיטן, צווישן זיך און געליען, נאָר געליע איז געזעסן אין מיטן — איך פון געליעס לינקער זייט און דער טאַטע, כדי ס'זאָל אים זיין גרינגער אָנ־טרייבן ס'פערד, אין איר רעכטער זייט.

אייניקע פורלעך האָבן מיר אָנגעיאָגט, אייניקע האָבן אונדז אָנגעיאָגט. מיר האָבן אָן פרעגעניש געוווסט, אַז ס'איז קיין פעטרישי צו אברהמען אויף דער חתונה.

ס'איז געווען ווייט צו פאָרן? די פינף ווערסט האָבן זיך אינעם שבת־צונאַכטיקן פראָסט לאַנג אויסגעצויגן? מען קאָן זאָגן, אי יאָ, אי ניין. איך בין נישט געוווינט אומפאָרן אין די ווינטער־אויפדערנאַכטן.

נאָר אַלץ האָט דאָך אַ סוף, אַפילו זאַכן, וואָס ציִען זיך אויס. אָט זענען מיר אין דעם פרעמדלעכן דאָרף, און אָט זענען מיר שוין ביי אברהמען דעם פעטרישיער אין הויף. אויסגעשפּאַנט דעם פערד, אים איבערגעדעקט מיט אַ רעדנע, ער שטייט שוין צווישן אַנדערע שליטנס און פערד. אָט זענען מיר שוין אין שטוב, אַלץ איז דאָ נישט געוויינלעך, אויף אַלצדינג איז אויסגעגאָסן אַ קאָליר פון חתונהדיקייט, מזל־טוב — דעם, מזל־טוב —

יענעם. קלעזמער שפּילן. אויף די טישן איז אָנגעשטעלט כּיבוד, אויף די בעטן ליגן בערג מיט אויבערשטן אָנטאָן. אָן־אָ שטייט פּאַשקאָוושיכע אין אַ שוואַרצן סאַמעטענעם קלייד. אַ סך סאַמעט דאַרף אַוועקגיין אויף אַזאַ מלבוש — פּאַשקאָוושיכע איז, קיין עין־הרע, גרויס און שטאַלטנע. איר טאָכטער פראַדל איז אויך דאָ — אַ מיידל אין מיינע יאָרן. מיידלעך, ווייבלעך אויסגעפּוצטע יום־טובדיקע, מאַנצבילן אין שבתדיקע קאַפּאָטעס מיט סאַמעטענע היטלען. ביי אַברהמען ביים מחותן איז דאָס פּנים אַ קלייני־דיקס. אַפילו ווינטער זעט מען זיי אויס אונטער די אויגן, אָרום דער באָרד. די אויגן זענען ביי אים באַריידעוודיק, כאָטש דאָס מויל זאָגט גאָרנישט.

איטלעכן צונעמען, פאַר איטלעכן יוצא זיין.

אָן־אָ איז בן־ציון דער ליסטווענער אויך אויף דער חתונה. אָן־אָ איז יצחק דער קוליקיער, דער מחותן פון כּלהס צד. אָן־אָ זענען אַ סך שטאָ־טישע מענטשן. די קלעזמער טרובען און שפּילן אויס אַ שער. דער פּויק ווערט צעזעצט קלאַפּנדיק. און פּאָרלעך טאַנצן — מיידלעך מיט ווייבלעך, ווייבלעך מיט יונגע לייט. איך וויל אַלץ זען. איך בין אַפילו גרייט אַלץ אומבאַמערקט אַ טאַפּ צו טאָן מיט די הענט. איך האָב זיך דורכגעשטופּט צווישן דער סאַמעטענער דאַמע מיט דער גאָלדענער קייט אָרום האַלדז און מיטן זייגער צוגעשפּיליעט ביי ד'ער ברוסט. צווישן איר און צווישן כיטריקס מיידל לאַנגען האָב איך זיך דורכגעשטופּט אין צווייטן צימער אַריין, ווו ס'איז דערוויל אַ סך קילער. אויף די טישן זענען אָנגעשטעלט פלעשער מיט גלעזעלעך און טאַצן מיט אָנגעשניטענעם לעקעך... וואָס האָב איך אַזעלכעס אויסגעשפּילט? ווינציקער ווי איך האָב זיך אויסגעמאָלט. אָט שטופּ איך זיך שוין צוריק צווישן אַ צווייט שטיקל ענגשאַפט.

איך וויל זען, וואָס טוט דער טאַטע? מיט וועמען רעדט ער? אין וועלכע זייטן קוקט ער? אין וועלכן רעדל טאַנצט ער?

מעג זיך זיין אויף דרויסן — ווינטער, אָבער אין שטוב איז הייס. די לאָמפּן טוקן זיך און לעשן זיך פון דער היץ, אַזוי ווי זיי וואָלטן נישט האָבן מיט וואָס צו עטעמען.

אָט־אָ זיצט דער חתן אויבן אָן, לעם אים די כּלה, די יתומה מיט

אַ ווייס געקווייטלט שאַרפּעלע. אפשר איז עס אַ פּאַטאַ. די כּלה האָט מיך מיט גאָרנישט נישט געגומען, סיידן אפשר מיטן רחמנות צו אַ יתומה, וואָס אין אַזאַ שעה — און אירע עלטערן זענען לעם איר נישטאָ.

און יוסף? איך זאָל זאָגן, אַז ער נעמט זי פאַר רחמנות? ניין, ער איז פּשוט מיט איר לענגער באַקאַנט און אים איז באַוווסט אירער אַ באַ־האַלטענער יונג־מיידלשער חן, וואָס איז אים כּאָטש איין מאָל אַריינ־געפאַלן אין האַרצן אַריין און אַזוי וועט עס שוין פאַרבלייבן אויף אייביק.

ווען מען זאָגט מיר — לאָמיר פאָרן אַהיים, אָדער לאָמיר זיך דאָ לייגן ערגעץ אין אַ זייטיקן חדר שלאָפן, וואָלט איך זיך מן־הסתם נישט אָפּגעזאָגט. מיר שווינדלט שוין אין די אויגן פון די שערן, די קלעזמער שפּילן און איך הער שוין נישט וואָס. די אָנגעשטיטענע גרויסע שטיקער לעקעך — איך קען זיי עסן און איך קען זיך באַגיין אָן זיי אויך. כּאָטש ס'זענען דאָ נאָך קינדער, נאָר איך האָב זיך נישט צוגעזוכט קיין איין חבר. זאָגן, אַז דער טאַטע וועט מיך נאָך אַ מאָל ערגעץ וועלן נעמען, וועל איך זיך אָפּזאָגן — וואָלט געוועזן אַ ליגן. אין אַ נייעם אָרט בין איך גרייט אַפילו שוין פאָרן, נאָר דערווייל נודע איך זיך און ס'האָט זיך מיר שטאַרק אויסגעצויגן די צייט, ביז דער טאַטע האָט אַרום איינס ביי נאַכט געשפּאַנט דאָס פערד און מיר זענען, אין אַ גוטער שעה, אַוועקגעפאָרן. געליע איז נאָך געבליבן — זי וויל נאָך אַ ביסעלע פאַרבריינגען און עסן, און טרינקען, און טאַנצן. דעם מאַנטל וועט זי אָפּטראָגן מאָרגן און אויב איבערמאָרגן איז אויך נישט קיין שאָד.

* * *

שמחת־תורה בין איך געשטאַנען מיטן טאַטן מיט נאָך יידן און „עם כּל הנערים" אונטערן הימל ביי ברוכן כּיטריקס אין שטוב.

שמחת־תורה וואָלט קיין איין ספר נישט געסטייעט פאַר אַלע יידן, אַלעמען ביז איינעם דאַרף מען דאָך אויפרופן. ס'ענדיקט זיך חתן־תורה און ס'הייבט זיך אָן חתן־בראשית. זיך אָפּגערעכנט מיט די סדרה'ס פונעם פאַרגאַנגענעם יאָר און מע דאַרף גלייך מאַכן אַ פּאָטשין אויף איבער אַ נייס

די סדרה׳ס פון אָנהייב, אויפן קומענדיקן יאָר. כאַפּט מען צו־איינע, אָדער צו־צוויי ספרי־תורות און מען צעלויפט זיך, ווער צו ברוכן כיטריקס, ווער צו שלמהלע דעם שוסטער און אַנדערע פּאַרקלייבן זיך אין די שטיבלעך פון דער גרויסער קלויז, און ס׳איז פריילעך — פון איין טלית מאַכט מען אַ „הימל״ איבער דער תורה, וואָס ליגט אויפן שולכן מיטן בעל־קורא מיט אַלע פּאַרזאַמלטע און מיט אַלע יינגלעך. מעג זיין אַפילו קליינע, נישט קיין בעלי־מצווהדיקע. איך האַלט זיך צו פּאַרן טאַטנס האַנט, נאָר ס׳איז אַ ביסעלע אַ מורא אונטערן „הימל״. ווען די תורה איז געגעבן געוואָרן, האָט דאָך טאַקע געשליידערט דער באַרג מיט צעגליטע שטיינער, די דונערן און די בליצן מיטן רויך. נאָר ביי אונדז האָט עס נישט לאַנג געדויערט. דער התן־תורה, מיטן מפטיר מיטן התן־בראשית האָט מען אָפּגעקלאַפּט, ווערט דאָס געלט גיין אויף בראָנפן מען זאָל זיך פרייען. דער־פאַר האָט מען טאַקע דעם מוסף אָפּגעכאַפּט גיך, שוין אויך דאָ אויפן אָרט. איצט מעג מען. און מע לייגט צונויף די טליתים און מע גייט אויף קידוש איינס צום צווייטן. ס׳איז אַ סברה, אַז כיטריק אַליין וויל נישט אַרויסלאָזן דאָס ביסל יידן אָן קיין ביסל בראָנפן. דאָס ביסל בראָנפן איז שוין אויפן טיש. זיסל, די ווייב זיינע — מיט די שטענדיק שלאָפע אויגן, דערלאַנגט אַ גרויסן ברייטן טעלער מיט קראָפן. די קראָפן זענען באַשמירט מיט האָניק. יידן טרינקען צו ביסעלעך, ווינטשן זיך לחיים, בייסן צו און מע כאַפּט אַרום טיש אַ קאַראַהאָדל. אָבער דאָס איז אַפילו קיין אָנצוהערעניש נישט פון דעם, וואָס ס׳וועט זיך טאָן אין שטאָט נאָך וואַרמעס, אין שול, אין בית־מדרש, אין גאַס און גלאַט אין די הייזער — אָר־וואַ!!!

דער וואַרמעס איז שמחת־תורה גלאַט פּאַר אַן אָפּטשעפּעניש־וועגן. ווער געדענקט אים, און ווער פּאַרנעמט זיך מיט אים? גלאַט אַזוי — זיך געוואַשן, געמאַכט המוציא, געכאַפּט אַ ביסל ראָסל־פלייש, אָפּגעבענטשט און פּאַשאָל.

וווהין?

קיין חילוק נישט וווהין, אומעטום וועסטו טרעפן מענטשן און אומעטום גיסט זיך משקה. אויפן טיש וועסטו טרעפן אַ געפילט העלדזל, קראָפּן, אַ רייכן מייערן־צימעס: עס, טרינק, פריי זיך, טאַנץ. וועלכע קונציקע

שטיק און קרומע העוויות דיר פאַרווילט זיך נאָר מאַכן זענען זיי איצט צוגעפּאַסט, נאָך אַפילו שיין און מחיהדיק.

כל המרבה בשמחה הרי זה משובח.

אָט־אָ שטייט מאיר־דוד דער באַראָן אין מיטן ליידיקן מאַרק, אַרום אים אַ חבריאַ ייִנגלעך אַלערליי, ער שרייט צו זיי צאן קדשים און די חברה שיסט אים אויס אַנטקעגן אַ פריילעכן מע־ע־ע!!!

טאַמער שלעפּן זיי אים פאַר די פּאָלעס פון דער קאַפּאָטע, איז עס גאָר איצט קיין אומכבוד נישט, ווייס איך וואָס? ס׳איז נאָך בעסער, אַז נישט, פאַרקאַטשעט מאיר־דוד די קאַפּאָטע איבערן קאָפּ. מע זעט אַרויס זיינע הויזן און אַלע ערטער און ער גייט אַוועק אַ טאַנץ איבערן גאַנצן מאַרק און שרייט אין איין קול צו דער חברה ייִנגלעך: צאן קדשים!

און זיי קאַמאַנדעווען אַרום אים און ענטפערן אים — מע־ע־ע!

קיין איבעריקע כוונות האָבן די ייִנגלעך נישט געהאַט ביים טאַנצן, דער עיקר איז, וואָס ס׳איז אַ פרייע וועלט — שפּרינג, העצקע זיך, שטיף, מאַך קאָזליקעס און זיי אַ פאָלבער מחותן מיט עלטערע מענטשן, צי דו קענסט זיי, צי נישט.

ווער ס׳וויל גייט אין בית־מדרש, דאָרטן טאַנצט מען, אַז די סטעליע טרייסלט זיך. און אַרן־עליע דעם טראַסקערס איידעם, וואָס איז אַ גאַנץ יאָר אַ שטילער און אַ שעמעוודיקער יונגערמאַן — וואָס ער צעקאַמאַנדע־וועט דעם טאָג פון שמחת־תורה! ער טאַנצט אויף דער בימה, אויפן טיש צווישן פלעשער און קיין איין פלאַש פאַלט נישט אום. ער טאַנצט אויף דער ערד און דרייט אויס מיט יעדן שטיוול אַזעלכע שיינע שטיק, אַז מען קען זיך נישט אָפּרייסן קוקנדיק אויף אים. און יאַנקל־פּנחסעס טאַנצט נישט? און חיים־רייזלס טאַנצט נישט? וויפל יידן פאַרדרייען זיך דעם דאַשעק אויף דער פּאָטיליצע, אַז עס איז אַ חן צו קוקן.

ביי דער מומע אין שטוב האָט דאָך נאָך דער שריפה געוווינט דער רב. קומען יידן צום רב נאָך משקה. הערן מיר, ווי עליע פּצדנס שרייט צו דער רביצן... ביי אונדזער רביצן, דער ברייטער שטאָלטנער יידענע, איז דער שמייכל אַזאַ יום־טובדיקער — און ער רופט זי, ער איז אַ פּראָסטער אַרבעטער, עליע, אַ יוכטאַרניק, אַ גאַנץ קיילעכיק יאָר פאַר פיר מיט

אַ האַלבן קערבלעך אַ וואָך, אָבער איצט איז ער אַ ייד מיט אַלע באַלע־באַטים באַגלייך.

— רביצן! — רופט ער — זעט, ווי עליע טאַנצט אויף איין ברעט?!...

איז נישט נאָר די רביצן געגאַנגען קוקן, ווי אַזוי עליע האָט צעשטעלט ביידע הענט, ווי די פליגל, די צונג קלעפּט זיך ביי אים אַ ביסל צום גומען און ער קוקט צו די גנז פון די שטיוול, זיי זאָלן חלילה נישט אַראָפּקריכן פון דעם אָנגעצייכנטן ברעט...

און ביי אונדז אין דער צווייטער העלפט שטוב — פאַרבערעגגען פריילעך לייבע דער בוק און אָשר שמעון־ראָכעס — ביידע שוסטער. ביידע שכנים, ביידע אונדזערע שטענדיקע קונים. אָשר איז אַ לאַנגער, אַ דינער מיט אַ שיטער קאָזינע־בערדל, מיט גלאַטע גלאַנציקע פּאהס — אַ ווילער אָרנטלעכער ייד. וועגן זיין טאַטן שמעון־ראָכעס דערציילט מען, ווי אַזוי ער האָט איין מאָל אָפּגענאַרט דעם אוריאַדניק. דער אוריאַדניק האָט אים אָפּגעשטעלט אויפן שליאַך אין מיטן וועג קיין אַנטאָנאָוויטש. יענער האָט געטראָגן אַ זעקל אויף די פּלייצעס.

— קודי אידעש זשידקאָ? — פרעגט ער אים.

— עט, — ענטפערט שמעון־ראָכעס — סיודי, טודי...

— טשים טאָרהויעש?

— עט, טים־טאַ־טים.

— אַ שטשאָ נעסעש?

— עט, סע־טאָ־טע.

ביז דער אוריאַדניק איז געוואָרן אין כעס, האָט זיך אויסגעשפּיגן און זאָגט:

— דאָוו זשעלאַזני פייסאַך פּאַשאָוו דאַ טשאָרטאָוואי מאַמי.

און לייב דער איז אַ דאָרפס־ייד. אַ באָראָוואָיער אַליין. איצט איז ער ביי דער באָבע קונציען אַן איידעם און האָט שוין היפּשע קינדער אויסער די שטיף־קינדער, וואָס ער האָט געטראָפן ביי זיין רחלען. ביי לייבען איז אַ ראָסנע ברייטע באָרד, ווייזט שוין אַ ביסל אויף גרוי. איז ער אַוועק אַ טאַנץ איינער אַליין ביי אונדז אין סטאָלאָווע, מיט הרחבה, מיט גוטן

זעלבסטגעפּיל. ער האָט אַליין געפּלעסקעט! ווו ס'האָט זיך געפּאָדערט און אַליין צוגעזונגען: „אוי — כאַדיוו כאָמאַ דאָ יעראָמי!...".

איך ווייס נישט, צי כייקל באַסיעס האָט אַזוי פיל שיינע כוונה, ווען ער זאָגט „מזמור שיר ליום השבת", ווי לייבע קונציעס פּילט איצטער בעת ער זשמורעט צו די אויגן, טוט זיך אַ גלעט די באָרד און שוועבט אַרום איבער אונדזער סטאַלאָווע און טייטשט אויס די מעשה פון דעם ליד, ווי אַזוי כאָמאַ איז געגאַנגען צו יעראָמען, וואָס ער האָט פון אים געוואָלט און וואָס ער האָט ביי אים געפּועלט.

לייבע האָט שוין טאַקע געטאַנצט אינעם בין השמשות. צי דו ווילסט יאָ, צי דו ווילסט נישט, נאָר ס'איז שוין לאַנג צייט געווען מנחה דאַווענען און דאָ רוקט זיך שוין אונטער דער וואָכעדיקער מעריב — באָם־באָם אין דייזשע — דאָס הייסט, די ווייב, די באַלעבאָסטע, די מוטער דאַרף ראָסטשינען ברויט אין דייזשע אויף דער גאַנצער וואָך און פאַר דער צייט פון די יום־טובים ט'זיך די קעשענע גוט אויסגעליידיקט.

* * *

פון טכאָרין און פון ווערפּי לויפן גאַנץ פּרי דאָרפישע יאַטלעך אין שקאָלע אַריין. שטיוול אָדער פּאַסטאָליקלעך אויף די פיס, און אַ סוויטקע אָדער פּעלצל אָנגעטאָן. אַ לייוונטן טאָרבעלע מיט ביכער, טינט און פעדער. די בעקלעך אָנגעפרוירן, די אויגעלעך לויכטן. פון ווערפּי אַהער איז צוויי ווערסט. פון טכאָרין — איינער. אָפט קוק איך אויף די קליינע פּויערימלעך און בין זיי מקנא... אויף וואָס? אויפן געזונט. אויף דעם, וואָס מע לערנט אין שקאָלע נאָר אַ האַלבן טאָג, אויף דעם, וואָס אין די ביכלעך זענען דאָרט פאַראַן צאַצקעס, אויף דעם, וואָס מע לערנט דאָ זינגען, אויף דעם, וואָס מיידלעך לערנען צוזאַמען מיט די יינגלעך. זיי האָבן אין שקאָלע אַ גרויסן הויף. אַז דער סטאָראָזש קלינגט אין גלאָק אויף אַ הפסקה, טאַנצן אַרויס די קינדער אין הויף אַריין און ס'ווערט אַ געלויף מיט אַ געשפּיל. מען יאָגט זיך, מען באָרעט זיך, מען שפּרינגט, מען פילדערט. איך קען עס נישט. איך קען זיך אַפילו נישט גליטשן אויפן אייז, נאָר געפעלן געפעלט עס מיר שטאַרק, איך קען עס נאָר אויף אַזוי פיל נישט אַרויסגעבן. איך שעם זיך אין

זיך, טיף איינוווייניק עסט מיך די חרפה. איך דאָ, דאָס זעלבע ייִנגל, וואָס אַלע, מיט הענט און מיט פיס. איך שרייב געדאַנקען נישט שלעכט, איך האָב נישט קיין שלעכטן קאָפּ צום לערנען. נאָר איך בין אַ שטיל, לייטיש ייִנגעלע, און דאָס איז שוין אַ פֿאַרפֿאַלענע זאַך אויף אייביק, אַזוי ווי אַ הויקער, נישט דאָ גערעדט, וואָס לאָזט זיך נישט אַראָפּנעמען ביזקעלן טויט.

ביי טאָג, פֿאַר נאַכט, תחילת אָוונט איז אויף דער פֿאַרפֿרוירענער אָזערע אַ גליטשעניש, אַ יאָגעניש, פֿאַרפֿאַליעוועטע חברה פֿליִען אויף די גליטשערס מערסטנטייל אַליין געמאַכטע — הילצערנע און מיט אַ לאַנג שטאָל בלעכעלע אונטערגעשמידט. זייער ווינציק — גלאַנציקע, רייכע, אַזש זילבערנע, פֿאַבריטשנע געבראַכטע פֿון אָוורוטש. די גליטשאַלקע איז גלאַט און גלאַנציק און קייּלעכדיק, ווי אַ ברייטער קרייז. דער פֿראָסט איז עפּעס, ווי אַ פֿריילעכער שותּף צו דער גאַנצער שפּיל און פֿון די קוימענס זעצט אַרויף אין דער קאַלטער לופֿט אַריין אַ ווייכער געקרײַזלטער וואַרעמער רויך. דער רויך דערציילט שיר נישט מיט ווערטער, אַז אַלץ איז מיט זיין באַטירלעכקייט אויף זיין אָרט. אין דרויסן וועט סמאַליען אַ פֿריילעכער פֿראָסט, אין שטוב וועט געמיטלעך גלעטן די וואַרעמקייט, אַ פֿרישע שיסל מיט דאַמפֿנדיקע קאַרטאָפֿל בעט דעם עולם גיין צום טיש און ליבלעך אונטערלענען דאָס האַרץ.

איך מעג זיך דען קלאָגן אויף מיין קינדהייט? ביי טאַטע־מאַמע אונטערן פֿליגל, חלילה נישט הונגעריק, נישט אָפּגעריסן, אָן אייגענער דאַך איבערן קאָפּ. פֿון קינדוויז אָן זיך נישט געשלעפּט אין שכנות, נישט געדאַרפֿט יוצא זיין פֿאַר באַלעבאַטים. נאָר מיר פֿעלט אַ ביסעלע דרייסטקייט, אַ ביסעלע פֿעסטקייט און זיכערקייט אינעם אייגענעם כוח. עמעצער וועט מיך אַ שטופּ טאָן, וועל איך נישט שטופּן צוריק. עמעצער וועט מיך אַ זעץ טאָן, וועל איך אים נישט שלאָגן צוריק. איך וועל בעטן אין דער שטיל, אַז מיין באַליידיקער זאָל אפשר טרעפֿן אַ דונער שלאָג, נאָר חוץ מיר, איך זאָל אין דעם נישט זיין פֿאַרמישט...

מיינע שטיוול, (אויף ווינטער האָב איך שטיוול) — זענען מיר צום האַרצן. ס׳איז אַ ביסל שווערלעך מיטן אָנטאָן און אויסטאָן. מע דאַרף די האָניטשעס אַרומוויקלען גלאַט און אָן האָרבעס ס׳זאָל נישט מוליען. מ׳דאַרף

ס׳זאָל נישט בלייבן קיין נאַקעט אָרט, דער עיקר לעם די פינגער. די קאַלאָשעס פון די הייזלעך זאָלן זיך נישט פאַררוקן אַרויף און דאַן טוט זיך אָן דער שטיוול גרינג און דער פוס פילט זיך גוט איינגעמאַסטעט. אַזוי מיטן אַנדערן פוס און ס׳ווערט מיר פון דעם גלייך גוט אויפן האַרצן. איך שטיי פעסט אויף די פיס, די הייזלעך פאַרשפיליעט, דער טלית־קטן אַנגעטאָן און צוגעשפיליעט ביי די זייטן אונטער די פאַכוועס.

איצט קען מען זיך גיין וואַשן. מיר וואַשן זיך אין קיך איבער דער פאַמיניצע. דעם אמת געזאָגט, אויב ס׳איז קיינער בעת מעשה נישטאָ אין קיך, מאַך איך עס אָפּ זייער בקיצור. דאָס וואַסער איז נאַסלעך און קאַלטלעך. אַ וויטשקע געטאָן איינס און צוויי און גיב אַהער דעם האַנטוך. אויסווישן דאַרף מען זיך גוט, טאָמער גייסטו אַרויס אויפן פראָסט מיט נאַסלעכע הענט, ווערט דערנאָך די הויט צעטראַסקעט און ס׳שמאַרצט, ס׳איז נישט איינגענעם, מע דאַרף איינשמירן מיט אַ לעק שמאַלץ, פעטיקט זיך דער אַרבל. ס׳שוין נישט דאָס, וואָס דו האָסט ליב. די קאַמ־זוילקע פאַרשפיליעט, דעם פידזשאַקל אָנגעטאָן, קיין אוראָק אַהיים האָסטו נישט, סיידן אַ מאָל אויף שבת. די ספרים מיט שרייב־געצייג זענען אויך אין חדר ביים רבין אויפן ווינקל־פּאָליטשקע.

אויף אָנבייסן עס איך אַ ביסל זויערמילך מיט ברויט. אַ מאָל איז דאָ אַ לאַטקע פון נעכטן. איך קיך הייצט זיך שוין דער אויוון. פון האַר־באַרניע־קוימען זע איך גייט שוין אויך אַ רויך. אין הויף אויף די דזשערד־קעס הענגען נאַסע אונטערגעשמירטע יוכטן און פרירן. און איך בין שוין אָנגעטאָן, פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך און אַוועק אין חדר אַריין.

ס׳טרעפט זיך אַ מאָל, אַז דו פאַרקלערסט זיך און ווייסט אַליין נישט, ווי אַזוי ביסטו עס אַזוי גיך געקומען, דורך וואָנען געגאַנגען? וועמען באַגעגנט? גאָרנישט ווייס איך נישט. איך ווייס נאָר, אַז אָט איז שוין דעם רבינס קליאַמקע פון דער טיר. ס׳ווערט פאַרדראָסיק: אַזאַ וועג דורכגעגאַנגען און גאָרנישט געזען. דערפאַר איז מערסטנטייל פאַרקערט: גייענדיק אין חדר אַריין, שטעל איך זיך אָפּ אין מאַרק לעם די קלייטן. אַרום קלויסטער־צוים שטייען פורלעך האָלץ, פורלעך היי און די שליטנס זענען אויסגעשפּאַנט. אָקסן מיט גרויסע הערנער, אַנדערע שטייען האַלב

אויסגעשפּאַנט און קייען די זשויקע. פּערד נישט קיין גרויסע, פּויערשע, זענען באַדעקט מיט פּראָסט. זיי ווילן, ווייזט אויס, אויך, אַז די יידענע זאָל גיכער אויסדינגען מיטן באַלעבאָס און אָוועקפירן דאָס האָלץ. דער פּויער וועט עס אַראָפּוואַרפן, זיך אַ ביסל אָנוואַרעמען, און מע וועט פאָרן צוריק דורך די געלעפּעס אין כוטאָר אַריין, צום שטאַל און צום זשאַלאָב, צו דער יאַסליע מיט היי. אַרום קלויסטער־פּלויט, לעם די פורלעך מיט האָלץ, פאַרהאַלט איך מיך אַ מאָל לאַנג, לאַנג, ביז איך דערפיל, אַז די פיס פרירן מיר שוין.

אייגנטלעך, וואָלט איך אַליין אָפּגעקויפט אַלע פורלעך האָלץ... אַלע, נישט אַלע — מערער געפעלן מיר די פורן, וואָס זענען פעסט און פּאַ־כאַזאַיסקי אָנגעלייגט. דאָס הייסט, ווען איך זע האָלץ נישט קיין געזעגענע בערעזע אָדער דעמב און די קלעצלעך ליגן איינס צו איינס פעסט, ווי די פּלאַדן. דאָרט ווו דאָס האָלץ איז געהאַקט און אָנגעשורעוועט ס׳זאָל זיך אויסדוכטן דעם קונה, אַז ס׳איז אַ סך — געפעלט מיר נישט — ס׳איז אָפּגענאַרט און ס׳איז אַ דלות. אָבער די פורלעך, וואָס געפעלן מיר וואָלט איך זיך אויסגעדינגען צו פיר גילדן, צו פיר מיט צען גראָשן, פינף אָן צען גראָשן און וואָלט אַלץ פאַרפירט אַהיים. איך האָב ליב, אַז ס׳איז ביי אונדז דאָ אַ שאָפּע מיט קאָרע, אַ שטאַל מיט האָלץ און מיט היי, אַ זאַסיק מיט וואַפּנע, אַ פּאַס מיט דזעגעכץ, אַ הויף מיט געהילץ, אַ סוכה מיט מאַקוכע און פּאַלאָווע. רייך זענען מיר קיין מאָל נישט געווען, מערסטנטייל געענגט זיך און אַפילו געצאָלט פּראָצענט פאַר געלט. אָבער די שאָפּע, דער הויף און די שטאַל דאַרפן נישט שטיין ליידיק.

* * *

איך בין געקומען פון חדר, אויסגעטאָן דעם פּאַלטאָ, געגעסן וואַרמעס און זיך אַ ביסל אַרומגעקוקט אַרום זיך, נאָר אין שטוב איז היינט אַ טאָג פון קרויט, וועל איך שוין קיין מנוחה נישט האָבן — מע וועט היינט שטעלן קרויט צום זויערן — גאַנצע און געשאַטקעוועטע.

די מאַמע האָט געבעטן נאָך אַ יידענע איינע זאָל איר העלפן. לעם

דעם קאַטשאַן טוט מען אַ שניט מיטן מעסער אויף דער נאָט — נעמט זיך אַראָפּ אַ בלאַט — אַ ווייסער טשיפּעק. אָוועקגעלייגט די בלאַט אויף דער הילצערנער קאַנאַפּע, אַנגעשניטן אַ צווייטע נאָט — אַראָפּגענומען אַ צווייטן טשיפּעק. אַזוי פּאַמעלעך איז די קאַנאַפּע באַוואָקסן געוואָרן מיט ווייסע, פרישע, קילע האַרטלעכע טשיפּיקעס — אַ גאַנצער באַרג! איצט לייגט מען זיי שוין אויפן באַנק־בעטל. אַלצדינג טוט זיך מיט אַ געדאַנק און מיט תכלית. ווי לאַנג איז עס אונדזער מאַמע געווען אַ געפּעסטעט זאַרגלאָז קינד ביי דער באָבען. געוווסט נאָר טאַגן און בעכטיקן ביי די חברטעס. זומער — ביים טייך, חנוכה שפּילן אין קערטעלעך. זי איז געווען די יינגסטע. און איצט איז שוין די מאַמע אַליין אַ מענטש, אַ באַלעבאָסטע פון אַ שטוב, אַ מאַמע פון קינדער. אַלץ טוט זיך ערנסט, מיט שפּאָר און מיט געדאַנק. קרויט, צום ביישפּיל, שטעלן מיר צווייערליי — אין איין דייזשקע גאַנצע בלעטער איבערגעלייגט מיט אוגערקעס און אין דער צווייטער דייזשקע וועט זיין געשאַטקעוועט קרויט.

— אַזוי ווי ווין — זאָגט די מאַמע אויף דער געשאַטקעוועטער קרויט. אַלערליי ווייַנען זענען גוט, אויך די געשאַטקעוועטע קרויט, וואָס איז אַזוי ווי ווין. דער עיקר דער ראָסל: גרוי־דורכזיכטיק, קאַלט, געשמאַק און האַרב, נאָר דערווייל שאַטקעוועט מען זי ערשט. אין מולטער לייגט מען אָן היפּש בלעטער און מע האַקט זיי מיט אַזעלכע שאַרפע מעסערס, וואָס זענען מיטן מיטלסטן אויער אַנגעטאָן אויף אַ הויכלעכן שטעקן. דער מעסער איז אויסגעבויגן, ווי אַן /8/. אָט אַזוי שאַטקעוועט מען אָן דאָס קרויט. אין אויוון זידן טעפּ, די דיישקעלעך שטייען אין הויז און אין קאַמער אָדער „סטעפּקע", ווי מיר רופן זי, רייַנע, אויסגעפּאַרעטע.

אין סטעפּקעלע שטייען כסדר זאַכן, וואָס מיר האַלטן אויף ווינטער, און אויבן אויף דער סטעפּקע, בישט אַזוי הויך, שטייען קוטשקעס — שטייגן אַזעלכע פּאָר געענדז און קאַטשקעס. דאָס איז אויף פּסחדיקן שמאַלץ און אויף אַ גאַנץ יאָר. יעדע זאַך האָט זיך איר צייט. היינט גייט די סדרה פון שטעלן קרויט. מאָרגן, אַז מירן דערלעבן, וועט אַלץ זיין צוריק צוגעקליבן, שטיל, שיין, און ריין. דאָס קרויט וועט שוין זייערן און שפּילן, דערנאָך אַפילו דרעמלען איןביידע דייזשקעלעך — אין סטעפּקע אין

ווינקעלע. אָבער איצט האָט די מאַמע קיין צייט נישט אַפּילו אויף מיר אַ קוק טאָן.

— נעם — זאָגט זי — אָט־אָ אויפן טאַפּטשאַן אויפן ווינקעלע פאַר־שפּרייט אַ האַנטוך, נעם זיך ברויט, זאַלץ, אַ מעסער, אַ לעפל, אַ טעלער, וועל איך דיר געבן אַ ביסל וואַרעמען געקעכץ.

אַ ביסעלע וואַרעם געקעכץ איז גוט, אָבער ס׳ווילט זיך נישט זיין אַליין אין קיך. ס׳ווילט זיך זיצן אין שטוב און קוקן אויף די ווייסע טשיפּיקעס קרויט, זיי זענען, אַזוי ווי לעבעדיקע שעפּסן, וואָס קלעטערן אַרויף אַ באַרג.

די מאַמע צעשניידט פאַר מיר אַ פרישן קאַטשאַן, אַ פייכטן אין דער לענג אויף צוויי העלפטן און שאָבט מיר און מיטן אויבערטייל פונעם מעסער אַ ביסל „מעשקע".

ס׳איז געשמאַק. כאָטש ס׳איז נישט געקאָכט און נישט געבאַקט. נאָר ווי באַלד די מאַמע האָט אָנגעשאָבן און מיר דערלאַנגט, איז עס אַ פאַר־טיקער מאכל.

ס׳טרעפט, אַז דער טאַטע רעדט צו מיר ווינציק, אָבער ס׳איז אַזוי ווי גערעדט...

איך זאָל אים געבן אַ טשוואָק...

לויף איך אַרויס אין הויז, דערלאַנג פון אונטער דער שאַפע און ברענג צום טאַטן דעם טשאַווון מיט טשוועקעס און שרייפלעך און האָקעס און אייזן. טשוועקעס האָבן מיר דאָרטן אַלערליי: גרויסע און קליינע, אַלטע און נייע און אויסגעבויגענע. און דער האַמער איז אויך אונטער דער שאַפע. דער טאַטע גייט אַוועק מיטן האַמער מיט די טשוועקעס. פויל איך זיך נישט, טו און דעם פאַלטאָ און גיי זען, וואָס דער טאַטע וועט דאָרטן טאָן אין שטאַל.

אין חדר אַריין בין איך געקומען, ווי אַלע מאָל — שפּעטלעך. נאָר די טועכצן, וואָס איך האָב איבערגעלאָזן דאָרטן אין שטוב, לעבן ביי מיר אין געדאַנק און אין דער פאָרשטעלונג: די טשיפּיקעס איינס אויף איינס גאַנצע בערג אויפן קאַנאַפּע און אויפן באַנק־בעטל, דאָס מולטערל און דער אויסגעבויגענער שאַרפער האַקמעסער אָנגעטאָן אויפן שטעקן.

אמת, ביי טאָג איז אין חדר דאָס גרינגסטע לערנען. מיר נעמען צום טיש די צונויפגענייטע העפטן, די טינטערס מיט די פענעס און מיר שרייבן וואָס ס'מאַכט זיך. אַ מאָל פון אַן אַפּיר, אַ מאָל שרייבן מיר אַן אייגענעם געדאַנק און אַ יינגל, וואָס האָט נישט קיין גוטן קאָפּ צו קיין „געדאַנקען", קלערט ער אַ ביסל און קלערט, זיצט און זיצט און שרייבט, פון דעסטוועגן, אַן אַ „געדאַנק" פון דריי שורות: טייערער טאַטע, איך בין, אַ דאַנק גאָט, געזונט, גיב גאָט דאָס נעמלעכע פון דיר צו הערן. אמן!

און כדאי דאָס פּערטל פּאַפּיר זאָל נישט בלייבן ליידיק, שרייבט ער אַן דאָס זעלבע צוויי און דריי מאָל. דאָס איז טאַקע דער גרינגסטער געדאַנק. און דער רבי לייענט אונדז דער נאָך דעם איטלעכנס „געדאַנק" אין דער הויך. אויב נישט, לייענט יעדעס יינגל זיין אייגענעם „געדאַנק" און מיר לאַכן אַלע. ווייל יעדער געדאַנק הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: „טייערער טאַטע", „טייערע מאַמע", אָדער „טייערע ליבע עלטערן". אָדער „אחי יקירי, משה". אָבער דאָס וואָס גייט ווייטער, איז שוין נישט אַלץ איינס. יעדערער שרייבט זיך מיט זיין אייגענעם געדאַנק.

ווינטער, איז דער טאָג קירצער, אַז מיר ווערן פריי פון די געדאַנקען, קענען מיר אַ ביסל חשבונען, אָדער שרייבן רוטיש, און אויב דעם רבין איז פון עפּעס גוט אויפן האַרצן, זיצט ער און דערציילט אונדז אַ מעשה פון דאָרפס־יידן, פון גוטע־יידן, פון גזלנים און ס'ווילט זיך אַזוי הערן אַלצדינג, וואָרעם אַלץ וואָס ער דערציילט איז אמת און זייער ריכטיק, נאָר אַזוי האָט עס געמוזט פּאַרקומען, וואָרום דער גרעסטער גזלן האָט זיך מיט זיין געדאַנק ווייט דערלאַנגט, האָט זיך, סוף־כל־סוף, מגייר געווען און איז געוואָרן דער גרויסער, ערלעכער ייד, מ'איז צו אים געפאָרן פון דער וועלט און מע האָט צו אים געשריבן קוויטלעך...

דערווייל ווערט טונקל אין שטוב און דער רבי גייט אַוועק דאַווענען מנחה. מיר זיצן נאָך אַ ביסל פאַרטיפט אין דער מעשה, וואָס דער רבי האָט אונדז דערציילט און דערנאָך נעמען מיר אַ ביסל קאָמאַנדעווען אין דער פינצטער. ווער ס'איז נישט פויל, גייט אַרויס אין דרויסן זיך אַ ביסל גליטשן אויפן אייז. דער לאָמפּ ברענט נאָך נישט, נאָר מיר דערמאָנען זיך, אַז מיר דאַרפן עפּעס איבערבייסן. יעדערער האָט מיט זיך וואָס־עס־

איז געבראַכט — ווער ס׳עסט אַ שטיקל ברויט מיט שמאַלץ באַשמירט. ווער ס׳עסט ברויט מיט הערינג, אַ שטיקל חלה מיט האָניק. אייניקע ייִנגלעך ברענגען מיט זיך אַ קויל טאַלאָקנאַ. טאַלאָקנאַ איז עפּעס אַ מאכל פון האָבערנער מעל, פּייכט און צוגעזאַלצן פון דער גרינג. אַנדערע ייִנג־לעך ברענגען אַ שטיקל זיסע ברוקווע, ווער ס׳עסט אַ רעטשענעם קאָרזש און גיט נאָך די חברים צו שטיקלעך. כאַלווע קומט אויך אַ מאָל אַריין אין חדר. ביי אונדז רופט מען עס „אַליוואר״, נאָר דאָס איז שוין אַ נאַשעריי. אַן אַנדער ייִנגל עסט ברויט און בייסט פון אַ ציגעלע צוקער צו קליינע שטיקעלעך — אַזוי ווי מיר זענען אַזוי פאַרטאָן מיט אונדזער טועכץ, אין פענצטער שיינט אַריין די לבנה, פון קיך זעען מיר אַ שטיקל שיין אויפן פּאָל פון דער ברענענדיקער הרובע, דערוויילל הערן מיר ווי דער רבי איז שוין דאָ.

— וואָס זיצט איר אין דער פינצטער? — פרעגט ער נאָך אין קיך.

— מירן נאָך באַווייזן — ענטפערט אים די רביצין מיט איר גוטן, מונ־טערן קול און אָט־אָ טראָגט זי שוין דעם אָנגעצונדענעם פּוסלאָמפּ מיטן אויסגעווישטן גלעזל און שטעלט אים אַוועק אויפן מיטן טיש. די ווענט פון חדר און מיר אַליין און די ווינקלעך־שאַפּקעלעך — אַלץ באַקומט איצטער אַן אַנדער פנים... כאָטש ס׳איז בעסער, וואָס ס׳איז ליכטיק, איז אָבער פריער געווען אַזוי ווי פריילעכער. מיר זעצן זיך אויס אַרום טיש, יעדערער אויף זיין אָרט און מיר נעמען די גמראָס. ווער האָט עס צוגעטראָכט גמראָס אויף אונדזער קאָפּ, ווייס איך אַליין נישט. נאָר ווי מיר הייבן אָן לערנען, זענען שוין די גמראָס אויך נישט אַזוי פרעמד. שור שנגח את הפרה?!

ס׳איז אַ הרפּה צו זאָגן, אַז פון דער גמרא האָב איך ווייניק וואָס פאַרגעדענקט. ס׳איז נאָר פאַרבליבן אין זכרון די אויסערלעכע און אינע־ווייניקסטע מראה פון דער גמרא. די גרויסע אותיות און דער שער־בלאַט, די פעטע מיטלשטיקער גמרא אייגעפּאַסט צווישן צוויי ברייטע זוימען מיט רש״י־כּתב — פון איין זייט רש״י, פון דער צווייטער זייט תוספות, די גרויסע אותיות דאָרטן ווו ס׳הייבט זיך אָן די משנה. אַנדערע בלעטער קומען אויס, אַזוי ווי אַ שטיוול. גמרא אַ סך און מפרשים ווייניק. פאַר־קערט, אַן אַנדער בלעטל איז אַרום און אַרום מפרשים — אי פון אויבן,

אי פון אונטן און גמרא אַליין איז אַ קלײנינקער פירעקיכיקער קורצער פּאַס. אַז מיר זאָגן: שנים שאוחזין בטלית שטעלן מיר זיך אַ ביסל פּאָר די לעבעדיקע מענטשן װאָס זײ שלעפּן דעם טלית פון בײדע עקן, נאָך גוט, װאָס זײ צערײסן אים נישט אויף קײן שטיקער.

זה אומר כלה וזה אומר כלה שלי.

און אַזוי איז, װײַזט אויס, די װעלט: װען אַלע זענען אָרנטלעכע און שטילע, װאָלט מען דאָך קײן דינים נישט געשריבן און מע װאָלט קײן גמראס נישט געדרוקט, און מע װאָלט נישט געדאַרפט קײן סודיעס מיט קײן אַדװאָקאַטן. און דאָ, אַז דו קוקסט זיך צו, געװינט דער גערעכטער נישט קײן סך מער פונעם אומגערעכטן — מע פּסקנט צו דעם האַלב און דעם האַלב. אויף גאַטס װעלט זענען דאָ גוטע און שלעכטע, ערלעכע און אומערלעכע, קעץ און מײַז, װעלף און שאָף. יעדערער האָט זיך זײַן װינקל און זײַן נאָרע און װער ס'שעכט — דער בלײַבט גערעכט. און װי איז צו דעם, װער ס'פּאַקט זיך אונטערן חלף און אונטערן װאָלפס צײן.

אָבער די װעלט בלײַבט זיך די זעלבע. די זון גײט אויף און פאַרגײט. די בהמות מעלקן זיך, קעלבן זיך. די קלײטן זענען אָפן, דער באַ־לעגאָלע קנאַקט מיט דער בײטש, די פערד פירן, די רעדער דרײען זיך, די מיל מאָלט, דער װאַלד גרינט, דער פראָסט גרימערט און מיר, קלײנינקע יידעלעך, גײען אַלע טאָג אין חדר. װינטער טראָגן מיר אַ פלעשל גאַזע װעמענס טאָג עס איז און שכר־לימוד־געלט דעם רבין גיבן מערסטנס די עלטערן אַליין. נאָר װען־נישט־װען שיקט מען צו מיטן קינד. דער רבי אָדער די רביצן נעמט צו שטיל, אָן איבעריקע רײד — דעם חשבון װײסן זײ, װײַזט אויס, גוט. זײ װײסן אַפילו, װי די געבראַכטע צען גילן זענען פאַרן רבין װינציק און פאַר די אָרעמע עלטערן, װאָס צאָלן — אַ סך. אָבער אַזוי איז די װעלט.

* * *

לערנען אויף דער נאַכט אין חדר, דוכט זיך מיר — איז נישט דער רבי דאַרף עס און נישט די תלמידים קומט פון דעם עפּעס אַרויס. דער־

פּאַר, אַז די ווייזערס אויפן זייגער גייען צו צו ניין, הייבט זיך אויף אַ רוקעניש פון די בענק, אַ טופּעריי פון די קינדערשע שטיוול, אַ פּריי־לעכער געררייד לעם די פּאַלטעס מיט די לאַמטערנעס, כאָטש מיר ווייסן, אַז אין דרויסן איז פינצטער און קאַלט. אין דרויסן איז אַ מאָל וואָכן דורכאַנאַנד אַ טיפע בלאָטע אויף נישט אַרויסצוקריכן, פאַרביי דעם ליי־דיקן פינצטערן בית־מדרש איז אויך אַ ביסל אַ מורא, נאָר די ייִנגלעך זענען דאָך איצט אין איינעם. ערשט, אַז מיר הויבן זיך אויף אויפן בערגל, הויבן מיר זיך אָן פאַנאַנדערגיין אין פאַרשיידענע זייטן. אַ מאָל זעט מען אַפילו נישט, אַז אַ ייִנגל גייט אַוועק, מען זעט נאָר, אַז אַ לאַמטערן גייט אַוועק. די לאַמטערנס זענען מערסטנס פּאַפּירענע, קיילעכדיקע האַרמאָניעס אויסגעפּעטיקטע מיט עפּעס — דאָס פייער זאָל זיך בעסער דורכלייכטן. אַ טייל לאַמטערנס זענען הילצערנע מיט דריי און מיט פיר טאַפּליעס, אין אַנדערע עפנט זיך אַ טירל, מע זאָל קענען אַריינשטעלן און אָנצינדן די ליכט. אין אַן אַנדערער רוקט זיך אַרויף די טאַפּליע אָנשטאָט אַ טירל. נאָך וויניציקער זענען דאָ בלעכענע לאַמטערנעס געברענגטע פון ערגעץ. צו דער בלאָטע געוווינט מען זיך צו, צום טיפן שניי געוווינט מען זיך אויך צו. אין מאַרק און אין גאָס איז ליידיק — מען זעט אַפילו נישט קיין משוגענעם הונט, וווּ נישט וווּ לייכט זיך אַ פענצטער, אָדער אַ שפּאַ־רונע דורך דעם לאָדן.

אַן אַנדערש מאָל הייבן מיר אויף אַ געזאַנג סאַמע ביים אַרויס פון חדר. דער ניגון איז אַ שמחת־תורהדיקער, אַן ווערטער, נאָר הויך און לע־בעדיק. זינגען האָט אונדז קיינער נישט געשטערט. די בלאָטע איז אויפן גאַנצן אַרום גלאַנציק און צעפּלאָסן, כאָטש טו זיך אויס און לאָז זיך שווימען, כאָטש נעם און שפּיגל זיך אין איר, אָבער אַז מען זינגט און די לאַמטערנעס הוידען זיך איז פריילעך. אַ מאָל גייט מיט אונדז אין איינעם אַ גרויסער נאַסער שניי. מיר ווערן באַקלעפּט פון אַלע זייטן. די ליפּן, די נאָז און די ברעם זענען נאַס. דער לאַמטערן זעט אויס, ווי איבעריק, כאָטש טו אים אַ וואָרף אינעם טיפן שניי אַריין, אָדער לאָז אים איבער אויף אַ פרעמדער טיפער פּריזבע.

לעם דעם באַראַנס שטוב אויף דער ליסטווענער גאַס בין איך שוין

אין גאַנצן אײנער אַלײן. בכלל האָב איך ליב בלײַבן אַלײן. ס׳קלערט זיך עפּעס בעסער פון אַלערלײ זאַכן. אָבער איך האָב אַ ביסל מורא — פאַר װאָס? ס׳שוין שפּעט, קײן געװײנלעכע מענטשן גײען איצט נישט אַרום אין ערגעץ. װאָס זשע דען? אַ משוגענער קען אין מיטן דרינען פון ערגעץ אַרױסשפּרינגען. מלכה חװה־פּערלס, נישט קײן הױכע, נאָר מיט געזונטע, געפּאַקטע באַקן, רױטע, װי פײַער און מיט צעפּלױגענע אױגן... איך האָב שטאַרק מורא זיך באַגעגענען מיט אַ משוגענעם. און טאָמער גנבעט זיך אונטער אין דער פינצטער אַ הונט? דער נאַרישער אָרעמער הונט װיל זיך נאָר צולאַשטשען — ער פילט זיך עלנט און בידנע — אָבער איך דערשרעק זיך פאַר דער אומגעריכטקײט.

און אָט איז באַלד משה יהודיתעס שטוב. און דאָ איז יענע װאָך עמעצער געשטאָרבן. זײ האָבן אױסגעגאָסן דאָס װאַסער אױפן מיטן גאַס, היט איך זיך, ערשטנס, איך זאָל נישט אַרײַנטרעטן אין יענעם אָרט, צװײטנס, בין איך דאָ אײנער אַלײן פאַרבײַ משהס נידעריקע פענצטער און טאָמער שלאָגט זיך דאָ די עלנטע, באַקעטע נשמה און דראַפּעט זיך אין אַ שקאַליובינע, איז מיר אַ רחמנות אױף איר און אין דער זעלבער צײַט מיאוס איך מיך פון עפּעס. װי עס איז, בין איך שױן אַנטקעגן דער רױטער געמױערטער באָלניצע. דאָרטן ליגן אַלערלײ שלאַפע, װאָס קענען נישט אַנטשלאָפן װערן איבער די װײטיקן... ס׳איז זײ שלעכט און אומהײמלעך. מיטרעס געסל איז טױט, שטום און פרעמד, אַז איך בין זיך מחיה, װען איך װער שױן פון איר אױסגעלײזט. איצט אױף אונדזער אָפענעם שטיקל שיניצע־פּלאַץ איז שױן עטװאָס פרײַער. איך פיל, װי איך בין פאַרשװיצט אונטער דעם גראָבן פּאַלטאָ, װאָס איז באַקלעפּט מיט שנײ. די פיס פּלענטען זיך מידע, מידע. דער לאַנגער פּאַלטע קלאַפּט מיר פון אונטן איבער די פיס און לאָזט מיך נישט זיך צוהערן צום אַרום. איך בין אַרײַן אין אונדזער שמאָל פינצטער הײזל. נאָך דעם־אָ קלײן שטיקעלע װעג זאָל מיך קײנער נישט אַ כאַפּ טאָן הינטן־אַרום. און אָט איז שױן, אַ דאַנק גאָט, די ליכטיקײט און די װאַרעמקײט פון אונדזער אײגענער שטוב. די שטוב איז אין דער שעה נישט אַזױ װי געװײנלעך, אָבער באַלד

וועל איך אַראָפּציען פון זיך די פּאַלטע, אַראָפּטרייסלען פון אויער דעם שניי און זיך זעצן צום טיש, וועט שוין אַלץ זיין ווי געוויינלעך.

אמת, אַלע אַרבעטן זענען שוין ביי די שטוביקע געענדיקט, מיר גייען פרי שלאָפן. ס׳איז אַפילו שטיל אין שטוב, שטילער, ווי געוויינלעך, נאָר דער סאַמאָוואַר איבערן מיטן טיש שטייט נאָך אַ הייסער, אַ פּאָר גלעזער און פּאַרצעלייענע טעפּלעך, ברויט, קרויט, געקאָכטע קאַרטאָפל אין מונ־דירן... יאָ, מע דאַרף כאָטש וואָס ס׳נישט איז איבערכאַפּן...

מעגלעך, אַז איך טו זיך אויס דער לעצטער. דאָס גלאָטע אויסגערי־בענע ווענטל פון דער הרובע רעדט צו דער שטילקייט מיט וואַרעמע כוואַליעלעך היץ:

אַ גוטע נאַכט...

זיך לייגן מיד און אויפשטיין פריש. און... שפּעטער־צו וועלן מיר אפשר אויפשטיין; וועט ס׳וועט שוין זיין אין גאַנצן זומער.

* * *

אין כעלעם האָט זיך דאָך געטראָפן אַ מאָל אַ מעשה: ס׳איז אויסגע־פאַלן זייער אַ ריינער פרישער שניי, שטעלט זיך אַ פראַגע: גאַנץ פרי, אַז דער שמש וועט דאַרפן גיין וועקן צו תהילים, וועט ער דאָך צעטרעטן זייער אַ סך שניי?!

האָבן די חכמים געקלערט און באַקלערט... איר האָט שוין געזען אַ מאָל, אַז די כעלעמער חכמים זאָלן עפּעס איבערלאָזן אַ זאַך נישט קיין באַקלערטע? האָבן זיי באַקלערט, אַז כדי דער שמש זאָל פאַרשפּאָרן צעטרעטן דעם נייעם שניי, וועט שטאָט נישט זיין קליין צו דינגען צוויי מענטשן, וואָס וועלן נעמען דעם שמש אונטער די פאַכוועס און זיי וועלן אים טראָגן... ביי אונדז פלעגט אויך אויספאַלן אַ שייבער שניי. און אַזוי ווי אויפן שטיקל פרייען פלאַץ פון אונדז ביז מיטרעס געסל גייען ווינציק מענטשן, פלעגן מיר טאַקע פון אין דער פרי אַליין געוועזן באַדאַרפן אויס־טרעטן אַ וועג. כאָטש דער שניי איז טיף אַריבער די שטיוול, פלעגט ער אין די שטיוול אַריין נישט פאַרקריכן. דערנאָך, אַז מיר זענען שוין אַרויף

אויף אַ סטעזשקע, האָט מען געקענט אַרומקלאַפּן די שטיוול מיט אַ שטעקן, אָדער אַראָפּשאַרן דעם שנײ מיט אַ הענטשקע. און דער פרימאָרגן שײַנט און אויפן האַרצן װערט מוטיק, אַפילו פון דעם רײנעם שנײ אַלײן.

און גראָדע חנוכה איז דער נײַער שנײ געװען אי פרישער, אי נישט קײן טיפער. חנוכה איז דיר גוט מיט אַלע זאַכן: חנוכה לערנען מיר נישט אויף דער נאַכט. און אַפילו בײַ טאָג לערנען מיר אויך, װי ס׳מאַכט זיך. מיר שפּילן אין קלײנע קערטעלעך, מיר שפּילן אין קװיטלעך און מיר שפּילן אין דרײדל. פאַראַן ײנגלעך, װאָס גיסן אַלײן אויס צינערנע דרײדלעך, װאָס אַפילו קײן פאַבריקע װעט נישט מאַכן אַזעלכע דינע, גלאַטע מיט פיר לענגלעכע שמאָלע פליגלען. אויף אַלע פיר זײַטן פונעם דרײדל זענען דאָ ײדישע געדרוקטע אותיות פון „שם״, „היה״, „נס״, „גדול״ — ש. ה. נ. ג. און אַז מע לאָזט אַזאַ דרײדל גײן איבערן טיש, גײט זי אַזױ שטיל און אַזױ אײדל און הערלעך, אַז זי דערמאָנט אַן עלטערע רײַך אויסגעפּוצטע ײדענע פון אַ געהויבענער מיוחסדיקער, רײַכער משפּחה אין אַ טאָג פון שמחה.

זאָגן דעם אמת, טאַקע דעם גאַנצן אמת, האָב איך אַלײן זיך קײן מאָל נישט אויסגעגאָסן קײן דרײדל מיט די אײגענע הענט, כאָטש ס׳איז גאָר־נישט אַזױ שװער. לאָמיר רעדן פּראָסט. װאָס איז דאָ אַזױ די שװעריקײט?! מען נעמט אַ קורץ, פּײַכט שטיקל שטעקן, מען צעשפּאַלט אין דער לענג אויף פיר גלײַכע טײלן, אינעװײניק הױלט מען אויס די טײלן, אונטן דובעט מען אויך אַן אָרט, װאָס אַ דרײדל דאַרף פאַרנעמען, סײ מיטן הענטעלע, סײ מיטן פּיסעלע, סײ מיט די לענגעכיקע שמאָלע פליגל, מיט פיר אויסגעהױלטע אותיות בײַ די זײַטן. איצט שטעלט מען צונויף די פיר טײלן צוריק, װי דאָס שטעקל װאָלט געװען גאַנץ פון אָנהײב אָן און מען פאַרבינדט זײ שטײַף מיט אַ שפּאַגאַטל. דערנאָך שאַבט מען אָן צין אין אַ לעפל, מע בעט אויס בײַ דער מאַמען אַ לעפל, װאָס טויג שוין נישט צום טיש, מען צינדט אָן אַ ליכט און מע צעלאָזט דעם צין איבערן פײַער. אַז דער צין איז שוין צעלאָזן, גיסט מען אים געהיט אַרײַן אינעם אויס־געהױלטן שטעקעלע — דאָס הײסט אין דער פאָרמע אַרײַן. און אַז ס׳קילט זיך אַ ביסעלע אָפּ, נעמט מען און מע צעבינדט געהיט און מע צענעמט

די פיר טײלן, פֿאַלט אַרױס אַן אמתע, אַ לעבעדיקע, נײ־געבױרענע דרײדל. טאָמער זענען װי נישט װי צוגעקלעפּט שטיקלעך אָדער פלעכטעלעך אָפּ־געקילטער צין — ציכטיקט מען זײ אַרום מיט אַ שאַרף מעסערל און דו האָסט פֿאַר זיך אַ צירונג, אַ הײליקע זאַך, װאָס לעבט און פרײט דאָס האַרץ. דו קערסט אָפּ אױף רײן דעם טיש און נעמסט עס אַן פֿאַרן דינעם הענטל, טוסט אַ דרײ צװישן די פינגער און אַ לאָז איבערן טיש. גײט אַװעק די כלה איבערן טיש, װי אַ לעבעדיקע. די פיר לאַנגע, אײדעלע און דורכזיכטיקע פליגל גיסן זיך צונויף אין אײן קרײז און די שטילקײט, די הערלעכקײט! און לאַנג שטײט זי דערנאָך די שטילע שמונה־עשרה, דערבײ טוט זי אַ פֿאַר מאָל אַ ציטער און לײגט זיך אױס אױפן טיש. אַזש דאָס האַרץ הײבט אַן ציטערן צוזאַמען מיט דעם.

אַז דאָס דרײדל ליגט שױן, טוען מיר אַ קוק, װעלכער בוכשטאַב איז פון אױבן — אַ נון, אַ שין, אַ הײ, צי אַ גימל, װײל מיר שפּילן אױף דערױף.

געלט האָבן מיר אַלע. װער — מער, װער -- װײניקער. זילבער און קופּער. ס׳זענען פֿאַראַן רײכע ייִנגלעך, װאָס האָבן אַפילו אַ קערבל פּאַפּיר־געלט און דער רבי אַלײן שפּילט אױך אַ מאָל מיט אונדז. ער שפּילט אין אַ געלעכטער, אָבער מיר קוקן אױפן אות פונעם דרײדל מיט אַן אמת.

צום רבין קומט אַ מאָל אַרײן רב משה אַברהם פּסחס שמערלס, אָדער אַן אַנדער שכן און זײ שפּילן אױך אין קװיטלעך ביז אײן און דרײסיק. װער ס׳שפּילט אױס דעם אײן און דרײסיק, יוערט אױף אים אַ שמחה. ס׳װילט זיך גאַרנישט גײן פון חדר אַהײם עסן װאַרמעס, אַזױ װאָלטן מיר נאָך געשפּילט ביז נאַכט. אָבער אַז איך קום אַהײם, איז אױך גוט. שפּילן מיר מיט די שװעסטער אין קלײנע קערטעלעך, אָדער מיט פײגלס קינדער און אין אָװנט שפּילט אַפילו דער טאַטע אַלײן מיט אונדז. דער טאַטע, די מאַמע.

חנוכה איז אַ יום־טוב אַ שײנער, אַפילו דאָס גרײטן זיך אַלײן. ערשטנס, גרײט מען צו דאָס חנוכה־לעמפּל, מען שײערט עס אױס, מען פּוצט עס אױס, בײ װעמען ס׳איז פון בלעך, בײ װעמען פון צין מיט

צוויי לייבן ביי ביידע זייטן. און ביי דער מומע איז ירושה פונעם זיידן — אַ קופּערן חנוכה־לעמפּל, מען קען מיט אים פּלעטן אַן אָקס דעם קאָפּ, אַזוי איז עס שווער און האַמעטנע. יעדעס לעמפּעלע באַזונדער איז איינ־געשרויפט אינעם פוסבאָדן. מע שרויפט עס אָפּ, מע שייערט עס אויס, בלישטשעט עס, ווי אַ סאַמאָוואַר. וועקסענע שמשים קויפן מיר אַכט שטיק — ביי קאַפּלען אין בית־מדרש. הוץ דעם זענען נאָך דאָ אַנדערע טועכצן. אייניקע ייגגלעך קלייבן צין אויף דריידלעך. זיי קלייבן, קויפן צו, בייטן אויס פּאָר עפּעס. מען ריכטעוועט צו די פאָרמע. מיר איז אַפילו סטראַשנע וועגן דעם צעלאָזענעם צין, ווייל ייגגלעך דערציילן, אַז „שריפה", וואָס גייט אַריין אין די „אַרבע מיתות בית־דין" פּלעגט מען דעם פאַרמשפּטן נישט וואַרפן אין פייער אַריין, נאָר מע פּלעגט אים פּשוט אַרייננגיסן אין גאָרגל אַריין צעשמאָלצענע צין. דערפאַר איז מיר סטראַשנע גיסן זודיקן צין אין גאָרגל אַריין, ווייל דער זינדיקער, ווען מען גיסט עס אַריין, ווערט, דוכט זיך, הייליקער און טייערער פון דעם ערלעכן, וואָס האַלט אים צו.

נו, אַז מען קוילעט ביי איטלעכן געגנדז אויף חנוכה, איז עס דאָך פּאָר אַלעמען באַוווסט. צו וואָס זענען דען די געגנדז באַשאַפן געוואָרן ? אַז מען זאָל זיי קוילענען, פליקן, ווייקן, זאַלצן און פּרעגלען שמאַלץ אויף פּסח. דאָס איז אַלץ ריכטיק. ס'איז אַפילו ריכטיק, אַז דער באַרשטש פון געגנדזנס איז געשמאַק און די גריוועלעך מיט די ציבעלקעס, וואָס כראָמשטשען זיך אַזוי געהויבן — אַוודאי און אַוודאי. אָבער די מעשה מיטן אַרויסנעמען די געגנדז פונעם שטייג, דאָס באָדן אין דער הילצערנער באַליע, דאָס לאָזן זיך זיי אָפּטריקענען פאַרן קוילען... אָשר דער שוחט קומט צו אונדז אַהיים פאַרנאַכטלעך און ברענגט דעם היפּשן חלף, די געגנדז דאַרף מען אים דערלאַנגען איינציקווייז, אוי, האָב איך עס פיינט, אַז ס'גייט שוין מיר נישט איין אַלץ דאָס איבעריקע. איך בין גליקלעך, אַז אין דער צייט בין איך אין חדר, אָדער ערגעץ אין מאַרק, און כאָטש איך האָב ליב העלפן אַלצדינג אין שטוב, זאָל איך כאָטש דאָ נישט זיין דער באַהעלפער, אַז מען פליקט און מען מאַכט די געגנדז — כמעט אויך דאָס זעלבע. און צו וואָס זענען באַשאַפן געוואָרן די געגנדז, ווייס איך

טאָקע נישט, וואָרום דאָס אייגענע קען מען פרעגן, צו וואָס זענען מיר באַשאַפן געוואָרן?!

יאָ, אָבער סאַמע דאָס שענסטע איז טאָקע, — ווען ס׳דאַרף פאַרגיין חנוכה. איז דאָס נייען זיך אַ בייטל אויף חנוכה־געלט — כאָטש מיר ווייסן שוין פון יאָר אין יאָר, אַז דער טאַטע וועט אונדז קיין טויזנטערס נישט געבן. ער האָט אַליין נישט, און קיין הונדערטערס אויך און אַפילו קיין גאַנצן קערבל — אויך נישט. אָבער וויפל גיריקייט איז דאָ ביי אונדז, ווען מיר שטייען מיט די נאָך ליידיקע צייגענע בייטעלעך און דאָס הערצעלע טיאַכקעט. דער טאַטע טוט זיך איבער, צעוואַשט די הענט, גיסט אָן בוימל אינעם ערשטן איינעם לעמפּעלע פון די אַכט, צינדט אָן דעם וואַקסענעם שמש, ער גלייכט זיך אויס, מאַכט אַ ביסעלע צו די אויגן און זאָגט מיט אַ באַזונדער שיינעם ניגון „ברוך אתה" און אַזוי ווייטער און ווייטער... להדליק נר של חנוכה און מאַכט שהחינו און בויגט זיך צו און צינדט אָן דאָס ליכטעלע. ס׳ליכטעלע צעברענט זיך שיין און לויטער, די שיין פאַלט אויף אַלע פּנימער, די מאַמע שטייט שווייגנדיק, נאָר מען זעט, אַז זי איז איבערפולט מיט אַ סך וואַרעמע שיינע געפילן, וואָס לאָזן זיך נישט אַרויסזאָגן מיט קיין ווערטער. מיר האָבן שוין אַפילו פאַרגעסן צו וואָס מיר האַלטן אין די הענט די ווייכע צייגענע בייטעלעך, וואָס פאַרציִען זיך מיט אַ שנירל. נאָר אָט דערמאָנען מיר זיך, אַז ס׳שטייט אונדז פאָר גרויסע געשמאַקע פרייד. דער טאַטע האַלט נאָך עפּעס אין זאָגן. נאָר דערביי צעשפּיליעט ער דעם סורדוט און נעמט אויף צו כלומרשט זוכן עפּעס געלט אין די זשיליעט־קעשענעס. דאָ צעעפענען מיר זיך די קאַלירטע בייטעלעך און טוען זיך אַ לאָז צום טאַטן און ער וואַרפט אונדז אַריין אַ סך דריבנע מטבעות גלייך אין די צעעפנטע בייטעלעך און די מאַמע גיט צו שטיל:

— דערלעבן איבעראַיאָר געזונט...

מיר זאָגן עס נאָך — אַ מאָל אין האַרצן און אַ מאָל מיט די ליפּן — און איצט זענען מיר גרייט זיך צעלויפן יעדערער אין זיין ווינקל און איבערציילן גיכער וויפל ווער ס׳האָט און זיך גלייך צונויפגיין ווייטער אין איינעם און פרעגן: — וויפל ביי דיר? — און טרייסלען מיט די

בייטעלעך. דאָס געלט זאָל קלינגען. און דאָס איז נאָך נישט אין גאַנצן. מע וועט אונדז נאָך געבן חנוכה־געלט ביי פּייגלען און ביי דעם פעטער זלמענען אַליין און... מיר רעכענען אויס, וואָס מירן קויפן פאַרן חנוכה־געלט!

די שוועסטערלעך ווייסן בעסער, וואָס זיי קענען קויפן: אַ לענטע, אַ קעמעלע, אַ שפּילקעלע, בייוועלעך צום אויסנייען. און טאַקע אַ בלעכענע פושקעלע מיט קליינע צוקערקעלעך, און ס׳געווען אַזעלכע צוקערקע־פּושקעלעך ווו ס׳ליגט אין גלאַנציקן הארטן פּאַפּיר אַ טעשל קערטעלעך, טאַקע אמתע — אַ ריד, אַ דאַמע, אַ יינגל, אַ צענטל פּיק, אַ צענטל ציילעם און אַ צענטל לעקעך, — אַלץ טאַקע, ווי ביי אמתע קאָרטן. און מיר שפּילן אין אַלצדינג. אַז מיר שפּילן זיך אָן, רופט אונדז די מאַמע צו און שיט אונדז אויך אָן חנוכה־געלט.

צו קאַפּעלעך, צו ביסעלעך און אַזוי ווי מע קוקט זיך נישט אַרום, האָב איך שוין ניין גילן מיט פיר גראָשן אייגן געלט.

פאַר נאַכט גיי איך זיך פון חדר אַ פרישער, אַ געזונטער, אַ רויקער, און דאָס שנייעלע פאַלט לייכט — לייכט און שטיל, אַז מע הערט אַפילו נישט קיין פּיפּס. און איך וויל נישט דינגען קיין צווויי מענטשן מען זאָל מיך טראָגן אונטער די פּאַכוועס. איך וויל, ווען קיינער זעט נישט, זיך אַוועקלייגן אויפן פרישינקן שנייעלע, אויסציען די יונגע גלידער און ליגן אַ ביסעלע נאָר פון פאַרגעניגן וועגן. דערנאָך וועל איך אויפשטיין, זיך אָפּטרייסלען און ביז איך וועל פאַרגיין צו אונדזער הויף־טירל, וועט שוין נישט זיין קיין סימן, אַז איך בין דאָרט געלעגן. דער שניי האָט שוין ווייטער שטיל, רויק און פּאַמעלעך אַלץ פאַרטרייסלט, ס׳האָט זיך שוין צוריק אַלץ פאַרצויגן מיט אַ יונג איידעלן צאַרט געוועב.

* * *

איז עס בעסער — צי ערגער, וואָס איך בין אַזוי אָפּגעריסן פון די פּויערישע שכנים?... אויף דרויסן זע איך זיי, ביי אונדז אין שטוב זע איך זיי אויך גאַנץ אָפט. זונטיק, אין אַ יום־טוב זע איך, ווי זיי שיטן

זיך אויס פון קלויסטער, נאָר ביי זיי אין שטוב און באַזונדערס אין די טעג פון זייערע יום־טובים זע איך זיי קיין מאָל נישט. ביי אונדז זענען פאַראַן גוטע־יידן, צדיקים, אַפילו לעבעדיקע. און ביי זיי זענען דאָ איקאָנעס, דער יויזל מיט אַ יידיש פנים, נאָר אָן אַ היטל. מיט די הוילע לאַנגע האָר, די הייליקע מוטער און אַרום זיי נאָך ברייט־בערדיקע פנימער, מיט שטראַלנדיקע רייפן אַרום די שטערנס און אַנדערע אָן רייפן.

נאָך אַ זאַך. אונדזערע געשמאַקע עסנס מעגן די שכנים ביי אונדז פאַרזוכן און איך — זייער עסן — טאָר נישט וועלן און איך ווייס אַפילו נישט, וואָס פאַר אַ טעם ס׳האָט. ריחות הער איך גראַבלעכע און זויערע, נאָר אַ מאָל קומען די גראָבע געדיכטע ריחות פון די פעלצן און דזשע־געכציקע שטיוול. זיי קאָכן באָרשטש, באַקן לאַטקעס, עסן ציבעלעס, עסן חזיר, נו, און אַ מאָל טרינקט מען בראַנפן. לאַטקעס באַקט מען געריבענע און רעטשענע. יאָ, מיר זענען נישט גוט באַקאַנט די יום־טובים ביי מיינע פויערישע שכנים.

ס׳איז פאַראַנען ריזלאַך: אין דרויסן איז אַ ברענענדיקער פראָסט, די נאַכט פאַלט צו גיך. ס׳איז עפּעס שטאַרק שטיל. אַ פאַרכטיקייט נעמט מיך אַרום. עפּעס זייער גאָט, וואָס קומט אַרויס פון אונדזער פאַלק, האָט אויף אונדז אַרויפגעוואָרפן אַ פלעק. דינען זייער גאָט קענען מיר נישט — מיר ווייסן, אַז ער איז נאָר געווען אַ מענטש, וואָס האָט זיך געקריגט, אָדער נישט געקריגט מיט די יידישע געלערנטע קעפּ... און אָפּלייקענען זייער גאָט — טאָרן מיר נישט. זיי זענען געזונטער, זיי זענען ביי זיך אין דער היים, אויף די אייגענע פעלדער, אויף דער אייגענער ערד. זיי האָבן אַפילו זייער אָן אייגענעם קייסער. די דעה איז ביי זיי. ווילן זיי — שלאָגן זיי יידן, ווילן זיי נישט — טשעפּעט מען אונדז נישט. ס׳איז ביי זיי אין די הענט. איצט דינען זיי אין די קלויסטערס זייער גאָט, וואָס זיי זאָגן אַליין, אַז היינטיקע נאַכט איז ער געבוירן געוואָרן ביי אַ יידיש מיידל. ערגעץ אין אַ שטאַל אינעם יידישן לאַנד. דערנאָך איז ער געוואָקסן, זיך געלערנט, דערנאָך איז ער געקרייצט געוואָרן, באַגראָבן און צוריק לעבעדיק געוואָרן און מיר האָבן פון אים די גאַנצע צייט צו זינגען און צו זאָגן. ביי אונדז רעדט מען פון אים ווינציק. דאָס

איז אמת. אָבער, אָבער די מורא הענגט איבער אונדז. איך זיץ דוכט זיך ביי זיך אין שטוב, אָבער איך בין צוגעשטילט, איך סטאַרע זיך נישט רעדן צו הויך, איך קוק אַריין אין אַ ספר און געדענק נישט וואָס איך האָב געלייענט. איך גיי תחילת אָוונט צום ברונעם נאָך וואַסער. פּרעסט אויף מיר די שרעק ביז איך דערלעב זיך אַריינכאַפּן צוריק אין שטוב.

איך וויל איין זאַך: ס׳זאָל שוין זיין גיכער דינסטיק — זונטיק און מאָנטיק איז ריזלאָך (ראָזשדעסטווא) און מיטוואָך וועלן שוין די פּויערים פאָרן מיט שליטנס נאָך היי אויף די קרוהעס, נאָך האָלץ אין וואַלד אַריין און זיי וועלן זיין צוריק געוויינלעכע פּויערים, ווי געווען. שטענדיק זענען זיי מיר ליב מיט זייער פּראָסטקייט און מיט זייער געזונט. איך האָב פאַר זיי גרויס דרך־ארץ. מיר דוכט זיך, אַז אַ פּויער, זאָל ער נאָר וועלן, קען ער פאַרפלאַנצן סעדער, אָנגראָבן ברונעמס, פאַרהאַלטן טייכן. געזונט האָט ער און די אַרבעט פאָלגט אים.

דער גלח אונדזערער איז אַ שיינער, אין די מיטעלע יאָרן, מיט אַ שוואַרצער ברייטלעכער באָרד, ווי להבדיל, ביים טאַטן, מיט אַן אויס־געפלאָכטענעם צאָפּ אונטער דעם פוטערנעם היטל. איך זע אים אַלע אין דער פרי גיין אין שקאָלע אַריין אין דער שוואַרצער ריאַסע, אין די כראָמענע שטיוול מיט די טיפע קאַלאָשן. ער לערנט מיט די קינדער אין די קלאַסן זאַקאָן באָזשי, — וועגן זייער גאָט און וועגן אונדזער גאָט. ביי אים זענען דאָ צוויי געפּאַקטע טעכטערלעך, וואָס גייען אויך אַלע טאָג אין שקאָלע אַריין אין טיפע קאַלאָשן און אין רויטע פאַלטעלעך. מיר דוכט זיך, אַז זיי זענען געקליאַרעוועטע און ריינע. אפשר שמעקט פון זיי אַ ביסעלע מיט חזיר. אָבער זיי וועלן דען ווערן טרייף איבער דעם? ס׳איז נאָר, וואָס מיר טאָרן אים נישט עסן און שוין!... דער גלח אַליין, דער פאָטער זייערער, זעט אויס שטאָטיש און שיין, אַז איך באַגעגען אים, זדראַסטוויע איך זיך מיט אים און ער ענטפערט מיר. אָבער ער ווייסט, אַז איך בין אַ ייד און טיף אין האַרצן איז ער מיר נישט קיין גוטער פריינד און דעם רב אונדזערן, חנהס טאַטן, איז ער אויך נישט אַזאַ גוטער פריינד, כאָטש אַז זיי טרעפן זיך אין גאַס, גריסן זיי זיך. דער גלח וואַרט נישט און נעמט דער ערשטער אַראָפּ דאָס היטל. רעדן קומט

זיי קיין מאָל נישט אויס צווישן זיך. דעם גלח וועט נישט פֿאַרשאַטן דעם רבס תורה, פֿאַרקערט, זיי לערנען פֿון קינדווייז אויף אונדזער תורה מיט די נביאים, מיטן תהילים און זיי רופֿן עס „וועטכי זאַוועט”. דערפֿאַר דאַרף זיך אָבער דער רב היטן, ער זאָל זיך נישט אָפּסמען מיטן גלחס תורה, די יעוואַנגעליע, נישט לייענען דאַרף ער, נישט גלויבן אין דעם מעג ער, און אַז דו טוסט אַ קוק אויף זיי, דערקענסטו, ווי זיי דערפֿילן ביידע, אַז דער איז איינער אויף דער גאַנצער שטאָט מיט אייניקע דערפֿער אַרום. איין גאָט אין הימל, איין רב איבער גאַנץ סלאָ־ וועשנע, איין יויזל אויף די איקאָנעס. איין קלויסטער אין מיטן מאַרק און איין גלח איבער גאַנץ סלאָוועשנע. דאַרף אַ מענטש עפּעס אַן עצה, דאַרף אַ מענטשן פֿאַר עפּעס אויסריידן דאָס האַרץ, דאַרף ער אין משפּחה־זאַכן עפּעס אויסגלייכן, איז צו וועמען קומט מען? — די יידן קומען צום רב, די פּויערים נעמען אַן עוף, אָדער אַ צענדליק אייער און מע קומט צום גלח.

נאָר אויך דאָ איז פֿאַראַן אַן אונטערשייד. דער גלח, אַז ער טוט אויס אין דער היים די ריאַסע, איז ער ערדיש, האָט ער אַ סך קראָפּט, אַ גוטע פּאָר פֿערד, אפֿשר איינע אין שטאָט, אַן אַקער מיט אַ באַראַנע, אַ הויף מיט בהמות, עופֿות, חזירים, שאָף, אַ פּאָר הינט, וואָס היטן אים די ווירטשאַפֿט, אַ סאָד און פֿעלדער. ער אַליין אַרבעט אפֿשר ווינציק — ער האַלט אַ געדונגענעם משרת און פּויערים העלפֿן אַ מאָל. אָבער זומער, אינעם סאַמע ברען פֿון דער פֿעלד־אַרבעט, האָב איך אַליין געזען ווי דער גלח פֿאָרט אויף אַ הויכן וואָגן סנאָפּעס. ער גייט אין אַ ווייסער לייוונטענער ריאַסע, אין אַ זומערדיקער שטרויענער שליאַפּע און האַלט די ווישקעס אין די הענט. די פֿערד וואַרפֿן מיט די קעפּ אין דער היץ. נאָר זיי פֿאָלגן, זיי שלעפּן גרינג דעם וואָגן מיטן מיוחסדיקן באַלעבאָס. וואָס זשע זעען מיר? אַז דער גלח איז ערדיש און קען, און, להבדיל אלף הבדלות, דער רב, נישט ער קען עס, נישט ער מעג עס. האַלטן חזירים, האַלטן אַ הונט?... אַ סאָד וואָלט ער אפֿשר געמעגט האָבן, האָט ער אים סיי ווי נישט. נו, מילא. סיי ווי — אַזוי פֿיל גוטע מזלדיקע יאָר, וויפֿל דער רב איז באַטעמטער פֿונעם גלח, אַז ס'איז גאָר אַ זינד צו פֿאַר־

גלייכן. און די רביצין, פרעגט שוין נישט — וויפל זי איז, קיין עין־הרע, שענער און באחנטער פון דער גלחטע. יענע איז פּראָסט, כאָטש זי האַלט זיך ווירדיק מענטשלעך, נאָר ס׳איז נישטאָ אויף וועמען אַ קוק צו טאָן.

ביי מיר איז דאָ נאָך אַ פראַגע: מיר ווינען ווייט פון דער וועלט, ווייט פון אַ באַן און ס׳זענען פאַראַן מענטשן, וואָס ווינען אין פּייטער־באַרג נישט נאָר נאָענט צום קייסער, נאָר ס׳זענען פאַראַן דאָרט אַזעלכע משרתים און דינסטן, וואָס פאָרען זיך אַרום דעם קייסער מיט דער קייסערינע אַליין, פּוצן זיי די מלבושים, הייצן זיי די וואַנע, קאָכן פאַר זיי וואַרמעס. ווילט זיך מיר פרעגן: צי זענען יענע מענטשן שוין אַזוי גליקלעך אין זייער גאַנץ לעבן?... אָדער זיי ווייסן אויך פון קרענק, זאָרג, אומעטיקייט, מקנא זיין, מורא האָבן.

מע מסרט אָן אויף זיי און זיי קאָנען נאָך בלייבן אָן ברויט?

אַן עלטסטער טשעפּעט זיך צו צו אַ ייִנגער, שיינער און איידעלער דינסט, צי זי וויל יאָ, צי זי וויל נישט. דערנאָך וואַרפט די באַלעבאָסטע אַרויס די דינסט, אַ טראַגעדיקע צי נישט קיין טראַגעדיקע, מיט שרעק־לעכע בזיונות, כאָטש די דינסט איז, נעבעך, גאָט די נשמה שולדיק... הייגט די באַלעבאַטים אַליין, זענען זיי שוין אין גאַנצן גליקלעך אין זייער לעבן? — גאָר ניין! און ערשט פון דעם האָב איך פאַרדראָס. צום ביישפּיל, מיר איז פון עפּעס נישט גוט אויפן האַרצן, קוק איך זיך צו צו אַ צווייטן און בין איבערצייגט, אַז דער גאַנצער גליק שטייט איין ביי יענעם. קוים דערוויס איך זיך אָבער, אַז יענער איז אויך ווייט פון גליק, דער גליק האָט אַפילו ביי אים נישט געגעכטיקט — ס׳גלאַט, וואָס איינעם דאַכט זיך, אַז ביים צווייטן לאַכט זיך. קומט אויס, אַז די מענטשן זענען אַלע אָפּגענאַרט. דער קריסט, דער שכן, מיינט, אַז אונדז לעבט זיך גוט, מיר מיינען, אַז דער גאַנצער גליק איז ביי אים. דו פּיאַלעסט די אויגן אויף יענעמס גליק, און ווען מע ווייזט דיר אים, וואָלסטו דערזען, אַז דאָרט זענען אויך די שטיקלעך גאָלד נישט קיין גאָלד, און די שנירן פּערל נישט קיין פּערל...

און מיר ווילט זיך, אַז גליק זאָל יאָ זיין אויף דער וועלט און נישט קיין אויסגעדוכטער, ער זאָל איינשטיין ביי אַ סך מענטשן, אין אַ סך

הייזער, אין אַ סך הויפן, און אַזוי ווי ליכט קען זיך מערן, מען קען אָנצינדן איין שפּענדל פונעם צווייטן, איין ליכט פון דער צווייטער, אַזוי זאָל דאָס גליק אויך נישט געמינערט ווערן ביי איינעם, אויב דער צווייטער וועט לעם אים באַגליקט ווערן. און אַזוי ווי איין מענטש איז נישט געראָטן אין דעם צווייטן, אַזוי זאָל דאָס גליק ביי יעדן האָבן זיין באַזונדער טעם, זיין באַזונדער וואַרעמקייט און ריח און דאַן וועט דער מענטש קענען פאַרגינענדיק אָנקוועלן און זיך פרייען אויך מיטן צווייטנס גליק.

ס׳זענען פאַראַן שטיקלעך תהילים, וואָס איך האָב אַלע מאָל ליב, ווען איך באַגעגן זיך מיט זיי: „נפשי ישובב" אָדער „תודיעני אורח חיים שובע שמחות"... אָדער „ישבעו בנים והגיחו וחרם לכולליה" אָדער „אשתך, כגפן פוריה... בניך, כשתילי זתים סביב לשלחנך". דיין ווייבל, ווי אַ פּרוכפּערדיקער וויינשטאָק, דיינע קינדער — ווי איילבירט־פלאַנצן אַרום דיין טיש. דאָס זענען גוטע ווונטשן, וואָס קענען פאַרווירקלעכט ווערן. מיר איז גוט פון דעם, וואָס איך גלויב, אַז ס׳קען אַזעלכעס זיין, אַפילו ביי מיר, ווען איך וועל אויסוואַקסן, השיה לי ששון ישעך ורוח נדיבה תסמכני

לב טהור ברא לי ורוח נכון חדש בק רבי.

איצט דאַרף איך נאָך ס׳זאָל נישט טליען קיין פיינטשאַפט פונעם גלח און פון מיינע שכנים צו מיר און צו מיינס גלייכן. ביים יידן קען מען גיך פועלן, ער זאָל זיין פריינדלעך צו זיינע שכנים, דאַן וועל איך אים קענען מכבד זיין פון מיין יום־טובדיקן טיש און אויך זיין יום־טובדיקייט זאָל וואַרפן זיינף מיר אַ שיין און נישט קיין מורא מיט קיין מרה־שחורה.

איך וואָ״ס ביי מיינע טאַטע־מאַמע אין שטוב און בין גרייט אין זיך איינזאַפּן גוטס, אַז ביי מיינע שכנים זאָל איבער דעם גאָרנישט געמי־נערט ווערן. מסכים?...

* * *

קליינע פערדלעך ביי כוועדערן, קוים מיטעלע, אויב מע קען אַזוי

זאָגן, נאָר לויפן זיי, ווי די רוחות! באַזונדערס ווינטער, ווען אין שליטן איז אויסגעבעט אַ ביסל היי, די פּאַלאָזעס זענען ביי אים געקאָוועט און פּליזען, ווי זיי וואָלטן זיך גאָרנישט צוגערירט צו דער ערד. איך ווייס נישט, צי ער קלייבט זיך צו אַזעלכע פערדלעך, צי ער הערשט איבער זיי, אַז זיי פילן זיין דוך. ביי מיטרען זענען די פערד ווילדע, פון מיטעלער גרויס, נאָר זיי פאָרן באַלעבאַטיש — אַ ביסעלע טוט מען אַ לויף, ווו ס׳איז גרינג דער וועג און אַ ביסעלע גייט מען זיך פּוס־טריט. אַז אַ פערדל טוט אַ פריכע, דערהערט ער באַלד פון מיטרעס מויל אַ וואָרט, וואָס גייט גלייך פון האַרצן: „זדראַוואָוי בולי"... נאַ־אַ, כלאָפּטשיק!... אָבער משא לייגט מיטרא אויף דער פור גענוג ברייט און באַלעבאַטיש. איצט האָט מיטרא געבראַכט צו פירן אַ שליטן היי פון די קרוהעס. שטייט ביי אים דער שליטן לעם שייער נישט אין הויף, נאָר פון פאָרנט, אַזוי ווי מען דאַרף פאַרפאָרן צו די לוכטאַנעס, דאָ, ווו ס׳איז נישט פאַרצוימט. שטייט זיך דער שליטן אויסגעשפּאַנט, אַפילו דער דישעל איז אַרויסגענומען.

וואָס־זשע שטייט ער דאָ, דער שליטן?

איז דער שכל אַ פּראָסטער: מיטרא האָט היינט גענוג היי, וויל ער דעם דאָזיקן שליטן היי פאַרקויפן. איך הער, ווי דער טאַטע מיט דער מאַמע עצהן זיך. איך האָב אויך גוסט צו היי, האָלץ, מעל, מאַקוכע, קלייען, צייג אויף העמדער און נאָך אַלערליי זאַכן וואָס טויגן אין שטוב אַריין...

— אַכצן רובל איז אַ היטל מיט געלט...

פאַר פינף און צוואַנציק רובל, ווייס איך, קויפט מען אַ גאַנצע בהמה. נאָך ווייס איך, אַז אין מאַרק קען מען קויפן אַ פורל היי, נישט שטאַרק געדיכט און ברייט געפּאַקט, פאַר פינף קערבלעך און אַ מאָי! אַפילו פאַר פינפטהאַלבן... וואָס זשע איז די מעשה? פאַר וואָס איז עס דאָ אַזאַ יקרות?

איך בין שוין געווען לעם שליטן צוויי מאָל און בין עטלעכע מאָל אַרומגעגאַנגען אַרום אים. — יאָ, דער שליטן אַליין איז ברייט און גרויס און דאָס היי איז נאָך ברייטער און נאָך העכער אויסגעלייגט און אייב־

געטראָטן. אַז דו קוקסט זיך אַזוי צו, ביסטו טאַקע מסכים, אַז אַהער וועלן אַריין פיר אָדער פינף וועגעלעך פון די, וואָס אין מאַרק.

דער טאַטע און די מאַמע האָבן זיך אויך לאַנג געישובט און דאָך באַשלאָסן, אַז וויבאַלד די בהמה כאַפּט זיך צו צום האַלאָ און שלינגט אים אַזש, איז אַזאַ שליטן מיט היי מזל און ברכה. און מיר האָבן אים צוגעציילט אַכצן קאַרבן און ער האָט אַרויסגעטראָגן פון הויף דעם דישעל, איינגעשפּאַנט די פערד און אַריינגעפירט צו אונדז אין הויף דעם שליטן היי.

דער שליטן האָט זיך מיט ענגשאַפּט קוים דורכגעשטופּט דורך די צעעפנטעביידע טויערלעך אונדזערע. מען מעג אים ווינטשן, מיטרען, אַז די הענט זאָלן אים קיין מאָל נישט וויי טאָן. אָט דאָס איז אַ מלוכה מיט היי! דער שליטן היי איז די הויך כמעט, ווי אונדזער שטאַל, העכער פון דער סטריכע איז ער געווים, און מע האָט פאַנאַנדערגעבונדן די לאַנגע שטריק און מיטרא האָט גענומען טראָגן אויף דער ווילע (היי־גאָפּל) דאָס היי, אַ טייל אויף די ווישקעס, אַ טייל אין סעלניק.

די בהמה שטייט און עסט. זי זעט, אַז קיינער טרייבט זי נישט דורך, זי וועט שוין דערנאָך טרינקען דעם פּאַילע, אַז זי וועט זיך מחיה זיין. נאָך האַלאָ ווילט זיך זייער טרינקען. און ס'האָט זיך אָנגעפּאַקעוועט אַ שטאַל מיט היי, טאַקע נאָר אַ פאַרגעניגן. אמת, אַכצן רובל איז אַ ריס פון „דער הוצאה", אָבער ס'וועט פאַרגיין איינס אויף איינס. ס'איז אַ ברכה אַזאַ פור היי. און איצט, אַז איך זע אין מאַרק אַ שליטעלע היי, פאַרשטיי איך שוין אַליין, אַז אַ פור צו אַ פור איז נישט גלייך. און היי צו היי איז נישט גלייך. איצט קען מען שוין זאָגן אויף קלאָר, אַז די פור פון אַכצן רובל איז מער מציאה, ווי דאָס פורל פינפטהאַלבן רובל. דער טאַטע און די מאַמע האָבן דאָך עס פאַרשטאַנען פון דער ערשטער שעה!

פרייטיק, אַז מיר לערנען נאָר ביז האַלבן טאָג, איז פאַרן רבין בעסער און פאַר אונדז פריילעכער און פרייער. שפּיל איך זיך, פאָלג איך דער מאַמען אַ גאַנג. גיי אין מאַנאַפּאָלקע נאָך אַ שקאַליקן 57־קער בראָנפן. און היינט האָט מען געבראַכט פון לעווקאָוויטש עטלעכע פורלעך קאָרע. די לעווקאָוויטשער קאָרע איז אַזוי ווי צימרינג. ס'איז גאָלע פלייש, אַן

ביינער, — שפּיץ־ברוסט, אמת, קליינינקע בינטעלעך און טייער דער פּרייז. אָבער אויך דאָ ווערט מקוים „שאָ דאַראַהאָ, טאָ מילאָ, שאָ דעשעוואָ, טאָ הנילאָ". העלף איך דעם טאַטן ציילן און צונויפלייגן. אין אַ פּאָר פורן זענען איינגעשפּאַנט פערד, אין אַ פּאָר — אָקסן. און פון לייבען דעם לעווקאָוויטשער איז דאָ אַ קוויטעלע, אַז בזה שיקט ער אונדז אַזוי פיל און אַזוי פיל שאָק קאָרע, און מיר איז ווייטער גוט אויפן האַרצן. איך האָב ליב יעדע איינקומעניש נישט נאָר ביי אונדז אין שטוב, נאָר אַז ס'איז אַפילו דאָ אַן איינקומעניש אין שטאָט, איז מיר אויך בעסער. די אָקסעלעך שטייען, איז זייער איינגעשפּאַנטקייט פונקט, ווי די קאָרע וואָלט געלעגן נישט אויף די שליטנס, נאָר אויף זייער האַלדז און נאַקן. די קאָרע איז פון אויבן צוגעקוועטשט מיט אַ דישעל און צוגעפעסטיקט מיט אַ גראָבער און פעסטער שטריק.

איצט וואַרפט אַראָפּ די ערשטע פור.

דער פויער טראָגט צו פינף בינטלעך, ווען מען וויסן אַ צאָל.

אָט העלפן שוין די איבעריקע פויערים אויך און... אָקסעלעך קייען דערווייל די זשויקע.

דער טאַטע שיקט מיך אין שטוב אַריין פרעגן, צי מען קען אויפשטעלן דעם סאַמאָוואַר, געבן די פויערים צו גלעזלעך טיי?

— יאָ — זאָגט די מאַמע — מען דאַרף זיי געבן.

די מאַמע האָט ליב אויפנעמען מענטשן, וואָס אַרבעטן, ווען מיט אַ גלאָז טיי, ווען מיט אַ שטיקל ברויט, מיט אַ שטיקל צוקער.

אָט זענען שוין אַלע פורן אויסגעפּאַקעוועט, די שטריק ליגן אויף די ליידיקע שליטנס, דער דישעל ליגט אויסגעצויגן אין זיין גאַנצער לייידיקער לענג. די פערדלעך, די אָקסן זענען שוין מסכים פאָרן אַהיים, נאָר די באַלעבאַטים זייערע טרינקען נאָך טיי, בייסן צוקער פונעם שטיקל און ס'איז צו זען, אַז ס'געפעלט זיי דער הייסער געטראַנק. און די שטוב, און דער אויפנאַם. אין שאַפע, אַז איך טו אַ קוק, איז שוין די פריש צונויפגעלייגטע קאָרע, ווי אַן אויסגעמויערטע וואַנט, די וואַנט איז אויך נעענטער אַ ביסל צום סטאַמפ־צו. איך וויל אומעטום זען: וואָס ס'טוט זיך אין האַרבאַרניע? וואָס ס'טוען די פויערים, די פורמאַנעס אין שטוב?

און צי ס׳שטייען נאָך אַלע פורן אין הויף? אָבער אָט־אָ גייען שוין די פּויערים איינציקווייז, די בערד זענען שוין ביי זיי נישט קיין פאַרפרוי־רענע. זיי בינדן אונטער די באַשליקעס, טוען אָן די גראָבע הענטשקעס, שטעלן זיך אויף די קניעס, יעדערער ביי זיך אויפן שליטן. איך האָב זיי געעפנט די טויערלעך און פּאַשאָל — אַלע פורן זענען אַוועק איינס נאָך איינס אַרויף אַ באַרג צום שיניצע־צו. די אָקסן זענען אַרויסגעפאָרן די לעצטע.

איך פרעג ביים טאַטן, צי ער האָט אָנגעשריבן לייבען צוריק אַ קוויי־טעלע?

— יאָ, — ענטפערט דער טאַטע און קוקט אויף מיר אַזוי ווי גערן, וואָס ס׳אַרט מיך שוין די באַלעבאַטישקייט.

* * *

דריי רביים פון אמתע רביישע הויפן פאַרפאָרן צו אונדז קיין סלאָ־וועשנע איין מאָל אין יאָר: רב שלומקע דער טשערנאָבילער, רב ישראל דער סטאָלינער און רב אלטער־יוסף־דודל דער אָליקער.

די טשערנאָבילער חסידים פרייען זיך מיט רב שלומקען. די סטאָ־לינער — מיט רב ישראלן און מיט זיינע גבאים און אונדזערע, די אָליקער, פרייען זיך און בענטשן זיך מיט ר׳ אלטער־יוסף־דודלען און מיט זיינע מענטשן. אַז אונדזערער, זאָל לעבן, דאַרף קומען, ווייסן מיר שוין — מען איז צונויפגעשריבן צווישן זיך מיט בריוו און מע דינגט פורן און מע פאָרט אַרויס דעם רבין אַנטקעגן. נישט גלאַט געפאָרן, נאָר טאַקע מיט אינעווייניקסטער פרייד. מיט ליבשאַפט און מיט פאַרכט. און ערגעץ לעם בילקע דערזעען מיר פון דער ווייטנס דער רבי פאָרט אין זיין אײדל טולופּל, וואָס איז גראָם, ווי אַ ברייטע ראָטאָנדע, אינעם שטריימל, אין דעם וואַרעמען שאַליק אַרומגעוויקלט און די גבאים אַרום אים.

וואָס עפּעס נאָר די גבאים? אַפילו די פערד ביי אונדזער פורמאַן זענען דערהויבן, אַפילו אויף זיי רוט די שכינה. אונדזערע פורן שטעלן

זיך אָפּ, בלייבן שטיין. די חסידים שפּרינגען פון די שליטנס, מען לויפט צום רבין אַנטקעגן, מען פרייט זיך מיט אים, מע טאַפּט זיינע אַרבל, זיין פּלייצע, ביי אַנדערע רינען טרערן פון די אויגן פאַר פרייד. די פורן דרייען זיך אויס אויף צוריק מיט די פנימער, נאָר דעם רבינס פור לאָזט מען אַרויס צום ערשטן.

צי פאַרשטייען די פויערישע פורמאַנעס, וואָס דאָ טוט זיך?

מן־הסתם פאַרשטייען זיי. ווי דען? זיי זעען דען נישט, וויפל פרייד, וויפל אָפּשיי און דרך־ארץ? און מיר זיצן שוין צוריק אויף אונדזערע שליטנס, טאָמער האָט מען זיך איבערגעמישט מיט די ערטער, מאַכט אויך נישט אויס. ס'איז אַלץ פון איין שניט. די הייליקייט פון אונדזער רבין האָט זיך אויף איטלעכן אַלץ איינס אויסגעגאָסן.

דער שניי בלישטשעט, די בייטלעך ביי די זייטן וועג פרייען זיך מיט אונדז און די פערדלעך לויפן, די פּאַלאָזעס גליטשן זיך און ס'איז גוט.

מיר פאַרפאָרן אַלע צו לייזער דעם שוסטערס שטוב. ביי לייזערן איז אַ גרויסע, אַ הויכע דירה מיט ריין הויך מעבל, — הויכע בענקלעך, אַ הויך בעט. פאַרן רבין איז דאָ אַ באַזונדערער גרויסער אַלקער מיט אַ בעט, מיט אַ טיש און מיט בענקלעך.

איך שטעל זיך נישט פאָר, אַז דער רבי זאָל, ווי יעדער בשר־ודם, דאַרפן עסן, טרינקען אַ גלאָז טיי, זיך וואַשן, אָדער גיין, מחילה, פאַר זיך, אָדער זיך וואַרעמען לעם דער הרובע... איך שטעל זיך פאָר אונדזער איידעלן דריבנעם רבילע — וואָס ביי אים איז אַפילו קיין רעכטע באָרד נישטאָ — ווי איין שטיק איידעלע רוחניות. די שכינה רוט אויף אים, גלאַנצט, שמייכלט און פרייט זיך, וואָס זי האָט אויף וועמען צו רוען. און מיר פרייען זיך אוודאי!

באַבע די שניידערקע איז דאָ אַ סאַרווערין. אַז דער רבי גייט פריי־טיק — ערב שבת — אין וואַסער אַריין, גייען נישט קיינע זייטיקע מענטשן! בלויז די גבאים גייען מיט אים. און די באָד איז אויסגעקערט און אויסגעוואַשן, די פענצטער אַרומגעווישט, אַז די באָד האָט די זכיה

דער רבי אַליין, זאָל לעבן, זאָל אין איר פֿאַרברענגען אַ שעה און מערער.

צופֿוס גייען מיר נישט, מיר פֿאָרן אַהין מיט אַ פֿורל און צוריק אויך דאָס זעלבע.

איצט, פֿרייטיק פֿאַר נאַכט?! די ליכטיקייט פֿון דער אַליקער קלויז און די יום־טובדיקייט און די פֿרייד, וואָס קוועלט ביי איטלעכן אין האַרצן, ביי גרויס און קליין, דאָס טכויערנע טולופּל דעם רבינס ליגט אויפֿן שטענדער. דוכט זיך, איין פֿיר געבן מיט דער האַנט איבער דעם גלאַנציקן פּעלעכל?!...

מנחה דאַוונט פֿאַרן עמוד דער רבי אַליין: ביי אים איז אַ טלית, מיט אַ זילבערנער עטרה — אַ גרויסער טלית און אַ שיינער.

דעם טיש פּראַוועט מען טאַקע אין קלויז, ווען אַלע קומען פֿון די היימען נאָך דער שבתדיקער וועטשערע.

דער רבי מאַכט קידוש. דער רבי וואַשט זיך צום עסן. און די חסידים זיצן אויף די בענק אַרום דעם לאַנגן טיש. די פּאָר וועמען ס׳סטייען נישט קיין ערטער שטייען אין אַ ראָד אַרום די זיצנדיקע. חיים רייזלס און שייע־חיים גייען אַרום אין די זאָקן ממש איבערן טיש און טיילן איטלעכן שיריים. און אַז דער רבי זאָגט תורה ביים טיש, זאָגט ער מיט פֿאַרמאַכטע אויגן, מיט אַ שטילן, איידעלן קול און אַלע שווייגן און הערן.

אפֿשר איז נישט אַזוי גרינג צו פֿאַרשטיין דעם רבינס תורה, אָבער קוקן אויף זיין גלאַנציק דין פּנים, הערן זיין איידל שטיל קול, די ווערטער, וואָס גייען אַרויס אייניציקווייז פֿון זיין הייליקן מויל, צעגייט זיך ביי איטלעכן אין האַרצן.

אין דער וואָכן גייט מען צום רבין זיך פּראַוועון.

יעדערער גייט מיטן ווייב, אַ מאָל נעמט מען מיט די עלטערע קינדער. די נאַרישע אַרבעטער־ייִנגלעך דאָרטן, ביי לייזערן, ביים ווערקשטאַט אינעם ענגן צימער, פֿוילן זיך נישט כאַפּן אַ קוק אין סטאָלאָווע אַריין און דערנאָך אָפּלאַכן צווישן זיך פֿון די ייִדן מיט די ווייבער, וואָס קומען זיך פּראַוועון צום רבין. אָבער זיי דאַרף מען מוחל זיין, זיי זענען פּראָסטע

יינגלעך און יונגע־לייט, זיין האָבן ווינציק עולם־הזה, קענען זיי האָבן אַ קליינע השגה אין עולם־הבא־זאַכן. דערצו האָרעווען זיי און האָרע־וואַניע האָט אין זיך אַ זכות, אַז וואָס אַ צווייטן קען מען נישט מוחל זיין, דאַרף זיי פאַרגעבן ווערן.

און די, וואָס וואַרטן אין סטאַלאָווע? אייניקע האָבן שוין אַ קוויטל אין האַנט, דאָס קוויטל, וואָס דער גבאי האָט אָנגעשריבן. דער גבאי נעמט נישט טייער פאַרן שרייבן — אַ גילדן דאָס איז שוין גאָר אַ שיינע מטבע, אויב נישט איז אַ צענער אויך גוט. דערפאַר ווייסט ער, ווי אַזוי צו שרייבן. ביי יעדן איינעם, וואָס איז אָנגעשריבן אין קוויטל, דאַרף מען צושטעלן דער מאַמעס נאָמען. אַפילו דער בעש״ט אַליין שרייבט זיך בן שרה. דאָס פּאָרל, וואָס וואַרט אויף אַריינגערופן ווערן צום רבין, זיצט אַ ביסעלע פאַרזאָרגט, מען איז פאַרטראַכט, אי דער מאַן, אי דאָס ווייב. אמת, דאָס וויכטיקסטע איז שוין אפשר אָנגעשריבן אין קוויטל. דערצו איז דער רבי אַזאַ דאָקטער פון גאָט, אַז אַפילו דאָס, וואָס מען האָט אים נישט געזאָגט, זעט ער אַליין דורך די אויגן פון דער שכינה. אָבער אַ מענטש איז דאָך נישט מער, ווי אַ מענטש. וויפל מאָל אין לעבן זעט מען דעם רבין — אויב איין מאָל אין יאָר איז אויך אַ סך. וואָלט טאַקע געוועז גוט גאָרנישט נישט פאַרגעסן: כאָטש שטיל, כאָטש נישט געכאַפּט בעטן וועגן דעם וויכטיקסטן. ביים קלענערן יינגל ריגט, נעבעך, פון אַן אויערל... דאָס עלטערע מיידל איז שוין אין גיכן צייט צו לייטן... דאָס זיבצנטע יאָר? און זי וואַקסט שלעכט און אויף קיין נדן איז נאָך אַפילו קיין סימן נישטאָ. און וועגן זיך אַליין איז אַ חרפה צו דערציילן. ער האָט טענות צו א י ר, ז י האָט אַ האַרץ אויף א י ם. אָבער אפשר וועט דער זכות פונעם רבין מגין זיין אויף זיי און זיי וועלן זיך אַליין, פון זיך אויסבעסערן. רעדן פון אַזעלכע זאַכן איז נישט שיין. זיי ווייסןביידע אַפריער, אַז ביי אים וועט זיך נישט עפענען דאָס מויל פון דעם רעדן און ביי איר — אויך.

ישעיה דער גבאי מיט דער ווייסער באָרד ט׳אָן עפן געטאָן די טיר און אַ וויַיז געטאָן, אַז מען מעג אַריינגיין. דאָס אויבערשטע אָנטון לאָזן זיי ביידע איבער אויפן באַנק־בעטל אין סטאַלאָווע און מע גייט, כאָטש

אין מיטן אין דער וואָכן שבתדיק אָנגעטאָן. ער איז צוגעשטילט, ביי איר שטעלן זיך טרערן אין די אויגן. זיי האָבן אַפילו פאַרגעסן זאָגן — אַ גוט מאָרגן, רבי. דער רבי זיצט אין שטול פאַרטראַכט, זיין פּנים מיטן סימן פון ליכטיקן בערדל גלאַנצט אין זיין איידעלער הייליקייט. די פּאָרנטע גרויסלעכע ציין גייען אַ ביסעלע אַריבער איבער דער אונטערשטער ליפּ. זיין קאַפּאָטע איז פון זייד, אַליין איז ער אויך ריינער זייד. די אויגן — גרויסע, לויטערע גייען אַרום, כאָטש נישט גיך, נאָר זיי קאַטשען זיך אַלע מאָל אונטער... ענדלעך, האָט ער אויסגעשטעלט די האַנט און גענומען ביים יידן דאָס קוויטל. דער ייד וויל אים געבן דאָס זילבערנע קערבל אויך. אָבער ער האָט זיך מיט אַ גרויסער פאַרשפּעטיקונג אָנגעשטויסן, אַז דאָס געלט איז פּראָסט, גראָב און וואָכעדיק. דאַרף מען עס נישט געבן דעם רבין אין האַנט אַריין, נאָר אַנידערלייגן אויפן טיש.

דער רבי לייענט ס׳קוויטל, די ליכטיקע פּאָרנטע ציין לייגן זיך אַלע מאָל גרינג אויף דער אונטערשטער ליפּ; די גרויסע ליכטיקע אויגן קוועטשן זיך פון מאָל צו מאָל אונטער און ער רעדט שטיל, נאָר מען פילט, אַז ער ווינטשעוועט; ס׳איז אוודאי צייט — גייען אַרויס הייליקע שטילע ווערטער פון אונטער די גרויסע ווייסע פּאָרנטע ציין — ס׳איז אוודאי צייט, אַז השם יתברך זאָל אייך אויסהעלפן מיט געזונט און מיט פּרנסה און מיט יראת־שמים.

דער לעצטער ווונטש, ווען זיי זאָלן עס גוט פאַרשטיין, דער מאַן מיטן ווייב, וואָס שטייט וויטלעך אָפּגעשטעלט הינטערן מאַנס פּלייצעס.

„יראת־שמים״ הייסט טאָקע האָבן גאָט אין האַרצן. לעבן שיין צווישן זיך, אַכטונג געבן אויף די קינדער און טאָקע געבן פונעם לעצטן דעם אָרעמאַן אַ נדבה. איי, מען האָט אַליין נישט, פון וואַנען ציִען די חיונה, ווייסט מען עס זייער ווויל, ס׳איז נישט קיין נייס ביי גאָט.

— און די קינדערלעך — גייען געציילטע געפּערלטע ווערטער פון אונטער די גרויסע ווייסע פּאָרנט־ציין — זאָל השם־יתברך העלפן, איר זאָלט מגדל זיין לתורה, לחופּה ולמעשים טובים.

— און איר זאָלט אונדז זיין געזונט, רבי, וואָרום אין אייער זכות לעבן מיר — ט׳דער ייד געזאָגט און די ווייב האָט הינטער זיינע פּליי־

צעס נאָכגעזאָגט און זײ זענען בײדע אַרױס פֿון גרױסן ליכטיקן אַלקער, אַזױ װי מע װאָלט געגאַנגען אױף הינטערװײַלעכס... פֿון אײן זײַט האָבן זײ פֿרײ אָפּגעעטעמט, װען זײ זענען אַרױס אין דער געװײנלעכער װאָכעדיקער סטאָלאָװע און זיך גענומען אָנטאָן, פֿון דער צװײטער זײַט האָט זײ אַ לעקעלע באַנג געטאָן, װאָס זײ האָבן זיך נישט אײַנגעשטעלט ר'עדן פֿון דאָס נױטיקע אין לעבן. אָבער סײַ װי זענען זײ געגאַנגען מיט אַ גרינג האַרץ אַהײם. אײנער פֿון זײ האָט זיך גאָר געדאַרפֿט פֿאַרהאַלטן און צוגײן אין מאַרק אַרײַן נאָך עפּעס. אָבער ער האָט עס נישט געטאָן. זײ האָבן בײדע אָן װערטער פֿאַרשטאַנען, אַז מע דאַרף די יום־טובדיקײט זאָל זיך נאָך אַ ביסעלע ציִען. װאָרום אין אמתן טאַקע, גאָטס גענאָד קען זיך צעגיסן, װי אַ ברײטער מעכטיקער טײַך און מזל מיט הצלחה קען אױך צו זײער טיר דערגרײכן. בײַ גאָט איז אַלץ מעגלעך: טײַבעלע קען זיך אַ ביסעלע אױספֿילן און אױסגלײַכן, ניסעלע קען װערן קרעפּטיקער און דאָס אױערל זאָל זיך בײַ אים פֿאַרציִען. און אױב דער אױבערשטער װעט זײ געבן נאָך אַ קינד, זאָל עס שױן טרעפֿן אַ שטוב מיט מחיה און הרחבה.

זײ האָבן זיך גענומען איבערטאָן און אױף איר פּנים האָט זיך באַװיזן אַ שמײכל, אַ ײַנגערער מיט חן און געטרײַשאַפֿט, אַפֿילו אַ לעקעלע יצר־הרעדיקײט האָט גענומען אַרױסקוקן פֿונעם ײַנגער געװאָרענעם בליק און זי האָט טאַקע געזאָגט:

— גײ נישט אַװעק, איך װעל שטעלן טײ...

* * *

בײַ אונדז װעט דער רבי זײַן דינסטיק אױף דער נאַכט, אַזױ האָבן מיר אָפּגערעדט מיט ישעיהן דעם גבאי. ער װײסט װען דער רבי קען און װען דער רבי האָט דערױף צײַט — ער איז געװען דעם רבינס מלמד, װען דער מיטלסטער, זכרונו־לברכה, האָט נאָך געלעבט.

די טיר, װאָס איז פֿאַרשמירט פֿון אונדז צו דער מומען אין קיך אַרײַן, האָבן מיר אָפּגעקלעפּט און אָפּגעפּנט די ברעטלעך. איצט מעגן

מיר אַרומלויפן צו דער מומע און זייערע קינדער מעגן לויפן צו אונדז. ס׳איז אַן אָפענע וועלט. פאַרשטייט זיך, נאָכן רבינס אַוועקגיין וועט מען צוריק פאַרשטעלן די שאַליוזקעס און פאַרטינקעוועז — און פאַרשמירן, אָבער וויכטיק איז, וואָס צוליב איינשפּאָרן דעם רבין אַ ביסעלע, אַ קאָ־פּעלע טרחה, זענען מיר גרייט אָפּשלאָגן און דערנאָך צוריק פאַרשלאָגן אַ גאַנצע טיר מיט ברעטלעך.

די מאַמע האָט אָפּגעבאַקן אַ בוימל־קיכל, האָט צוגעגרייט אין אַ גראָ־פּינטשיק אַ ביסעלע שיינעם, ריינעם וווישניעק. דעם קוויטל האָבן מיר שוין אָנגעשריבן נאָך פון ביי טאָג. נחום מתתיהו בן פייגע־שפרינצע און אַזוי אַלע איבעריקע...

וואָס האָבן מיר געבעטן ביים רבין? — געזונט מיט פּרנסה. צוגע־גרייט האָבן מיר צום קוויטל אַ גאָלדענעם פּינפּערל. דעם פּינפּערל, ווייסן מיר, לייגט דער רבי אַריין אין זשילעט־קעשענע, אַזוי ווי כלאחר־יד, וואָרעם דאָס איז דאָך נישט דער עיקר. מיר זענען געפאָרן נאָכן רבין מיט אונדזער פערד און שליטן. אויף די פליגל און אויף די ווענטלעך פונעם שליטן האָבן זיך אָנגעזעצט חסידים — גבאים... אייניקע זענען געקומען צו פוס — אַלע, אַלע זענען זיי איצט ביי אונדז אין שטוב. דער טיש איז יום־טובדיק פאַרשפּרייט מיט אַ ווייסן קווייטנדיקן סער־וועט. דער רבי גיסט אָן אַ בעכערל וווישניעק, פּירט אונטער די אויגן, מאַכט אַ ברכה, באַנעצט קוים־קוים די ליפּן. דערביי צעברעכט ער דעם קיילעכדיקן בוימל־קיכל, מאַכט מזונות, פאַרזוכט אַ שטיקעלע און דאָס איבעריקע גייט איבער צו די חסידים. איין שטיקעלע האָט די מאַמע געבעטן, דער טאַטע זאָל אַראָפּנעמען פון די קינדערס וועגן, איטלעכן אַ ברעקעלע שיריים און טאַקע זיך — אויך.

די חסידים זענען שוין ביי דער מומע אין שטוב און ערשט דאָ, מיטן רבין אויג אויף אויג, דערלאַנגט דער טאַטע דאָס קוויטל מיטן פּינפּערל. דאָס פּינפּערל איז אַוועק אין קאַמזויל־קעשענע, ווי אַן איבעריקע זאַך, וואָס קען נאָר שטערן, און איצט לייענט דער רבי דאָס קוויטל און טייטשט יעדעס וואָרט און פון אונטער די גרויסע ווייסע ציין קייקלען זיך טייערע ווייכע ווערטער, אַז השם יתברך דאַרף טאַקע העלפן און

איך שטיי לעם דעם טאַטן אויף די שפּיץ פינגער, איך וויל נישט דורכ־לאָזן קיין איין וואָרט, קיין איין תנועה, קיין איין קלאַנג און באַוועגונג. אָט שטייט שוין דער רבי אויף פון טיש, מיר גייען דורכן אַלקערל צו דער מומע אין קיך.

אין אַלקער הענגט הינדעס וויגעלע. פאַר דער מאַמע איז די דאָזיקע רגע די סאַמע פּאַסיקסטע ווייזן דעם רבין אויפן קינד. דער רבי איז יונג און דין און זיידן אין זיין לאַנגער זיידענער קאַפּאָטע. ער שטעלט זיך אָפּ און טוט אַ קוק צום וויגעלע און ווינטשט, מען זאָל דאָס קינד אויפהאָדעווען געזונט. און איצט זענען מיר אַלע דורך דער פון יאָרן פאַרחתמעטער טיר דורכגעגאַנגען גרינג און פריי צו דער מומעס האַלבער שטוב. דאָ איז אויך דער גרויסער טיש געשפּרייט מיט אַ ווייסן טישטעך, אויך אַ קיילעכדיק דין בוימל־קיכל, אָדער אייער־קיכל, אויך אַ פלעשעלע ווישניעק און מן הסתם אויך אַ פינפערל.

איך זאָל זאָגן, אַז אַרום און אַרום האָבןביידע וויזיטן אָפּגענומען צען מינוט? — מעגלעך. אָבער פאַרגעדענקען וועט זיך עס אויף אַלע יאָרן.

די חסידים זענען שוין אַלע אויפן שניי אַרום שליטן, אָט האָט שוין דער רבי, מיט ישעיהס הילף, אָנגעטאָן זיין ווייכן, וואָלענעם שאַליק און איז אַריין אינעם געררימען גרינג וואַרעמען טולופּל — אַ טולופּל, וואָס פאַר אַ שיינער פּריצישער פּרוי איז עס אויך צו איידל. דער רבי איז שוין אין שליטן. איצט וועט מען פאָרן צו שלמהלען דעם שוסטער און פון דאָרטן, צום נאָענטסטן חסיד, יחיאל בנימין־לייבס.

דער טאַטע איז אַוועקגעפאָרן און מיר בלייבן אַלע אין שטוב.

נישט גיך נעמען מיר אַראָפּ דאָס ווייסע טישטעך פונעם טיש. מיר קייען די שטיקעלעך קיכל, וואָס די מאַמע צעטיילט אונדז. די מאַמע גיט אונדז אַפילו צו ביסלעך ווישניעק. אָט דאָ איז געזעסן דער רבי, דורך דאַנען איז ער געגאַנגען צו דער מומע אויף זייער העלפט און צוריק.

אין אַליק פאַרמאָגט דער רבי אַן אייגענע שטוב מיט אַן אייגן שולכל, מיט אַן אייגענעם הויף. ווי גליקלעך קען זיין די ערד, דער דאַך און די ווענט, וואָס האָבן ביי זיך ר׳ אַלטער יוסף־דודלען מיטן זייב, מיט די

קינדער. אמת, אַ טרויער איז איין צייט געווען צווישן די חסידים — אַ זאַך, וועגן וועלכער מען האָט הויך נישט גערעדט, נאָר אָפּהעגנטיק און פאַרזאָרגט געשושקעט זיך פון מויל צו אויער. אויך מיר איז געווען שווער פון דעם צו רעדן. ס׳האָט זיך לאַנג געקויעט ביים רבין אין אָליק...

אַ גט, אַ גט.

די רביצין, מיר זענען איר נישט קיין גוטע פריינד, האָט זיך איינגעשפּאַרט — אַ גט!...

דוכט זיך, וואָס גייט איר אָפּ ביי אַזאַ שיינעם צדיק, וואָס די שכינה רוט אויף אים שטענדיק און ער איז אַליין הוילע רוחניות, נאָר מן־הסתם, איז זי געווען פּראָסטער און פליישיקער און אפשר אויך אַ שיינע דערצו און ס׳האָט איר געפעלט השגה. מיט איר קליינער השגה האָט זי אוודאי נישט געקענט זיין קיין מבין אויף זיין איידלקייט.

נישקשה, ס׳האָט געקאָסט די חסידים, די מקורבים און די גבאים גענוג געזונט, אָבער מען האָט זיך אויסגעלאָדן, זיך אויסגעגלייכט מיט געלטער, כתובה און אַלץ דאָס איבעריקע...

די חסידים האָבן זיך אויך געלאָזט קאָסטן קאָסטן וויפל מע האָט געדאַרפט און דערפאַר איז טאַקע דער רבי ביי אונדז אַ פּאָר יאָר נישט געווען.

אַ רבי אָן אַ ווייב, רחמנא ליצלן, נאָר מען דאַרף דערפון קיין סך נישט רעדן — זעט איר דאָך — אַפילו אין אַ רבישער שטוב מאַכן זיך אַ מאָל רייבערייען און קאַלאַטנעטשעס.

ס׳איז פון תמיד אָן אַזוי: איינעם דאַכט זיך, אַז ביים צווייטן לאַכט זיך.

* * *

די מאַמע האָט אַ וואָרף געטאָן מיט רעש דעם בערעמאַק האַלץ, וואָס זי האָט אריינגעטראָגן, זי טוט אַ קוקע די געפרוירענע הענט.

— אַך, — זאָגט זי, — אין וואַלד וועט מען היינט געפינען געפרוירענע בערן!

איך ווייס, אַז די מאַמע לאַכט און ס׳איז גוט אויפן האַרצן, ווען די

מאַמע איז פריילעך פון עפּעס, נאָר דאָך איז מיר אַ מורא אַרויסצושטעקן די נאָז אין דרויסן. איך קוק זיך צו דורך די פאַרשנייטע פענצטער און זע אין דרויסן אַ סך דענקעס שניי — אַנגעווייטע פאַר דער נאַכט און אויסגעגלעטע אַזעלכע. אָבער איצט איז שוין שטיל אין דרויסן. דער שניי ברינזלט אַנטקעגן דער זון, אַזוי ווי מיט שטראַלנדיק־בלישטשענדיקע דימענטלעך, — אָן אַ שיעור און אַ צאָל. איך שטעל מיך איין, טו זיך אָן אַיבעם ווינטער־פּאַלטן און גיי אַרויס.

פאַר דער טיר האָט די מאַמע מיך אַ טרייסל געטאָן פאַרן אַרומגע־בונדענעם שאַליק און זאָגט מיט דער זעלבער פריילעכקייט, אַז נישקשה, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר וועט מיר גאָרנישט נישט ווערן, און זי לאָזט מיך אַרויס אין דרויסן.

ערשט דאָ עפנט זיך פאַר מיר אויף אַ מלוכה, אַז ס׳ווילט זיך מיר נישט אַוועקגיין פון דאַנען. טו נאָר אַ קוק וויפל קראַפּט אַזאַ גאָט פאַר־מאָגט: ער וויקלט אויס די ליכט פון דער פינצטערקייט, דעם טאָג פון דער נאַכט, ווי אַזוי ער פאַרבייט דעם זומער אויפן ווינטער און אַ ווינטער שמידט ער אויס, אַז ס׳איז אַ מחיה צו קוקן. זאָלן די מענטשן פּרוּוון מיט זייערע אַלע חילות אויספוצן אַזאַ גרויסע וועלט פון פעלדער מיט שליאַכן, מיט סטריכעס, מיט פעלדער.

אַלע פּלויטן, אַלע צווייגן, אַלע בערגלעך זענען אויסגעצירט, קיינער איז נישט באַעוולט, קיינער נישט דורכגעלאָזן, אַפילו די טאַפּליעלעך פון די פענצטער זענען באַבלימלט מיט וווּנדערלעכע קווייטעלעך, אויס־געיווועלירטע, ווו דינער און ווו גרעבער, קווייטלעך באַזונדער און וועלד־לעך באַזונדער. ניין, ס׳איז נישט פאַרן מענטשנס געדאַנק, נישט פאַרן מענטשנס כוח. דער איינציקער כוח איז אין דעם מענטשן, וואָס ער קען עס אפשר דערזען, אָפּשאַצן און דערפילן.

אַז איך זשמורע צו אַ ביסעלע די אויגן, בין איך אויך אַ טייל פון גאָט, אָבער דאָס קומט פאַר אין אַ הונדערטסטן חלק פון אַ רגע, דאָס איבעריקע בין איך בלויז אַ שוואַך באַשעפעניש, וואָס קען אַנקווועלן און זיך פרייען מיטן אַרום. פונעם האָרבאָרניע־קוימען גייט אַ רויך. לעם דער מומעס האָרבאָרניע הענגען יוכטן אויף די שטאַנגען — טונקל־געלע,

אויסגעזשירעוועטע מיט טראָן. איצט זענען זיי נאָך פּריש, ערשט פון דער וואַרעם, אָבער דער פראָסט נעמט זיי גלייך אין זיינע לאַפּעס. אָט גייען צום ברונעם מיטרעס בהמהלעך, קליינע, אויסגעגעסענע, מיט לאַנגע געדיכטע האָר. זיי הריזנען טיף אין שניי, לעם ברונעם נעמט מען זיי אָן וואַסער און זיי טרינקען זייער קאַלטע „גלאָז־טיי״. אָט־אָ שאַרט זיך דורכן שניי צו אונדז אַ מענטש. איך דערקען אים — ס׳איז נפתלי. נפתליען האָב איך ליב און אַלע האָבן אים ליב, די גאַנצע שטאָט, אָבער... ס׳איז פאַרט אַ רחמנות, כאָטש ער אַליין האָט אויף זיך קיין רחמנות נישט. די פּאַלטאָ אָן אַ קאָלנער מיט אָפּגעריסענעם אונטערשלאַק פון אונטן, ס׳טעלעפּען זיך שטיקלעך אויפגעטרוויִרענע וואַטע, דער האַלדז איז צעכראַסטעט מיט אַ גרויסן דעקאָלט און אַלס אַ שאַליק טראָגט ער עפּעס אַן אויסגעשמירטע דאַרע אַלטע פּאָר הויזן. צי דען קען עס אים געבן וואַרעמקייט? צי איז עס נאָר אַזוי — פּאַר יוצא וועגן? אָט־אָ איז שוין נפתלי ביי אונדז אין שטוב. און איצט טוט ער שוין גאָר אַ נאַרישע אַרבעט — אונטערן טיש שטייט אין אַ סקאָוורעדע אַ ביסל קאַלטע געקאָכטע קאַרטאָפל פון די היינערס וועגן. נעמט ער און לייגט אין מויל אַריין. און דאָס איז שוין נישט דאָס ערשטע מאָל!

— ר׳ נפתלי! — זאָגט די מאַמע שוין כמעט מיט פּאַרדראָס.

— איי, ליבקאָ — מאַכט ער — נעם זיך נישט צום האַרצן. אַלצדינג קען דער מענטש פאַרדייען, אַבי ס׳קריכט נאָר דורך אָט דאָ־אָ, — ווייזט ער אויפן שלונג.

— זאָלט איר שוין זיין געזונט, ר׳ נפתלי — זאָגט די מאַמע שוין אַ ביסל ווייכער — זיצט איין רגעלע, וואַרעמט זיך אָן, באַלד וועט אויפ־זידן דער סאַמאָוואַר, וועט איר אויסטרינקען אַ גלעזל וואַרעמס.

צוליב נפתלין בלייבט איך שוין אויך אין שטוב. נפתלי האָט אַ זון אין אַמעריקע און די שנור מיט די פּאָר אייניקלעך זענען דאָ מיט אים. ער שעלט זי, די שנור, כסדר, נאָר ער ברענגט אַריין אין שטוב אַלץ, וואָס מ׳מאַכט זיך — אַ ביסל מינץ־זילבער, אָדער קופּער — טאָמער אַן איי פון דאָרף, אַ ביסל גרויפּן, אַ ביסל מאָן, אַלץ לייגט ער אַוועק אויפן טיש, נאָר שעלטן שעלט ער. איי, וואָס איז זי שולדיק, וואָס ער שעלט זי? גיי

ווייס. אפשר וויל ער אַ ביסל אַראָפּנעמען ביי זיך די שווערקייט פון האַרצן.

און די שנור, דבורה הייסט זי, איז אַ ביסל אַ שווערלעכע אין לייב, אַ יונגער פּנים, אַ ריינער, אַ ווילער בליק, אַ רויקער. די האָר, כאָטש פּאַרקעמטע, נאָר האַלטן זיך שלעכט אונטער דער פּאַטשיילע און קריכן אַרויס גראָבלעך ראַסנע אַרום פּנים.

איר מאַן, וועלוול, איז אין אַמעריקע. נאָר וואָס טוט ער דאָרטן?

איין גאָט ווייסט אים. דוכט זיך, אַ מלמד לעם גבירישע קינדער?!

שבת איז ביי איר אין שטוב אַ ביסל צוגעקליבן, די קינדער אַ ביסל אַרומגעוואַשן, דער שווער איז אין בית־מדרש, קוקט זי אויף דער צוגע־שמירטער זאַסלאָנקע מיט דעם צעטראַסקעטן ליים און קלערט פון איר וועלוולען: ווער זעט אים דאָרטן צו מיט אַ ריין העמד אויף שבת? ווער מאַכט אים דאָרט דאָס געלעגער? — ערשט דאָ טוט איר אַ קלעם דאָס האַרץ און זי באַוואַשט זיך מיט הייסע טרערן. אָבער נישט אויף לאַנג. זי איז אַ ביסל אַ נאַרישעוואַטע, און ווען זי איז שוין אַ קלוגע, וואָס וועט איר ביי איר לאַגע זיין גרינגער פון דער חכמה? נישקשה, זי מיט איר גוט האַרץ, מיט איר קיין מאָל נישט קענען ווערן אויף יענעם אין כעס, איז לייטישער פון אַנדערע קלוגע... אָט־אָ דער שווער שעלט זי טאָג און נאַכט אומזיסט. אַלע ווייסן, אַז ס'איז אומזיסט. ער אַליין ווייסט עס אויך... ענטפערט זי דען אים אַנטקעגן כאָטש מיט אַ האַלבן וואָרט. די האָר קריכן ביי איר אַרויס פון אונטערן טיכל איבערן שטערן און אַריבער די אויערן, פאַרשאַרט זי זיי פון מאָל צו מאָל און זי שמייכלט שולדיק.

זי דערלאַנגט אים אַ גלעזל הייסן אָקרעפּ, אַ שטיקל ברויט, אַ שטיקל צוקער און זעצט זיך אַוועק ביים זייט טיש. פון דער ווייטנס מיט איין קינד אויף די הענט, מיט איינס לעם אירע קני און זי זאָגט, אַז ס'האָט זיך שוין געענדיקט דאָס האַלץ — אַפילו קיין איין צווייגל נישטאָ.

— טאָ גיי און ברענג! — צעשרייט זיך אויף איר נפתלי. אָבער ער ווייסט און אַלע ווייסן, אַז ביז נאַכט וועט ער עפּעס ברענגען אויפן שליי־טעלע, אָדער אויף אַ שטריקל — ס'איז דאָך אויף די אייניקלעך אויך

אַ רחמנות, און אַ שטוב איז עס דאָך?! ווי אַזוי לאָזט מען אַ שטוב נישט געהייצט?!

* * *

אונדזער וועג איז געווען דורך מיטרעס געסל, צווישן יעקבס און שייעל־בערס גאָרטן. מיר האָבן געקענט גיין אויך אַ לעקעלע העכער, פאַרביי דער מאַלאַכטערס און דער קאַטשעריכעס שטוב.

צווישן די נאָענטע שכנישע שטיבער איז שייעל־בערס געווען די סאַמע נאָענטע. שייעל־בער — אַ הויכלעכער און אַפילו אַ שווערלעכער אַ ביסל, מיט אַ טונקעלער, אַ ביסל אַ געלער באָרד, וואָס איז ביי אים קיין מאָל נישט איבעריקס געוואָקסן. ריווע — די ווייב זיינע — איז געווען אַן אויסגעקרענקטער מענטש, נאָר איינס צום אַנדערן האָט נישט. קינדער האָבן זיי קיין עין־הרע אָנגעהאָט אַ פולע שטוב — קליינינקע יינגעלעך, קליינינקע מיידעלעך, גרויסלעכע יינגלעך, גרויסלעכע מיידלעך. די מאַמע אונדזערע פלעגט אַריינטראָגן אַ מאָל אַ גלעזעלע איינגעמאַכטס, ריווע זאָל זיך מיט עפּעס דערקוויקן. ריווע איז געווען נישט קיין גרויסע, אויסגעבלייכטע יידענע, מיט גוטע קלוגע אויגן. און וויפל מאָל מיר איז נישט אויסגעקומען זען שייעל־בערן מיט ריווען מיט די קינדער — וויפל מאָל ס'איז מיר נישט אויסגעקומען זיין ביי זיי אין שטוב, האָב איך כסדר געהאַט איין און די זעלבע פאַרשטעלונג. פון איין זייט זעען מיר, ווי אַ גרויס, יידיש באַלמעלאָכיש הויזגעזינד ראַנגלט זיך מיט אַ גרויסן פאַרעקשנטן אומברחמנותדיקן דלות... און צום סוף, אַז דו האָסט זיך צוגעקוקט צו זיי נאָך מער, האָסטו געזען, אַז זיי שלאָגן זיך נישט, קריגן זיך נישט, הרי׳זען זיך נישט, זיי פירן זיך זייער אויסקומעניש. שייעל־בער גייט גראָבע, פּראָסטע שטיוול. אַ באַלמעלאָכע איז ער נישט פון די געראָטענע, סחורה ווינציק, קונים נאָך ווינציקער. ער האָט, זאָגט מען, שטיינער אין די אַרבל: ווי ביי גאָט אַ טאָג, גייט ער אין דער פרי און אויף דער נאַכט אין בית־מדרש אַריין דאַוונען. דאַוועגען דאַוונט ער לאַנג. נאָכן דאַוונען הערט ער נייס, פאַרגייט ער געוויר ווערן צו אַ צווייטן שוסטער.

און דאָרט איז טאַקע ערשט דאָ פון וואָס צו רעדן און וועמען צו באַרעדן. אַהיים קומט ער שוין נאָענט צום האַלבן טאָג. דער ווערקשטאָט שטייט, די שטיפטלעך, די צוועגנגלעך, די העמערלעך, דער פּאַטיההייעץ — דער נישט דערשנורעוועטער שטיוול. שייעל־בער קוקט אויף דעם אַלעמען. און ריִוע לאַכט.

— דו האָסט געמיינט — זאָגט זי — אַז דער שטיוול נייט זיך דאָ אַליין?

שייעל־בער ווערט אַ ביסל פאַרשעמט. ס׳פאַראַרט אים טאַקע אויך. היינט איז שוין דאַנערשטיק, זונטיק וועט קומען דער פּויער מיט דער פּויערטע, וואָס וועט ער זיי זאָגן?... ווייטער דאַרף מען מעל אויף שבת. און ער האָט גענומען קראַצן די פּאָטיליצע — כאַטש נעם און גיי אַוועק צוריק אין בית־מדרש. ס׳איז דאָך שוין נישט אַזוי ווייט צו מנחה.

— די קאַרטאָפּליעס זענען שוין קאַלט געוואָרן, וואַרטנדיק אויף דיר — זאָגט ריווע — גיי שוין, שלימזל, וואַש זיך צום עסן.

יאָ, שייעל־בער דערמאָנט זיך, אַז דאָס האַרץ האָט אים היינטיקס פרימאָרגן צען מאָל איבערגעחלשט. גייט ער צו צו דער פּאָמיניצע, פאַרשאַרט הויכלעך די אַרבל איבער די האַריקע הענט, גיסט אָפּ פריִער איין האַנט, דערנאָך — די צווייטע, ווישט לאַנג, ממש ווי ער וואָלט געווען אַ רב, נישט קיין שוסטער, זאָגט לאַנג „שאו ידיכם"... און זעצט זיך צום טיש. דער אוקרייִעץ ברויט איז שוין אַ ביסל אַלטגעבאַקן, אַ ביסל טונקעלע גראָבלעכע זאַלץ, אַ מעסער מיט אַ גראָב הילצערן הענטל — טאַקע דער קאַלאַדאַטש אַליין. ער פאַרזוכט די המוציא. נעמט שיילן די קאַרטאָפּליעס, ער טונקט זיי אין זאַלץ און פילט אין זיי דעם בעסטן טעם. פראַדעלע מיטן אונטערגעשטעקטן העמדעלע דראַפּעט זיך אַרויף צו אים אויף די קני און העלפט אים עסן. און מע מעג זיך רוטשייען, אַז די פּאָר שטיוול וועלן זיין פאַרטיק הלוואי אויפן צווייטן זונטיק.

גיין צו אונדז נעמען אויף באָרג נאָך אַ יוכט און נאָך אַ פּאָס פּאָדעשוועס איז אפשר נישט אַזוי שווער, ווי ס׳איז עפּעס נישט שיין. ווי אַזוי גייט מען באָרגן פון ס׳ניי, אַז דאָס אַלטע איז נאָך אַפילו אויף קיין האַלב נישט אויסגעצאָלט?! און די יינגלעך לערנען אין חדר און

די מיידלעך גייען אויף שינעצע נאָך לאָמאַטשע, דער דלות פּייפּט אין אַלע ווינקעלעך, קיינער שטערט אים נישט. און נאָך דעם אַלעמען, אַז דו זעסט, ווי אַזוי ריווע מיט שייעל־בערן האָבן נאָך דערלעבט חתונה מאַכן קינדער און אַפילו ניאַנטשען אייניקלעך, ווייסטו נישט, וואָס צו זאָגן: צי מיר האָבן אַ שטאַרקן גאָט, צי מיר האָבן אייזערנע כוחות, זאָל שוין זיין אַפילו פון איבערגעזשאַווערטן אייזן, אָבער ס׳איז דאָך פאָרט אייזן! אַז ס׳איז ביי אונדז אויפן הויף שבת, איז אויך ביי ריוון מיט שייעל־בערן שבת, אַז ס׳איז ביי אונדז שבועות, איז אויך ביי זיי שבועות און מיר זעען אַפילו גוטע שכנים צווישן זיך. פאַר וואָס רופט מען שייעל־בערן „שאַפּאַ?" ווייס איך ביז איצט נישט. דוכט זיך, אַז ביי אים איז געווען פון קינדווייז נישט קיין רייניקער קאָפּ און ער איז געגאַנגען אַנגערוקט דאָס היטל...

איי! ס׳נישט מיין עסק צו רעדן וועגן אַזעלכע זאַכן. שייעל־בער האָט זיך אויסגעלעבט זיין לעבן נישט ערגער פון מיר.

אויף דער עלטער איז ער אַפילו געוואָרן אַ מוליער און געמאַכט אויוונס, מערסטנטייל אין די דערפער. דאָס איז שוין אַ פריילעכערע אַרבעט, ווי זיצן אויף איין אָרט און קלאַפּן פּלעקלעך אין פּאָדעשווע אַריין.

* * *

אונדזער שכן איצל דעם חריפס מיט זיין ווייב העניע און מיט זייער איינציקער קרומער טאָכטער צביה, וואָס פּיצעלעוויז פלעג איך זי רופן „זעזא". „קרום" זאָגט מען אויף אַ מענטשן, ביי וועמען איין פוס איז קירצער, אָדער ווער ס׳האָט אַ קראַנקן פוס און הינקט אויף אים. ביי צביהן האָבן די פיס נישט ווי געטאָן און זיי זענען אויך נישט געווען לענגער איינער פונעם צווייטן. עפּעס אין די לענדן איז ביי איר נישט געווען גלאַט. פלעגט אויסקומען, אַז די נעזלעך פוןביידע פיס זענען ביי איר געגאַנגען אַזוי ווי אין איין זייט. אָבער גיין פלעגט זי נישט, ווי קיין שיכורע און נישט פּלאָנטערן דעם גאַנג. ס׳איז נאָר אויסגעקומען, ווי איך זאָג, אַז די קלובעס זענען געווען עפּעס נישט גלאַט און ביידע נעז־

לעך האָבן עפּעס געקוקט אין איין זייט. דאָס האָט איר נישט געשאַט זיין אַ דינסט ביי לייטן. ס'האָט איר אויך נישט געשטערט רעדן וועגן אַלץ און אויספרעגן אַלץ און קלייבן געלט אין אַ קניפּל. זי האָט געהאַט אַ שטאַרקע נאַטור, אַ מין מזל אַזאַ. ביי איר פלעגט קיין מאָל גאָרנישט אַוועקגיין אין ניוועץ, אַפילו קיין צווייער.

שפּעטער, אַז זי איז שוין געווען אַ גרויסע, פלעגט זי איר „קניפּל" איינגייען ביי זיך אין איבערבעט, אָדער אין אַ שפּיץ פונעם קישן. דער־פאַר האָט זי איין מאָל זיך געקויפט ביי אונדז אין סלאָוועשנע אַ האַלבע שטוב. מיך פלעגט אַרן אויף איצלען מיט העניען — נישט קיין נאַרישע מענטשן — פאַר וואָס באַדן זיי זיך כסדר אין אָרעמקייט? אַלע יאָרן שלעפּט מען זיך אַרום אין שכנות. פאַר וואָס איז ביי זיי נאָר איין קינד? טאַקע אַ געראָטן קינד, אַ קלוגס, אַ באַרעדעוודיקס, נישט קיין אויסבערע־גערין, קען אָפּהיטן אַ קאָפּיקע. אָבער זיי האָבן דען נישט געקענט זיין די אייגענע קבצנים מיט זיבן־אַכט קינדער? וואָלטן דאָך צווישן די קינ־דער געווען ייִנגלעך אויך? וואָלט געווען אַ קדיש איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר אַרום — אָבער געווען איז עס נישט אַזוי, און נאָך: כאָטש איין און איינציק קינד, איין אויג אין קאָפּ, דאַרף זי אויך פרי בלייבן אַ יתומה. נישט קיין יידן געדאַכט ... אמת, זי איז נישט פון די פאַר־פאַלענע קינדער, ווי געזאָגט, האָט זי אַן אייגענעם גראָשן, אַ האַלבע שטוב אַן אייגענע און, דער עיקר, נישט קיין גרויסע באַדערפעניש.

* * *

חנה־הינדל איז אַ שיינער נאָמען. יאַנקל דער קאָמענדאַנט איז איר מאַן. אַ ייד מיט אַ שוואַרצער באָרד, אַ ביסל געלבלעך אין דער מיט, וואָס וויל נישט עלטער ווערן (נאָר ס'וועט אים העלפן?), נישט קיין אומע־טיקער. מע קען אים כסדר אַרויסרופן אויף פרייַלעכקייט. ער איז אַ שטיקל צייט געווען שמש אין דער טשערנאָבילער קלויז און, און ווען ס'איז קיין שמשות נישטאָ, איז ער געזעסן אין שטוב, אַפילו קיין דרדקי מלמד, ווייזט אויס, איז ער קיין מאָל נישט געווען. נו, ער איז דאָך נישט שולדיק,

וואָס ער איז נישט ביי קיין טועכץ! ווען ער האָט אַ קלייט, וואָלט ער דאָרט געשטאַנען. ווען ער האָט אַ גרויסע שטוב מיט אַ סך דירות, וואָלט ער אַריינגעלאָזן שכנים. אָבער אַזוי ווי ער האָט זיין גאַנץ לעבן נישט געהאַט קיין אייגענעם ווינקל אַפילו פאַר זיך — האָבן זיי זיך אַליין געקליבן אין שכנות, וואָס די ווייב דינגט, ווייל זי פאַרשטייט אין די זאַכן אַ ביסל בעסער פון אים, די ווייב פאַרשטייט אַ ביסל אין נייען אויך. און זי האָט זיך מיט אים קיין מאָל נישט געקריגט. זיי לעבן צווישן זיך בשלום. ווען זיי זענען נאָך געווען יונג, האָב איך זיי נישט געקענט. איך קען זיי אַזעלכע, ווי זיי זענען שוין גרייטע, פאַרטיקע: יאַנקל קאָמענ־דאַנט מיט זיין אַלטער, טונקעלער באָרד, וואָס איז פון איין זייט אַ ביסעלע לענגער, זינט איך קען זי. חנה־הינדל — זיין ווייב — אַ שטילע פאַר־האָרעוועטע יידענע — דער אשת־חיל איז זי דאָך! און זייערע צוויי קינדער: דאָס מיידל שרה־כייקע, ווי אַ שטיל טייבעלע, דאָס ווייכע גע־קליאַרעוועטע העלדזועלע טוקט זיך ביי איר ביים גאַנג אויך, ווי ביי אַ שיין טייבעלע. זי קען אויך אַ ביסל נייען אויף דער מאַשין און העלפט מיט דעם אַ סך אין שטוב. און איצט: איר ברודער, אַז מען וויל, איז עס, נישט דאָ געדאַכט, אַ שטראָף פון גאָט, און אַז מע וויל רעדן צוריק, איז נאָך גוט, אַז צום שלימזל האָט מען אַ ביסעלע מזל. ער איז, נישט דאָ געדאַכט, נישט פאַר לייטן געדאַכט, אַן אומזיניקער, האָט נישט קיין שכל אַפילו פאַר קיין קאַץ. און אויסגעוואַקסן איז ער, ווי אויף הייוון — אַ גרויי־סער, אַ ברייטבייניקער, קיין מעשוגענער איז ער, חלילה, נישט געווען, פלעגט ער דעם גאַנצן זומער און אַפילו נישט זומער, ווען ס׳נאָר געווען וואַרעמלעך אין דרויסן, אַרומלויפן מיט באָרוועסע פיס, אין איינע הויזן־מייטקעס, פון וואַנען ס׳שטעקט אַרויס דער ווײדל פונעם העמד, אַזוי ווי ביי אַ יינגעלע פון פיר יאָר. די גרויסע פיס און גרויסע הענט זענען אָפּ־געברענט פון דער זון, קיינער פאַרשטייט אים נישט — איז אים גוט.

אַ מאָל צעלאָזט ער די הענט און טוט אַ לויף איבער דער גאַס, דאָס זאָל הייסן, אַז ער טאַנצט. ס׳איז אים פון עפּעס פריילעך. קיין לשון האָט ער נישט, נאָר הערן הערט ער. זיין חיות איז, אַז ס׳קלינגט דער קלויסטער

אין אַ זונטיק, אָדער אין אַ חגא. זיין פּנים און זיין שמייכל שיינען און ער הויבט דעם קאָפּ אַהין, ווו דער קלויסטער שטייט.

ער הערט, אַז מען רופט אים אין שטוב אַריין, ווען מע גיט אים עסן, כאַטש עסן, עסט ער נישט מיט קיין גאָפּל, נאָר מערער מיט די הענט, פון טעלער, אָדער פון שיסל זופּט ער דעם קוליש. ער האָט אַ געלעגער אין שטוב, אין שטאָט ווייסט מע נישט זיין נאָמען. מען רופט אים אויף דער מוטערס נאָמען — חנה־הינדלס יינגל. אַ מאָל, אַז אַ שוועסטער צעקריגט זיך מיט איר יינגערן ברודער, וואָס לויפט אַרום און לעטעט אַרום אָן אַ זינען און אָן אַ ציל, וואַרפט זי אים אויס: „חנה־הינדלס יינגל!" אָדער: „אָ, חנה־הינדל האָט דיר געלאָזט גריסן!".

אַז יינגלעך גיבן אים אַ מאָל אַ שטיקל רוי טייג פון מולטער, קוקט ער נישט, וואָס ס'איז טייג און עסט עס אויף. אַז ס'איז געווען די שריפה, איז ער, נישט דאָ געדאַכט, פאַרברענט געוואָרן מיטן געלעגער אין איי־נעם — מע האָט זיך צו אים נישט געקענט דערוועקן, און די שטוב האָט שוין געברענט. און די מוטער האָט זיך שוין אַליין קוים מיטן לעבן אַרויסגעכאַפּט.

מען האָט שפּעטער אויסגעקליבן די שטיקלעך אָפּגעברענטע ביינער און מע האָט זיי מקבר געווען. די שטאָט איז געווען דערשלאָגן פון דער שריפה — וועמען איז דען געלעגן אין זינען די לוויה? אָבער דער רב אַליין איז מיט נאָך צען מענטשן געגאַנגען. נפתלי איז אויך געווען, זיין געסל איז גאַנץ געבליבן. הערשל יאָסל־חיימס האָט אויסגעגראָבן אַ קרקע. הערשל זאָגט זיך נישט אָפּ אין די ענגסטע פאַלן, ס'איז עפּעס אַ פּעולה, אַז מע דאַרף, דאַרף מען. און זאָגן, אַז די מוטער און די שוועסטער האָבן נאָך אים שטאַרק געוויינט?... פאַרשטייט זיך, אַז אין דער שטיל, ווען קיינער, האָט נישט געזען, פלעגן זיי זיך גוט אויסוויינען — ס'איז אייגנס, ס'טוט באַנג, כאָטש אָן אים איז זיי גרינגער. אַנדערע מיינען, אַז אים אַליין איז שוין אויך גרינגער. וואָס קומט אַרויס, אַז מע וואַקסט, נישט פאַר לייטן געדאַכט, אין סלופּ אַריין — אַפילו קיין אלף האָט מען אים נישט געקענט ווייזן אין סידור, וואָרום ער ווייסט, נעבעך, נישט, וואָס דאָס איז.

איצט זיצן זיי אין שכנות אין אָנהייב דאָלינע ביי מינען דער אלמנה. מינע האָט איין קינד, אַ מיידעלע, ברײַנדל הייסט זי — אַ חנעוודיקע, אַ וווּקסיקע, און ביי די שכנים איז אויך איין מיידל — שרה־כייקע. שטיל און שיין, ווי אַ שטילע טויב און נייט און העלפט און האָט חברטעס.

גיי פרעג ביי גאָט, וואָס איז ער דאָ אויסן געווען?! — אייניקע ווילן אָפילו דרינגען, אַז אינעם ייִנגל איז געזעסן אַ נשמה פון אַ גרויסן צדיק, וואָס האָט עפּעס אַ קלייניקייט נאָך געדאַרפט אָפּקומען אויף דער וועלט, כדי ער זאָל אין גן־עדן אַריינקומען ריין, ציכטיק, ווי אַ ריין אויסגע־ווישט גלאָז. ווער ווייס? אפשר איז די גאַנצע שריפה געווען צוליב אים? דאָס האָט מען שוין אים גערופן אַרויף... נו, איז דען נישט מקנא צו זיין אַזאַ ייִנגל און אַזעלכע עלטערן? די גאַנצע זאַך באַשטייט אין דעם, וואָס אונדז „דערציילט מען נישט", ביי אונדז „פרעגט מען נישט!"...

* * *

יצחק לייב פּאַטשקעס לעבט אויף זייער אָרעם. ער זיצט די אַנדערע, אָדער די דריטע שטוב פון ברוך־אייזיקן דעם שוחט מיט הערשלען יואל־חיימס. דאָרטן, אין שטוב, הוסט מען הילכיק און אַ סך. דאָס ווייב האָט געהוסט אַזוי לאַנג, ביז זי איז טאַקע געגאַנגען אַ יונגע פון דער וועלט, הלוואי זאָל זי האָבן אַלט געווען פערציק יאָר. און ער איז אַ הוסטער פון אַלע יאָרן און ביז צום היינטיקן טאָג. נאָר ער האָט אַ פערד און וועגעלע און פאָרט אַרום אַ גאַנצע וואָך איבער די דערפער. ווילסטו איז ער אַ שמאַטניק, און אַז דו ווילסט, בייט ער דאָרטן, אין דאָרף, נאָדלען, שפּילקעס, בייוועלעך, קנעפּלעך, סטענגעס און זאַפּאַלאָטש אויף אייער, גרויפּן, מעל, מאָן און שוועמלעך. „סחורה" נעמט ער ביי לייבען חוהס אין קלייט. ער קויפט אָן פּאָר אַ דרייערל, אויב אַ סך איז פּאָר אַ פינפערל, זאָכן — האָט ער סחורה אויף אַ גוטער וואָך צייט. דאָס פינפערל באָרגט ער, מיינסטנס, צו און איין מאָל האָט אים אָפילו לייבע געגעבן אָן אָנצור־הערעניש, אַז אויב ער וועט נישט באַצאָלן אין גאַנצן, וועט מען די רעשט אויף אים נישט פאַרשרייבן. די ערשטע צייט איז געווען אַ ביסל נישט שיין

יצחק־לייבן נעמען אַזוי ווי אַן באַרג און אַן גאָרנישט. אָבער דערנאָך האָט ער זיך צוגעוווינט. איין זאַך נאָר, וואָס ער האָט כשרע נאמנות און נעמט קיין מאָל נישט קיין איבעריקס אַפילו, אַז מען לייגט אים פאָר.

— צו וואָס — זאָגט ער — זאָל זיך עס ביי מיר וואַלגערן? אַז ס׳וועט אויסגיין, ווייס איך וווהין צו קומען. נישקשה, אייער לייזעכץ וועל איך צו קיין אַנדערן נישט פאַרטראָגן...

אַזוי איז ער געווען לייבעס קונה אַ סך יאָרן. אַ מאָל האָט זיך אים געמאַכט אַ ביסל וואָלוול געהילץ און ער האָט נאָך אַפילו ביי איר לעבן פאַרלייגט אַ שטיקל פאַסטרויקע. איצל פאָטשקעס — אַ ווייטער קרוב — האָט געהאָלפן ביים טעסען און לייגן די פאַדוואַלינעס, אָבער ביז האַלבע פענצטער איז עס דערגאַנגען און שוין. דאָס געהילץ איז פאַרשוואַרצט געוואָרן און ס׳וואָלט זיכער געשטאַנען ביז משיחס צייטן, ווען נישט דאָס, וואָס די וועלט שטייט נישט אויף קיין אָרט: שריפות זענען זיך שריפות, מלחמות זענען זיך מלחמות — זיי פרעגן נישט, צי דו האָסט באַוויזן ענדיקן צי נישט. אוודאי איז שענער, אַז דער בנין איז פאַרענדיקטער, נאָר אַז אַ שטאָט דאַרף אַ מאָל פאַרברענט ווערן, וועט מען שוין צוליב יצחק־לייבס נישט אויסגעבויטער „בודיוולע" זיך נישט אָפּשטעלן.

צווישן די עלטערע קינדער איז ביי יצחק־לייבן דאָ איין מיידל סאָיאַ (שרה), מען האָט זי גערופן „סאָיאַ", ווייל זי האָט דעם רייש נישט גע־קענט אויסרעדן. און וואָס נאָר דעם „רייש" — זי האָט אַלע ווערטער אויסגערעדט נישט קלאָר, נאָר פאַרשטאַנדיק איז זי און רעדן רעדט זי. ס׳איז קיין פאַרגלייך נישט צו חנה־הינדלס ייִנגל, אָדער צו חוהלען דער שטומער. אמת, אין יענע צוויי זיצן אפשר צוויי גרויסע נשמות און דאָ איז אַלץ קבצניש, פּראָסט און וואָכעדיק. יצחק־לייב פלעגט זיך אַן איבע־ריקן טאָג פאַרזאַמען אין דאָרף און ס׳איז אין שטוב נישטאָ וואָס צו עסן, טוט זי אַן אויף זיך אַלע שמאַטעס, וואָס קריכן אויף איר נאָר אַרויף און טוט אַ גיי „איבערן שטאָט". די שטאָט איז אין אַזעלכע פאַלן נישט קאַרג און שרה קומט אַהיים נישט מיט ליידיקן: אַ פאָר קאַרטאָפליעס, עטלעכע פאַסאָליעס, אַ פאָר שטיקלעך בילקע, ברויט און אַ שטיקל צוקער. און אויב ס׳איז נאָר דאָ מיט וואָס צו אויסהייצן דעם אויוון, וועט מען שוין הונ־

געריק נישט זיין. אַז חוהלע די שטומע באַגעגנט שרהן אין גאַס, קען זי זיך אַוועקשטעלן און איר לאַנג־לאַנג נאָכקוקן, ווּהין יענע גייט, מיט וואָס זי קומט אַרויס. פֿאַר קיין „איבערשלאָג" האָט חוהלע נישט וואָס מורא צו האָבן, נאָר ס'קומט אויס — אויב זי גייט שוין יאָ, וואָלט זי געדאַרפֿט פֿריִער פֿרעגן ביי איר, ביי חוהלען.

* * *

אַז ביי די ייִנגלעך הייבט זיך אָן עפּעס אַ טועכץ, ווערט פֿריילעכער צו לעבן אויף דער וועלט. אָט גייט שוין צו פּורים. נו, אַז מיר ווייסן פֿון אַלע פּיצעלעך, וואָס האָבן זיך געטאָן ביי ושתין אין ספּאַלניע און דער־נאָך ביי אסתרן און אַפֿילו ווי אַזוי זי האָט געהאַט די גאַנצע דעה ביי המנ'ען. דאָס איז דאָך קיין נייס נישט. אַ ביסל דערציילן אונדז וועגן דעם די אָנאייערדיקע באַדינער — זיי זענען דאָ אי נאַטשאַלניקעס, אי אויפֿ־זעער ביים הויף פֿון די ווייבער. מיט המנ'ען אַליין איז אונדז גראָדע גע־ווען נישט אַלץ פֿאַרשטענדיק. נאָר גיין אויסגיסן דעם גרימצאָרן אויף ייִדן פֿון גאַנצע הונדערט און זיבן און צוואַנציק מדינות, דאָס איז אַ ביסל צו פֿיל! פֿון דער צווייטער זייט, אויב המן איז אַ האַרטער קערל און איז דערצו דער ערשטער מיניסטער און האָט אַזוי פֿיל שטאַרקייט אי ביי זיך, אי ביים קייסער אין הויף, האָט זיך דען עמעצער געקענט ריכטן, ער זאָל פּלוצעם האָבן אַזאַ גרויסע מפּלה? ערשטנס, האָט אים זיין אייגן ווייב אָפּגעגאָסן פֿון באַלקאָן מיט אַ נאַכט־עמער, צווייטנס, האָט מען אים אויפֿגעהאָנגען מיט אַלע צען זין. און אַפֿילו זרש? אַז זי האָט אויסגע־גאָסן פֿון באַלקאָן אַ רינאַל מיט ביינאַכטיקע זאַכן דאַרטן, האָט ער פּונקט געדאַרפֿט דורכגיין און זי אַליין, מיט אירע אייגענע הענט, זאָל אים אָפּגיסן. ס'האָט אַ שיינעם פּנים פֿאַר אַ גרעסטן מיניסטער, אַז ס'רינען ביי אים איבערן דאַשעק און איבער דער באָרד אַזעלכע שמעקעדיקע „בשמים" פֿון אַ גאַנצער נאַכט. נו, אַז די ייִדן האָבן אין שושן און אין די איבעריקע שטעט אויסגעקוילעט אַ סך מענטשן שטאָטישע און דאָרפֿישע און אי קרעמערס, אי גלאַט שונא ישראל, וואָלט עס אפשר נישט געשאַט, נאָר

צו וואָס דאַרף מען אַזעלכעס דערציילן, קיינער וועט דאָך סיי ווי אין דעם נישט גלייבן?!

נעמען, צום ביישפּיל, חיימען רייזלס, אָדער אהרנען פאַליקס, צי אַפילו נחומען דעם כּהן, וואָס שלאָגט דאָס ווייב און שמואל־יאַנקל דעם שוסטער און יאַנקלען פּנחסעס און יאַנקלען דעם קאָמענדאַנט און גיב זיי שאַשקעס מיט שווערדן, זיי זאָלן גיין אויסהרגענען אַלע קאָלבאַסניקעס און חזירניקעס, וואָס זאָגן אַ שלעכט וואָרט אויף יידן — וועט דען עפּעס פון דעם אַרויסקומען? ס'איז דאָך אַ געלעכטער! נאָר אַן־און־פאַר־זיך איז די מעשה פון דעסט וועגן אַ מעשה און, דער עיקר, וואָס פּורים איז יום־טוב, וואָס מע מעג הוליען און מען מעג האַלטן אָפּן די קלייטן, און וואָס די גרעגערס מיט די קאַלאַקאַטקעס הערן זיך אַזש איבער דער גאַנצער שטאָט נאָך אַ וואָך פאַר פּורים. אייניקע יינגלעך מאַכן גרעגערס ווייכע, אַז ס'איז אַ פאַרגעניגן זיי צו הערן. זיי דרייען זיך, ווי די פליגלען פון אַ ווינט־מיל און קראַקן זיך ווייך, איינגענומען אַפילו פאַרן אויער. דערפאַר מאַכן אַנדערע דאָס ברעטל פון האַרטן האָלץ — וויי, ווי אַזוי ס'שרייט און גרעגערט, ממש טויב צו ווערן! אמת, אין שול, ווו די סטעליע איז הויך און דער פּלאַץ איז פריי — דאָרטן מישן זיך אויס די געשרייען אַלע אין איינעם. איז עס גרינגער אַ ביסל און די קאַלאַקאַטקעס זענען דאָך טאַקע אַן אמתער פאַרגעניגן! שיין, געגאָרנט און געפּורעמט. וואָס ס'טוט זיך אינעווייניק, וועגן דעם ווייס נאָר דער באַלמעלאָכע אַליין. צי ס'ליגן דאָרט האַרטע פּאַסאָליעס, צי אַרבעס, אָדער גאָר קליינע שטיינדעלעך, נאָר ס'קאַלאַקאַטקעט גוט, אַ מחיה. און ס'פאַרטשעפּעט נישט פאַרן פּנים, אָדער פאַרן אויער, וואָרעם דער גרעגער, אַז דו צעפּאַכעסט זיך מיט אים, איז דאָך אַ מסוכנע זאַך. אַנדערע האָבן ליב גרויסע האַמעטנע זאַכן, אויב אַ שליטן, טאָ זאָל זיין אַ גרויסער שליטן! אַ דריידל, זאָל זיין אַ גרויס, אַ לאַמטערן — אַ גרויסער. מאַכן זיי זיך אָפּ אַ גרעגער, איז ער אויך אַזוי די גרויס, אַז מען קאָן אין אים איינשפּאַנען אַ פּאָר פערד. גיי און שטיי נאָענט לעם אַזאַ מין גרעגער! חוץ דעם, וואָס מען קען טויב ווערן, דאַרף מען נאָך אַלע מאָל אָפּדרייען דעם קאָפּ, זאָלסט נישט כאַפּן קיין שינד. נאָר סיי ווי פּורים מיט די גרעגערס, מיט דער מגילה, מיט די

פאַרלעך אויפן שטאַט (וואָס ווערן קיינער נישט צוגעגעסן און מע ווערט נישט מיד געבנדיק), מיט די המן־טאַשן, מיט די שלח־מנות, וואָלט מיר נישט אויסגעמאַכט, אַז ער זאָל זיך ציִען אַפילו צען טעג.

די מגילה לייענען אויף אונדזער ווינקל קומט צו גיין — ביי אים איז עס שוין אַ חזקה פון אַ סך יאָרן — ישראליק דער אינדיק. ער ברענגט אַפילו זיין אייגענע מגילה, און די ווייבער קלייבן זיך צונויף צו אונדז, אָדער צו דער מומע לאהן אין שטוב. כאָטש ס׳איז נאָך פרי, אָבער ער לייענט אָפּ די מגילת אויף דער גיך, ווייל, ערשטנס, דאַרף ער גיין נאָך אין אַ פּאָר הייזער, צווייטנס, האָבן די ווייבער אַליין ווינציק צייט — מען דאַרף באַקן די המן־טאַשן! באַקן דעם פורים־קוילעטש, מאַכן פלעדלעך, קישעלעך, מלכות־ברויטלעך אויף שלח־מנות און קאָכן וואַרמעס און דערנאָך וועטשערע צו דער סעודה. הערסט אַ מעשה? — דערפאַר גייען זיי דאָך נישט אין שול אַריין, וואָס זיי האָבן אין שטוב אַזוי פיל צו טאָן?!

ווי מ׳קומט נאָר צו „המן־הרשע״ איז אויב ס׳זענען דאָ אַ פּאָר ייִנגלעך מיט אייגענע גרעגערס אין שטוב, פליסן זיי זיך און דרייען מיטן גרעגער, וויפל ס׳גייט זיי אַריין. און אויב נישט? — דאָס ייִנגל שלאָפט נאָך, אָדער ער שפילט זיך ערגעץ, דאַן צעצאָלט זיך ישראליק דער אינדיק אַליין מיטן רשע. ווי ס׳קומט נאָר צום „טייערן חנעוודיקן״ נאָמען, אַזוי טוט ער אַ טופּע מיטן פוס אונטערן טישטעך, אַ מאָל איין מאָל און אַ מאָל אַפילו עטלעכע שטאַרקע מאָל. ווי דען? שענקען וועט ער אים?! נישקשה, ער מעג שוין געשוואָלן ווערן דער צורר.

און מיר, ייִנגלעך, פילן זיך דערווייל זייער אויפגעלייגט. דער מסחר מיט די גרעגערס גייט הויך: ווער ס׳קויפט זיך אַ שפּאָגל בייעם גרעגער, ווער ס׳זוכט אויס צווישן דער שאפע, אין אַ פּאַפּיר און אין שפּינוועבס איינגעוויקלט, דעם אַלטן פאַראַיאָריקן גרעגער און בייט זיך מיט אים אויף אַ בייעם, און ווייטער די פּאַרלעך, די שלח־מנות־טרעגער, פאַראַן פיינע הייזער, וואָס פאַרכאַפּן נאָך אונטערצושיקן אַ פּאָר מתנות אין אַ נויטבאַ־דערפטיקער שטוב אַריין אַפילו אין סאַמע אסתר־תענית, יענע זאָלן אויך האָבן וואָס צו קאָכן און צו באַקן.

איין מאָל האָבן מיר געהאַט אַ פורים אַ ביסל אַ פאַרזאָרגטן. דאָס איז

שוין געווען שפּעטער, ווען איך בין אַ ביסל אונטערגעוואַקסן. דעם טאַטן האָט מען געוואָלט צונעמען אויף דער מלחמה. דער טאַטע האָט דאָך אַלע יאָרן אַ בלויען בילעט פאַר די ברילן. ער איז דאָך נאָך געקומען פון ראַדאָמישל מיט ברילן. נאָר אַז ס׳איז אַוועק די מלחמה, האָט מען אָנגעהויבן שלעפּן אַפילו די בלויע בילעטן אויך. האָט דער טאַטע געמאַכט אַ קאָנטראַקט אויף צושטעלן סחורה פון הארבאַרגיע פאַר דער „אָבאָראָנע״, האָט ער געהאַט אַן אָטסטראָטשקע, ט׳עס אַלע מאָל געהאַלטן שמאָל. פלעגט מען זיך אַלע מאָל זאָרגן. איין מאָל האָט עס געטראָפן סאַמע פּורים. אַז מען רופט, ווער מען דאַרפן גיין, איז אונדז איטלעכן אַנטפאַלן געוואָרן דאָס געזונט און מיר האָבן געהאַט אַ פאַרקאָלאָטעטן פּורים מיט אַ פאַר־אומערטער סעודה. און איין מאָל האָבן מיר זיך דערוווּסט, ס׳איז געווען אַקוראַט פּורים, אַז די מומע באַבל איז פּלוצעם און יונג געשטאָרבן ביי זיך אין דער היים, אין ראַדאָמישלע, מיט אַ קינד אין בויך. און איין מאָל האָט זיך פּורים ביי פאַשקאָווטשיכען געסמט די דינסט. דאָס איז געווען אַ פליוך איבער דער גאַנצער שטאָט. מען האָט גערעדט וועגן דעם אין דער שטיל, און מע האָט זיך אומעטום געסודעט: זי איז, דוכט זיך, נישט דאָ געדאַכט, טראַגעדיק געוואָרן פון עמעצן. אַ מיידל אַ שטילע, אַן איידעלע און נאָך אַ יתומה דערצו. קען מען שוין פאַרשטיין איר געמיט, אַז זי דערוווּסט זיך, אין מיטן דרינען, אַז זי טראָגט. מען האָט גערעדט שטיל, ס׳האָט זיך געקענט אויסווייזן, אַז די גאַנצע שטאָט איז אין עפּעס שולדיק. ס׳איז שוין גרינגער, אַז מע הערט אַזאַ מין זאַך אויף אַנדערע שטעט. און נאָך בעסער איז, אַז מען זאָל עס אויף קיין אַנדערע שטעט אויך נישט הערן. איך האָב אַקוראַט געטראָגן אַ זילבערן קערבל צו אונדזער רב שלח־מנות. מיר איז אַזאַ גאַנג געווען טייער, ס׳זאָל אַפילו אַלע טאָג זיין פּורים און איך זאָל אַלע טאָג טראָגן צו אונדזער רב אַ ריין, אַ זילבערן קערבל.

— דער טאַטע — זאָג איך שטיל — האָט אייך געוווּנטשן איר זאָלט דערלעבן איבעראַיאָר.

דער רב טוט אַ שמייכל, קוקט מיר גוט, מיט זיין קורצזיכטיקן בליק, גלייך אין פּנים אַריין און זאָגט:

— זאָג דעם טאַטן איר זאָלט אַלע אויך דערלעבן איבעראַיאָר.

און אַז איך בין געגאַנגען פונעם רב און ס׳איז מיר אמת, דויערנדיק, געוועז גוט אויפן האַרצן, האָב איך לעם שלמהלע דעם שוסטערס נייער שטוב דערהערט די בייס. אין דער רגע האָב איך אַפילו מורא געהאַט קוקן צו פּאַשקאָוושטשיכעס גלעזערנעם גאַנעק, אויכעט יידן, נאָר היינט־וועלטיקע.

אַז איך וועל קומען אַהיים מיטן בייס, פאַרשטייט מען עס, אָבער ווי אַזוי דערציילט מען מיטן טראַגעדיק ווערן ?... נאָר גאָט האָט מיך אויס־געפירט: אַז איך בין אַריין אין שטוב, האָב איך דערהערט, אַז די מאַמע אַליין דערציילט שוין אין קיך ביי אונדז די בייס מיט אַ ווילדער צעטראָגנ־קייט אויפן פּנים. אויב אַזוי, האָב איך זיך גיכער צוגעשטעלט נישט נאָר נאָענט איך זאָל פון ס׳ניי הערן די גאַנצע מעשה פון אָנהויבס ביזן סוף. איך פיל, אַז איך בין שטאַרק איינגעליבט אין יענעם איידעלן דינסטמיידל, דער עלנטער יתומה, מיט אַזאַ מין איידעלן געזיכט, מיט אַזאַ שטילער נאַטור וואָלט זי געמעגט איינשטיין אין אַ געהויבענער פאַרמעגלעכער געזינד.

— אָבער ס׳איז שוין אויך טויט ? — פרעגט, דוכט זיך מיר, עמעצער, און איך האָב נישט דערזען, ווער ס׳האָט געפרעגט. איך שטעל זיך נישט פאָר, אַז דאָס מיידל זאָל זיין טויט. ניין, זי וועט ליגן אויף דער מיטה, כאָטש אַ בלייכע און מיט פאַרמאַכטע אויגן, אָבער יעדער אבר באַזונדער וועט אין זיך האָבן אַ ביסעלע לעבן. ניין, קיין טויטע אברים קאָנען ביי איר נישט זיין. מיך ציט צו איר זייער אַ גרויסע ליבשאַפט, וואָס וועט זיך לאַנג אין מיר האַלטן, נאָר איך וועל עס פאַר קיינעם נישט דערציילן.

* * *

פורים איז גוט שוין אַפילו דערפאַר, וואָס באַלד נאָך פורים הערט מען אויף גיין אויף דער נאַכט אין חדר און די פאַרנאַכטן זענען שוין גרויסע און דער שניי „טאָגט” — ער בלייכט זיך אויס און ווערט אויס־געדאַרט און אַזוי ווי ער וואָלט זיך געבעטן, מען זאָל אים לאָזן צו רו:

ער האָט זיך שוין געגנוג אָנגעווינטערט פאַר זיין לעבן. אין אייניקע ערטער זעען זיך אַרויס שטיקלעך אָפּגעדעקטע ערד. אינדזעלעך מיט שוואַרצער, פאַרפרוירענע בלאָטע. פון די דעכער קאַפּעט אַרום צען אין דער פרי. און דערנאָך בלייבן העגגען ליכט און ליכטלעך אויף אַלע סטריכעס און אַלע דעכער. מע זאָגט, אַז ס'קעלבן זיך שוין בהמות. און היגער הייבן זיך שוין אָן לייגן, אָבער אין די פיס איז נאָך קאַלט — אין די הענט אויך. פאַר נאַכט נעמט נאָך אַ פראָסט — אַהאָ! אונדזער בהמה זנאַטשעט שוין — אַ סימן, אַז זי דאַרף זיך שוין אויך אין גיכן אָפּקעלבן. פאַרלאָזן האָבן מיר זי שוין לאַנג, זי איז אַ גראָבע, ווען מיר לאָזן זי אַרויס צום פּאָילע, זאָגט אונדז די מאַמע אָן, מיר זאָלן זי נישט טרייבן אויפן גליטש — זי איז איצטער אַ „שווער־מענטש" די בהמה אונדזערע, זי איז שוין אויף דער צייט.

ווינציק זאַכן פאַרשלאָפט אַ מענטש, און דערנאָך טוט עס אים באַנג?! אָט זענען מיר אויפגעשטאַנען אין דער פרי, און אין קיך אויף דער סאַמע מיט ליגט אַ גראָבער זאַק און אויפן זאַק אַ קעלבעלע.

דאָס איז שוין גאָר אַ פּנים־חדשות: אַ רויט, נאָך נישט קיין אָפּגע־טריקנט, קעלבעלע, די נאַסע הערלעך גרויזן זיך און ס'הויבט אַלע מאָל אויף ס'קעפּעלע. זע, סאַראַ שיינע אויסגעוואַשענע אויגן, אָט, אָט שטעלט זיך עס אויף אויף אַלע פיר. די פיס שטייען ביי אים, אָדער צונויפגענומען אויף אינעווייניק, אָדער זיי סטירטשען ווייט צעשטעלט איינס פונעם אַנ־דערן, ווי די דרענגלעך. זיי בויגן זיך נאָך נישט אין די קני. עס סטירטשעט אויף זייגע פיר פיס, אַזוי ווי אויף פיר דראָנגען. ס'איז אַזאַ חן צו קוקן אויפן בייעם באַשעפעניש, אַלצדינג איז אין אים ניי... נו, און די בהמה אַליין, וואָס טוט?...

דער בהמה גיט מען איין אויף אַ שטיקעלע ברויט אַ לעקעלע קוועק־זילבער און אַ לייזל, וואָס מע הרגעט מיטן נאָגל, — סאיז אַ סגולה. אַ מאָל טרעפט, אַז נאָכן קוועקזילבער דאַרף איך נאָך ערשט לויפן צו באַסיען אין קלייט. באַסיע האָט אַ סך קוועקזילבער אין אַ גרויסער טונ־קעלער פלאַש. מיר וועגט זי אָפּ אַ ביסעלע אין אַ קליין ליכטיק פלעשעלע. אַזאַ לעבעדיקע זאַך, ווי קוועקזילבער האָב איך נאָך אויפן לעבן נישט

גנזען. אַט־אַ שפּילן מיר זיך מיט דעם אויף אַ ריינער שאָל — קייקעלעך לויפן אַרום, לויפן אַרום, ווי די פלינקע מייזעלעך. דערנאָך שלינגט איין איין קייקעלע אַלע איבעריקע קייקעלעך און ס'ווערט פון דעם איין גרויס אויג. און דאָס אויג לעבט, שאָקלט זיך, מיניעט זיך און שפּאַצירט אַרום איבער דער שאָל.

מיט קוועקזילבער קען מען זיך נאָך סמען אויך. אָבער די מאַמע גיט דער בהמה אַ פּיצעלע, אַ שפּאָרעלע. ווען די בהמה ווייסט, אַז מע גיט איר איין אַ לויז, וואָלט זי זיך געמיאוסט. אָבער, ערשטנס, ווייסט זי נישט. און, צווייטנס, איז עס דאָך צוליב אַ רפואה. אַ סגולה מיט אַ רפואה. נאָך גוט, וואָס מען האָט אויסגעזוכט אין קאָפּ ביי די קינדער איין לייזעלע אויף אַ רפואה. די מאַמע האָט לאַנג געדאַרפט קעמען ביי איטלעכן. איצט מאַכן מיר דער בהמה אַ וואַרעמען טרונק — עפּעס אַ קליינינקייט אַזאַ ראָכמאַנע, אַזאַ קאָכאַנע קימפּעטאָרין. זי איז מיד און אָפּגעשוואַכט. איינע אַליין איז זי ביי נאַכט געגאַנגען צו קינד.

דעם נאָפּל שניידט מען איבער מיטן מילכיקן קלינגל, וואָס מיר נוצן שוין איצט אויף גאָרנישט, און מע מאַכט אַ קניפּל. איצט מאַכן מיר איר אַ וואַרעמען טרונק מיט אַ ביסעלע מעל, אַ ביסעלע צעפּירטער, איינגע־פּריִעטער מאָקוכע — אַזוי ווי מען זאָל, אַ שטייגער, געבן קאַקאַאָ אַ שטור־ביקער קימפּעטאָרין. דעם וואַרעמען פּאַילע, טראָגן מיר איר אַוועק אין שטאַל אַריין. אין שטאַל איז נאַסלעך דאָרטן, ווו זי האָט זיך געקעלבט. מיר זוכן אָפּ אַ טרוקן אָרט און שטעלן אַוועק דעם צעבער. די בהמה איז מיט אונדז גוט, זי פילט, אַז מיר זענען אַלע אייגענע. אָט האָט זי זיך אויפגעשטעלט אויף איר גלעגער, איז צוגעגאַנגען צום צעבער, גע־געבן אַ פּיר מיטן פּיסק איבער דעם וואַרעמען טרונק און נאָך אַ קליינעם ישוב־הדעת גענומען זיך צום טרונק. אַלע שטייען מיר לעם איר, אַלע ווילן מיר, ס'זאָל איר זיין צו געזונט און צו רפואה. דער וואַרעמער טרונק גייט ביי איר אַוועק אין די קישקעס אַריין. יאָ, יאָ, מיר פילן, ווי די וואַרעמקייט גייט איר איין. מיר גייען רופן דעם טאַטן. דער טאַטע נעמט אַרום דאָס קאַלב פון אונטן און פון פאָרנט מיטן זאַק אַרום די פיסלעך, ער נעמט אים פאַר־זיך אויף די הענט און טראָגט אים אין שטאַל אַריין.

די בהמה הערט אויף אויף אַ רגע זופּן דעם פּאַילע און קערעוועט אויס דעם קאָפּ מיטן אויסגעבויגענעם האַלדז צו איר קדיש, ווי זי וואָלט אים וועלן פון ס׳ניי דערקענען. יאָ, ס׳איז ער. פון איין זייט לאָזט די מאַמע צו דאָס קעלבעלע און פון דער צווייטער זעצט זי זיך צו מיטן מעלקן־שעפל. די מילך איז נאָך געל, גאַלע מאַלאָזעווע.

דעם ערשטן געמעלק גיסט די מאַמע אויס דער בהמה אין צעבער אַריין. דעם צווייטן — קאָכן מיר שוין פון אַ טייל הירזשענע קאַשע און פונעם איבעריקן שטעלן מיר אַ קריגעלע. ס׳שאַט נישט. פאַר איין וואָך וועט די מילך ווערן אַזוי ווי ס׳באַדאַרף צו זיין. אמת, ס׳איז יונגע מילך, נאָר מע קאָן שוין בראָקן ברויט און עסן. מע קען זי שוין עסן געבריי־טערהייט און מען קען קאָכן פון איר ציקאָריע און פון שטעלן אַ קריי־געלע איז דאָך אָפּגערעדט.

עסנוואַרג. די ברכה קומט אין שטוב אַריין. רויע מילך, געבריטע מילך, טיי, ציקאָריע, סמעטענע, פּידסמעטענע, זויערמילך, קעז, סראָ־וואַטקע, פּוטער, מאַסלינקע, קעזניקעס, קאַשניקעס, מילכיקער קוליש. ס׳איז דאָ פאַר זיך און מען גיט נאָך דעם אָרעמאַן, דעם שכן, אַ ביסל מילכיקס אין אַ קריגעלע. פאַר וואָס וואַרפט מען אַריין אַ פּיצעלע זאַלץ אין יענעמס קריגעלע? דאָס איז גאָרנישט, ס׳איז פּשוט אַ סגולה קעגן אַן עין־הרע. ס׳איז דאָ מענטשן, וואָס האָבן אַ שלעכטן קוק, כאָטש זיי זענען אַליין פון דעם נישט צופרידן. און די בהמה איז אונדז טייער...

אין קיך אין אַ קאַמער שטייען שוין ביי אונדז קריגעלעך צעשטעלט. די מאַמע פירט אַ חשבון, וועלכעס ס׳איז שוין איינגעשטעלט, וועלכעס ס׳איז שוין אַראָפּגענומען. אייניקע קריגלעך שטעלט מען אַריין נאָכן הייבן אין אויוון אַריין, טאָפּעט זיך אָפּ קעז. דערנאָך גיסט מען אים צונויף אין אַ וואָרעטשעק, רינט אָפּ די סראָוועטקע, וואַשט די מאַמע אָפּ צוויי ברעטלעך, פון אויבן לייגט זי אַוועק דעם גלאַט אָפּגעוואַשענעם שטיין. אויב דער שטיין איז נישט גענוג שווער, לייגט מען נאָך אַרויף אַ געוויכטל פון אַ פינף פונט פון אויבן, אָדער דאָס קופּערנע שטויסל מיט דער טוקאַטשקע און נאָך וואַרמעס נעמט מען אַרויס פון וואָרעטשעק אַ שטיק קעז, וואָס איז פוןביידע זייטן אַרום און אַרום איינגענעם גע־

שטופּלט — שיין צו קוקן אויף אים און אויף זיין פרישקייט. אויב ער וועט נאָך דאַרפן שטיין ביז פרייטיק, נעמט די מאַמע, זאָלצט אים צו, קנעט אים גוט איבער און טאָפּטשעט אים איין אין דעם געגלייזטן ריינדל. זי קאָטשעט אָן עטלעכע גראָבלעכע גאָמלקעלעך און גיט יעדן קינד איינס, מיר זאָלן עטוואָס איבערקייען. טאָקע דאָ לעם טאָפּטשאָן שטייענדיק. דער קעז איז שטאָפּיקלעך, אָבער פריש און געשמאַק.

סמעטענע קלייבט זי אין אַ באַזונדער כלי, און אַז ס׳קלייבט זיך אָן וויפל מ׳דאַרף טוט זי אַ שווענק די מאַסניטשקע, גיסט אַריין אַהין די סמעטענע און טוט אַ קוק אויף די קינדער, צי האָט עמעצער פון אונדז חשק אויסשלאָגן פּוטער. פון אָנפאַנג דוכט זיך מיר, אַז ס׳איז אַ ביסל שווער, אָבער ווייטער קוק איך זיך אַרום, אַז ס׳איז נישט אַזוי דער „שווער”, ווי מע באַשפּריצט זיך אומגערן און שטאַרק, ווייל די סמעטענע וועַרט שיטער אין מאַסניטשקע, דו טוסט מיטן שטעקל נישט געהיט אַ פּליעטשקע און ס׳טוט אַ שפּריץ אויפן פּנים, אויפן דאַשעק און אויפן גאַנצן אָנטאָן, אַז דו זידלסט זיך אַזש אויס: איצט גיי און וואַש זיך און קוק אין שפּיגל — ס׳איז די אמתע אַרבעט! אָבער אין גיכן דערהערסטו אינעווייניק אין מאַסניטשקע אַן אַנדער אָפּקלאַפּ און אויף די זייטן פּונעם שטעקעלע, וואָס הויבסט אויף און לאָזסט אַראָפּ, דערזעסטו אָנשטאָט דער ווייסער צעשמירטער סמעטענע גאָר ברעקעלעך אַזעלכע און טונקעלערע פון דער סמעטענע, דערפרייסטו זיך אין האַרצן, וואָס דו האָסט דערלעבט זען די פּרוכט פון דיין אַרבעט — דאָס זענען דאָך שוין שטיקעלעך פּוּ־טער, שטיקעלעך — שטיקעלעך און דאָס פּליסיקע, וואָס בויטעט זיך אינעווייניק איז די פּוטער־מילך, אָדער מאַסלינקע. די מאַסלינקע האָט זייער אַ געשמאַקע זויערקייט און ס׳איז אַ פאַרגעניגן אין אַ הייסן טאָג זיך אָנטרינקען מיט איר. איצטער ווייסטו, אַז דו דאַרפסט קלאַפּן מיטן שטעקל רויק־רויק, באַלד וועט זיך די פּוטער צונויפנעמען, ס׳וועט פון איר ווערן איין שטיק, דאָ וועט שוין די מאַמע אַליין טאָן דאָס איבעריקע.

אויב זי איז איצטער נאָר נישט פאַרנומען מיט קיין אַנדער אַרבעט, נעמט זי צו ביי מיר די מאַסניטשקע, אָבער איך גיי שוין נישט אַוועק פון קיך — איך וויל זען מיט וואָס ס׳וועט זיך ענדיקן. די מאַמע גיסט

עס אַלץ אויס אין אַ ריינדל, נעמט אַראָפּ די פּוטער אין אַ שיסעלע אַריין, זי קוועטשט אויס מיט אַ לעפל די מאַסלינקע, וואָס איז נאָך צווישן פּוטער געבליבן, דערנאָך פּוילט זי זיך נישט און גיט אַפילו אַ וואַש דורך די פּוטער מיט ריין קאַלט וואַסער און קוועטשט ווייטער אויס מיט אַ לעפל און פּרעסט זי איין אין אַ ריינער ליכטיקער כלי און מיט אַ טיי־לעפעלע מאַכט זי פון אויבן קאַרביקלעך אויף דער גלאַטקייט. דאָס טוט זי גלאַט אַזוי פון שיינקייט וועגן. דערביי באַשמירט זי אונדז איט־לעכן ברויט מיט פרישער געלער פּוטער, ערשט אויסגעשלאָגענער. דערנאָך שאַבט מען אויס מיט אַ לעפל די מאַסניטשקע, מע שטופּט דורך מיט אַ שמאַטקעלע די קיילעכדיקע לעכלעך פונעם רעדל, וואָס איז צוגעפּעס־טיקט צום שלאָג־שטעקל. אַזוי אויך דאָס דעקל, וואָס זעט אויס, ווי אַ טיף היטל מיט אַ לעכל אין מיטן, ווו מען טילעט דורך דאָס שלאָג־שטעקל. אויסגעוואַשן און אויסגעטריקנט אַלע דריי באַשטאַנד־טיילן פון דער מאַסניטשקע און מען שטעלט זי אַוועק אַ ריינע אין קאַמער אין אַ ווינקעלע, ביז מע וועט זי מירצעשעם באַדאַרפן דאָס צווייטע מאָל.

* * *

אַלע כלים אין שטוב האָב איך ליב. די מאַסניטשקע אויך. זי איז אַזוי ווי אַ הויך שמאָלינק דייזשקעלע. צום אַרויף־צו גייט זי שמעלער, דאָס דעקל, וואָס גייט אין איר אַריין מיט דער אונטערשטער העלפט, איז ביי אַ פּערטל די גרויס פונעם גאַנצן דייזשקעלע בלויז, וואָס דאָס דעקלדיקע דייזשקעלע האָט אין זיך נישט קיין דנאָ. אין מיטן איז נאָר איינגעפּאַסט אַ קיילעכדיק רעדל מיט אַן אויסגעבויערט לעכעלע אין דער סאַמע מיט, איצט קומט די דריטע טייל — דאָס איז אַ לענגלעך אַרומגע־שניצט שלאָג־שטעקל אויף עטלעכע קולעקעס לענגער פון דער מאַס־ניטשקע. דער אונטערשטער עק פונעם שטעקל איז איינגעפּאַסט אין אַ הילצערן רעדעלע, וואָס קען דורכגיין דורכן מויל פון דער מאַסניטשקע. אינעם רעדעלע זענען דורכגעבויערט און גלאַט אַרומגעשניצט אַ פינף־זעקס לעכעלעך, אין יעדן לעכל קען גרינג אַריינגיין אַ פינגער פון דער

האַנט. און אַז מע דאַרף שוין שלאָגן פּוטער, אַבי די מאַסניטשקע איז ריין און אויסגעשווענקט, גיסן מיר אַריין די אויפגעקליבענע סמעטענע, מיר טוען אַריין דאָס קלאַפּ־שטעקל מיטן הילצערנעם רעדל אַראָפּ אין דער סאַמע סמעטענע אַריין. דערנאָך טוען מיר אָן דאָס היטל פון דער מאַסניטשקע איבערן שטעקל — אַ האַלב היטל גייט אַריין אין די ברעגן פון דער מאַסניטשקע און אַ האַלב בלייבט אויבן. דאָ זעץ איך מיך אַוועק אויף דער קאַנאַפּע, טו אָן איבער די קני אַ גרויס שמאַטקעלע — אָדער אַ האַנטעך, איך זאָל זיך איבעריקס נישט באַשפּריצן. די מאַסניטשקע, וואָס שטייט אויף דער ערד, פאַרקוועטש איך צווישן די קני. איך האַלט נאָך צוגעגרייט אויפן ברעג־טיש אַ שאָל מיט אַ לעפל, כדי אַראָפּשאַרן די סמעטענע, וואָס גיסט זיך אויס (צוריק צום קלאַפּ־שטעקל). איך הייב דאָס קלאַפּ־שטעקל און לאָז עס אַראָפּ און איך הער, ווי אינעווייניק אין מאַסניטשקע טוט זיך אָן אַרבעט. דאָס לעכלדיק רעדל קוועטש אָן אויף דער סמעטענע. די סמעטענע וויל נישט ליידן און קוועטשט זיך דורך דורך אַלע לעכעלעך — ע, דו ווילסט נישט? — זאָגט דאָס רעדעלע — לאָמיר זיך נאָר אויפהויבן און דיך ווייטער אַ קוועטש טאָן. ווייסט שוין די סמעטענע דעם וועג און שפּרינגט ווייטער אַרויס דורך אַלע לעכעלעך. דאָס שטעקל איז שוין איינגענעצט הויך, נעם איך די לעפל און שאָב אָפּ פונעם שטעקל די סמעטענע און איבערן דעקל שאַר איך זי צו צום שטעקעלע דורכן דורכגעבויערטן לעכל, וואָרום אַט דאָס אַ ביסעלע איז דאָך אויך פּוטער. אַ ביסל טוען שוין ווי די הענט פונעם הויבן און אַראָפּלאָזן, אָבער איך זאָג, אַז ס׳וועט שוין נישט לאַנג געדויערן, אַט וועל איך אָפּציילן נאָך פינף הונדערטער, וועלן זיך שוין נעמען ווייזן די הירזשלעך פּוטער...

אַט דאָס איז די מאַשין, מיט וועלכער מיר שלאָגן פּוטער. ווער האָט צוגעטראַכט די דאָזיקע מאַשין, און ווען איז זי צוגעטראַכט געוואָרן, איז מיר נישט באַקאַנט, אָבער... ס׳זענען שוין צוגעטראַכט אַזוי פיל זאַכן, אַז דער מענטש קען שוין מיט זיי גרינג אָפּלעבן זיין וועלט: דער אויוון מיטן קוימען איבערן דאַך, וואָס קאָכט און באַקט און גיט וואַרעמקייט; די פענצטער, וואָס לאָזן דורך ליכט און אָפּענערהייט — פרישע לופט; די בעטן; די קישנס; די טעפּלעך און קריגלעך; די טעלער, גלעזער,

שאַלן, לעפל, און גאָפּלען. אין באָד, אין האַרבאַרניע, און אויך אין זאַוואָדל זענען דאָ קעסלען. ווייטער: לאָפּעטעס, קאָטשערעס, ווילקעס; בעכערלעך, אַ סטאַמפּ, אַ מיל, אַ פּאַראָווע מיל; אַ וואָסקאָבוינע; אַ ציהילניע; אַ האַק, אַ זעג, אַ הובל, אַן עקבויער, אַ האַמער, אַ בלאָז־זאַק און אַ קאָר־וואַדלע. און... פּופּציק ווערסט פון אונדז גייט שוין אַ באַן — שטיבעלעך אויף רעדער איינס צום אַנדערן צוגעקלאַמערט גייען איבער וועלדער, איבער פעלדער, איבער בריקן און פון פאָרנט פירט זיי אַן אייזערנע שקאַפּע אויף הויכע רעדער מיט רויטע ברענענדיקע אויגן און מיט פלאַמיקע נאָזלעכער... אַ פּענע שרייבט, אַ נאָדל נייט, אַ וואָג וועגט, אַן אַרשין מעסט און ביי אונדז, אין האַרבאַרניע נעמט מען אַריין רויע פעל און אין פיר וואָכן אַרום לאָזן מיר אַרויס גרייטע, שיינע יוכטן. אַז די יוכטן קומען אָן צום שוסטער, גייט אַרויס פאַר איין טאָג אַ פּאָר פאַרטיקע שטיוול. דעם מענטשנס לעבן איז שוין אַזוי אויסגעשטעלט, אַז פונעם וויגעלע ביזן גריבעלע קען ער דורכגיין גרינג זיין לעבנס־וועג. אמת, מע הערט רעדן, אַז ס׳איז נאָך נישט אין גאַנצן — ס׳הויבט זיך ערשט אָן. דאָס דערציילט לייבל, דער מומע לאהס ברודער, וואָס איז אַראָפּגעקומען פון אָדעס. ס׳איז אַזאַ חילוק פון אים ביז מיכלען דעם בעקער, אויך זייער אַ ברודער, וואָס וווינט ביי אונדז אין אַנהויבס מאַרק. ער האָט זיך זיין שטוב, וואָס ער האָט געירשנט פונעם טאַטן. אין שטוב איז דאָ אַ באַזונדער סאָרט אויוון, וואָס באַקט בייגל און בילקעלעך און לעקעכ־לעך, נישט אַזעלכע, ווי די ווייבער באַקן, נאָר טאַקע אמתע פאַבריטשנע. די ווייבער באַקן אויף שבת און ער באַקט אַ קיילעכיקע וואָך. די גרויסע אייער־בייגל קאָכן זיך אויס און באַקן זיך אויס און גייען אַרויס פון אויוון געל־פאַרברוינטע, מיט גרויסע לעכער.

ביי מיכלען איז אַ דריבנע קיילעכדיק בערדל און ביי לייבלען איז אין גאַנצן קיין באָרד נישטאָ — ער גאָלט זי אָפּ, ווען קיינער זעט נישט. מיכל האָט אַ ווייב — שרה־רבקה, איין זון און עטלעכע טעכטער. לייבל, כאָטש ער איז שוין נישט קיין יונגער, איז נאָך איינער אַליין און איז אַ פרייער פויגל. מיכל האָט ליב הערן נייס און שבת אין בית־מדרש

דערציילט ער זיי איבער. לייבל, איז אַ סברא, אַז ער מאַכט אַליין די נייס און פאַרשפּרייט זיי.

אַזעלכע נייס איז ער גרייט מאַכן, פאַר וועלכע מע זעצט מענטשן אין די טורמעס. די גאַנצע וועלט ווייסט, אַז אַ גביר איז אַ גביר, אַ קבצן — אַ קבצן, אַ באַלעבאָס — אַ באַלעבאָס און אַ שלעפּער איז אַ שלעפּער. גיי אָבער רעד מיט לייבלען, זאָגט ער, אַז ס'נישט פון גאָט, אַז גיריקע מענטשן האָבן עס צוגעטראָכט פון זייערע אייגענע נוצן וועגן. ביי זיך, אין אָדעס, האָט ער אַ קאָמפּאַניע אַזאַ און די קאָמפּאַניע האָט צוגעטראַכט אַזאַ מיטל, ווי אַזוי די וועלט וועט ווערן גלייך — אויס אָרעם און אויס רייך.

ביי דער מומע אין שטוב אויפן באַנק־בעטל זיצט ער, און רעדט אָט דאָס אַלץ און ס'גלוסט זיך אים הערן. דוכט זיך, דער זעלבער מענטש, וואָס אַלע — מיט הענט און מיט פיס און מיט אַ קאָפּ און מיט אויערן, נאָר ער איז אין גאַנצן אַנדערש פון אונדז און פון מענטשן, וואָס מיר זענען געוווינט צו פאַרשטיין.

— דער רבי, ר' לייבעלע — זאָגט ער און שמייכלט דערביי — דאָס אין דער גרויסער, וועלט־באַרימטער שריפטשטעלער ליעוו ניקאָלאַיעוויטש טאָלסטאָי... פון ליעוו טאָלסטאָי האָבן מיר געהערט און אים אַפילו געזען אויף אַ קאַרטע. די גראָבע פינגער פון די הענט — אין גאַרטל אַריינ־געשטעקט, אַ גרויסע טונקעלע באָרד, אַ העמדל — און מיט באָרוועסע פיס. די געדיכטע ברעם פאַרשטעלן די אויגן און אַ ביסל איז ער פאַר־טראַכט.

אפשר מיט דעם, וואָס ער זאָגט אַזוי, לייבל, גיט ער אַן אָנצוהער־רעניש, אַז ער לאַכט אָפּ פון אַלע רביים און גוטע יידן.

ער זאָגט, לייבל, אַז דער מענטשלעכער געדאַנק איז אַוועק אַזוי ווייט, אַז מע האָט שוין צוגעקלערט לופט־באַלאָנען — דער מענטש זעצט זיך אין אים אַריין, דער לופט־באַלאָן הייבט זיך אויף פון דער ערד און פליט אַוועק אין די כמאַרעס. דערנאָך קערט ער זיך אום צוריק אויפן זעלבן פּלאַץ.

מען זאָגט, אַז ס׳איז עפּעס אַ כימיע אַזאַ. נו, איך ווייס שוין נישט אַקוראַט, ווי אַזוי עס אָנצורופן... אָבער חידושים אַזעלכע קומען פאָר.

— כימיע — זאָגט ער — זאָל זיין כימיע. אייער האַרבאַרניע — זאָגט ער — איז אויך גאָלע כימיע.

און ער גיט אונדז עפּעס צו פאַרשטיין וועגן דעם קאַלעך־וואַפּנע און וועגן דעם דובאָוון קוואַס אין די ביטן.

— נאָר אין בערדיטשעוו — זאָגט ער — אין שליינקערס זאַוואָד זענען דאָ אַזעלכע באַראַבאַנעס און אַזאַ עקסטראַקט, וואָס דאַרטן דובעט זיך אויס אַ פעל פאַר צוויי טעג, נישט אַזוי ווי ביי אונדז, וואָס פיר זאַפּאַרן נעמען כמעט אָפּ פיר וואָכן.

אין די זאַכן ווייס איך אים נישט וואָס צו זאָגן. ביי מיר קומט אויס, אַז מענטשן פאַרשפּאָרן שוין צו טראַכטן ווייטערדיקע זאַכן, מען קען שוין אָפּלעבן די וועלט מיט דער באַלעבאַטישקייט, וואָס מיר האָבן. אמת, פאָרן מיט דער באַן און פאָרן מיט אָקסן איז אַ ביסל אַ חילוק. אויב מען דאַרף ערגעץ פאָרן ווייט, אַפילו קיין זשיטאָמיר, אָדער קיין ראַדאָמישליע, אָבער אין אַלע איבעריקע זאַכן קען מען שוין לעבן מיט דעם, וואָס ס׳איז דאָ און הנאה האָבן פונעם לעבן... אמת, יידן האָבן בעספּראַוויע און אָרעמע אַרבעטער ווערן אויסגעזויגן דורך די רייכע באַלעבאַטים, ווי אַ פליג פון דער שפּין, אָבער גאָט קאָן טאָן אַ נס און אַריינגעבן די מענטשן אַ געדאַנק, אַז איבער איין נאַכט זאָלן מענטשן אויפשטיין און גיין אַרבעטן — אַלע האָרעווען און אַלע האָבן, און וועגן אַלעם איבעריקן איז די מאַסניטשקע פאַר אונדז דערוויל סאַמע גוט. איך ווייס נישט ווער און ווען האָט זי אויסגעטראַכט און צוגעמייסטרעוועט, אָבער אַזוי קען מען שוין לעבן!

אין פענצטער זע איך גייט פאַנאַסינאַ יעסיפס שנור. מיר אין די אויגן איז זי איידל און שיין און דאָס האַרץ טוט מיך אַזאַ שטאַרקן ציי צו איר. פעלדער, בהמות, מאַשינעס, פּראָסטע הילצערנע און אייזערנע און דער פייער אין אויוון, דער רויך פונעם קוימען, אָבער די קונציקייט פון גאָטס באַשאַפונג, וואָס ער האָט אונדז באַשאַפן זכרים און נקבות, מאַנסבילן און פרויען איז נישט צו באַנעמען!... אָט איז פאַנאַסינאַ

ערגעץ דורכגעגאַנגען און די וועלט האָט מיט אַ מאָל באַקומען אַ באַזונ־
דער מין חן.

* * *

איינעקע רופן אים כוועדער דער שטינקער, אַנדערע רופן אים כוועדער שטילס. ווי ס׳ווייזט אויס, זענען זיי דריי ברידער: כוועדער, ניקאַנאָר און פּאַוועל שטילס. אַלע דריי זענען נישט געראָטן איינס אינעם צווייטן. פּאַוועל איז דער יינגסטער — אַ הויכלעכער, אַ שטאַלטנער, אַ בלאָנדער. ער וווינט צווישן שמואל־יאַנקלען און צווישן דבורה דער באַלעגאָלטשיכע. אַליין איז ער שיין, דאָס ווייב זיינע — באַטאַלקע — האָט אין זיך אַן איידעלע שיינקייט. זי מעג זיך זיין אַ פּשוטע פּויערטע, נאָר אַ סטרויִנע, טראָגט שיין דעם קאָפּ און דעם קאָראָמיסלע מיטביידע עמער וואַסער. עפּעס אַן איידלקייט רוט אויף איר. די קינדערלעך אויך שיינע.

ניקאַנאָר און כוועדער — יענע וווינען שוין אַרום אונדז — אויפן שיניצע לינקס און העכער פונעם באַרג־ברונעמל. זיי האָבן זיך אַזוי ווי אַריינגעשניטן אין די ניוקעס. ניקאַנאָר איז דער מיטלסטער — אַ שוואַכ־לעכער, אַן איידעלער, אַ ווילקעדנדיקער, פאַרשטייט אין די שוואַרצע פינטעלעך. זיין ווייב — פּאַראַסקאַ — איז גרויס און ברייט, ווי דער אויוון. זי איז, ווייזט אויס, די אַרבעטערין, די איינבערעגנערין און ברויט־געבערין. ער האָט אין זיך קלוגשאַפט, נישט קיין בייזע, נישט קיין איינגעגעסענע. מען הערט נישט ער זאָל עמעצן באַרעדן, אָדער מקנא זיין. ער וואַרפט אויף קאָרטן.

איך ווייס נישט נאָך וואָס די מאַמע איז צו אים איין מאָל געגאַנגען און איך בין אויך געווען מיט איר. מיר האָט עס געטראָפן אַזאַ ביטערע זאַך, אַז ס׳איז אַ ווייטיק און אַ בזיון!... ווען איך שעם מיך נישט און בעט אים ער זאָל איבערטרעפן אויף צוריק. די כפּרה זאָלן ווערן אַלע קאָרטן מיט אַלע ביינדלעך, מיט אַלע זנאַכערייען. ער האָט געזאָגט, אַז איך וועל האָבן אויף מיין לעבן פיר ווייבער... צי די מאַמע האָט כאָטש געהערט, וואָס ער האָט געלומרט?... אַז יעקב אבינו האָט געהאַט פיר

ווייבער — רחל, לאה און זייערע דינסטן — בלהה און זילפה, — דאָס איז גאָרנישט — אין דעם איז אַפּילו געווען זיין שיינקייט! די ווייבער האָבן אים געהאַט אַ סך געראַטענע זין מיט איין טאָכטער. דערויף מעג מען בעטן: הלוואי, אויף איצט געזאָגט געוואָרן. אי דו האָסט די ווייבער מיט זייערע דינסטן, אי דו ביסט נאָך פאַררעכנט פאַרן גרעסטן צדיק. ניין, דאָס איז אַ גליק פון גאָט אי פאַר די דינסטן, אי פאַרן באַלעבאָס. אָבער איצט לעבט מען דאָך אַנדערש — איצט אויף שונאימס קעפּ זאָל זיך אויסלאָזן! אויב מען זאָגט, אַז וועסט האָבן עטלעכע ווייבער, הייסט עס, אַז פון איינער ביסטו געבליבן אַן אלמן אָדער אַ גרוש און דו האָסט חתונה געהאַט פאַר אַ צווייטער. זאָל שוין גאָט אָפּהיטן און באַהיטן. אָט איז געווען ביי פּייוויש־בערן אַ ווייב, אַ טייבעלע, אַ טויב אַן אמתע. די מין ציכטיקייט, די ריינקייט ביי איר אין שטוב. דער חן אויף איר געזיכט און אַרום אירע ריינע אויגן. און פינף קינדערלעך, ווי די פינף פּטענטשיקלעך: דריבנינקע, שייניניקע, רייבינקע. די עלטערע זענען שוין געגאַנגען אין חדר. אַז איך האָב דערהערט אין איינעם אַ פרייטיק אין דער פרי, אַז פּייוויש־בערס ווייב איז געשטאָרבן, האָט עס מיך אַזוי אַ צופּ געטאָן ביים האַרצן, ווי דאָס וואָלט געווען אַ לייבלעכע קרובה אונדזערע... און אַז ביי שלמהלען דעם שוסטער איז, נישט דאָ געדאַכט, געשטאָרבן דאָס ווייב און, נעבעך, איבערגעלאָזן אים מיט פיר קליינע קינדער! דערפאַר האָט מיך אַנגענומען אַזאַ עקל, אַז ער האָט מיר געטראָפן, אַז איך וועל האָבן אין מיין לעבן שוין גאָר פיר ווייבער. ביי אונדז אין שטאָט איז גאָר אַזעלכעס נישט געהערט געוואָרן. אַזאַ, וואָס האָט דאָס דריטע ווייב איז אויך נישט קיין אָפּטע זאַך. ביי יאָנטלען איז די צווייטע, ביי לייבען כאַוועס — די צווייטע... ניין. מע דאַרף אין דעם נישט גלויבן. איך זאָג נישט, אַז ניקאַנאָר איז אַ ליגנער, אויף אים איז שווער אַזעלכעס צו זאָגן, אָבער די קאָרט קאָן דאָך אַ מאָל אָפּנאַרן. איך האָב עס באַהאַלטן טיף אין אַזאַ קעשענע, וואָס האָט אַ לאָך צום אונטערשלאַק צו און קיינעם וועגן דעם נישט דערציילט, אַפילו מאַטלען דעם באַראַנס. צו וואָס דאַרף מען עס וויסן? און צו וואָס דאַרף איך עס?! נאַ דיר גאָר אַ משל: — פיר ווייבער?! אפשר וועל

איך גאָר שטאַרבן יונג און נישט באַוויזן אַפילו דאָס ערשטע מאָל חתונה האָבן? ס׳זענען דאָ ייִנגלעך, וואָס שטאַרבן, איידער זיי זענען נאָך גע־שטאַנען אונטער דער חופּה. אָט איז ראובן, מיין הברל, געשטאָרבן אַ יונגער, גאָר אַ יונגער. ניין, ס׳איז שוין ניכער שטאַרבן.

ביי ניקאַנאָרן איז געלעגן אויפן פּאָל אַ ביכל מיט אַרומגעריסענע טאָוועלעך. האָב איך דאָרטן איבערגעלייענט סאַמע פון אויבן: טראַ־טאַ־טאַ, טראַ־טאַ־טאַ, ווישלאַ קאַשקאַ זאַ קאָטאַ! ס׳איז עפּעס אַ געלעכטער, נאָר פון דעסטוועגן, איז עס אָפּגעדרוקט אויף אַ בלעטל און דאָס בלעטל איז איינגעבונדן אין אַ ביכל.

נידעריקער פון ניקאַנאָרן, אַזוי שוין צו יעסיפן צו, זיצט זייער על־טערער ברודער כוועדער דער שטינקער. ער איז אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס. אין שטוב איז ביי אים זייער אָרעם. ער האָט אויך שוין, ביי אים בלייב עס, חתונה געהאַט דאָס צווייטע מאָל פון אַ כוטאָר. ער האָט גענומען אַ געזונטע הוידורע, עפּעס אַ שטיק פערד. די גרעב און די ברייט — אַזוי ווי צוויי פערד מיט אַ מאָל. און אין גאַנצן איז זי אַלט געווען, אַז זי איז נאָך געווען אַ מיידל — דרייסיק אָדער פינף און דרייסיק יאָר. געקומען איז זי אויף גרייטע קינדער יתומים, נאַקעטע, באָרוועסע, אויסגעקאָוועטע. דערנאָך האָט זי געהאַט פון אים אַ פּאָר שטיקלעך קינ־דער, אויך אויסגעקאָוועטע, אויסגעוואַטשקעטע מיט הוילע הינטנדלעך און פּאַרפּלאָנטערטע פּאַרלייצעוועטע האָר. נאָר אין די צייטן, פון וועלכע איך דערצייל, האָט ער נאָך געהאַט די ערשטע ווייב מאַרוסיען — אַ ווייַ־סינקע אַזאַ, ווי אַ ווייס קראָליקל, און ווען זי איז נישט אַזוי אָרעם און בלייך און האָט אַ ביסל אַ פיינערן מאַן פון כוועדערן, וואָלט זי אַפילו געווען אַ שיינע. די מאַמע האָט עפּעס איין מאָל דערציילט און, ווייזט אויס, געמיינט, אַז איך הער נישט. און אפשר האָט זי געזען, אַז איך הער, און זי האָט געקלערט, אַז איך פאַרשטיי נאָך גאָרנישט נישט... אפשר פאַרשטיי איך טאַקע נישט... אָבער סיי ווי דאָס מין צי׳ען, וואָס דאָס הערצל טוט אַ צי ביי יעדן וואָרט פון אַזאַ מין דערציילן, טאָ זאָל שוין טאַקע גאָט אויסהיטן. און דאָ טאָר מען נאָך פּאָר קיינעם נישט אויסזאָגן...

דערציילט די מאַמע פון אוליטען. זי האָט דאָך אויך אַ שטוב מיט קינדער. טימאָך איז דער מאַן און האַנאַ מיט איוואַנען און מיט ניקיפאָרן זענען די עלטערע קינדער. אַליין איז זי אַ שיינע, אַ גראַבלעכע, אַ פּעט־לעכע, אַ באַחנטע. זי מעלקט ביי אונדז די בהמה שבת און יום־כּיפּור. דערציילט די מאַמע, אַז די אוטשיטעלעס רופן אַ מאָל אוליטען און מאַרוסיען כוועדערס און מע גיט זיי צו אַ האַלבן רובל פּאַר אַ נאַכט. מאַרוסיען איז גאָרנישט — כוועדער וועט איר דערפאַר גאָרנישט זאָגן — וויבאַלד ער איז אַ דריבנער גנב, איז וואָס איז שוין דער חילוק, ווי אַזוי מע כאַפּט דעם האַלבן קערבל — ערלעך צי נישט ערלעך... נאָר ביי אוליטען ווייס איך שוין גאָרנישט. צי דער מאַן ווייסט און שווייגט, צי דער מאַן איז אפשר זומער אויף די קרוהעס ביי דער קאָסאָוויצע, און אפשר גייען זיי נישט אויף לאַנג און אין איין גאַנג וואַשן זיי נאָך אויס ביים אוטשיטעל דעם דיל און ראַמען צו, ווישן איבער די פענצטער.

נאָר איך קלער, אַז מיך וואָלט שוין אויך נישט געאַרט זיין אַן אוטשיטעל: יונג ביסטו, כּבוד האָסטו און איין מאָל אין וואָך רופסטו צו זיך אוליטען, נישט קיין הויכע, געפּאַקטע פּויערטע. אַן זאָרגן, אַן דינגעניש און דו ליגסט מיט איר לייב צו לייב.

אוליטאַ טייערע! דו ביזט מיר באַליבט פון שטענדיק, זינט איך קען דיך. איך האָב דיר צו שטעלן אַ סך פראַגן, וואָס מאַכן מיין לייב גלוסטנדיק, אי וועגן די אוטשיטעלעס, אי וועגן דיר, נאָר... כאַפּ זיך נישט, אוליטע, אַלט ווערן. איך וואָלט דיך וועלן אָניאָגן נאָר איך ווייס נישט ווי אַזוי...

* * *

און כוועדער שטילס איז נישט קיין פאַרשייטער גנב. ער גנבעט צו, וואָס ס׳מאַכט זיך. איין מאָל איז ביי אונדז נישט געבליבן דער כאָמוט. מיר האָבן גענומען זוכן אַהין, אַהער און איך ווייס נישט, ווען ס׳איז איינגעפאַלן גיין צו כוועדערן פרעגן. געקומען צו כוועדערן, ליגט דער כאָמוט אַפילו נישט באַהאַלטן, אויפן דרויסן לעם שוועל פון זיין הייזל.

— כוועדער, וואָס טוט דאָ אונדזער כאָמוט?

אָבער כוועדער, צי ס׳איז ביי אים אַזאַ נאַטור, צי אַ געוווינשאַפט — נישט ער באַליידיקט זיך, נישט ער לייקנט. ער צלמט זיך איבער, זעצט זיך אַוועק אַן אַ היטל צום טיש עסן אַ שטיקל ברויט מיט אַ מיטנישטער קאַרטאָפליע און ענטפערט רויק, טאַקע גאַנץ געלאַסן:

— ס׳איז אייערער? נעמט אים...

און מיר זאָגן אַ גוטן טאָג און מיר גייען אַוועק מיטן כאָמוט אַ היים און ס׳קומט שוין גאָר אויס אַ ביסל, אַז טאָמער באַגייען מיר אַנטקעגן אים אַן עוולה? — ער האָט שוין אפשר קונה געווען דעם כאָמוט במשוכה „אַ פינף פינגער מיט אַ כאַפּ״.

אַ פּאָר מאָל איז כוועדער געזעסן אין אָוורוטש אין טורמע, צי פּאַר עפּעס, צי פּאַר גאָרנישט. איך וויל זאָגן: צי פּאַר אַ וויכטיקער זאַך, צי פּאַר אַ נישטיקייט, נאָר ער דערציילט, אַז ס׳איז דאָרטן נישט אַזוי שלעכט.

— שאַ ניע דאָ:ם — זאָגט ער — טאָ דאָלעזשו.

דאָס זאָל הייסן, אַז דער קאָפּ איז ביי אים ריין דאָרטן — ער ליגט זיך אויס אויפן קייסערס קעסט, ליגט זיך אויס, און רוט זיך אויס, וויפל ס׳גייט אין אים אַריין.

מיט מאַרוסיען לעבן זיי שטיל. מע הערט נישט קיין געשרייען, קיין שילטערייען, אָדער ער זאָל זי אַ מאָל שלאָגן, ווי אַן אַנדערער. מען הערט אויך נישט ער זאָל שיכורן. אפשר האָט ער נישט פּאַר וואָס. נאָר, ווי געזאָגט, דאָס קליינוואַרג איז בלייך און נאַקעט און אויסגעשמירט. נאָר ווער ווייסט אפשר וועט פון זיי אויך אַ מאָל עפּעס אויסוואַקסן?! מבני עניים תצא תורה.

אָט דאָס זענען מיינע שכנים פון אַלע זייטן: כוועדער קולינעס, כוועדער האָרבאַטשעווסקעס, יעסיפּ, פּעטריק יעסיפּס, מיטרא, יאַקים, פּאַוולאָ שערשענס, טוסייקאָ, דער „זנאַכאַר״, אָדער דער גנב, טאָכווייא די מעלקערין און די וועשערין, איוואַן בילהאָלאָווס, די לוכטאַנעס, כוועדער מיט ניקאַנאָרן און זייערע ווייבער, די אַלטע קולינא, אוליטאַ מיט טי־מאָכן. זיי אַלע זענען מיינע ווייטע שוועסטער־קינדער — דעם פּעטער

עשווס אייניקלעך און איך האָב צו זיי אַ גוסט און עמעצער פרעמדס מיך אָפּ פון זיי.

רבונו־של־עולם, צי איז דיין ווילן אַזאַ, צי דו ווילסט פון אונדז עפּעס בעסערס ?...

* * *

שליטנס מיט פירעקיקע גראָבע שטיקער אייז, אָנגעפּאַקעוועט פאַרן אין באַלניצע אין הויף אַריין. ס׳טוט מיר עד־היום באַנג, פאַר וואָס איך האָב זיך נישט צוגעקוקט, ווי אַזוי מען האַקט דעם אייז. מען האַקט דאָך אים אויף דער אָזערע, ווי אַזוי זשע שלעפּט מען אים אַרויס ? אונטן איז דאָך וואַסער און אַז איך זע, ווי אַזוי די פּויערים גייען נאָך נאָך זייערע שליטנס אַזוי רויק, ווי ס׳וואָלט גאָר שווער נישט געווען, ווי די שטיקער אייז וואָלטן זיך אַליין געלייגט אויפן שליטן שטיק־אויף־שטיק, גאָרן־אויף־גאָרן. זיי בלישטשען אַנטקעגן דער זון, אַזוי ווי רייבער קרישטאָל.

פאַר וואָס בין איך אַזוי ווינציק איינגעוואַקסן אין אַרבעט ? אַלע זאַכן פאַלן דאָך נישט אַראָפּ פונעם הימל. מענטשן מאַכן עס, אַרבעטן עס אויס. ווי אַזוי האַקט מען אויס אַ בוים אין וואַלד, אַ הויכן, אַ גראָבן, אַ באַצווייגטן אי זומער, אי ווינטער ?! בפרט, אַז דער פויער גנבעט נאָך אין וואַלד און קלייבט אויס צוליב דעם די סאַמע פינצטערע נאַכט ? ער וואַלגערט אים אום, רייניקט אַרום די צווייגן און בריהט אים אַרויף אויף דער פור, צלמט זיך איבער, אַז דער אויבערשטער זאָל אים פאַר־פירן אַהיים בשלום ?!... און מענטשן בויען זיך הייזער, לייגן אויף זיי דעכער, פירן אַרויס דעם קוימען איבערן שפּיץ דאַך. דאָס טוען דאָך מענטשן ! און איך בין נאָך אַפילו אויף קיין גרויסן דאָך נישט געזעסן !...

און אַז איך זע, ווי אַזוי מענטשן בויען אויס אַ ווינטמיל און אַ וואַסער־מיל און דאַרפן וויסן, ווי צו שטעלן דעם קויש, ווי צו לייגן די מיל־שטיינער, איינעם אונטן, איינעם — אויבן. און איצט די רעדער, אָדער די פליגל. ביין, דער מענטשלעכער שכל איז טאַקע אַ געטלעכע זאַך, ער האָט אין זיך אַ חלק פון גאָט אַליין. אַז איך טו אַ קוק אפילו אַ פּראָסטע זאַך : דער שמיד, ווי ער שטייט זיך מיטן האַמער לעם דער קאָוואַדלע, וואָס איז

נאָך דאָ האַרטער פון אייזן?! נעמט ער און צעלייגט אים אויפן האָרן און כאַפּט אים אַרויף מיט פלאַכע צוועגעס אויפן קאָוואַדלע און נעמט אים פלעטן מיטן האַמער, קנעט ער זיך ביי אים אונטער די האַמער־קלעפּ, אַזוי ווי טייג, דאָ גרעבער, דאָ דינער, דאָ צונויפגעפּלעטשט, אין דער גיך פאַרבויגן, אַריינגעוואָרפן אינעם קאַרעטקע קויטיק וואַסער. דאָס וואַסער מיטן אייזן אין איינעם טוען אַ זשושקע און מיר נעמען עס אַרויס מיט די צוועגלעך, טוען עס אַ וואָרף אויף דער וואַרעמער ערד... איז וואָס האָסטו דאָ נישט? אַ זאַוויסע מיט לעכלעך — די צוועקעס זאָלן האָבן ווּהין אַריינגיין, אַ קרוק אויף אָנהענגען דעם אויער פון דער זאַוויסע. אַ סערפּ און אַ קעמל פאַר די האַלאַבליעס, מען זאָל קענען אָנטשעפּען אויף אים די דראָטן, וואָס האַלטן זיך פון איין זייט פאַר דער אַקס און פון דער צווייטער — פאַר די האַלאַבליעס. הייבט אָן אַקס אַליין און מוטערקעס, און הייקעס, און שייבעס, און אַ שינע פאַרן ראָד, און אַ פאָד־קאָווע און אַן אַקער. פריִער איז עס געווען אַ פּראָסט שטיקל אייזן און דערנאָך — וואָס ס׳ווערט פון אים ביים שמיד אונטערן האַמער. אַ קוק טאָן אויף ברוכן דעם קאָוואַל, אָדער אויף יאַנקלען דעם געלן — שרה־הינדעס מאַן — אַזוי זיך אַ קורץ יידל מיט ברייטע פּלייצעס, מיט אַ ליכ־טיק געלער באָרד... דוכט זיך, אַזוי פיל סאַזשע, וויפל ס׳טוט זיך אין קוזניע און די באָרד איז ביי אים אייביק ליכטיק געל. וויפל אייזן האָט ער שוין איבערגעאַרבעט אין זיין לעבן?! אָנשטאָלן אַ האַק? — גיב אַהער, צונויפשטעלן אַ וואָגן — אַבי די הילצערנע טיילן זענען דאָ — גיב אַהער! אַ פּשוטער ייד פון אַ גאַנץ יאָר און שבת עסט ער קוגל באַגלייך מיט די שענסטע באַלעבאָטים אין שטאָט. זיינע ייִנגלעך — יוסף און שמעון — לערנען אין חדר ביי די שענסטע מלמדים...

און אַ קוק טאָן, ווי אַזוי די צעפּעס גייען אין די שייערן ביים דרעשן די תבואה?! אַזוי ווי אַ זייגער גייט ריכטיק. און טאַקע דער זייגער אַליין?! — אַ שרייפעלע צו אַ שרייפעלע, אַ רעדעלע צו אַ רעדעלע, אַ ספּרוזשינקע, די האָר, די קאַפּערטעס פון אויבן און דאָס שליסעלע אויף אָנציִען — איז עס נישט קיין געטלעכע זאַך?! ס׳ליגט ביי דיר אין זשילעט־קעשענע און אַזוי ווי דאָס האַרץ מיטן דופק טיקען, אַזוי טיקעט

דאָס זייגערל גלייך און מעסיק ביי טאָג און ביי נאַכט אָן אַן אָפּשטעל... און ווער מאַכט עס? — מענטשן מאַכן עס!... און טו אַ קוק, ווי ס'ליגט אויפן טאַטן דער סורדוט. אויף דער מאַמע, זאָל זיין געזונט, איר אַטלאַסענע ריטאָנדע. ס'איז ביי איר נאָך פון דער חתונה. דער סאַמעט איז שוין אין אייניקע ערטער אויסגעריבן, דער פוטערנער קאָל־נער מיט זיינע גרויסע אויסגעשפּיצטע האָר האַלט זיך נאָך אין זיין גאַנצער פרישקייט. ווער האָט געמאַכט דעם מלבוש ער זאָל ליגן אַזוי גוט? אברהם־בער דער שניידער? זאָל זיין אברהם־בער דער שניידער — אויך אַ פּראָסטער ייד, וואָס לייענט אַלע שבת אַ יידישע גאַזעט, אָבער סאַראַ גאָלדענע פינגער ער האָט?! סאַראַ גאָלדענער באַלמעלאָכע ער איז?! נו, מירן זאָלן נאָך צוגיין צו מיכלען דעם סטאָליער? צו מאַטלען דעם סטאָליער. מאָטל מאַכט פּראָסטע דאָרפישע זאַכן, מיכל מאַכט — שטאָטישע. ווער ס'גייט חתונה האָבן, באַשטעלט זיך ביי מיכלען אַ פּאָר פּאָליטורטע בעטן, מיט גאָלקעס, אַ פּאָליטורטע שאַפע, אַ טיש מיט בענקלעך. בענקלעך פון וואָס פאַראַ פאַסאָן דו ווילסט... פון וואָס און מיט וואָס מאַכט ער עס אַלץ — אַ פּאָר ברעטער אויסגעטריקנטע. און וואָס נאָך? אַ האַק, אַ זעג, אַ זעגעלע, אַ הובעל, אַ דאָלאָטקע, אַ סטאָ־מעסקע, אַן עקבער, אַ שמאָטקע אויף פּאָליטורן, אַ טעפּעלע אויף אָפּקאָכן קליי און שוין! אָבער אַוועלכע שיינע זאַכן גייען אַרויס פון זיינע הענט, כאָטש שפּיגל זיך אין זיי!

אַ קוק טאָן די פּויערים, ווי זיי גייען פון קלויסטער אויסגעגאַרטלט די סוויטעס מיט שיינע קאָלירטע קרייקעס און פעסטע אויסגעשמירטע שטיוול אויף פעסטע פאָדעשוועס מיט בלעטלעך. ווער האָט זיי אַלעמען אויסגעקליידט? אונדזערע שוסטער מיט אונדזערע פעלצן־מאַכער. אַרטשע דער גלעזער, וואָס קומט איין מאָל אין וואָך צו אונדז פון נאַרינסק, שטעלט אַריין טאַפּליעס ביי יעדן ווער ס'בויט זיך.

און מיר האָט גאָט געגעבן אַ צינג צו באַוואונדערן יעדע אַרבעט פונעם מענטשן און אַפילו טיילווייז אַזוי ווי מקנא צו זיין. איך בין אַפילו מקנא דאָס פערד, וואָס פילט פעסט אויף זיך די דוהע, די האָ־לאָבליעס און דעם וואָגן. דער כאָמוט רייבט נישט... דאָס פערט שטרענגט

אָן זיינע אַקסלען און פירט אַרויף דעם שווערן וואָגן אויפן העכסטן בערגל און דערנאָך גייט עס אָוועק גרינגער און רויִקער. אַז איך זע, ווי אַ ווייבל קנעט ברויט, דער אַרבל איז פאַרקאַטשעט העכער דעם עלנבויגן, דאָס בענקל אונטער דער דייזשקע סקריפעט, דאָס טייג פופקעט, בלאָזט פון זיך, די האַנט מיט די פאַרמאַכטע פינגער טושעט דעם טייג, קנעט אים אויס פון אַלע זייטן. און איך, ווי איך דערפיל נאָר, אַז ס׳טוט זיך אַן אַרבעט, איז ווי מיין נשמה שוין דערביי. נישט נאָר דערביי — כמעט אין די גלידערים פון דער טועכץ גופא. אַזוי אויך, ווען אַ פרוי שטייט מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל מיט אַ פאַרטעך פאַרשפּאַנט, לעם אַ פולער באַליע מיט וועש, די מילינעס זענען הויך אויפגעבלאָזן און שטיקלעך נאַסע וועש גייען איינציקווייז דורך דורך דער פרויס, קיין עין־הרע, קרעפטיקע הענט און באַקומען אַן אַנדער פנים... און אַז דער גאָרטן אַקערט זיך און דער פלויט שיט זיך איבער, דער פויער פאַרדרייט די פרישע גרינע פערעוויסלעס איבער די פלעקער. דער פלויט ווערט אָפּ־געפרישט, באַנייט און באַפעסטיקט, ווי ער וואָלט כאַטש אַ ביסעלע יינגער געוואָרן. און די פרישע איבערגעקערטע פלאַסטן ערד איבער דעם גלאַנ־ציקן אַקער, ווו דער מענטש גייט דורך מיט זיין מי, ווערט אַלץ איבער־געאַנדערשט צום בעסערן און איך וויל עס, איך האָב צו דעם דעם טיפסטן גוסט און חשק. אָבער ביי דעם אַלעמען בלייב איך טיף אין האַרצן ביי זיך פאַרשעמט און אָפּהענטיק: איך וועל עס נישט קענען אויפטאָן אַזוי. אפשר וואָלט איך עפעס געקענט באַגלייך מיט נחומען דעם סטאָליער, מיט ברוכן דעם בויער, מיט יהושען דעם קאָזשושניק — איך וואָלט אפשר געקענט, נאָר איך האָב נישט אין זיך די דרייסטקייט איך זאָל וויסן, אַז דער שטאָף און דאָס געצייג וועלן מיך פאָלגן, ווי איך וועל זיך נאָר צו זיי צורירן. אין האַרבאַרניע טיאַמע איך שוין עפעס: אויסטרייבן מיטן טאַטן די ביטן, אָפּגעבן אַ זאַפּאַר, קען זיין איך וועל ווייט נישט דאַרפן גיין. דאָס וואָס מיין טאַטע און מיינע זיידעס האָבן געקענט, וועל איך אויך קענען...

דער ווינטער האָט שוין אַ פנים ביים אויסגיין, ווען פויערים כאַפּן אַריין דעם אייז אין לאַדאָווניע אַריין פולע שליטנס מיט שיינע, ווי גלאַט־

אויסגעזעגטע, שווערע, ריינע, דורכזיכטיקע שטיקער קרישטאָל. די פויע־רים גייען פּאַמעלעך, רויק לעם זייערע פורן, פּונקט ווי דאָס גאַנצע טועכץ פון אַרויסבאַקומען דאָס אייז איז געוויינלעך און גאָרנישט שווער. איך קוק אויף זיי און בענטש זיי און אין דער טיף פון האַרצן בין איך זיי מקנא.

* * *

ס׳שרייבט זיך טאָקע: טוב ללכת אל בית האבל מללכת אל בית המשתה. נאָר מיר איז עפּעס שווער זיך אַהין אַריינשטעקן אינעם סאַמע ברען סיי אינעם בית המשתה, סיי אינעם בית האבל. לאָמיר זאָגן, ווען מען הויבט אָפּ דעם מת, מען שטעלט אים אַרום מיט ליכט, מען וויינט, מען שרייט, מען רייסט זיך איין דאָס לעצטע ביסל געזונט. מע גיסט אויס דאָס וואַסער אויפן גאַס — אַ פּאָר שטיבער רעכטס פונעם פאַרשטאָרבענעם און אַ פּאָר שטיבער — לינקס. דאָרט בין איך אַ קנאַפּער מחותן — ס׳איז מיר שווער אַזעלכעס צו פאַרדייען. דערפאַר אָבער, נאָכגיין נאָך דער לוויה, אָדער אַריינגיין אין שטוב אַריין, אַז ס׳פעלט צו אַ מנין, כאָטש איך מייד אויס זיך אָנרירן אין דער קליאַמקע פון טיר, אין די בענקלעך, אינעם ברעג טיש, אָבער סיי ווי קוק איך אַריין, קוק איך צו, ווי אַזוי מען דאַוונט אין דער פאַריתומטער שטוב. ווי אַזוי די ווייבער, די מיידלעך טישקעווען זיך פון יענער זייט טיר, וואָס איז פאַרהאָנגען מיט אַ ליילעך, אָדער מיט אַ ליכטיקער רעדנע. איך הער זיך צו און קוק זיך צו, צי די נשמה דראַפּעט זיך נישט, אָפּט מאָל, לעם די פלעמלעך פון די ליכט, לעם דער גלאָז וואַסער, וואָס שטייט עפּעס אויפן טיש — דאָס איז, דוכט זיך, אויך פאַר דעם געשטאָרבענעמס נשמה, זי זאָל זיך האָבן ווו טובל צו זיין.

די יידן דאַוונען אָפּ. די יתומים זאָגן אָפּ קדיש און מע גייט זיך פונאַנדער אָן אַ גוטן טאָג. די אלמנה בעט יעדן איינציקן מען זאָל פאַר נאַכט נישט פאַרגעסן קומען דאַוונען מנחה, מען זאָל נישט דאַרפן גיין רופן יעדערן. איך זע די נידעריקע בענקלעך אָדער צוגעדעקטע שטיקלעך

שטיין פון די שבעה־זיצערס — אויף דעם זיצן זיי די גאַנצע וואָך...

דאָס זעלבע אויף אַ גרויסער שמחה איז מיר אויך שווער זיך שטופּן ביים סאַמע ברעג, סיידן קוקן מיט אַלע יינגלעך, ווי מען פירט חתן־כלה צו דער חופה, מיט מחותנים, מיט קלעזמער און מיטן גאַנצן טראַסק — ס׳גלוסט זיך דורכגיין פאַרביי דער שטוב, ווו ס׳שפּילט זיך די חתונה, אָבער זיין אַן אינעווייניקסטער נאָענטער מחותן. דערויף האָב איך קיין מאָל קיין כוח גישט און האָב פון דעם קיין מאָל קיין הנאה נישט. דער־פאַר קלענערע שמחות ציִען מיך צו.

אין די קלענערע שמחות גייען אַריין — אַ סיום, אַ בר־מצווה, קריאַת־שמע לייענען ביי די קימפּעטאָרינס צוזאַמען מיט די איבעריקע יינגלעך — מע גיט דיר אַ פּאָר ניסלעך, אַ קליין צוקערקעלע, אָדער אַ ביסל יאַדערן. דאָס איז גוט. ס׳איז אויך גוט גיין אין אַ נייער שטוב אויפזיין.

פאַראַן מענטשן, וואָס נעמען זיך אָן מיט מאָץ. ס׳איז שוין גוט נמאס זיך אומשלעפּן איבער פרעמדע דירות און מען פאַרמשכנט דאָס לעצטע, מען לייט זיך אָן און מען בויט זיך אויס, פון דעסטוועגן, אַ שטוב. אַ מאָל בויען זיך אויס אַ שטוב פאַרמעגלעכע מענטשן. דאָס אַלטע שטיבל פאַרקויפט מען און אַ נייע בויט מען זיך אויס און דווקא אין מיטן שטאָט און דווקא פון עטלעכע חדרים, מיט אַ הויף, מיט אַ שטאַל, אַזוי ווי ביי שלמה דעם באַראַנס, אַזוי ווי ביי משה וואָלציעס. נאָר ביי זיי דאַרף מען אויך אויפזיין פאַרן אַריינקלייבן זיך. די טירן און די פענצטער זענען שוין אַריינגעשטעלט, אָכטש נאָך אַ ביסל באַשפּריצט, די ווענט זענען שוין אויס־געטינקעוועט, דער אויוון, כאָטש ער איז נאָך נישט אויסגעקאַלכט, נאָר הייצן און קאָכן אין אים קען מען שוין. מאָרגן, ערב שבת, קלערן שוין עלקע מיט משהן און מיט די קינדער זיך אַריינקלייבן אַהער. ס׳איז נאָך געבליבן אַ סך צו טאָן: שמירן, וואַשן, אַריינשטעלן די אינעווייניקסטע טירן, צובויען דעם גאַנעק און נישט קלעטערן זיך אויף די אויסגע־לייגטע שטיינער, אָבער דאָס וועט מען שוין אָפּטאָן פּאַמעלעך און אַן איילעניש. איצט בעט עלקע אַ פּאָר באַקאַנטע יידן און יינגלעך, וואָס קענען לערנען, מען זאָל אויפזיין די נאַכט, פאַרן אַריינקלייבן זיך, לער־נען און זאָגן וואָס עס איז. זי האָט געבראַכט דעם לאָמפּ אַ פולן מיט

גאַזע. טאָמער וועט די גאַזע אויסגיין, האָט זי אַנידערגעלייגט עטלעכע ליכט אויפן פענצטער. גמרות, משניתן, סידורים ברענגען מיר אַליין. יעדערער, וואָס ער האָט ליב. איך בעט זיך אָפּ ביי דער מאַמע און ביי דעם טאַטן און גיי אויך. די נאַכט, כאָטש זי איז אַ זומערדיקע, ציט זי זיך אויך געגנוג אויס. און לערנען, ווערליק איך בין נישט פון די גרויסע מתמידים, איז ווען איך לערן אָפּ אַ האַלבע שעה, איז פאַר מיר אויך איבערגענוג. פון דעסטוועגן געפעלט עס מיר. דאָס קומען און דאָס אַוועקגיין זענען די סאַמע געשמאַקסטע טיילן פונעם „אויפזיין". נאָר, אין איינעם געגומען, איז דאָס אויפזיין אויך אייגנעם. ערשטנס, פילסטו, אַז מענטשן קלייבן זיך אַריין אין אַן אייגענער דירה. פאַר מענטשן איז עס אַ באַנייונג, אַ פרייד און אַן איינקומעניש. צווייטנס, דאָס, וואָס דו זאָגסט זיך נישט אָפּ, ווען יענער בעט דיך. דריטנס, זיצסטו אין איינעם מיט יינגלעך און מיט אַלטע יידן און פאַמעלעך ווערט פאַרגלעט דער חילוק צווישן אייך. די אַלטע יידן ווילן שוין נישט לערנען... מיר ווילן שוין אויך נישט לערנען. גייען מיר אַרום, שפּאַצירן אַרום טיש, איבער דער קיך. דערנאָך עפנט מען אַ ספר. איך עפן עמעצנס, עמעצער עפנט מיינעם. איך האָב געבראַכט די גמרא שבת, יאַנקל דער כהן, האָט גע־בראַכט די גמרה ערובין, יאָסעלע קיילעס האָט געבראַכט דעם משניות זרעים, שלמה אברהמקעס האָט געבראַכט אַ משניות מיט אַ גמרא מיט אַ גראָבן סידור. אינעם סידור איז דאָ גאַנץ תהילים און ס'איז בכלל אַ סידור אַ כל בו, שוין אַפילו אַ ביסל אַ צעפּוישטער. די שפּיצן בלעטער זענען שוין אַרומגעגעסן, אויסגעריבן, פאַרפּאַפּט און פאַרבויגן, נאָר אַ סידור איז עס, אַבי יאָרן. ס'איז נאָך אין אים דאָ און דאָ. אָט איז די הגדה־פּסח צום סדר האָט זי איין פנים און שבת הגדול, ווען מע זאָגט ביז גאל ישראל — האָט עס אַ צווייטן פנים. און אַזוי, אַז מען טוט אַ קוק אין אַ נאַכט פון אַ גאַנץ יאָר פאַרהידושסטו זיך און קוועלסט אָן און ס'צעשמייכלט זיך אין דיר אַלץ. עבדים היינו... קלערסטו נישט פון קיין קנעכט און פון קיין ציגל. לפיכקי אַנחנו זעט אויס, ווי אַ שטיקל מעבל אין סידור. ויהי בחצי הלילה... אַזוי ווי מיר האָבן קיינער נישט ביי זיך קיין זייגער, ווילן מיר גלויבן, אַז האַלב נאַכט איז שוין אַריבער.

אַ שאָד, וואָס קיינער פון אונדז איז נישט קיין מעשה־דערציילער. איך ווייס נישט, צי ס׳איז אין גאַנץ סלאָוועשנע דאָ איינער, וואָס קען דער־ציילן מעשיות, אַז מען זאָל פאַרגעסן אַלץ אין דער וועלט און זיי נאָר וועלן הערן... צו פאַרטאָג־צו הייבן מיר אָן צו ביסלעך אַרויסקוקן אין דרויסן. מיר שטייען אַ פּאָר יינגלעך ביים שוועל, אויף די שטיינער. ס׳ווילט זיך פּשוט אַ שמעק טאָן דעם קילן דרויסן. ס׳איז קיל, ס׳איז פריש... מיט עפּעס איז אונדז בעסער אין דער רגע פון יענע יינגלעך, וואָס שלאָפן איצט צעוואָרפענערהייט אויפן בעט, אָדער אויף דער קאַנאַפּע — כאָטש נעם און טראָג זיי אַרויס מיט דער גאַנצער שטוב און מיט אַלע זאַכן. ניין, אונדז איז בעסער — מיר קענען זיך באַהעפטן אין דער רגע אַפילו מיטן קייסערס פּאַלאַצן אינעם וויטן פּיטערבאַרג. אויך מיט די פּריצישע שטאַלן און מיט זייערע איידלסטע באַהאַלטנסטע חדרים. מיט עפּעס זענען מיר אין דער רגע העכער פון אַ סך געהויבענע מענטשן. אָבער, אַז מיר גייען אַריין צוריק אין קיך און אין שטוב מיט די אָנגעוואָרפענע סטרוזשקעס, מיט די נישט אַרומגעשמירטע ווענט, קוועטשט עפּעס די סטעליע צוריק אויפן קאָפּ און אויפן נאַקן. דער לאָמפּ האָט היפּש אָנגעטשאַדעט, ס׳הערט זיך דער רויך פון איבערגע־ברענטער גאַזע. די טאַפּליעס פון די פענצטער — נישט געל, נישט גרוי... אָבער די צייט רוקט זיך, פון דעסטוועגן, ס׳קרייען שוין די דריטע הענער. ניין, מיר האָבן שוין אַ יונגן טאָג אונטער די פענצטער. קומט, לאָמיר ווייטער גיין אויף דרויסן... יאָ, ס׳טאָגט שוין. פון אייניקע טירן אין גאַס רופעט מען זיך שוין פאַרשלאָפענערהייט און אָט־אָ גייט שוין טאַקע עלקע אַליין, זי קלייבט זיך אין שטוב אַריין מיט ברויט און מיט זאַלץ. זי גייט אַוועק און קומט גיך מיט אַ מולטער טייג — באַקן די חלות וועט זי שוין, אין אַ גוטער שעה, ביי זיך אין דער נייער שטוב. זי פאַרבעט אונדז איטלעכן מיט דאַנקבאַרקייט. אין איר קול און אין איר בליק, מיר זאָלן מאָרגן קומען אויף קידוש. קלאָר, זיי וועלן דאָך פּראַוועןז חנוכּת־הבית... ניין, אויף קידוש בין איך נישט קיין גייער... עלקע בעט אונדז מיר זאָלן זיך פאַרהאַלטן אַ רגע, זי וועט אָפּבאַקן אַ פּאָר פרישע פּאַדפּאַלקעס און אונדז געבן מיט קאַלטן מילך. דאָס וואָלט מען אפשר

געמעגט... מיר בייסן איבער אַזוי פון יוצא וועגן. מיר ווינטשעוען איר צו, זי זאָל מיטן מאַן און מיט די קינדער דערלעבן נאָך רייכערע, נאָך שענערע הייזער און מיר גייען אַוועק יעדערער צו זיין שלאָפנדיקער שטוב.

אויפן האַרצן קאַכט אַ ביסל דער שלאָף.

אין גאַס איז נאָך שטיל און ס׳איז דיר פון אַלצדינג צו ביסלעך גוט. גוט.

איצט, אַז איך וועל דורכגיין אַלע מאָל פאַרביי עלקעס נייער שטוב מיט די גרויסלעכע פענצטער, וועל איך פילן, אַז איך האָב דאָרט אַ שטיקל הלק, אַפילו נישט קיין אָנגעזעענעם. אַט־אָ זאָגט מען, אַז עלקע איז געלעגן געוואָרן ווייטער מיט אַ יינגל — ביי איר גייען די גאַנצע צייט נאָר יינגלעך. זי וואָלט שוין וועלן אַ מיידעלע. און איך געדענק זיך מיינס — אַז די גאַנצע שטוב מיטן אויוון, מיט די ווענט, מיטן בוידעם, מיט די אַלקערס, זענען געווען איבערגעגעבן אויף אונדזער באַראָט... אַ ביי־סעלע געלערנט, אַ ביסעלע געקלערט און אַ ביסעלע געפילט, אַז נישט נאָר די דאָזיקע שטוב מיטן שטיינערנעם גאַנעק, מיט די אָנגעקערטע סטרוזשקעס איז מיינע, די גאַנצע וועלט איז מיינע, ווייל אַלע שלאָפן און איך בין וואַך.

איך קען אויפזיין, אַז מע דאַרף.

* * *

געזינדיקט האָב איך נישט אַליין, געזינדיקט האָבן מיר ביידע. אין וואָס איז באַשטאַנען די גרעסטע פון אונדזערע זינד? — זי האָט זיך געלאָזן און איך האָב געפינען מיט מיין האַנט צווישן אָנטאָן אירע וואַ־רעמסטע נאָקעטקייטן און, פאַרשטייט זיך, אַז אין דער רגע בין איך געווען אויפן העכסטן פון אַלע הימלען. אויסגיין אַזוי און שטאַרבן וואָלט אפשר געווען איינע פון די זיסטע זאַכן אויף דער וועלט.

קיינער זעט אונדז נישט אין דער מינוט, זי שטייט אַזוי נאָענט מיט אַראָפגעלאָזטע אויגן און... מיר שווייגן ביידע טיף־טיף.

צי וועט אונדז גאָט דערפאַר אַ מאָל שטראָפן — ער זעט דאָך אַלצ־דינג, פון זיינע אויגן איז גאָרנישט פאַרהוילן?

ניין, ער טאָר אונדז נישט שטראָפן און וועט אונדז נישט שטראָפן: ווער נאָך, אויב נישט ער, ווייסט, ווי די הערצער זענען הייס און ריין, ווי מיר דינען איצט זיין ליבן נאָמען מיט דאָס שענסטע און דאָס ער־לעכסטע, וואָס סע קען נאָר זיין אויף דער וועלט!

אין דרויסן איז ערב־פּסחדיק. מע שמירט און מע ראָמט די הייזער, מען קאַלעכט, מע האַלט דאָס בעטגעוואַנט מיט אַ סך שטובזאַכן אין דרויסן. אין דרויסן איז אין אייניקע ערטער דאָ אַ זון, אָבער מערער איז שאָטן. אונטער די פיס איז נאָס, ס'איז דעם אמת געזאָגט נאָך גוט קאַלט. אין שטוב זענען צעעפנט די טירן און כאָטש ס'איז נישטאָ ווו זיך אַוועקצוזעצן, און כאָטש סע טוט זיך אומעטום אַ חשכות, דער עולם איז באַשפּריצט מיט ליים, די ווענט זענען נאָך ערטערווייז נאָס פונעם קאַלעך און אייניקע ווענט זענען נאָך דערוויל אין גאַנצן נישט געשמירט, זיי קומען אויס אַפילו ווייס, נאָר מע פילט שוין דעם גרויסן חילוק, די נאַסע ווענט האָבן שוין אין זיך אַ חלק פונעם קומענדיקן ליכטיקן יום־טוב, בשעת יענע זענען נאָך יתומדיק און וואַרטן אויף זייער ריי.

סע שמירט ביי אונדז אַ יונגע פויערטע. דאָס פאַרשפּריצט קליידל איז ביי איר אונטערגעשטעקט, די פיס אירע באָרוועס און נאַקעטלעך. אַז איך זע אַזאַ פויערטע ווי זי אַרבעט ביי אונדז, ווי זי עסט מיט אונדז צוזאַמען, ווי זי איז ביי אונדז אויס אין אַלע באַהאַלטענע ווינקעלעך, נעמט מיך אָן אַ חשק זיך איבערטראָגן צו איר אַהיים, אויסזיין דאָרט ביי זיי אין אַלע באַהאַלטענע ווינקלען. דאָס איז גאָרנישט, וואָס פאַר נאַכט וועט זי אָפּנעמען דאָס אַרבעטס־געלט און אַוועקגיין. איך ווייס אָבער, אַז אויסער דעם געלט האָבן מיר זיך מיט איר פאַרבונדן און באַפריינדעט אויף לאַנג און אויף אייביק. אַז זי שטייט אָט־אָ מיט די באָרוועסע פיס אויפן פאַרליאַפּעטן טאַבורעטל און וואַשט די אַלקער־פענצטער... איבער די ריינע טאַפּליעס גיסט זיך ריין, פריש וואַסער. דאָס פרישע וואַסער דערלאַנגג איך איר, זי פאַדערט עס נישט ביי מיר, נאָר זי קוקט אויף מיר מיט גוטע אויגן. איך קען נישט, נישט קלערן פון מאַריעס אונטער־

געשטעקט קלײדל און פֿון אירע ליכטיקע שטיקער לײב, וואָס זעען זיך אַרויס, כאָטש איר קערן אַזעלכע זאַכן נישט ליגן אין זינען. זי איז אויסגעהאָרעוועט פֿאַרן טאָג, ס׳איז נאַסע אַרבעט און די לופֿט איז אײַנגעגעסן מיט איר קילקײט. ס׳איז אַפֿילו גוט קאַלט. מע פֿרירט זיך גענוג אָן פֿאַרן טאָג... די מאַמע שאָבט דעם טאַפּטשאַן. דינהלע דער־לאַנגט, זי העלפֿט אויך אין אַלצדינג. פֿאַר נאַכט העלפֿט דער טאַטע בײַם אַרײַנטראָגן די זאַכן מיטן בעטגעוואַנט, פֿאַר נאַכט טוט דער דרויסן אַ פֿריר צו. ס׳ווערט טרוקן אונטער די פֿיס, די יונגע לבֿנה איז אַזאַ קילע, אַזאַ פֿרישע און גלוסטנדיקע. איך גײ צום באַרג־ברונעמל נאָך וואַסער. אײן עמער — אויף שטעלן דעם סאַמאָוואַר. גיטל דעם חזנס איז אויך געקומען אַהער. פֿון זײ איז גראָדע ווײַטלעך. נאָר אפֿשר איז זײ געפֿעלן אונדזער וואַסער. יאָ, ריכטיק. אין זײערע ברונעמס איז דאָך איצט אָנגעלאָפֿן אַ סך קויטיק וואַסער, און דאָ אויפֿן בערגל איז דאָס וואַסער אָן אַן ערך רײנער. מיט גיטלען בין איך דען באַקאַנט? נאָר בײַ אונדז אין שטאָט קענען זיך אַלע.

גיטל איז אַ געפּאַקט מײדל, די הענט אונטער דעם קאָפּטל העכער די עלנבויגנס זענען שטײף. מיר גײען בײדע מיט די פֿולע עמער פֿונעם ברונעמל. דער שליאַך צווישן וואָלאָסט־פּלויט און פֿײגלס פּלויט איז איצט לײדיק און שטיל. דער דרויסן איז אָפֿן, קײנער האָט אים נישט פֿאַרשלאָסן, נישט פֿאַרמאַכט בײַ אים די לאָדן, און זי — די יונגע לבֿנה — האָט זיך אַנידערגעשטעלט סאַמע איבער אונדז, פּונקט ווי זי וואָלט זאָגן — שפּילט זיך קינדערלעך, זעטיקט זיך, איך וועל היטן, איך וועל אַכטונג געבן.

מיר רעדן מיט גיטלען ערנסטע, פֿאַרטיפֿטע רײד, שטילע, ווינציקע. די פֿולע, ווי אַן אויג, עמער שטײען לעם אונדז אויפֿן סאַמע שליאַך. דאָס וואַסער איז לויטער און איז קאַלט מיט עפּעס אַ זויבערער שאַרפֿ־קײט. איך האַלט גיטלען פֿאַר אַ האַנט, גיטל שטײט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. מײַן רעכטע האַנט — פֿון וואַנען האָט זיך גאָר גענומען צו איר אַזוי פֿיל געוואַגטקײט — זי האָט זיך אַרײַנגעגנבֿעט אונטער גיטלס גראָבן זשאַקעט צום דינעם וואַרעמען קאָפּטל. גיטלס טאַטע דער חזן

מיט דער ברייטער גרוילעכער באָרד, מיין טאַטע, דער גאַרבער, מיט דער יונגער שוואַרצער באָרד, ווען זיי דערזעען עס חלילה... נאָר גאָט וועט זיי נישט געבן אַזעלכע געדאַנקען און אונדזערע מאַמעס — אוודאי נישט.

איך גנבע אַראָפּ איין שטילן אומדרייסטן קוש. איך ווייס, אַז דאָס טאָר מען נישט. גיטל טוט זיך אָ ווער, אַזוי ווי זי וואָלט זיך וועלן אָפּרייסן פון דער עבירה. יאָ, פון דער עבירה וויל זי זיך טאַקע אָפּרייסן, נאָר פון מיר — נישט.

זי ווינט אויף ליסטווענער גאַס, איך — אויף דער שיניצע. גיי טרעף, אַז מיר זענען אַזוי אָנגעמאָסטן איינס פאַרן צווייטן און ווען נישט דאָס באַרג־ברונעמל, וואָלטן מיר דאָך קיין מאָל קיין וואָרט נישט אויסגערעדט צווישן זיך. איך קוש גיטלען אין באַק, מיינע הענט זענען ביידע פאַר־נומען, ווער האָט זיי געוויזן אַזאַ וועג? גאָט מיינער, פאַר וואָס האָב איך נאָר צוויי הענט?! וויפל אוצרות, וויפל רייכקייטן, וויפל חיות דאָ איז פאַראַן צו שעפּן! נאָר אָן־אָ גייט דער אַלטער יעסיפּ פון ערגעץ אַהיים צו זיך. די פּיס טראָגן אים שווער, ער שפּאַרט זיך אָן אין זיין לאַנגן סוקאָוואַטן שטעקן, מיר שטייען ביידע לעם אונדזערע עמער, ווי מיר זענען גאָט די נשמה שולדיק, מיר זאָגן יעסיפּן אַ גוטן אָוונט, מיר בעטן גאָט די פּיס זאָלן אים טראָגן וואָס גיכער. ווען ער איז שוין ווייט־לעך, כמעט לעם זיין סאַמע הויף, טרעף איך שוין צו די נאָר וואָס פאַר־לאָזטע געשמאַקסטע ערטער אָן פחד און אָן אַריינגנבענען זיך.

גיטל... גיי ווייס, אַז גיטל קען מיך אַזוי גוט, אַז זי גלויבט מיר און פאַרגלויבט מיר אַזעלכע טייערע סודות. ווען גאָט העלפט און מיר וואַקסן שוין גיכער אויס און מיר האָבן גיכער תתונה!... מיר רעדן נישט פון דעם, מיר רעדן דאָך אין גאַנצן נישט... נאָר ווער איז דען בעסער פון גיטל דעם חזנס!... איצטער זענען מיר דאָך נאָר אין צווייען אויף דער גאַנצער וועלט.

— מע וועט דאַרטן וואַרטן — האָט זי שטיל איינגערוימט.

גיי רייס זיך אָפּ פון דער געשמאַקקייט אַליין. אַזוי ווי מע רייסט אַרויס ביי אַ קינד די ברוסט פון מויל, אָבער אַ סוף מוז צו אַלצדינג נעמען. איך פאַרגלעט אַליין דאָס לייבעלע אירס, איך פאַרשפּיליע דעם

זשאַקעט, איך טו זי נאָך איין וואַרעמען קוש און זי לאָזט זיך גיין מיט אירעביידע עמער. איך באַגלייט זי ווייט מיט די אויגן, איך ווייס, אַז דאָ טוט זיך אָפּ אַ גרויסע עוולה, מיר האָבן זיך אָפּגעריסן איינס פון צווייטן נישט מיט אונדזער ווילן. ווען איך מעג כאָטש כאַפּן אירע עמער און אָפּטראָגן ביז צו איר סאַמע שטוב. ניין — מע טאָר נישט!

די קליינע מאָס גאַטקעס קילן מיר אין איין אָרט דעם פוס נישט גאָר געוויינלעך. איך גיי מיט מיין עמער וואַסער צו אונדזער אויסגע־קילטער שטוב. צי מען האָט מיך געפרעגט, צי איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מע דאַרף מיך פרעגן:

— ווו ביסטו עס פאַרפאַלן געוואָרן אויף אַזוי לאַנג?

איך נעם אַראָפּ פונעם סאַמאָוואַר די פייערקע מיטן דעקל. איך גיס פריש לויטער וואַסער מיט הייליקע נאָך פאַרחלשטע פינגער, איך בין שטום ווי אַלע שטומע, דער שלונג איז ביי מיר אויפגעקוועטשט, די צונג צונויפגעדריקט, איך וויל שוין גיכער צום געלעגער. נישקשה אָן טיי, נישקשה אָן וועטשערע... מיינע אַלע געדאַנקען, ווי צוגעטויבט זיי זאָלן נישט זיין, זענען איצט מיט שטאַרקע פעדעם אָנגעבונדן אין אַן אַנדער דאָך, אין אַנדערע ווענט, אין אַנדערע לאָדן מיט פענצטער, אין אַן אַנדער הויזראָד. מיין האַרץ וויינט אין מיר. דאָרטן ביים חזן אין שטוב איז אָרעם. אַ סך קינדער. נאָך מיידלעך, נאָך יינגלעך, און זי איז אַ דימענט צווישן שטיקער שאָטנס. זי דאַרף איך פון דאָרטן אַרויסנעמען. זי האָט מיך ליב. פון מיינעטוועגן איז איר גאָרנישט טייער און גאָרנישט צו שווער.

די ווענט זענען פייכטע, דאָס בעטגעוואַנט איז קאַלט, נאָר מיר איז גוט, וואָס קיינער טשעפּעט מיך נישט. מיר איז אַזוי גוט, אַז ס'ווילט זיך פון דעם אויך וויינען.

גיטל דעם חזנס, און איך האָב זי גאָרנישט געקענט. און זי מיך — אפשר אויך נישט. אָבער איצט ווייסט זי שוין ווער איך בין.

ווער איך בין?... ווער?... נאָר זי האָט דאָך מיר פאַרגלויבט אַזעלכע סודות און אַזעלכע אוצרות...

איך האָב זי פאַרגעסן פרעגן:

— מירן מאָרגן תחילת אָוונט ווייטער גיין נאָך וואַסער?

איציק קיפניס

* * *

יעדער טאָג האָט שטענדיק זיין אייגענעם קאָליר, איך ווייס עס פון לאַנג. ס׳איז אָבער דאָ אַ שטיקל צייט אין יאָר, ווען אַלע טעג אין איינעם האָבן אַ באַזונדער מין פריידיקן, ליכטיקן, רוישיקן און פריילעכן געשטאַלט. דאָס איז אַ פּאָר וואָכן פאַר פּסח, ווען אין די טאַלאָקעס באַקן זיך מצות, און איבער די גאַסן לויפן די רויטשיקעס... און־אוך! צוועלף אַ זייגער לאָמיר זאָגן. מיר גייען פון חדר עסן וואַרמעס. איז עס נישט קיין געזאַנג ס׳איז עפּעס אַ טריומף! די זעלבע סלאָוועשנע, דוכט זיך, דער זעלביקער קלויסטער אין מיטן מאַרק. יאָ? די זעלבע? ס׳הויבט זיך גאָרנישט אָן! די זון שיינט און שפּילט, ווי אַ יונג קעלבל, די רויטשיקעס לויפן איבערן מאַרק, איבערן שוחטס געסל, פאַרביי דעם טאַהאָנסקערס שטוב. זיי לויפן מיט אַזאַ ליכטיקן רויש, מיט אַזאַ געזאַנג, מיט אַזאַ פריילעכקייט, כאָטש קריך מיט די שטיוול ביז די קני אין וואַסער און זינג — די פּאָלעס פון דער פּאַלטע פאַרהויבן ביזן בויך. די מוטנע, נאָר פריילעכע באַשיינטע רויטשיקעס רוישן מיט אימפּעט און דאָס האַרץ רוישט אויך. שפּילט און שטורעמט און די פרייד גיסט זיך איבער די ברעגן.

דאָס זעלבע, ווען דו גייסט פון וואַרמעס אין חדר אַריין, ד׳צר פריידיקער גערויש ווערט נישט מיד. דו געדענקסט אַפילו נישט פון אָפּרוען זיך. ס׳בלישטשעט, סע שווינדלט, סע שטורעמט און שפּילט און דאָ רייסט זיך אַריין אינעם יונגן לעבן אַ פריילעכער געקלאַפּ פון קאַטשאַלקעס, אַ גערייד פון בלעכן און אַ הילכיקער געלעכטער, אַ יונגער, אַ לעבעדיקער, אַ מיידלשער, אַ ווייבלשער. וואָס איז עס? פון וואַנען גייט עס? פון רחל פּסח־שמערלס שטוב. דאָרט איז דאָך אַ טאַלאָקע פון מצות באַקן. די פענצטערלעך זענען צעעפנט נאַסטעזש. ס׳זעצט פון דאָרטן אַ וואַרעמער ריח פון פרישע אָפּגעבאַקענע מצות, אַזוי ווי אויף דער זון, ריינע, גערעדלטע, שמעקעוודיקע און פאַרברוינטע — כאָטש שפּיגל זיך אין זיי. מיידלעך און ווייבלעך שטייען דאָרטן ביי די טישן, פאַרשפּאַנט אין ריינע פאַרטעכלעך. די אָרבל פאַרקאַטשעט, די ווייסע פאַטשיילקעס זענען פאַרבונדן אויף אַרונטער, לעם נאַקן. די קאָפּטעלעך

זענען אויפגעלעבט, די קאַטשלקעס גייען איבער דער מצה, אַזוי ווי פידעלעך. די בלעכן אויף די טישן ברינזשען צו. פון וואָס לאַכן זיי אַזוי, די מיידלעך, די ווייבלעך, אַז ס׳טראָגט זיי אַזש אונטער? פון וואָס דערציילן זיי עס אַלע? די קולכלעך, ווי די גלעקעלעך, שלאָגן איבער איינס דעם צווייטן און אַלץ אין איינעם איז אַזוי הילכיק און זיס, אַזוי ווי קלעזמער שפּילן. די צעעפנטע פענצטער זענען צו ענג, אַז אַלץ זאָל זיך דורך זיי דורכשפּאַרן. די קאַטשלקעס קלאַפּן, די בלעכן בראַזגען. די מיידלשע רייד און געלעכטערס גיסן זיך איבער און שפּריצן מיט פרייד. און די רויטשיקעס זינגען שירה און די זון קוועלט שטיפעריש אָן. און אין חדר הערט זיך דורך דער צעעפנטער טיר אַזאַ חיותדיקער געזאַנג: „שיר — אַ געזאַנג, השירים — איבער אַלע געזאַנגען. אַן אַנדער געזאַנג האָט געזונגען אַ מלך און דעם געזאַנג האָט געזונגען אַ מלך בן מלך, אַ נביא בן נביא... אַ חכם... בן חכם״... הערט, אַפילו דער חדר זינגט... זינגט דאָך שוין די גאַנצע וועלט. ניין, אָט די טעג, מעגן זיי הייסן דינסטיק, מעגן זיי הייסן דאָנערשטיק, האָבן נישט קיין וואָכעדיקן קאָליר — זיי גלאַנצן און רוישן און זינגען, די שיינקייט איז צעכראַסטעט און שיכור אַזוי ווי פונעם לויטערסטן וויין.

* * *

דער פּסח איז נאָך נישט אַריינגעפּאָרן אין שטאָט אַריין און אין די שטיבער צעעפענען זיך שוין טירן און פענצטער אויף אַריינצונעמען דעם ליבן גאַסט. ער וועט זיין געהייכט אין יעדן ווינקעלע (אַפילו אין קלויז און אין בית־מדרש). די דייזשקעס, די עמער, די גלעזער און טעלער, די אויוונס, פּאַרמיגעס, די טישן און בענק, די געלעגערס און די שפּייז־אַלמערס — איבער איטלעכס און אַלץ וועט געוועלטיקן דער ליבער, שייי־נער און הערלעכער גאַסט — פּסח. איך צייל די טעג: ביז פּסח איז גע־בליבן עלף טעג. ביז פּסח איז געבליבן ניין טעג. שבת הגדול מיט דער פאַרשפּריצטער קאַפּאָטע איז אויך אין מיטן. די הייזער האָבן מיר שוין

געשמירט און צוגעקליבן. זונטיק גייט די מאַמע פון מאַרק און טראָגט אייער אויף פסח, אַ פּאָר נייע טעפּלעך און רייבדעלעך.

כריין גראָבן מיר אַליין אָן אינעם „גרויסן" גאָרטן.

אין אַלקער, אין ווינקעלע, אויפן ריינעם, אויסגעוואַשענעם פּאָל שטייט אַ בענקל. אויפן בענקל אַ ניי אויסגעשאָבן צעבריקל — איבערן צעבריקל — אַ ריין אויסגעפּרעסט ליילעך. וואָס איז עס ?... דאָס האָבן מיר געשטעלט רויטן בוראַקאָוון קוואָס אויף פסח. דער טעם פון פסחדיקן באָרשטש מיט מצה ווייסט נאָר דער, וואָס האָט אים געגעסן — טעם גן־עדן. אייגנטלעך איז טעם גן־עדן נאָר אַן אָנצוהערעניש דערויף... אין צווייטן ווינקל אין אַלקער שטייט ווייטער אַ בענקל, אויפן בענקל ליגט אַ ריינער שטיין, וואָס האַלט צוגעקוועטשט צום בענקל דעם טשוב פון אַ וואַריטשעק. דער גראָבער צעבוכעוועטער וואַריטשעק העגנט איבער אַ גרויסער פּסחדיקער געגלאָזטער ריין, פון שפּיץ וואַריטשעק טריפן איינציקע טראָפּנס אין דער געגלאָזטער ריין. אָבער זיי טריפן ביי טאָג און ביי נאַכט. אַפילו ווען מיר פאַרגעסן אין זיי, אַפילו, ווען מיר זענען פאַרנומען מיטן וואַרמעס, אַפילו, ווען מיר לייגן זיך שלאָפן, און ווען מיר שטייען אויף. וואָס דאָס איז ?

דאָס איז ראָזשינקעס־ווייַן צו די ארבע־כוסות און בכלל אויף קידוש און אויף יום־טוב.

ביי וועמען וועלן מיר באַקן מצות ? — ביי העניען מאָטל דער שוחט־קעס. דאָרטן שטייט שוין אַ מאַשין. די מאַשין קנעט, די מאַשין קאַטשעט, די מאַשין רעדלט. מיר וועלן באַקן די אַנדערע נאָכן רב.

מיט העניען האָבן מיר שוין אָפּגערעדט נאָך צוריק מיט צוויי טעג: מיר באַקן מיטוואָך אינעם ערשטן האַלבן טאָג. די מאַמע גייט, דער טאַטע גייט, איך גיי. פּסחדיק מעל האָבן מיר גענומען ביי פּיניען לייבעס — פיר נולן נירנשטיינס. מיר שפּאַנען דאָס פערד. דאָס מעל פירן מיר צו אין דער פרי אָרום ניין אַ זייגער. מאָטלס שטוב איז נאָך פאַר דער דאָלינע, העט־הינטערן קלויסטער. די שטוב איז אַן אַלטע, נאָר אַ הויכלעכע און פון פאָרנט, צום מאַרק־צו, עפנט זיך זייער באַקעליינע קלייט. נאָר די קלייט לייזט איצט ווינציק. דער עיקר מחיה איז איצט אין שטוב מיט

דער מאַשין, מיטן אויוון, מיט די מצות. ס׳איז הייס, ס׳איז טומלדיק, ס׳איז כשר. מאָטל אַליין, אַ הויכער מיט קורצזיכטיקע אויגן ,נאָר אין העמד מיטן טלית־קטן, שטייט נעבן אויוון און שיבט. אַרום אויוון ברענט, ווי אין אַ גיהנום. ער כאַפּט אַרויס מיט זייער אַ גרינגער, לאַנגער לאָפּעטקע די פאַרטיקע מצות און וואַרפט זיי אין קויש אַריין. ווען דער קויש איז שוין פול, שטעלט מען אים אָפּ און מע רוקט צו אַ פרישן, אַ ליידיקן. דער רב, די רביצין און משהקע זייערער פאַרנעמען שוין די מצות. אַלע בייוועזנדע און אויך מיר ווינטשן זיי דערלעבן איבער אַ יאָר. העניע, זי פינטלט אַלע יאָרן מיט איין אויג — אַ קלוגע זשענשטשינע, זי איז גאָר מיט אונדז, אַזוי ווי ווייטע אייגענע דורך האָראָשקע ערגעץ. פינטלט זי מיטן אויג און רופט זיך אָפּ צו דער מאַמען:

— ליבקע, מע האָט שוין פאַרשאָטן אייער מעל, גייט צו די מיירעס... איר זאָלט דערלעבן איבער אַ יאָר — טוט זי אַ זאָג, זי זאָל נישט פאַרגעסן און גייט אַוועק אין קיך אַריין. אַז עמעצער גייט אַריין אין קלייט, טוט איבער דער טיר פון אויבן אַ קלונג אַ גרויסער פּאָטשטאָוואַ גלאָק. דאָס איז אַ פאַרשפּאָרעכץ, וואָס מען דאַרף דאָרט נישט שטיין די גאַנצע צייט. די מאַמע איז אָנגעטאָן ריין, האַלב יום־טובדיק. זי גייט אַוועק איבעם ערשטן צימער לעם דער דרויסן־טיר צו די מיירעס און דער טאַטע שטעלט זיך לעם דער מאַשין. די מאַשין דרייען צוויי מענטשן — פּסח דער בלינדער און בערל מיכאלס. פּסח איז אַ יונגער און אַ קרעפּטיקער מיט זיין קיילעכדיקער געלער באָרד, מיט די נאַסע ליפּן. ער בויגט זיך אָן, גלייכט זיך אויס און דרייט די ראָד פון דער מאַשין ערלעך, זיין שותף פאַרשפּאַרט זיך אויף אים באַקלאָגן, וואָרום פּסח מיט זיין גוטן געזונט און מיט זיין אָרנטלעכקייט אַרבעט כמעט פאַר ביידן. ווען ער האָט אויף אַ גאַנץ יאָר אַרבעט ביי דער מאַשין, וואָלט ער נישט געגאַנגען בעטן איבער די דערפער. ס׳איז אַ בכבודיקע פּרנסה און כוח, נישט צו פאַרזינדיקן, איז דאָ.

די ערשטע מיירע איז אַריין צווישן די צוויי לויז־געלאָזטע וואַלן, זי ווערט צעפּלעטשטשעט און צעצויגן. מאַכט מען דעם שפּאַלט צווישן די וואַלן שמעלער און נאָך שמעלער.

איז שוין דאָס טייג צעקאַטשעט וויפל מען דאַרף, לאָזן מיר אַראָפּ

די נאָדל־רעדלעך, מיר שניידן אויף איין ברעג פון דער סטענגע, מיר שניידן גיך איין צערעדלטע מצה נאָך דער צווייטער, די מצות לויפן פייל אויסן בויגן צו מאָטלען אין אויוון אַריין, פון אויוון גייען די מצות ליכטיקע, עטוואָס פאַרברוינטע און שמעקעוודיקע — אין קאָרב אַריין.

איך וואַקס אויס אומעטום — פריִער לעם די מיירע־קנעטערינס, ווו די מאַמע שטייט. דאָרט גיסט אויף דאָס האָראָדעצער יינגל וואַסער — דאָס איז זיין שטעלע. קיין אַנדער זאַך טאָר ער שוין נישט טאָן. ער זאָל נישט חמצדיק ווערן. לעם דער מאַשין שטייט דער טאַטע און גיט אַכטונג, די גרעב זאָל זיין, צו דער מאָס. מען דאַרף אַכטונג געבן קיין רויע מצה זאָל נישט אַראָפּפאַלן, ווייל זי קען נאָך חמצדיק ווערן. נאָר אָט גייט שוין די לעצטע מיירע און מע דאַרף שוין טראָגן די מצה אויפן וואָגן. איבערן גאַנצן וואָגן האָבן מיר דאָ אויסגעשפּרייט היי, איבערן היי — אַ ריין ברינזלדיק ליילעך און די מצות שטעלן מיר אויס פּעקלעכווייז, איינס לעבן איינס. ס'איז דאָ, קיין עין־הרע אַ פולער וואָגן. דער טאַטע גייט אַריין, צעצאָלט זיך מיט מאָטלען. די מאַמע גיט די מענטשן, וואָס אַרבעטן, יעדן אַ פּאָר זילבערנע מטבעות. ס'זאָל הייסן „נאַ טשיי״. אַלע ווינטשן אונדז מיטן גאַנצן האַרצן מיר זאָלן דערלעבן איבער אַ יאָר. נאָך אונדז באַקט, דוכט זיך, די מומע לאה. און מיר זענען שוין אַלע אין הויף, לעם דעם וואָגן, אַלע אָנגעהיצטע פון דער בעקעריי. מיר נעמען פונאַנדער דאָס צווייטע צוגעגרייטע ליילעך און דעקן מיט דעם איבער די וואַרעמע מצות, און מאָסטען איין די ברעגן, אַזוי ווי אַרום אַ לעבעדיקער זאַך. איצט גייען מיר נאָכן וואָגן צו פוס. די בלאָטע איז שיטער און טיף. אָבער אַפילו דאָס פערד פילט זיך, אַז איצטיקס פאָרן איז נישט אַזוי ווי אַלע פאָרעכצן. דער עק איז ביי אים אונטערגעבונדן און ער שטעלט די פיס פּאַמעלעך, ער זאָל נישט באַשפּריצן מיט קיין בלאָטע די פרישע ליילעכער. יעדערער, וועמען מיר באַגעגענען אויפן וועג, ווינטשעוועט אונדז מיר זאָלן דערלעבן איבער אַ יאָר געזונט.

און איצט זענען מיר שוין מיט פולע דערפרייטע הערצער לעם שטוב. ביי אונדז, לעם סאַמע שוועל. דער טאַטע, די מאַמע און איך טראָגן די מצות. מיר גיבן אַכטונג די הענט זאָלן זיין ריין, דאָס אָנטאָן זאָל זיין

ריין. אַן אָרט פאַר די מצות איז ביי אונדז צוגעגרייט אויבן, אין די צווייטע טירלעך פון דער ברייטער שוואַרצער שאַפע. די אויבערשטע טירלעך זענען ביידע גלעזערנע. אַהין גייט אַריין אַ סך מצה און אויב ס'וועט נישט אַריינגיין אין גאַנצן, וועלן מיר אויסשפּרייטן פון אויבן אַ ביסעלע ריינעם היי און דערנאָך פאַרדעקן מיר די צונויפגעלייגטע מצה מיט אַ ווייסער זאַך. קיין שעה האָט נישט געדויערט און די מצה איז שוין געווען אויפן אָרט. אין דרויסן כמאַרעט זיך אויף אַ רעגנדל, נאָר ס'איז שוין גאָרנישט, די מצות האָבן מיר שוין פאַרפירט. ווי באַלד די מצות זענען שוין אין שטוב, איז שוין אַ האַלבער פסח אין שטוב.

* * *

איך זע, ווי יאַנקל פנחסעס — יאַנקל דער כהן, פאָרט פון ליסטווען. דאָס פערדל איז ביי אים ליכטיק־רויט און זעט טאַקע אויס שטייף, נישט ווי קיין אַבי וועלכע קליאַטשע. די קאָפּיטלעך זענען אויסגעוואַשן אין די רויטשיקעס, אויסגעשייערט פון דער ערב־פסחדיקער בלאָטע. יאַנקל שמייסט אים נישט מיט דער בייטש, ער זאָגט אים נאָר מיט זיין דונערנדיקן קול: „נאָ־אָ!".

איך וואָלט נישט זאָגן, אַז לעפיש, נאָר עפּעס באַקומט זיך עס העכער און אויסגעצויגענער, ווי געוויינלעך. עפּעס דערמאָנט עס אַ ביסל אינעם בלאָזן פון אַ שופר, אינעם טוקען פון אַ קו. זיין זון ראובן לערנט מיט אונדז אין איין חדר. ער איז נישט פון די בעסטע יינגלעך און נישט פון די ערגסטע. אַז ער וועט בר־מצווה ווערן, וועט ער שוין אויך דאַרפן דוכענען און בענטשן די יידן. איך קען די שטוב זייערע. די מאַמע ראובנס — חיה דאָברישעס איז אַ קלוגע האָרעפּאַשנע פרוי און אַפילו אַ שיינע. איך קען אויך זיינע שוועסטערלעך אין פנים, אַפילו זיין טויבע באָבע. אַ שטוב האָבן זיי, ווי עס איז, אַרויפגעשלעפּט אויף זיך אַ בייע, טאַקע אין מיטן דער דאָלינע, בשכנות מיט יחיאלן דעם מלמד, נאָר לעבן לעבט מען אָרעם. וואָס פאַרדינט ער, פאָרנדיק איבער די דערפער? — וואַסער אויף קאַשע! און מען דאַרף נאָך דעם פערד אויך געבן עסן!

איך האָב איצטער צייט באַטראַכטן און באַקלערן זאַכן — מיר גייען שוין נישט אין חדר אפשר אַ וואָך. צו וועמען וועט מען מיך באַשטעלן אויף זומער? אפשר ווייטער צום זעלבן רבין, צו שמואליקן דעם מלמד? כאָטש איך האָב איין מאָל געהערט, ווי די מאַמע מיטן טאַטן האָבן שטיל גערעדט צווישן זיך און מע האָט עפּעס דערמאָנט אַרלען דאָברושקעס. אַרל דאָברושקעס איז אַ העכערער מלמד. ער נעמט, דוכט זיך, 13 רובל אַ זמן און ביי שמואליקן צאָלן מיר צען. ביין, עס גייט, ווייזט אויס, נישט אַזוי אין דעם פּרייז, ווי — אין דעם חדר מיט ייִנגלעך — מען דאַרף אַ חדר מיט פּיינע ייִנגלעך. דאָס איז איינס, און, צווייטנס, איז דאָך נאָך אַ פראַגע, צי איך בין צוגעפּאַסט צו זיי? דאָרטן לערנען דאָך גאָלע גמרא־ייִנגלעך.

איצטער וואַשט זיך ביי אונדז גרעט. די מאַמע האָט מיך געשיקט אין קלייט אַריין נאָך זייף. די טירן זענען ביי אונדז צעעפנט. אין דרויסן שטייט דער זשליקטע מיט גרעט און ס׳גייט פון אים אַ פּאַרע — מע האָט ערשט אָפּגעפּאַרעט דעם גרעט, און ער זאָלעט זיך אין אַש. באַלד וועט מען אים אַרויסנעמען. אַ הייסן, ברי׳ענדיקן און פּאַלאַשקע וועט אים אַוועקטראָגן אין אַ קאָרב איבער די אַקסלען אַזש אין דאָלינע צום טייך. דאָרטן וועט זי אים שווענקען און אויסדרייען. אין דער היים וועלן מיר אויסהענגען. אַזוי, אַ גאַנץ יאָר, נעמען דעם גרעט צו זיך פּאַלאַשקע אָדער סאָכווייא, נאָר איצט, ערב פּסח, האָט זיך אָנגעקליבן אַ סך, וואָשן מיר אים שוין ביי זיך אין איין קלאַפּ. דעם טאַטנס אויבערשטע העמד מיט די מאַנזשעטן און מיט דער מאַנישקע טראָג איך אָפּ פון יענער זייט טייך צו יעווען. יעווע איז אַ פריצישע וועשערין. זי איז, ווייזט אויס, נאָר איינע אַזאַ אין דער גאַנצער שטאָט ביי אונדז. דוכט זיך, אַז זי נעמט צוויי גילן פּאַר אויסוואַשן און אויספּרעסן אַזאַ העמד, נאָר אַזאַ העמד, אַז מען טראָגט פּאַרזיכטיק און מען ברענגט זי אַהיים, איז אַ יופי אויף איר צו קוקן. אויסגעקראָכמאַליעט, אויסגעפּרעסט, אַז ס׳איז נישטאָ אויף דעם קיין קנייטשעלע, קיין שפּרינקעלע און ס׳בלישטשעט פונעם קאָלנער, פון דער מאַנישקע מיט די מאַנזשעטן. אַן מע וויל גוט באַקלערן, טראָגט נאָר דער טאַטע אונדזערער אַזאַ מין העמד, ווי דען, יחיאל וועט גיין אין

אַזאַ מין העמד? צי שלמה אברהמקעס? צי יצחק דער סקרעבעליטשער?...
נאָר צו יעוון טראָגן מיר די דאָזיקע העמד בלויז איין מאָל אין יאָר: ערב פּסח, וואָרום ביי אונדז איז דעם טאַטנס העמד אָפּגעהיט — ער גייט מיט איר נאָר אין שול אַריין און אַז ער קומט אַריין, טוט ער אויס דעם סורדוט מיטן גאַרטל און נעמט אויך אַראָפּ די אויבערשטע העמד — אין דער היים, ביים טיש, איז גוט, אַז מע פילט זיך פרייער.

דער גאַנג צו יעוון איז ביי מיר דאָס זעלבע, וואָס גיין אין שענק אַריין, ווו ס׳איז טרוקן, ריין און ס׳שמעקט מיט פאַרב און מיט טריוואַקס און מיט ספּירט.

אויך ביי יעוון הינטערן טייך איז זייער ריין אין שטוב. די האַנ־טעכער אַרום די איקאָנעס זענען אויסגענייט און צעפּרעסט, דער טיש איז צוגעדעקט... זי איז אַן אלמנה, די יעווע, נאָר זי האָט, ווייזט אויס, איידעלע אַריינגייער...

איך זשאַלעווע, וואָס ביי אונדז זענען ווינציק מאַנסבילן אין שטוב. איך וואָלט איר געטראָגן פון יעדערן אַ העמד. פאַר יעדן העמד וואָלט איך געצאָלט און אים געטראָגן אַהיים אויףביידע הענט פאַר־זיך איבער־געדעקט מיט אַ ריינער מאַרליע.

האָבן מיר שוין אויך דעם אויבערשטן העמד אין דער היים. מען מעג אים האַלטן בשכנות מיט דער ברינזלדיקער פרישער מצה. איצט האָב איך נאָך אַן אַרבעט — קויפן פאַרן טאַטנס וועגן אויף פּסח — אַ קעסטל גילזן און אַ בלוי פּעקל באַיאַרסקעס טוטין.

אַ פּאַפּירל אַ שפּיציקס פון איין זייט, ווי אַ מין פאַרמעטיקס, איז כסדר דאָ אין פּושקע סאַמע פון אויבן און אַ דין שטעקעלע (מיט וועלכן מע דאַרף שטאָפּן די גילזן) שניצן מיר אַליין אויס.

אַז ס׳קומט שוין דער טאָג פון ערב פּסח, עסן מיר, מייַנסטנס, אין האַרבאַרניע אויף אַ ריין אויסגעווישטן בלאַט פונעם האַרבאַרסקן טיש אין טרוקענעם ווערקשטאַט. קיין הילוק נישט, צי מיר עסן ראָסלפלייש, צי מיר עסן אויף אָנבייסן מילך מיט ברויט, אָדער זויערמילך, טיי און ציקאָריע, אָבער אין שטוב קומט שוין קיין חמץ נישט אַריין.

די נאַכט, וואָס פאַר ערב פּסח, גייען מיר אַריין מיטן טאַטן אין

דער ריינער אויסגעקילטער שטוב, מיר צעלייגן פּיצלעך האָרט ברויט אויף די ברעגן פענצטער, אויף אַ ברעג בענקל, דאָ צינדט אָן דער טאַטע אַ ליכטל, נעמט אַ הילצערנעם לעפל, אַ פלעדערוויש, אַ ריינע שמאַטקעלע און מיר גייען פון אָרט צו אָרט. דער טאַטע שאַרט אַריין מיטן פלעדערוויש די שטיקעלעך ברויט אין לעפל אַריין, ער זאָגט, וואָס מען דאַרף זאָגן ביים בודק חמץ זיין און אַז אַלץ איז שוין פאַרטיק, וויקלט ער איין דעם לעפל חמץ צוזאַמען מיט חמצדיק געוואָרענעם פלעדערוויש אינעם ריינעם שמאַטקעלע, פאַרבינדט עס שטייף מיט אַ ריין פעדעמל, און אויף מאָרגן נאָכן לעצטן חמצדיקן איבערבייסן, אַרום עלף־צוועלף אין דער פרי, גיבן מיר אָפּ אוליטען די פאָר, אָדער אַנדערהאַלבן בילקעס, וואָס זענען פאַרבליבן. מיר גיבן עס איר אָפּ אינעם חמוצדיקן טישטעך, און אַפילו דאָס טישטעך אַליין בלייבט שוין ביי אוליטען אין שטוב ביז איבער יום־טוב. און ערשט איצט, דאָס הייסט אַרום 11—12 ביי טאָג, קלייבן מיר אויף מיטן טאַטן אַ פאָר שפענדלעך, וועלכע סע מאַכן זיך אונטער דער האַנט, מיר צעלייגן אַ פייער נישט ווייט פון סמיטניק און מיר פאַרברענען דעם חמץ, ד״ה די פאַרבונדענע לעפל מיטן פלעדערוויש. דאָס פייערל ברענט נישט גאָר ראַשיק און איך מיטן טאַטן זיצן זיך אויף די שפּיץ פינגער און מיר קוקן, ווי דער לעפל כאַפּט זיך אָן מיטן פלע־דערוויש מיטן שמאַטקעלע. מיט אַ שטעקעלע שאַרן מיר אונטער די קוילן. אין דרויסן איז אַ זון, אויפן סמיטניק איז טרוקן, ס׳איז נאָך קיל, נאָר ס׳איז שוין גוט.

דעם רב האָבן מיר פאַרקויפט דעם גאַנצן חמץ נאָך נעכטן. איצט האָבן מיר די לעצטע ברעקלעך חמץ פאַרברענט און מיר זענען שוין פריי און פטור פון אַ סך שטרויכלונגען און פאַרטשעפּעניש. איצט האָבן מיר נאָך אַ קליין ביסעלע אַרבעט: גיין זיך שערן, גיין אין מרחץ אַריין און גיין צו יעקב־לייבן דעם קירזשנער קויפן אַ היטל, אַ מאָל — מיר אַליין, אַ מאָל — אי מיר, אי דעם טאַטן.

* * *

אויפן בוידעם קום איך נישט אָפּ. דער ציגלנער לעזשאַק איז דאָרט

טרוקן — פאַרשטויבט און פאַררויכערט. דו קלעפּסט זיך איין אין שפּינ־וועבס ווו דו טוסט זיך נאָר אַ ריר. פּעטשינע, טרוקענער שטויביקער זאַמד נעמט זיך אָן אויף די שיך און די קאַראַקוזן. דערנאָך האָסטו אַן אַרבעט זיך פּוצן און זיך בערשטלען. אָבער דער ענין נאָך וועלכן דו קריכסט אויפן בוידעם איז אַ גרויסער און אַ וויכטיקער: מיר נעמען דאָך אַראָפּ דאָס פּסחדיקע געפעס! דוכט זיך, וואָס איז אַזעלכעס דאָס פּסחדיקע געפעס?! — דאָס סטעמפּעלע מיטן טוקאַטש, דאָס זיפּעלע, די דעקלעך פונעם טיש מיט די טאָפּטשאַנעס, די צעטריקנטע עמער און דער געפלאָכ־טענער קויש פון ריטער, ווו דאָס געפעס איז איבערגעלייגט צווישן זיך מיט היי?! דער טאַטע דערלויבט מיר... וואָס הייסט, ער דערלויבט מיר? ער **ה י י ס ט** מיר פּשוט זיך שטעלן מיט איין פוס אויף זיין אַקסל און אַזוי דערלאַנג איך שוין דעם בוידעם. מיר האָבן אַ לייטער אויך, נאָר, פונקט אַזוי ווי אויף צו להכעיס, האָט עמעצער דעם לייטער אַוועק־געליגן. פונעם בוידעם דערלאַנג איך אַראָפּ דורכן פּירעקיקן טירל אַלע זאַכן איינציקווייז, דער טאַטע נעמט זיי ביי מיר איבער. ביים אַראָפּקריכן, שטעלט מיר דער טאַטע ווייטער אונטער זיין אַקסל... דאָס הייסט, ווען מען וויל, קען מען אַוועקגיין אויף דער מומעס זייט בוידעם און דאָרטן עפענען ס׳טירל און אַראָפּקריכן דורך זייער צוגעבויטן לייטער, וואָס גייט אַראָפּ אין קעמערל אויפן גאַנעק צו זיי...

איצט, אַז איך בין שוין צוריק אויף דער ערד, האָבן מיר אַן אַרבעט אַלץ פונאַנדערנעמען און אַלץ שטעלן אויף אַן אָרט.

אויף די צעטריקנטע גרינגע עמערלעך וועט דער טאַטע אַ ביסל אָנציִען די רייפן און זיי אַריינוואַרפן אין ברונעם אַריין, זיי זאָלן זיך פאַר עטלעכע שעה אָנווייקן. דאָס פּסחדיקע דייזשקעלע — אויך. די דעקלעך פון טיש צעוואַש איך מיט אַ פרישן וויכאָט, זיי טוען זיך אַ טרוקן אויף דרויסן לעבן וואַנט און איך צעלייג זיי אין שטוב — די „טאָפּטשאַנעס״ אויף די טאָפּטשאַנעס, דעם „טיש״ אויפן טיש. איצט שטעלן מיר זיך אַוועק אין סטאָלאָווע ביידע — איך און דינהלע — די קלענערע קינדער ווי זיי ווילט זיך — און מיר צעפּאַקעווען דעם קויש מיטן פּסחדיקן געפעס. דאָס האַרץ צאַפּלט אַזש פאַר פרייד... ס׳איז ביי אונדז אַלצדינג

דאָ: אַט זענען די נירדענע (ערדענע) פאַרלירטשקלעך צונויפגעוואַקסן צו דריי, צו פיר צוזאַמען און אַ נירדן הענטעלע איז דאָ צום אָנעמען. דאָס הענטעלע איז אינעווייניק אויסגעהוילט און ס'איז מלא חן. אַט גייען די פסחדיקע טעפלעך און אַט איז דאָס מילכיקע טעפל פון ציקאָריע. אַלץ פאַקעווען מיר אויס פונעם היי. דעם היי וועלן מיר שפּעטער צונויפלייגן צוריק אין קויש אַריין און מירן ריין פאַרקערן. אַט־אָ זענען די קריגעלעך. וואָס פאַר אַ „מיר־זאָל־זיין" די קריגעלעך זענען, דער חן, די יונגשאַפט זייערע! און אַט־אָ, שאַ־שאַ! אַט־אָ גייט שוין דאָס גלאָזוואַרג — די שאָלן, די גלעזער, די צוקערניע, די פּירקאַנטאָווע פלאַש פון וויין און די כוסעלעך?! וויי־וויי, ווי אַזוי דאָס האַרץ צאַפּלט און טאַנצט אונטער פאַר פרייד, אַלץ אין דיר אינעווייניק קוועלט; אויף די כוסעלעך איז אָנגעשריבן מיט אַ קאָלירנדיקער פסחדיקער פאַרב, ווו אין אַ פּאַסיקל, ווו אין אַ רעדעלע: כשר לפסח. ס'ווילט זיך זיי גאַרנישט אַרויסלאָזן פון האַנט. איינס איז אַ קליינינקס — בלוי אויף דורך און דורך און נאָך מיט אַ גלעזערן אויערל דערצו. ועמעס זאָל עס זיין? דער מאַמעס, צי הינדע־לעס? און די שאָלן יענע? דו געדענקסט? אויף איינער אַ גרויסער ווייסער שאָל איז אָנגעמאָלט אַ רויטער פעסטער רייף אַרום און אַרום. אַט די אַ שאָל איז נאָר איינע אַזאַ, אַ גאַנץ פסח וועלן מיר זי מעגן נוצן, מעגן טרינקען פון איר טיי און געבריטע מילך און... דערנאָך — אויפן בוידעם און דערנאָך — ערשט אויף פסח — ווייטער אַראָפּנעמען און ווייטער אויסווישן.

אַזוי — אויף לאַנגע לעבעדיקע יאָרן, ביז אייביק.

די מאַמע האָט אונדז געגעבן אַ האַנטעך און געזאָגט: „אָסטאָראָזשנע"...

אָסטאָראָזשנע הייסט, מיר זאָלן זיין געהיט, ס'זאָל חלילה, קיין היזק נישט זיין... זיי רויק, מאַמע־לעבן, האָב נישט קיין זאָרג — מירן עס מאַכן „אָסטאָראָזשנע". און מיר ווישן אויס מיט אַזאַ פלייס און מיט אַזאַ ציכ־טיקייט אַלע פסחדיקע גלעזער מיט די שאָלן מיט די טעלער. איין טעלער איז ווייס, אַזוי ווי די הויט פון ווייסע פּאַסאָליעס, איך ווייס נישט, צי זי איז אַ פאָרצעלייענע צי פון פּראָסטער ליים. פון איין זייט איז זי

אַ לעקעלע אויסגעשטשערבעט, איז דער מאַטעריאַל נישט אַזוי ביסטרע און האַרט, ווי אמתער פּאַיאַנס און פּאַרצעליי.

אַך, האָבן מיר עס אָנגעשטעלט אַ טיש מיט שיינע זאַכן! אויסקושן יעדעס כוסעלע איז ווינציק. איך וואָלט זיך מיט דעם געשפּילט און געשפּילט. און געשפּילט... און אָט איז דער גרויסער טעלער, וואָס הייסט „קערה". דאָ איז אָנגעשריבן, ווי מע לייגט אויס די מינים צום סדר: ווו די חרוסת, ווו די ביצה, און די זרוע, רעדעלעך, רעדעלעך און אין יעדער רעדעלע איז מיט גרויסע סדרדיקע ווערטער אָנגעשריבן: חרוסת, מרור... שיין ווי גאָלד! אָבער מיר האָבן נישט באַוויזן זיך אָנקוקן אויף די צעווישטע, צעשטעלטע כלים, ווי די מאַמע רופט אונדז שוין — ס'איז דאָ אַ גוטע אַרבעט — אויסווישן ריין די סטעמפּעלע און אָנשטויסן אַ ביסל מצה־מעל. די געשיכטע איז פון דעם זייער אַ פּראָסטע. וואָרמעס האָבן מיר אָפּגעגעסן אַרום עלף־צוועלף, פאַרברענט דעם חמץ, אָפּגעטראָגן צו אוליטען דאָס טישטעך און די לעצטע בילקעס — איז שוין גוט. האָבן מיר נאָך, קיין עין־הרע, אַזאַ אויסגעבאַקענע ווייסע מצה, אַז קיין קאַלעך איז צו איר נישט גלייך. אָבער ביזן סדר טאָר מען קיין מצות נישט עסן. וואָס זשע טוט מען, מען זאָל נישט דאַרפן פאַסטן? ניין, ס'איז דאָ אַן עצה. איך ווייס נישט, צי נאָר אונדזער מאַמע האָט עס צוגעטראַכט, צי אַ סך מאַמעס ווייסן דערפון... דאָס הייסט, קיין מצה טאָר מען נישט, אָבער מצה־מעל מעג מען ווי עס איז? מיר שטעלן צו אַ בענקל צו דער שאַפע, מיר נעמען אַראָפּ אָנגעבאַקענע מצות, איך בינד זיך אַרום מיט אַ ריינעם האַנטעך און מיר נעמען זיך צו דער אַרבעט. מצה־קלאַפּן קען איך, איבער־זיפּן — קען דינה. און אויב דינה וועט זיין פאַרנומען, קען איך איבער־זיפּן אויך. אָבער איך האָב נישט באַוויזן אָנקלאַפּן די מצה, נישט באַוויזן אָנטראָגן צוויי נייע פּסחדיקע עמער וואַסער, אַפילו דאָס האָלץ, וואָס איך האָב אַריינגעטראָגן, איז אין דער ריינער קיך געוואָרן ריין, ניי און פּסחדיק: ס'האָט זיך נישט באַוויזן אָנהייצן דעם אויוון, ווי דער טאַטע איז שוין פון ערגעץ אַריין, אָפּגעקליבן די וועש — מיינע און זיינע און מיר זענען אַוועקביידע אין מרחץ אַריין. די ערד אויף די נאַוואָזעס איז אין אייניקע ערטער טרוקנלעך און אין אייניקע ערטער פייכט. אין

באָד־הויז שטייט יאָסל־חיים און שערט איטלעכן. זיך שערן און שניידן די נעגל האָב איך נישט שטאַרק ליב פון אַלע יאָרן, נאָר אַז מען דאַרף — דאַרף מען. דער טאַטע האָט זיך שוין אויך אָפּגעשאָרן. לעם די באָרד שפּיצן זענען געבליבן אין דער הויך קליינינקע צווײ פּאותלעך, דאָס הייסט, נאָר אַ סימן פון אַ פּאה און מיר גייען שוין אין באָד אַרײַן. מיר וואַשן פון זיך אָפּ דאָס מינדסטע ביסעלע וואָכעדיקייט. אויך האָבן מיר זיך אויסגעכשרט — אי מיט די בעזעמלעך אויף דער העכסטער באַנק, אי מיט דער אָנגעזייפּטער שמאַטע און, ענדלעך — אין דער קילער מקווה...
ביי יעקב־לייבן דעם קירזשנער, אין פאָדערשטן ריינעם צימער, ביי זיי איז דאָך אויך פּסח, האָבן מיר צוגעמאָסטן די היטלען. פאַר מיר האָט דער טאַטע אָנגעקוקט אַ היטעלע מיט אַ גאָלדענעם יאַקאָר פון פאָרנט און פון ביידע זייטן יאַקאָר ציט זיך אַ גאָלדן שנירעלע. דער טאַטע האָט זיך אויסגעדינגען פאַרן היטל, האָט באַצאָלט און צוגעווונטשן מען זאָל דער־לעבן איבער אַ יאָר.

איצט גייען מיר אַהיים שוין נישט דורך די גערטנער, נאָר דורכן קליינעם געסל. ס'איז אפשר דאָס איינציקע מאָל פאַרן גאַנצן יאָר, ווען מיר גייען פון באָד נישט מיט אונדזער געוויינלעכן וועג. די נייע היטלען טראָגן מיר אין די הענט, דאָס קוויטיקע וועש — אונטערן אָרעם. אויסגע־קליבן די טרוקענע סטעזשקעס, דורכגעגאַנגען פאַרביי דער מומעס האַר־באַרניע און דער מומעס גאַנעק — און אָט זענען מיר שוין אין שטוב ביי אונדז. ס'זאָל פעלן אַ האָר פונעם פּסח, אָבער אַזוי ווי מיר ווייסן, אַז פּסח וועט ערשט זיין אויף דער נאַכטביים סדר, טאָ זאָל עס הייסן ערב פּסח. מיר זיצן אין סטאָלאָווע ביים טיש. דער טאַטע און איך ווייסן, אַז עפּעס וועט מען אונדז געבן — גלאַט אַזוי, וועלן מיר דען זיך אַנידערזעצן און זיצן ?... דער איוון פלאַקערט מיט אַ באַזונדער פריילעכקייט און צו אונדז גייען שוין אויף די פּסחדיקע טעלער פרישע קאַרטאָפעלעך און לעם די קאַרטאָפּעלעך — פּסחדיקע געגדזענע שמאַלץ, אַזוי ווי הירזשעלעך, און אַ פּאָר גריוון. באַלד נאָך די קאַרטאָפּליעס ווייטער צווײ טעלערלעך און אויף זיי ליגן און רייצן זיך מיט אונדז פאַרברוינטע, איינגעפּיקעוועטע לאַטקעלעך פון מצה־מעל. אוי, לאַטקעס! אוי, ווייסע! אוי, פעטע! אוי, צע־

שמייכלטע! אוי, געשמאַקע! מיר דוכט זיך, אַז ווען מע עסט אַזעלכע לאַטקעס ביז אין דער פרי, ביז ראָש־חודש און ביז איבער אַ יאָר, וואָלט זיך נאָך אַלץ נישט געענדיקט דאָס פאַרגעניגן. דער טעם איז נישט נאָר פון יום־טוב, ס'איז אַ טעם פון אמתן גן־עדן.

ווען איר פרעגט מיך, וואָס איז אַזעלכעס גן־עדן, וואָלט איך אפשר נישט געוווסט אַקוראַט, וואָס צו ענטפערן, נאָר דער טעם פון די לאַט־קעלעך, וואָס דאָס מצה־מעל האָב איך אַליין אָנגעשטויסן און די מאַמע האָט זיי פאַר אונדז אָפּגעבאַקט — אַזאַ טעם קען האָבן דאָס גן־עדן און קיין בעסערס קען נישט זיין און קיין בעסערס דאַרף מען גאָרנישט.

* * *

איין מאָל האָט דער טאַטע געבראַכט פון ראַדאָמישליע אַ פּעסעלע וויין כשר לפסח. האָט ער עס געעפנט ערב פסח, זענען געקומען אַ פּאָר יונגעלייט פאַרווכן און זאָגן מביגות. זיי האָבן געטשמאַטשקעט מיט דער שפּיץ צונג און געזאָגט, אַז ס'איז פּרימע־שבעפּרימע. קיין קראַן איז אין פּעסעלע נישט געווען. ווי אַזוי־זשע האָבן מיר געצאַפּט פון דאָרט דעם וויין? — זייער מיט אַ שיינער כלי. אַ בלעכערנע טרובקע אַזאַ, אַ לאַנגע, אַ שמאָלע, אויבן איז אַ ביסעלע דאָס טרייבל פאַרזוימט, ס'זאָל זיין גלאַט לעם די ליפּן און נידעריקער אַ ביסעלע, פון דעם אָרט, וואָס מען נעמט אין מויל, איז דאָס טרייבל צעברייטערט, אַז ס'קען אַהין אַריין אַ קוואָרט וויין, און דערנאָך גייט ווייטער אַוועק דער לאַנגער ציגאַר־שפּיץ, דאָס הייסט, דאָס טרייבל. שטעלט דער טאַטע אַריין אין פּעסל די לאַנגע טייל פונעם טרייבל, נעמט דעם פאַרזוימטן עק צו די ליפּן און ציט אַן וויין פונעם פּעסל. אַז ער דאַרף אַן עטעם־טאָן, פאַרשטעלט ער מיט די פינגער דעם פאַרזוימטן ברעג און דערנאָך נעמט ער אים ווייטער צו די ליפּן, ביז ער ציט אָן אַ פולע טרויב. דאָ פאַרשטעלט ער ווייטער מיטן פינגער, גיסט זיך נישט דער וויין. דערנאָך שטעלט ער צו דעם אונטערשטן עק טרייבל צום פלאַש און צאַפּט אַהין אַן וויפל מע דאַרף. דאָס איז געווען אַ גוטער פּסח פון וויין — אי לייטן האָבן ביי אונדז געקויפט, אי מיר האָבן אַליין געהאַט גענוג און דער טאַטע האָט נאָך געגעבן חיימען

דעם טויבן אַ קוואָרט ווײַן אויף אַרבע־כּוסות. ער, חיים, האָט יענעם ווינ־טער ביי אונדז געאַרבעט, האָט אים דער טאַטע געהייסן קומען.

אָט די דאָזיקע מתּנה, וואָס דער טאַטע האָט געגעבן חיימען, האָט מיך אַ לאַנגע צייט געאַרט: חיים אַרבעט דאָך און מיר אַרבעטן אויך, וואָלט געדאַרפט זײַן אַזוי אײַנגעפירט אויף דער וועלט, אַז אַרבעטער און באַלעבאַטים זאָלן לעבן אַלע זאַט און דער באַלעבאָס זאָל פאַרשפּאָרן זײַן אַ גוטער און געבן דעם אַרבעטער אַ מתּנה.

* * *

יעדעס ווײַבל אין שטאָט, אפילו אין דער אָרעמסטער שטוב, איז הײַנטיקע נאַכט אַ מלכּה. אלמנות — נעבעך — נישט. אויף מיידלעך זאָל נאָך קומען זייער צייט — זאָלן זיי דערווײַל זײַן בת־מלכּהס, אַזוי ווי איך בין איצט אַ בן מלך. מײַן טאַטע וועט דאָך הײַנט זײַן אַ מלך און די מאַמע, זאָל זײַן געזונט און זאָל אונדז געוועלטיקן — אַ מלכּה! אָ, זי איז אַ שיינע, אונדזער קייסערינע, און זייער אַ גוטע צו איטלעכן, בפרט צו אונדז — צו אירע אייגענע קינדער! שיינען מיר טאַקע אַלע פאַר פרייד און פאַר נחת. אונדזער אויסגעכשרטע שטוב איז אַ קייסער־לעכע און מיר אַלע — מען זאָל אויף אונדז נאָר אַ קוק טאָן?! דערווײַל גייען מיר אין שול אַרײַן — דער טאַטע אין דעם געפּרעסטן העמד, וואָס איך האָב אַנומלטן געבראַכט פון יעווען, דורכגעצויגן דעם שניפּס, אָנגעטאָן דעם קאַמזויל מיט די קײַקלדיקע אויסגעפּוצטע קנעפּעלעך, אָנגעטאָן דעם זיידענעם סורדוט, צעגלעט די באָרד פון ביידע זײַטן, אָנגעטאָן אויף זיך די לעטנע פּאַלטע און די אויסגעוואַשענע קאַלאָשן — איצט איז נאָר אין אייניקע ערטער אַ בלאַטע... איך — אין מײַן נײַעם גאַרניטער מיטן נײַעם היטל מיט די אויסגעפּוצטע שטיוולעטן. איך גיי שוין אָן אַ פּאַלטע.

אין קלויז איז ליכטיק און פריילעך, די בליך־לאָמפּן און די אָנגעצונ־דענע ליכט פלאַקערן ממש. אויף אַלע פּנימער — אַ מונטערקייט און מען האָט אַ טרובע געטאָן גאַנץ הלל, אַז אַ פייערלעכקייט איז זיך צעגאַנגען איבער אַלע אבֿרים. די מלאכימלעך האָבן געשוועבט אונטער דער סטעליע

און געבריקעוועט פאַר פרייד. עפּעס אַ קלייניקייט — גאַנץ הלל, סאַמע דעם ערשטן אָוונט, ווען יום־טוב פאַרגייט צו אונדז איטלעכן.

די קייסאָרים מיט די פּרינצן האָבן זיך רויִקע מיט צעברייטערטע הערצער אָוועקגעלאָזן מיט אַ באַרוטן גאַנג יעדערער צו זיין היים, צו זיין הסב־בעט. די לבנה איז אויסגעקיילעכיקט, דאָס פרעסטל טריקנט־צו די בלאָטע, אייניקע יינגלעך האַלטן שוין ביי זיך פולע קעשענעס מיט ניס. אייניקע — מער־געשטעלטע — האָבן עס איבערגעלאָזן אויף מאָרגן, נאָכן טיש. די נייע היטלען מיט גלאַנציקע און מיט צייגענע דאַשיקעס מיט די יאַקאָרעס איבערן דאַשעק, מיט גאָלד באַנייט דער אָקאָליש, ס'איז אַ רייכקייט און אַ פּראַכט. מיר באַרימען זיך נישט מיט קיין ווערטער. ס'דען שיין זיך באַרימען? נאָר מיר שטעלן אַרויס די פּאַרריסענע קעפּ, די אויפגעהויבענע אַקסלען מיט דער נייקייט פונעם גאַרניטערל. ניין, ס'איז אַ פרייד אַ באַנייטע, אַפילו אַן איבערפולטע.

מיר האָבן שוין אַריינגעטראָגן אין שטוב אַריין אונדזער ברייטן גוט־יום־טוב, די שכינה רוט אויף אונדזער מאַמע, דער קייסערינע. די שטוב איז בלאַויכטן און פון דער ווייסער הסב־בעט ברינזלט. דער טאַטע טוט אָן דעם ווייסן געררוימן קיטל, גלעט אויס די שיינע באָרד, טוט אַ פאַר־בעטנדיקן בליק אויף די קייסערלעכע קינדער, אויפן טיש מיט די צוגע־דעקטע מצות, אויף דער קערה און... דער פּסחדיקער וויין, וואָס איז דערלאַנגט געוואָרן פאַרן מלך מיט דער מלכה מיט די קינדער בלינזלט אַנטקעגן די ברענענדיקע ליכט און די כוסות — די כוסות בליאַסקען און שעמערירן. אַ שאָד, וואָס מען קען נישט פאַרציִען די דאָזיקע רייכקייט. די דאָזיקע קוועלנדיקע פרייד אויף אַ לענגערער צייט.

איך, דער פּרינץ, האָב געקריגן נישט קיין קליינע פולמאַכטן — איך גיב אָפּ די קאָמאַנדע:

— „קדש", אַז דער באַלעבאָס קומט יום־טוב פון שול, דאַרף ער מאַכן קידוש. איך מאַך עס אָפּ אַפילו ברייטער:

— אַז דער באַלעבאָס קומט פון שול, גיט אָפּ דער שטוב־געזינד אַ גוט יום־טוב, דאַרף ער זיך שטעלן צום טיש, אָנגיסן דעם כוס און מאַכן קידוש!

און דער טאַטע שטעלט זיך טאַקע צום טיש, מאַכט דעם יום־טובדיקן קידוש, זאָגט שהחינו, דרייט זייער שיין אויס דעם זמן חרותנו און טרינקט אַראָפּ פון זיין כוס. מיר אַלע טרינקען אַראָפּ פון אונדזערע כוסות.

איצטער קאָמאַנדעווע איך ווייטער:

— ורחץ! — מע זאָל וואַשן די הענט און נאָך נישט מאַכן די ברכה על נטילת ידים.

אָפּגעוואַשן און אָפּגעווישט די הענט, זיך געזעצט צום טיש, דערהערט זיך מיין קאָמאַנדע:

— כרפס!

דאָס איז נישט פון די געשמאַקע ביסנס, נאָר אַז מען דאַרף — דאַרף מען. זעט איר, אין „יחץ" איז שוין דאָ אַ שטיקל שכל. ווייל דער טאַטע ברעכט אָפּ אַ העלפט פון דער מיטלסטער מצה און באַהאַלט זי צוליבן אפיקומן. גאָרנישט קומט דאָ נישט פאָר אַזעלכעס, נאָר אַלע פירן מיט די אויגן און מע קוקט, וווהין דער טאַטע, דער מלך, באַהאַלט דעם אפי־קומן — אויב עמעצער פון אונדז וועט וויזן אַ קונץ און צושלעפּן דעם אפיקומן, וועט אים דער טאַטע דערנאָך דאַרפן אויסקויפן.

איצט גייט מיינע אַ קאָמאַנדע פון די שענסטע:

— מגיד!

אונדזער טאַטע, דער קייסער, ווערט ערנסט, הויבט זיך אויף פון זיין אויבנאָן, אין איין האַנט האַלט ער אונטערגעהויבן די קערה, אין דער צווייטער האַלט ער די אָפענע הגדה און הייבט אָן לייענען ערנסט און הויך אויף אַ קול:

כהא... לחמה עניא... דיי אכלו אבאתנא — — —

ער קוועטשט אָן אויף די בויטיקע ווערטער און מיר פילן אַלע דעם טייטש און דעם מיין, השתה עבדי... מיר זענען נאָך קנעכט.... דערווייל אין גלות ביים פּריסטאַוו מיט די סטראַזשניקעס, אָבער אם־ירצה־השם איבער אַ יאָר, אַז גאָט וועט וועלן, איז — דערזשיס!

אַז דער טאַטע שטעלט אַוועק די קערה, זעצט זיך אַוועק און מיר, לויט זיין ביישפּיל, זעצן זיך אויך יעדערער אויף זיין אָרט, קומט מיין ריי שטעלן דעם טאַטן אַ פּאָר ציקאַווע פראַגן. און איך פּאָר אַרויס פּאַר

איטלעכן אין די אויגן מיט אַזאַ מין שפּראַך: — טאַטע, איך וועל דיך פרעגן פיר קשיות... די ערשטע קשיה וויל איך דיך פרעגן: מה — פאַר וואָס, נשתנה — איז פאַרענדערט געוואָרן הלילה — די נאַכט הזה — די דאָזיקע פון פסח מכל הלילות — פון אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר?...

דער טאַטע הערט אויס מיינע פראַגעס מיט קאָפּ, די מאַמע און די קינדער אויך, און אַז מיינע אַלע פיר פראַגן זענען שוין געווען אויסגע־שעפּט, האָט זיך דער טאַטע נישט געפּוילט און מיר געענטפערט בזה הלשון:

— איצט וועל איך ענטפערן אויף אַלע פיר קשיות: — עבדים היינו לפרעה במצרים...

און ס'איז טאַקע ריכטיק. גאָר אַ מאָל זענען מיר געווען קנעכט ביי פרעהן אין מצרים... די בני־ברק, אַז זיי האָבן אַ מאָל דערציילט וועגן יציאת־מצרים, זענען זיי אַוועקגעזעסן ביזן ווייסן טאָג אַריין.

און די מעשה מיט די פיר בנים ווייסט איר דאָך, מן־הסתם, אַלע: איינער איז ווי ס'באַדאַרף צו זיין — אַ חכם, איינער — אַ פּאַסקודניאַק, אַן איינגעגעסענער, איינער — אַ חיים־יאַנקל און איינער, נעבעך, אַ לע־מעלע, אַ שאינו יודע לשאול, און דו, זיי נישט קיין פּוילאַק און ענטפער יעדן איינעם לויט זיין שכל און לויט זיין ווערט נאָך. באַלד דערציילט אונדז דער טאַטע, אַז פון אָנפאַנג זענען אונדזערע זיידעס, זאָלן אונדז מוחל זיין, געווען פּשוט געצן־דינער:

תרח אבי... און אברהם אבי און נחור. און דערנאָך האָבן מיר גע־האַט אויף זיך אַ „לבנקען" דערנאָך ווייטער און ווייטער, ביז מיר האָבן זיך דערקאַטשעט צום אמתן תכשיט, שוין גראָדע אַ פרעמדער — פרעה הייסט ער. יענער האָט געהאַט אַ האַרץ פון אַ שטיין: אַז יעדעס געבוירן ייִנגעלע זאָל מען וואַרפן אין טיפן טייך אַריין, אין דעם טיפן קאַלטן וואַסער און די מיידלעך זאָלן לעבן בלייבן...

דער נביא יחזקאל ווייטער האָט מיט זיין איידלסטן נביאישן בליק דערזען: רבבה כצמח השדה נתתיך: ותרבי ותגדלי... ותביאי בעדי עדים. שדים נכונו ושערך צמח ואת ערום ועריה ואעבר עליך. ואראך מתבוססת בדמיך ואומר לך, בדמיך חיי ואומר לך בדמיך חיי.

אַזוי זאָגן מיר און מיר זאָגן און מיר זאָגן. די שוועסטערלעך קוקן אויף אונדז מיט אַ פרעגנדיקן בליק, צי דאָס זאָגאכץ וועט זיך אַ מאָל ענדיקן? איך וועל שוין באַלד פאַרגעסן, אַז איך — איך — קאָמאַנדעווע מיטן פאַראַד. נאָר אָט זענען מיר געקומען צום צווייטן כוס. ביטע זייער...

— ורחץ! — רוף איך אויס.

איצט דאַרף מען זיך גיין וואַשן און שוין יאָ מאַכן די ברכה על נטילת־ידים.

איצטער גייען קורצע און גיכע קאָמאַנדעס: „מוציא״... „מצה״, „מרור״... „כרך״ מיטן „כן עשה הלל״... יינגלעך פאַרשייטע מאַכן פון דעם אַ גאַנצן שפּאַס: — נאָך גוט — זאָגן זיי — וואָס הלל פלעגט אַריינלייגן געריבענעם כריין צווישן די מצות, ווו וואָלטן מיר געהאַלטן, ווען ס׳פאַלט אים איין אַריינלייגן אַהין עפּעס אַנדערש, אַ ווערטל איז עס, נאָר ס׳מאַכט נישט אויס — הלל איז געווען דער אמתער לייטישער מענטש, קיין נאַרישקייטן וועלן אים נישט איינפאַלן אין קאָפּ.

איצט גייט שלחן־עורך.

די מאַמע, די מלכה, אַליין מיט אירע ליבע כשרע הענט, וויל אונדז דערלאַנגען דאָס יום־טובדיקע עסן.

דאָ הייבט זיך שוין אָן אַן אַנדער וועלט. מיר עסן יויך און עוף און טייגעכץ און כרעמזלעך און לאַטקעס און פסחדיקן קאָמפּאָט, ווער ס׳האָט אין זיין לעבן נישט געגעסן קיין פסחדיקן קאָמפּאָט, ווייסט דען, וואָס פאַר אַ פלוימען, וואָס פאַר אַ ראָזשינקעס און וואָס פאַר אַ שעפּטאַלן ס׳זענען דאָ אויף דער וועלט?!

יידן זאָל מען זיין און פסח זאָל מען פראַוועןֹ! די שוועסטערלעך, כאָטש זיי זענען קליינע, פאַרשטייען שוין אויך, וואָס דאָס איז. ווו האָט זיך גאָר די שלעפערדיקייט ביי זיי אַהינגעטאָן. איצט קענען זיי נאָך צעקנאַקן עטלעכע ניס, פאַרזוכן אַ פּיצעלע אַפּיקומן און גיין שלאָפן. בלויז איך מיטן טאַטן און די מאַמע — אונדז צו הילף — האָבן נאָך אַ ביסעלע צו דערטאָן. שפוך המתך, און אליהוס כוס האָבן מיר נאָך פאַרן עסן געזאָגט. ס׳איז געווען אַ ביסל אַ מורא צו עפענען אין דער פינצטערער הויז די טיר אויף אַריינצולאָזן אליהו הנביא. אָבער דאָס

איז שוין אַריבער. מיר זאָגן הלל, מיר גיסן אָן אליהו הנביאס כוס, מיר עפענען אויף מיט אַ ביסל מורא די טיר אין דער פינצטערער הויז אַריין, שיעור נישט אין דרויסן און מיר זאָגן אָפּ דעם ביטערן שפוך חמתך. ס'איז נישט אַזוי, דער ווילן צו זען שלעכטס אין עמעצן, נאָר פאַר וואָס קומט עס אונדז אויסטראָגן אַזוי פיל אין יעדער צייט־אָפּשניט. די הגדה ווייסט דאָך נאָך נישט פון קיין המן און פון קיין פורישקעוויטשעס, ימח שמם. נאָר אַבי מיר ווערן פטור פון די חשבונות, וואָס מיר האָבן מיט די יידישע שונאים, גיסן מיר שוין אָן דעם פערטן כוס און ס'הויבן זיך אָן זינגענדיקע ווילע זאָגעכצלעך: „ובכן ויהי בחצי הלילה". דערנאָך זינגען מיר זיך צו „אדיר במלוכה", „בחור כהלכה"!... דעם פערטן כוס אויסגעטרונקען, מען מעג שוין זאָגן סלח סדור פסח... ביים טאַטן אינעם סידור בית יעקב, איז צום „אדיר הוא" נאָך דאָ אַ צוגאָב: „בון בוי, בון בוי דיין טעמפל שירה". מיר זאָגן עס אויך און זינגען מיטן זעלבן ניגון:

בון, בוי, בון בוי דיין טעמפל שירה.

דערנאָך שפּילן מיר זיך מיטן „אחד מי יודע? אחד אני יודע"... אַזוי ציילן מיר הין און צוריק ביז דרייצן. און ערשט איצט קומט דאָס וווּנדערלעכע מעשהלע חד־גדיא־חד־גדיא — איין ציגעלע, איין ציגעלע, וואָס דער טאַטע האָט געקויפט פאַר צוויי גילדן — חד־גדיא — אָפּגעטאָן האָט זיך מיטן ציגעלע, מיט דעם קעצעלע, הינטעלע, שטעקעלע, פייערל, וואַסערל, עקסעלע, שוחט און מלאך המוות ביז ס'געקומען דער אויבער־שטער און זיך צעצאָלט מיט די שלעכטע. אָבער דער טאַטע, זאָל אונדז זיין געזונט, איז אָט־אָ דאָ. און דאָס שיינינקע ציגעלע איז ערגעץ אויך דאָ און שפּילט זיך און בריקעוועט ערגעץ אין די הימלען...

שיר השירים. איך קען נאָך און וויל נאָך זאָגן שיר השירים. גן נעול אחותי, כלה גל נעול חתום... ווייזט אויס, אַז איך בין שוין אויך אַ ביסל שלעפעריק, אָבער איך פיל, איך פיל נאָך אַלצדינג, ווי זי טוט אים מיט ליבשאַפט אַ שטופּ פון זיך און זאָגט: ברח דוד ודמה לצבי או לעופר האילים על הרי בשמים.

מיר זאָל זיין פאַר איר.

איציק קיפּניס

* * *

פון דער געקלאַפּטער איבערגעזיפּטער מצה בלייבן פאַרפעלעך. די פאַרפעלעך זענען גוט אין אַן אייערדיקן טייגעכץ, נאָר מיר נוצן זיי אויך אין יויך. און אויך אין מילך. די מילך ווערט געשמאַקער פון די פאַרפעלעך. די פאַרפעלעך ווערן געשמאַקער פון דער מילך. מיר עסן מיט אַ לעפעלע פון גלאָז.

— איציק, שטיי שוין אויף — הער איך.

איציק איז נעכטן אויסגעזעסן געטריי דעם גאַנצן סדר, איז קיין חידוש נישט, וואָס איציק האָט זיך אַ ביסל פאַרשלאָפן אויפן פרימאָרגן. אָבער וואָס אמת — איז אמת — ס'איז אַן עבירה פאַר גאָט און פשוט אַ ריס פונעם האַרצן פאַרשלאָפן אַזעלכע שיינע, ליכטיקע שעהען. יעדע מינוט איז אַ חיות און אַ דערקוויקעניש. איך טו גלייך אַן דעם נייעם גאַרניטערל, איך וואַש אָפּ דאָס פּנים מיט פּסחדיק וואַסער. די שטוּב איז ווייס, די פענצטער בליאַסקעווען, אויפן טיש אַ ווייס טישטעך — שמייכלט פון אים. די קינדער עסן פאַרפעלעך מיט מילך. דער אויוון הייצט זיך שוין, די מאַמע וויל דאָך היינט אויך גיין אין שול אַריין, דאַרף מען דעם וואַרמעס אָפּקאָכן באַצייטנס. דער בהמה האָט מען גע־געבן אַ פּסחדיקן פאַילע — אַ וואַרעמען, אַ געשמאַקן, אָבער נישט קיין זעטיקן — זי וועט דאַרפן עסן מער היי... פאַר אונדז, מאַנסבילן, האָט די מאַמע אָפּגעבאַקן אַ פּאָר סקאָווערעדעס לאַטקעלעך — מיר גייען דאָך דאַווענען...

איצט מוז מען שוין נעמען אין די קעשענעס אַ ביסל ניס — אין קלויז אויפן הויף זענען דאָ אַ סך צוגעטריקנטע ערטער, וועט מען שפּילן — ווי קען דען אַנדערש זיין?! אַפילו אויב נישט קייקלען איבער דער ערד, קען מען שפּילן אין „צאָץ־צי־ליס”. איך נעם אַ ניסל, פאַרמאַך אים אין דער האַנט און פרעג ביים צווייטן יינגל: „צאָץ צי ליס”?

אויב דאָס ניסל ליגט אין דעם פאַרמאַכטן קולאַק מיטן פּנימל אַרויף, איז עס: „צאָץ”, אויב מיטן שפּיציקל אַרויף, איז עס „ליס”. האָט דאָס

יינגל געטראָפן — גיב איך אים אָפּ מיינס אַ ניסל, האָט ער נישט גע־טראָפן — גיט ער מיר אָפּ זיינס אַ ניסל.

אויב נישט שפּילן מיר אַזוי: דאָס יינגל האַלט אַנטקעגן מיר ביידע קולאַקעס — אין איינעם איז דאָ אַ ניסל, אין איינעם — נישט. דאַרף איך טרעפן, אין וועלכן קולאַק איז דאָס ניסל.. האָב איך געטראָפן — איז דאָס ניסל מיינס, האָב איך נישט געטראָפן — דאַרף איך אָפּגעבן מיינס אַ ניסל. ניס זענען דאָ אין דער היים אין שקאַרמיץ אַ סך. די מאַמע וועט נישט זשאַלעווען. זי וועט געבן. אָבער צו אָנווערן און געווינען האָט עס נישט. ס'ווילט זיך בעסער געווינען. אַז קומסט צו לויפן אַהיים מיט צוויי פולע קעשענעס ניס, שרייסטו נאָך פון טיר אין שטוב אַריין מיט אַ שמחה: מאַמע, איך האָב געוווּנען! דינה, איך האָב געוווּנען! איך ווייס גאָרנישט, ווי זיי אַרויסלייגן, ווו זיי פּאַקעווען — די שופלאַדן זענען נישט שטאַרק אויסגעכשרט, ווייל אויף קיין עסנוואַרג באַנוצט מען זיי נישט. לייגן אויפן ווינקל־שאַפּקעלע, אויף דער פּאָליצע — איז עס עפּעס צו אָפּן. ווער טוט עס אַזאַ זאַך — אַזוי פיל גוטס גלאַט אַוועק־לייגן אויף הפקר. אין קלויז בין איך געווען ווינציק, איך ווייס אַפילו נישט, וואָס מע האָט היינט געדאַוונט. אָבער איך ווייס אויף אויסנווייניק, אַז דאָס דאַוונען איז היינט ליכטיק און גרינג, און דאָס אויסנעמעניש איז באַטעמט און די זון די לייכט אין אַלע פענצטער און ס'איז אַ ליכטיקע און פרייע וועלט. אָן־אַ גייען שוין די ווייבער פון שול. די מאַנסבילן לייגן צונויף די טליתים... אַפילו פון דעם אַליין איז ליכטיק אויפן האַרצן, וואָס מע האָט אַזאַ שיינע צייט.

גוט יום־טוב, גוט יאָר, אי אין גאַס, אי אין שטוב.

דער הימל, די פענצטער, די סטעליע, דער דיל — אַלץ לויכט.

און סאַראַ בראַנפן מיר האָבן היינט אויף קידוש! — אמתע פייסאַ־כאָווקע. המוציא מאַכן מיר איבער צוויי מצות צוגעדעקט מיט אַ שיינער סאַלפעטקע. אָפּגעבראָכן אַ שטיקעלע מצה, צוגעשאָטן מיט זאַלץ, עס און זאָל דיר זיין צו געזונט. איצט דערלאַנגט די מאַמע — טרעפט וואָס? — באָרשטש. מיר בראָקן אָן מצה און פאַרזוכן — איז עס אמתער וויין. אַבי מיר האָבן פאַרזוכט די ערשטע לעפל איז פונעם באָרשטש

שוין נישט מעגלעך זיך אָפּצורייסן. די פּסחדיקע טעלער און די פּסחדיקע לעפל און דער טעם, גן־עדנדיקער מאכל. איצט גיט די מאַמע צום טיש אַ קאַרטאָפלענעם טייגעכץ און אַ געבראָטנס. דער טייגעכץ איז געשמאַק און דאָס געבראָטנס טאַקע פּאַר אַ מלך צו שטעלן — מען דאַרף אַרומלעקן די פינגער. אַז מיר קומען צום קאָמפּאָט, ווינטשעוועט זיך די מאַמע, אַז איבער אַ יאָר, ווען מיר וועלן דערלעבן, זאָל נישט זיין ערגער. — נאָר בעסער — פאַרריכט דער טאַטע אין אַ שפּאַס, וואָרום מיר ווייסן, אַז קיין בעסערס איז אין דער גאַנצער וועלט נישטאָ: זמן חרותנו!

נישט באַוויזן אַרויס פון טיש, צעשטעלן מיר די ניס — איך מיט דינהן. מיר שפּילן טאַקע דאָ אין סטאָלאָווע. מיר צעשטעלן, לאָמיר זאָגן, פיר אָדער פינף ניס אין איין לענגלעכער שורה לעם דער טיר, וואָס גייט אין אַלקער אַריין. און לעם דער וואַנט, וואָס אַנטקעגן, שטעלן מיר אַוועק אַ קורץ ברעטל אין אַלכסון און פונעם דאָזיקן ברעטעלע לאָזן מיר די קויל. פליט זי אַראָפּ מיט אַן אימפּעט און קייקלט זיך אַוועק איבער דער גאַנצער לענג פונעם צימער און... האָט נישט געטראָפן צו די ניס, זיך נאָר אָפּגעשלאָגן אין דער לייסט פונעם דיל און זיך אַוועקגעקייקלט צוריק. איצט איז שוין דינהס גאַנג. ט'זי געכאַפּט די קויל, אַוועקגעלאָפן צום ברעטל, ט'גענומען קייקלען און קייקלען די קויל, זיך צילעוועט און צילעוועט און אָפּגעלאָזן. דאָס האַרץ ציטערט אַזש, וואָס וועט דאָ זיין? אָט־אָט טוט זי זיך אַ זעץ אָן די ניס. ניין, נישט געטראָפן. דורכגעלאָפן לעם־לעם און נישט אָנגערירט. איצט לויף איך שוין מיט דער קויל צום ברעטעלע. געפירט, געפירט מיטן קויל איבערן ברעטל, זיך געצילעוועט, געצילעוועט, פּאַשאָל! די שווערע ליימענע קויל איבערן דיל און... ווייטער נישט געטראָפן. האָבן מיר זיך שוין אַלע צעלאַכט — שוין דריי מאָל און אַלץ נישט געטראָפן. דערנאָך איז אַוועק — און די קויל האָט גענומען שלאָגן. פריער האָט דינה געוווּנען דריי ניס מיט אַ מאָל, וואָרום די קויל האָט זיך אָנגערירט אינעם דריטן ניסל, מעג זי צונעמען אַלע דריי. דער־נאָך האָב איך געטראָפן איינעם, דערנאָך האָט דינה געטראָפן. דעם לעצטן האָט דינה געוווּנען פיר און איך — איינעם. אָבער דער טאַטע האָט, דוכט זיך, זיך צוגעלייגט אָפּרוען, דאַרף מען בעסער גיין אָפּזוכן

אַן אָפּגעטרוקנט אָרט ביי אונדז אין הויף — דאָרט קייקלט זיך די שווערע האַרטע קויל אויך ווי אַ קאַטאַרזשאַן. ביי אַנדערע גייען דאָ הילצערנע קוילן — אַ גאַלקע פון אַ בעט, אַ צוגעשניצטע, אַ צוגעפּיילטע. גייט זי אויך גוט — אַ גוטע קויל. אָבער מערסטנס זענען די קוילן געמאַכט פון ליים אויב נישט, איז פון בראָק — פון אַזאַ רויטער ליים — יענע איז שטאַרק אייזן! מען קען מיט איר מאַכן אַ לאָך אין קאָפּ. פריער טריקנט זי זיך אויף דער זון, דערנאָך ברענט מען זי אויס אינעם אָנגעהייצטן אויוון. מען קען מיט איר צעקנאַקן אַ ביסל און זי זאָל זיך נישט צעברעכן. און אייניקע ייִנגלעך האָבן אייזערנע קײלעכלעך — זיי קייקלען זיך גוט, און אַזאַ קויל איז אַ מזלדיקע, זי געווינט וויפל דו ווילסט, אַבי שפּיל גוט... דערווייל זענען געקומען צו דינהן חברטעס און איך וויל שוין אויך גיין ערגעץ שפּאַצירן מיט די ייִנגלעך. האָבן מיר זיך צעטיילט מיט די ניס, די קויל האָבן מיר, דוכט זיך, פאַרגעסן אין הויף און איך בין אַוועק כמעט אויף אַ גאַנצן טאָג.

* * *

ס'איז גוט, אַז מע קומט צו גיין פּסח פּאַר נאַכט אַ הונגעריקער און אַ מידער און מע שניידט זיך אָפּ אין קיך אַ גרויסע לוסטע טייגעכץ, דווקא קאַרטאָפליע־טייגעכץ און מען טוט פון אים אַ גרויסן ביס, נאָך איידער די מאַמע נעמט ביי דיר צו פון האַנט דאָס גראָבע ריפּטל און באַשמירט עס מיט גענדזן־שמאַלץ. אוי, ס'איז גוט. דו האָסט אַפילו נישט קיין צייט גוט אויסשנייצן די נאָז און די פּיס זענען מיד סאַמע אין די קני, און דער שטויב פון די שיך איז נישט אַרומגעווישט. אָבער די מאַמע וואַרט און גיט דיר נישט אין דער האַנט אַריין דעם טייגעכץ — אַ סימן, אַז מע דאַרף טאַקע אין קיך אין ווינקעלע גוט אויסשנייצן די נאָז און גוט אָפּווישן. ס'ווערט גאָר דיר אַליין אַ ליכט אין די אויגן. ווישן די נאָז איז בעסער אַליין, נישט וואַרטן, אַז די מאַמע זאָל עס טאָן, ווייל זי טוט דיר אַ רייב די נאָז מיטן האַנטעך, צי מיט וואָס, מאַכט זי עס מיטן גאַנצן כוח. איצט עס און זאָל דיר ווויל איינגיין, זאָלסט נאָר גוט צעקייען, נישט שלינגען קיין גאַנצע שטיקער.

אָפּגעגעסן, וואָלט זיך ווייטער וועלן גיין ערגעץ, נאָר אין סטאָלאָווע זיצן מיטן טאַטןביים טיש יאַנקל־וועלוולס — משהס טאַטע — מיט פייגען. זי גייט אינעם פאַבריק. אויפן טיש שטייען אין די פּסחדיקע שאָלן ניס. ס׳שטייט ווין און מיר טרינקען טיי. איך דאַרף זיך שטאַרק אָנטאָן אַ כוח, ביז איך גיי אַריין אין סטאָלאָווע און זאָג די געסט אַ גוט יום־טוב. אַ דאַנק זיי, זיי זענען פאַרטאָן עפּעס מיט אַ שמועס און מע מאַכט פון מיר אַ קליינעם עסק...

אַ קוק טאָן אויף אַ פּסח־באַטאַגיקער, ערשט פון סאַמאָוואַר אָנגעגאָסענער פרישער גלאָז טיי מיט אַ ריפּטעלע לימענע אינעווייניק און מיט די ציגעלעך צוקער אויף אַ באַזונדער שאָל, און אונטערן טאַטנס גלאָז שטייט אַקוראַט יענע שאָל מיטן רויטן גראַבן פּאַסיק אַרום און אַרום, האָב איך טאַקע אַזאַ זויבערקייט קיין מאָל אין לעבן נישט געזען. און מען פאַרברענגט זיך יום־טובדיק, באַרוט. פון קיין הויך וואָרט איז דאָך נישט שייך, נאָר די ווערטער אַליין ציִען זיך אַזוי פּאַמעלעך, אַזוי נישט געכאַפּט. קיין פאַרשלאָפנקייט איז אין זיי נישטאָ. ס׳איז נאָר דאָ נחתדיקע רו פון יום־טוב.

אוליטען האָבן מיר אָפּגעגעבן אין דער פּרי דעם ווין, וואָס צעגיסט זיך פון די כוסות און אַ מצה פאַרן מעלקן די בהמה. ביי דער מומע לאהן האָט זי אויך געקריגן אַ מצה. טראָגט זי אין בוזעםביידע מצות אַהיים צו די קינדער. די חברה וועלן שוין ביי איר עסן חמץ מיט מצה. נישקשה, זיי קוקן שוין דאָרט אַרויס, זי זאָל גיכער קומען. מיר ווילט זיך אַרויסטראָגן יעסיפּס אייניקל אַ שטיקל מצה — אַנ־אָ שפּילט ער זיך נישט ווייט פון אונדזער שטוב. ס׳יאָטל איז פאַרמורזעט, ס׳נעמט ביי מיר ס׳שטיקל מצה, אַזוי ווי ס׳וואָלט נישט געגלויבט, אַז דאָס גיב איך אים מיט אַן אמת. איצט שטעלט עס צו צום קליינעם טאַפּליעלע מצה די ליפּן און די ציינדלעך און ס׳טוט אַ פּיצל אָפּ און ס׳אַנטלויפט מיט דער מתנה צו דער מוטער אַהיים... די מוטער קאָן דאָך נאָך אָנשרייען אויך:

— דו האָסט געבעטן?

— ניין, ער האָט מיר אַליין געגעבן.

דאָן ברעכט די מאַמע אָפּ אַ שטיקעלע און כראַמטשעט עס געשמאַק אויף די יונגע געזונטע ציין.

— עס — זאָגט זי צו אים — און דאָס יאָטל פּיצלט צו קליינע פּיצעלעך.

זיי זאָלן זיין זיכער, אַז אין דער מצה איז נישטאָ קיין בלוט, איז נישט מעגלעך. אפשר גראָדע נישט אין דעם שטיקעלע מצה, איז אין אַן אַנדערן אפשר נישט אין דער שטאָט, איז אין אַן אַנדערער, אפשר נישט ביים פּראָסטן מענטשן, איז ביים רב. און פאַר וואָס טאַקע נישט ביי די פּראָסטע מענטשן אויך? אַז יידן טאָרן נישט נוצן קיין בלוט, ווייסן אויף געוויס גראָדע די, וואָס רעדן אָן דאָס פּראָסטע פאָלק, מע זאָל יאָגן און שלאָגן דעם יידן, מע זאָל פאַרגיסן יידיש בלוט אין אַלע גאַסן. ערגעץ זענען דאָ אין פּייטערבאַרג אַזעלכע גוים: קרושעוואַן און פּורישקעוויטש. זיי ווילן דעם יידנס נשמה. מעג זיין אַ ייד אַן אָרעמער, מעג זיין אַ געלערנטער און אַפילו אַריסטאָקראַט! און גלאַט אַ באַל־מעלאָכע און אַפילו אַ באַלעגאָלע! זיי ווילן עס נישט וויסן! ס׳איז אויף זיי אַ וויסטע אויסרייסעניש, צו זייערע קעפּ און צו זייערע הענט און פיס זאָל זיך עס אויסלאָזן.

איך האָב אַ גוטן „פּרחים" אויף צו לייענען. שיינע טאָוועלעך. ווייַכער פיינער כתב. אַנדערע בלעטלעך זענען מיט נקודות און צאַצקעס זענען דאָרט אויך פאַראַן. איך האָב זייער ליב דער „הפּרחים", נאָר איצטער, אין מיטן דרינען זיך אָוועקזעצן לייענען מעג מען דען? ניין. איצטער זענען דאָ בילכערע און נייטיקערע זאַכן. אַ פאַר ניס האָט מען מיר אַריינגעשטופּט אָפּגענאַרטע. אויך מיר — אַ השגה!... מע זאָל זיך פאַרגינען אַזאַ זאַך און אונטערשטעלן גאָר געפאַלשעוועטע ניס?! אָבער אייניקע יינגלעך האָבן זיך עס שוין אויסגעלערנט און זיי מאַכן עס קונציק. מע נעמט מיטן שאַרף פונעם מעסער און מע צעעפנטביידע העלפטן פונעם נוס, מע קאָלופּעט אויס דעם יאָדער שטיקלעכווייז און גלייך אין מויל אַריין. דערנאָך נעמט מען און מע צעקייט אַ שטיקעלע מצה דין־דין. מע באַשמירט מיט דעם גלאַטן ברעג פון איין העלפט שאָלעכץ, מען לייגט צו די צווייטע העלפט — ברעגעלע צו ברעגעלע,

מען קוועטשט זיי גוט צו. טאָמער קריכט אַרויס אַ ביסעלע פּאַרקלעפּעכץ, ווישטש מען עס ריין אָפּ. פאַר אַ שעה, צי ווינציקער טריקנט זיך עס צו און דו קענסט שוין מיט אים שפּילן, אָדער צאָלן חובות. ווער ווערט אים דערקענען צווישן די איבעריקע ניס? אָפּנאַרן איז נישט פון די שיינע זאַכן. ערשטנס, לאַכט זיךביים אָפּנאַרער אין האַרצן דער געלעכטער פון אַ רשע — מעג זיין אַ קליינער רשע, אָבער אַ רשע איז ער דאָך. צווייטנס, קען מען זיך אַזוי פּאַמעלעך איינגעוווינען און ווערן טאַקע אַ גנב אויף דער אמת. ווייטער, אַז דו טוסט אַ קוק אויפן אָפּגענאַרטנס פּנים, ווען ער צעעפנט, אָדער צעקנאַקט דאָס ניסל און דערזעט, אַז ס׳איז דאָרטן איין שטיק קלאָג — אַן אויסטריקעניש און אַן איינזינקעניש... אַפּילו אַזוי, ווען דו צעקנאַקסט אַ פּוסטן ניסל, וואָס איז אינעווייניק שוואַרץ און איינגעטריקנט די איבערצוימעכץ, איז אויך נישט איינגענעמען. אָבער דו טוסט אַ מאַך מיט דער האַנט און נעמסט זיך צום צווייטן ניסל. דאָס צווייטע — מיט ווייסן פרישן יאָדער וועט שוין מיט פּראָצענט אָפּצאָלן פאַרן ערשטן. אָבער אַז דו עפנסט אויף אַ ניסל און דערזעסט פאַר זיך אַזאַ פינצטערע מאַכערייקע הויל און ליידיק. אַפּילו קיין איבערצוימעכצן זענען שוין נישטאָ. אַנדערע טוען נאָך אָפּ ערגער — שטופּן אַריין אַהין אַ שטיקל אויפגעקאָמקעט פּאַפּיר, ווערט דיר פּאַסקודנע, דערנאָך ווערסטו אין כעס, דערנאָך נעמסטו זיך מיאוסן פון פרעמדן שפּייעכץ, טוסט עס אַ שמיץ אין מיסט אַריין און גייסט וואַשן די הענט. און נאָך ערגער איז, אויב ס׳נעמט דיך אָן אַ פּאַרדראָס און ווילסט אויך אָפּאַרבעטן אַזאַ שטיקל אַרבעט, זען, צי ס׳וועט זיך באַקומען. אַז ס׳שוין פּאַרטיק, וועסטו אָפּנאַרן די שוועסטער, און אַז זי האָט שוין געגלויבט און עס צוגענומען פאַר אַ ניסל, וועסטו זיך ערשט צעלאַכן און איר אויסזאָגן און ערשט דערנאָך דעם שוין נעמען מיט איר צוזאַמען סטראָיען אַזאַ מין אָפּגענאַרט ניסל פון צוויי גאַנצע אויסגעליידיקטע שאָלעכצן.

דינהלע זאָגט, אַז ס׳איז בעסער פּאַרקלעפּן מיט אַ ביסל רוי ווייסכען פון אַן איי.

דאַרף מען פּרוּוון.

אָבער דאָס ניסל ווערט דאָך אַזוי גרינג — ווי אַזוי שטויסט מען

זיך עס נישט אָן, טו אים אַ קלאַפּ אין טיש, וועסטו דאָך באַלד דערהערן, אַז ס'איז ליידיק. אָבער אויב דו געווינסט זיבן ניס מיט אַ מאָל און דאָס ייִנגל נעמט דיר ציילן די ניס פון זיין קעשענע, און זיי גייען איבער גלייך צו דיר אין קעשענע, קענסטו דאָך נישט זיין אויף אַזוי פיל גע־בולבעט, זאָלסט יעדעס ניסל באַזונדער איבערטאַפּן און איבערלייגן. וואָס איז, ס'איז אַ נייס ביי גאָט אַ שוואַרץ ניסל, וואָס מען דערקענט באַלד, אַז צום עסן טויג עס נישט? אָבער שפּילן מיט דעם קען מען וויפל דו ווילסט! און אַזוי כאַפּן זיך אַריין צווישן דעם פּאַק ניס אַן אָפּגעבאַרט מיאוס ניסל מיט פרעמדן שפּייעכץ! און מיינסטו, אַז מען ווייס אויף וועמען צו זאָגן? וועסט עס קיין מאָל נישט וויסן, ווייל אַ ניסל פון אַ דאָלינער ייִנגל קען פאַרגיין צו אַ ייִנגל פון שליאַך, און אַ ניסל פון שליאַך קען פאַרגיין צו אַ ייִנגל פון ליסטווענער גאַס, ס'איז דאָך אַ שטאָט! מען שפּילט און מע געווינט און מע ווערט אָן. אַ גאַנצע טשערעדע ייִנגלעך שפּילט אין בית־מדרש אין הויף — דאָרט איז כסדר טרוקן, מען שפּילט לעם ווייסן פּלויט פון קלויסטער — דאָרטן זענען אויך דאָ טרוקענע ערטער. ווען אַ ניסל קען רעדן און דו פרעגסט ביי אים: אין וויפל קעשענעס איז ער פאַר היינטיקן טאָג און פאַר נעכטיקן טאָג אויסגעווען? דאָס ניסל וואָס מע האָט עס אויפגעגעסן איז שוין פּטור פון אַלע זאַכן. דער יאָדער האָט עמעצן פאַרשאַפן פאַרגעניגן און די שטיקלעך שאָלעכץ וואַלגערן זיך שוין ערגעץ אין אַ רויטשעק, אָבער דאָס ניסל, וואָס איז נאָך גאַנץ, גייט אַרום איבער דער שטאָט, ווי אַ מטבע, מע צאָלט מיט אים חובות, מען גיט אים אויף באָרג, מען פאַרדינט מיט אים קאַפּיטאַל, מען באַהאַלט אים אויף זאַפּאַס.

די שווערסטע שפּיל איז אין אויגל. איך האָב קיין איין מאָל נישט געוווּנען אין דער דאָזיקער שפּיל. דערויף דאַרף מען זיין אַ בריה. מען לייגט אַנידער אַ ניסל אויף דער ערד, דאָס ייִנגל נעמט אַרויס זיינס אַ ניסל פון קעשענע, שטעלט עס צו צום אויג און מעסט זיך לאַנג צו און לאָזט עס אַראָפּ פון האַנט. אויב דאָס ניסל טרעפט אינעם ליגנ־דיקן ניסל, האָט ער עס געוווּנען און נעמט עס צו, אויב ער טרעפט נישט דריי מאָל דורכאַנאַנד, קען איך צונעמען ביידע ניסלעך אי דעם,

וואָס ביי אים אין האַנט, אי דעם, וואָס אויף דער ערד. אַנדערע ייִנגלעך צילעווען זיך לאַנג־לאַנג, זיי פּרוּוון אַפילו שפּייען פון דער גרינג, זען, צי זיי וועלן טרעפן מיטן שפּייעכץ און דערנאָך לאָזן זיי אָפּ ס׳ניסל — און ס׳פּיקט. ער געווינט אַזוי אָן אַ סך ניס. דאָס ניסל, וואָס ליגט אויף דער ערד, פאַרשפּאָרט מען זיך אַפילו בויגן און צונעמען — מען נעמט אַרויס פון קעשענע און מע צאָלט. און יענער פּיקט ווייטער. אַזוי קען מען אַ מאָל אָוועקגיין מיט אַ ליידיקער קעשענע, אָנווערן ביז אַ פאָדעם. און דערנאָך גיי אַהיים און בעט ביי דער מאַמען זי זאָל דיר געבן נאָך ניס, אויב נישט, ליי ביי אַ ייִנגל אַ צענדליק ניס מיט דער האָפענונג, אַז וועסט צוריק אָפּגעווינען און זיך אויסצאָלן פון חוב.

* * *

חול־המועד איז אַ זון אין דרויסן. זונטיק, חול־המועד, גייט די מאַמע אין מאַרק און ברענגט נאָך אַ ביסל אייער, כאָטש איצט איז שוין טייער אייער, ווייל די פּויערים קלייבן אויף זייער פּסח אייער, קעז און מילכיקס. זיי שטעכן אויף פּסח אַ חזיר. דאָך איז דער מאַרק, ווי אַ מאַרק: נייע עמער, דייזשקעלעך, געפּעס — טעפּ, קריגעלעך, ריינדעלעך אַלערליי און אַזוי געפּעס.

ביי אשרן אברהם־יצחקס אין קלייט איז אַן ענגשאַפט פון יונגע מלמדים, בחורים און ייִנגלעך, וואָס זענען זיך צונויפגעפאָרן אַהיים אויף יום־טוב פון אַלערליי דערפער — ווייטע און נאָענטע. נאָך יום־טוב וועלן זיי פאָרן צוריק — ווער אויפן זעלבן אָרט און ווער — אויף אַ נייעם. איצט זענען זיי אַלע פריי און פריילעך. אַנדערע גייען אַפילו אויסגעפּוצט, מען ווערטלט זיך, מען חכמעט זיך, מע לאַכט אָפּ איינס פונעם צווייטן, מען רייצט זיך, מען זאָגט אַריין אין גוטן מיט שטעכווערטלעך איינס דעם צווייטן... אַז ס׳גייט דורך אַ מיידל, אַפילו מיכציעס מיידל, וואָס גייט צו זיך אין קלייט אַריין, ווערט זי, נעבעך, אָנגעצונדן רויט און פאַר־פלאַמט, ביז זי גייט דורך פאַרביי אָשרס טיר, פאַרביי זייערע מיילער און זייערע בליקן... וואָס האָבן זיי צו אַ מיידל, און נאָך צו אַזאַ געזונט

מיידל, קיין עין־הרע? — קיין רשעים זענען זיי דאָך נישט, אָבער אַ ביסל איז מען רשעים אויך „הורטאָם קאַשאַ איסטסיאַ״. זיי זענען אין אַ גרויסער קאָמפּאַניע, האָבן זיי קיין מורא נישט און מע גיט אונטער אייגער דעם אַנדערן חשק.

דער מאַרק, די קליינטן לייזן איצטער אַ שיינע מטבע — עפּעס אַ קליינינקייט, ערב חגא. נאָר מיט קיין מעל האַנדלט מען נישט די אַכט טעג, מעל אויף פּאַסכע האָט מען געדאַרפט פאַרגרייטן אָדער פאַרן יידישן פּסח, אָדער נאָכן יידישן פּסח — געווענדט, ווען ס׳פאַלט אויס זייער יום־טוב.

די היגע מלמדים, די אַלטע, זענען אין משך פונעם חול־המועד אַ ביסעלע פאַרזאָרגט ביז מע שטעלט צונויף די קנעלונג אויף קומענדיקן זמן. ווער ס׳גייט אַליין צו די באַלעבאַטים זיך אַנשלאָגן און ביי וועמען ס׳קלעקט שטאָלץ און אויסדויער, ביז דער פאָטער אָדער די מוטער פונעם ייִנגל וועלן אַליין קומען בעטן, מע זאָל צונעמען דאָס ייִנגל. די מלמדים זענען נישט אַלע אויף איין מאָס און די ייִנגלעך זענען נאָך מער נישט — פון איין שניט. מאַכט זיך אַ ייִנגל, וואָס די עלטערן צאָלן שלעכט, מאַכט זיך אַ ייִנגל, וואָס מע קען צוליב אים אָנווערן די גאַנצע קנעלונג. ווער ס׳האָט אַ גראָבן קאָפּ און מע דאַרף מיט אים לאַנג „האַקן האַלץ״ און ביי וועמען ס׳איז — נישט דאָ געדאַכט, נישט קיין ריין קעפּל, ווייל לעם אים קיינער נישט זיצן, חוץ דעם, וואָס די איבעריקע עלטערן וועלן עס נישט וועלן ליידן. פון דער וויטנס קען זיך נאָר אויסדוכטן, אַז ס׳איז אַלץ גלאַט און פּראָסט. אין דער אמתן איז עס נישט אַזוי גלאַט און נישט אַזוי פּראָסט. נאָר ווי עס איז, וועט זיך עס איינהיטן און איינטאָפּטשען...

מיך האָט מען טאַקע באַשטעלט צו אַרלען דאָברושקעס. איך האָב נישט קיין חרטה. ס׳איז נעענטער. ס׳איז כמעט אין מיטן מאַרק, רעכטס פון קלויסטער. ביי אים איז אַ נייע שטוב, ער אַליין גייט אין אַ ריינעם סורדוט, די באָרד איז ביי אים אַ ליכטיקע, די אויגן — יונגע, ער איז אַ שטאַלטנער און אַ מינע איז ביי אים אַ לויטערע, נישט קיין פאַרזאָרגטע. איז מיר געפעלן. כאָטש ביזן גיין אין חדר אַריין איז נאָך ווייט.

אַ גאַנץ יום־טוב און נאָך דעם, די ערשטע פּאָר טעג, וואָס מע קען דורכלאָזן — ס׳פֿאַלט אַריין פֿרייטיק און שבת — און דערנאָך גייט מען טאַקע און מען שטעלט אַליין אַריין דעם האַלדז אין יאָך אַריין.

די האַרבאַרניע אַרבעט נישט אַלע אַכט טאָג. חול־המועד גייט מען נאָר אַריין אויסטרייבן די ביטן, אַ קוק טאָן אַהער־אַהין. די זאַלעס שלאָפֿן. דער פּערעסיפּ שלאָפֿט און פֿריעט פֿון דער גרינג. אַ שוסטער קען אַ מאָל אַריינקומען רעדן וועגן אַ יוכטל, אָבער נישט גערן ווייזט מען אים און נישט גערן וויל ער עס אַליין. ס׳איז יום־טוב, וואָס האָט ליב ריינקייט און קיין פּראָסטע גראָבע זאַכן דאַרפֿן זיך נישט אַריינמישן.

מיר קאָכן באָרשטשעס פֿון פּסחדיקן קוואַס, מיר בראָקן מצה אינעם באָרשטש, אַ פֿרישע קאַרטאָפֿליע מיט שמאַלץ, אַ גלאָז מילך מיט פּאַר־פּעלעך. מען איז נישט נאָר נישט הונגעריק, נאָר ס׳ציט אַפֿילו נישט צו קיין שוואַרץ שטיקל ברויט. ס׳וואָלט אין אַלע פּרטים שוין אויסגעזען צו גראָב און צו וואָכעדיק.

מיט מיידלעך שעם איך זיך רעדן אין שטאָט — לעם שטוב איז גרינגער. לעם שטוב מעג מען אַפֿילו לאַכן און שטיפֿן, אַבי קיין עלטערע זענען נישטאָ דערביי. כייקע פֿייגלס איז אַליין אַ ברען און אַ לעבעדיקע. טונקעלע הויט אויף די באַקן, נאָר די באַקן זענען געשמאַק. ביי פֿייגלען אין שטוב בין איך אַ נאָענטער איינגייער. דינה גייט אויך אַהינצו און זיי צו אונדז גייען אויך. אַז כייקע טוט מיך אַ קניפּ דאַרף איך איר שווייגן?! כאַפּ איך זי אויך אָן ביי דעם צאָפּ, אָדער ביים אַרבל, אָט אַזוי שפּילן מיר זיך, צי מען מעג, צי מען טאָר נישט. כייקע קען אויך לייענען און שרייבן, כאָטש זי איז יינגער פֿון מיר. און דינה וועט אויך אויף זומער גיין לערנען אָדער צו בירמאַנען דעם לערער, וואָס קומט צו אונדז פֿון אָוורוטש און לערנט מיט מיידלעך, אויב נישט, וועט זי אפשר לערנען ביי כייטשיקן ברוך־אייזיקס — זי האַלט אויך אַ חדר פֿון מיידלעך. זי לערנט נאָר אַ האַלבן טאָג. דינהלע האָט אַפֿילו אַ פּאָר מאָל געוויינט, וואָס מע האָט זי באַצייטנס נישט אָפּגעגעבן אין חדר, מאָנען ביי דעם טאַטן מיט דער מאַמען שטעלט זי זיך נישט איין, און זיי אַליין איז ביז איצט נישט איינגעפֿאַלן, אַז מע דאַרף דינהן אָפּגעבן צו אַ לערער. דערצו

קומט נאָך איר אויס אַ סך העלפן דער מאַמען אין שטוב. אַז איך קום פון חדר, דערצייל איך דינהן אַ סך זאַכן פון דעם, ווי אַזוי און וואָס מיר האָבן געלערנט און אויך פון נייס, וואָס מע הערט אין שטאָט...

בירמאַן האָט אין זיך שטאָטישע גענג. אַז ס'ענדיקט זיך דער זמן און ער דאַרף פאָרן אַהיים, נעמט ער זיך אַראָפּ מיט אַלע מיידלעך אויף אַ קאַרטע: ווער ס'שטייט, ווער ס'זיצט און די איבעריקע זענען אויסגעזעצט אויף דער ערד. אַלע אין די שבתדיקע קליידער מיט די קליינע קיילעכדיקע פּנימלעך אויף איין גרויסלעכער קאַרטע. די קאַרטע קאָסט אויך געלט, נאָר יעדערער וויל האָבן ביי זיך די קאַרטע אויף אַן אָנדענק.

מיר האָבן נישט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי דאָס קינד גייט אויס און גאַרט נאָכן לערנען. איך אַליין בין אויך אַ ביסל שולדיק אין דרינען, ווייל אַז ס'איז שוין יאָ אַוועק אַ רייד וועגן דינקעס לערנען, שטופּ איך זיך אַריין אין די רייד און זאָג, אַז צו וואָס דאַרף מען זיך לאָזן קאָסטן? איך אַליין קאָן דאָך ווייזן דינהן, ווי אַזוי צו לייענען און שרייבן און אַפילו חשבונען קען איך זי לערנען!

ערשט שפּעטער האָב איך פאַרשטאַנען, ווי אַזוי ס'איז געווען גראָב פון מיין זייט: פאַר מיר מעג מען צאָלן פון פּיצעלעווייז אויף אי זומער, אי ווינטער און אויף דינהן דאַרף מען שפּאָרן?! און טאָמער וויל זי גאָר זיין צווישן קינדער?! האָבן אַ פּאָר אייגענע חברטעס ביי בירמאַנען אין חדר? און טאָמער וויל זי גאָר, אַזוי ווי אַנדערע קינדער, האָבן אַן אייגענע טעטראַד מיט אַ פּענע, מיט אַ טינטער און מיט אייגענע צוויי ביכלעך?! אָט דאָס אַלץ האָב איך מיט מיין קאָפּ נישט פאַרשטאַנען. אויך ביי מיר איז, ווייזט אויס, געווען געפּועלט, אַז אַ מיידל דאַרף וויסן מיין אין שטוב־זאַכן און, אַז זי לערנט זיך אויס זאָגן אין אַ סידור עברי איז שוין איבערגענוג... שפּעטער האָב איך זיך אַליין געשעמט פאַר מיין גראָב־קייט. און כאָטש מען האָט עס פאַרריכט, האָט מען עס אָבער געקענט באַצייטנס אויסמיידן. דער שוועסטערס טרערן און דעם באַהאַלטענעם ווייטיק, וואָס זי האָט געטראָגן אין האַרצן, און זיך געשעמט פאַר עמעצן אויסדערציילן, זענען נישט קיין קלייניקייט.

איציק קיפניס

* * *

דער רב און נאָך אייניקע יידן אין שטאָט עסן אַ גאַנצן פּסח שמורה־מצה. זיי קויפן ווייץ באַלד נאָכן דרעשן, ווייץ, וואָס זינט מע האָט זי אָפּגעשניטן, איז אויף איר קיין רעגן נישט געווען. די ווייץ האַלט מען אויף אַ ריינעם טרוקענעם אָרט ביז ס׳קומט דער חודש ניסן, גייען זיי צום בעהונער ווינט־מיל און אַ מאָל אַפילו דאָ, ביי נפתלין יאָשקעס אין דער וואַסער־מיל. מע רייניקט אַלץ אָפּ, מע בלאָזט אויס, מע ווישט אויס, ווו אַ שפּעלטיקל און יעדערער מאָלט זיין פּעקעלע ווייץ. מען נעמט צו ביסעלעך לחיים מיטן מילנער אין איינעם און מען ווינטשט זיך מען זאָל דערלעבן איבער אַ יאָר. מיט פרייד טראָגט יעדערער זיין ביסעלע מעל אַהיים איינגעדעקט און איינגעוויקלט, טאָמער אַ שניי, טאָמער אַ רעגן... נישט קיין בלאָטע, נישט קיין ווינט פאַרהאַלט זיי נישט. דער פרימאָרגן, וואָס מע האָט אָפּגערעדט גיין — גייען אַלע.

באַקן באַקט מען די מצה סאַמע ערב פּסח, באַלד נאָכן פאַרברענען דעם חמץ, אָדער ביים רב אין שטוב, אָדער ביי חיימען רייזלס — ביי אים איז אויך דאָ אַן אויוון. גרויסע ייִנגלעך פון חדר — „אָכאָטניקעס" — קומען און העלפן קנעטן און קאָטשען — אַלץ טוען מאַנסבילן אַליין. אָפּגעשאָבן, אויסגעווישט אַלץ פון ס׳ניי, שטעלט מען זיך אַוועק מיט אַ פרייד קאָטשען די מצות און מע זאָגט דערביי הלל. דער רב מיט די יידן פאָרן אַליין צום טייך נאָך וואַסער. נאָך פון פאַר נאַכט האָט מען געבראַכט די וואַסער, ס׳זאָל זיין מים שלנו.

אַז דאָס הלל זאָגן איז געענדיקט, הויבט מען אים אָן פון ס׳ניי — און די שמורה באַקט זיך מיט הייליקייט און מיט פרייד.

נאָר בסוד וועל איך אייך זאָגן, אַז די פרייד פונעם עסן קומט נישט צו דער פרייד פונעם באַקן, ווייל דאָס מעל איז דאָך נישט קיין געבייטלטס. די מצה איז אָפּט האַרט, ווי גלאָז, בראָקן אין באָרשטש, צי אין יויך — גאָט באַהיט. קיין טייגעכץ פון דער מצה און קיין לאַטקעס — אויך נישט. קומען טאַקע די שמורהניקעס אָפּ דעם פּסח מיט אַ קאַרטאָפליע, מערסטנס און ערשט אחרון־של־פּסח דערלויבט מען זיך עסן אַ פאַלירטשיק און

אַ לאַטקע פון מצה, ווייל אחרון־של־פסח איז גרינגער — סיי אין חומש, סיי אין ארץ ישראל האַלט דער יום־טוב פסח נאָר זיבן טעג און אין גלות — אַכט טעג. אין ארץ־ישראל גיט מען אַכטונג אויפן מולד רגע אין רגע, אָבער אין גלות קען מען עפּעס אַ מאָל נישט צוטרעפן...

יאָ, אחרון־של־פסח איז שוין דער יום־טוב אַ ביסל בלייכלעך, כאָטש ס׳ווילט זיך מיט אים נישט שיידן. דער טאָג איז אַ שיינער, לויפן מיר ייִנגלעך אויס די שטאָט און דעם אַרום־שטאָט און מיר פרייען זיך אָן, וויפל ס׳גייט אין אונדז אַריין. און אַז ס׳קומט דער אָוונט... דער אָוונט פון מוצאי־פסח, איז ער שוין וואָכעדיקער פון אַלע אויף דער נאַכטן. צי ווילסטו יאָ, צי ווילסטו נישט, טראָגסטו אַריין דעם פון ריטלעך גע־פלאַכטענעם קויש. די כלים שטייען שוין אַלע צעוואַשענע און צעווישטע צוריק אויפן טיש און עפּעס אַזאַ מין פרעמדקייט זדרינגט אַריין צווישן זיי און צווישן אונדז, עפּעס אַ קאַלט זעגענען זיך. פון שטאָל אַריינגע־טראָגן אַ פרישׁ ביסעלע היי, און באַלד נאָך הבדלה נעמען מיר פּאַקעווען די כלים אין קויש אַריין — די טעלער, די שיסלען, די לעפל, די מעסערס, די גלעזער מיט די שאָלן און מיט די כוסהלעך. אַנדערע כוסהלעך וויקלען מיר איין און שטעלן אַריין אין די גלעזער אַריין. הייִנט, ווו זענען די מאַקעטערטשעקלעך, ווו זענען די טעפּ פון באָרשטש און פון געבראָטנס?! ווו איז דער טאָפּ פון ציקאָריע? ווו איז די פסח־דיקע סטעמפּעלע מיטן טוקאַטש?... ביין, זיי זענען אַלע זייער אייגענע, זיי וועלן נישט זיין ברוגז. מיר טראָגן דאָך זיי מיט כבוד און נישט אויף לאַנג. איבער אַ יאָר, אַז מירן דערלעבן, וועלן מיר זיי צוריק בעטן אין שטוב אַריין און פּאַר זיי מאַכן אַ פרישע ברוך־הבא. די הילצערנע דעקלעך פונעם טיש און פוןביידע טאָפּשאַנעס גייען אויך אין וועג אַריין. זיי זענען אויסגעטריקנטע, גרינגע, אויפן בוידעם שטייען זיי אָנ־געשפּאַרט אינעם לעזשאַק, אָדער אָן אַ קראָקווע און זיי דרימלען זיך אָפּ אַ יאָר אַ יאָרעדיקן... איצט צעפּענען זיך די אינעווייניקסטע שאַפּ־קעס, די הויזשאַפּע און ס׳גייען אַרויס אויף דער ליכטיקער שיין, נאָך אַכט טעג „אַרעסט", די אַלטע באַקאַנטע טעלער, לעפל, גאָפּלען, טעפּ, שיסלען, גלעזער און שאָלן. אַ ביסל ברוגזדיק באַטראַכטן זיי אונדז און מיר בעטן

זיך מיט זיי, ווי עס איז, איבער און עסן וועטשערע. די וועטשערע איז נאָך ווייט פון אַ חמצדיקער. מיר בראָקן מצה אין מילך, מיר נעמען אַרויס אַ ביסל זויערמילך און, דער עיקר, וואָס די דייזשע איז שוין צוריק אין קיך אויפן טאָפּטשאַן. דער זיפּ, די מולטער און די קאַרענע מעל. קיין זויערטייג האָבן מיר נאָך נישט, באַקט מען ברויט אויף הייוון. דאָס ברויט פונעם ערשטן געבעק וועט זיין זיסלעך, אַזוי ווי די מאַלאַזיווע פון די ערשטע געמעלקן. אָבער מען וועט זיך צוגעוווינען — צום קומענדיקן געבעק וועט שוין זיין אַ זויערטייג אויך און דאָס ברויט וועט שוין האָבן זיין געוויינלעכן טעם.

מיט וואָס איז גוט אין דער וואָכן? — מיט איין זאַך! מיט דעם, וואָס מע פאַרשפּאַרט זיך היטן, מען פאַרשפּאַרט מורא האָבן, אַז די קאַץ קאָן נאָך אַנטראָגן אויף די לאַפּקעס חמץ פון אַ שכנישער קריסטלעכער שטוב. איצט איז שוין אַלץ פּראָסטער און גרינגער. אמת, די מאַגנס נאָך דער מצה דאַרף מען היטן, מען דאַרף איבערגיין צום חמץ נישט געכאַפּט.

די האַרבאַרניע האָט שוין צעעפנט די טירן, מען האָט זיך ענד־לעך דערמאָנט אין די זאָלעס אינעם פּערעסיפּ. דאָס פערד דרייט שוין אין שאָפע די ראָד פונעם סטאַמפּ. און ס'דאָ נאָך אַ בייס: די בהמה איז דאָס ערשטע מאָל אַוועק אין דער טשערעדע. אַ שייבינקע בהמהלע ביי אונדז — מיר האָבן עס אַלע ליב און מיר פאַרגלויבן זי דעם פּאַסטעך און דעם דרויסן, אפשר מיט נישט ווינציקער ציטער, ווי מען לאָזט אָפּ אַ יונג קינד אַנהייב זמן אין חדר אַריין. זי איז ביי אונדז איטלעכן געפּעסטעט. מיר זאָגן אויף איר — „קיין עין־הרע נישט", מיר האָבן דאָך זי אַליין אויסגעהאָדעוועט. צווי זומערס, ווען זי איז נאָך געווען אַ טעליטשקע, האָבן מיר זי אָפּגעגעבן צו אַ פּויער אין וואַלד אַריין. און איצט איז זי שוין אַליין אַ בהמה, מיט יונגע קלוגע אויגן, מיט אַ ליכטיקער ריינער פעל, מיט יונגע ליכטיקע הערנער.

— זי איז קלוג, ווי אַ מענטש — זאָגט די מאַמע. דאָס האָט זי דאָך זיך אויסגעלערנט עפענען מיט אַ האָרן די טיר פון סוכהלע און כאַפּן דאָרט אַ פּאָר קאַרטאָפל פון זאַק, אָדער אַ ביסל טרוקענע פּאַלאָווע

פונעם דייזשקעלע. מיר ווילן זיין אויף איר אין כעס, וואָס זי איז אַ שאָדן־ווינקל. אָבער זי איז אַזוי קלוג און באַליבט, אַז שרייען קען מען אויף איר נישט, נאָר גלעטן דאַרף מען זי און קושן. מיר טרייבן זי אָפּ, שטעלן אַוועק ס׳פּעסל צוריק אויפן אָרט און איר טראָגן מיר אַרויס אַ וואַרעמען צעבער. זי שטעקט אַריין די מאָרדע שיעור נישט ביז די אויגן אין פּאַילע אַריין, מישט דאָרט אַלץ אויס, ווי מיט אַ לאָף, נעמט אָן אַ פולן מויל מיט עסן און ערשט דאָ הייבט זי אויף דעם קאָפּ פון צעבער, די רינוועלעך וואַרעמע פּאַילע צעגייען זיך פון אירע הערלעך אין אַלע זייטן, אַזוי ווי פון אַ לעבעדיקן זייער. די אויגן זענען ביי דעם פריילעך, די אויערן און די הערנער צעשטעלט. נאָר אָט־אָ רוקט זיך אַהער דער שכנה׳ס אַ חזיר, ער וויל אויך עפּעס נאַשן לעם צעבער, אָבער אונדזער שיינע חיה טוט אַ פיר מיט די הערנער אין דער זייט פונעם חזיר, טוט ער זיך גלייך אַ וואָרף אין אַ זייט. ער פאַרשטייט, אַז נישט דאָ האָט ער געטראָפן דאָס אָרט. מיר קלייבן נחת, צוקוקנדיק ווי זי שטייט און עסט. און אַז דער חזיר זאָל נישט זיין קיין „כאַזער״, נעמען מיר דעם שטעקן, מיט וועלכן מיר טראָגן דעם צעבער, און פאַריאָגן אים צו אַלדי רוחות. ער קוויטשעט און איז נאָך נישט צופרידן — מע קען מיינען, אַז ער האָט דאָ אַריינגעלייגט אַ חלק.

* * *

פון די יאָרן, וואָס איך דערצייל דאָ, וואָלט מען שוין מעגן עפּעס געדענקען. און פאַר וואָס געדענק איך נישט דאָס יויכטיקסטע, איז מיר שווער צו פאַרשטיין. צו פרי האָב איך אויפגעהערט גיין אין חדר. ווען עס איז איינגעפאַלן, אַז כאַנציע דעם פּעטער צאַליעס, וואָס קען פאַר פינף קלאַסן, וועט מיט מיר גוט און גרינג לערנען?!... דאַרף מען מיך, אויב אַזוי, פירן אויף אַ צייט קיין ראַדאָמישליע. זיין וועל איך דאָרטן ביי דער באָבען... אפשר איז די מאַמע נישט איבעריקס געווען צופרידן מיטן אויפטו, נאָר צו מיר איז עס נישט דערגאַנגען. איך בין אַוועקגעפאָרן מיטן טאַטן קיין ראַדאָמישליע. קיין לוהין זענען מיר גע־

פאָרן מיט דער פור. ביי חיים־שעיהן אויף דער סטאַנציע האָב איך געזען זיינע „בומערן", זיין ברייט ווייב, די באַלעבאָסטע פון דער אכסניה. איך האָב אַפילו געזען, ווי אַזוי חיים־שעיה טרינקט בראָנפן, נאָר כדי מען זאָל אויף אים נישט קלערן — ס׳איז דאָך נישט קיין שייגע מידה טרינקען בראָנפן אין מיטן אין דער וואָכן — פלעגט ער, צוליב פאַרבלענדן יענעם די אויגן, אַ שווענק טאָן פריער מיטן בראָנפן די ציין — די ציין טוען אים, כלומרשט, וויי — און דערנאָך שוין אַראָפּגעשלונגען.

אין לוהין האָב איך געזען ביים אָטפּראַוויטעל — ביי אַלטער באַראָן — אַ ווייב — יונג, געפּאַקט, חנעוודיק־שיין און שטאָטיש. וואָס האָט עס צו מיר פאַר אַ שייכות — ווייס איך אַליין נישט... צו דער באַן זענען מיר געפאָרן פאַר נאַכט, אַ לוהינער באַלעגאָלע האָט אונדז פאַר־נומען פון דער סטאַנציע. צוויי פערד מיט הויכע פיס און אונטערגעבונ־דענע ווײדלען. זיי טוען אַ גוטן נעם פון אָרט — איז אויך עפּעס ווערט. אַ וואָקזאַל אַ פּראָסטער, פאַרשווינען — נאָך פּראָסטערע. עפּעס אַ מאַנסביל מיט אַ באָרד, פּראָסט אָנגעטאָן איז אַריין אין וואָקזאַל אַריין מיט אַ גלאָק אין דער האַנט און גענומען קלינגען און אויסרופן עפּעס אַ זאַך, וואָס אַלע, מן־הסתם, דאַרפן עס וויסן. און ווירקלעך — אַלע האָבן זיך אַ ריר געטאָן פון די ערטער און זיך געלאָזן צו דער טיר, נישט דורך װעלכער מיר זענען אַהער אַריין. מיר שטייען אויף אַ צעמענטענעם פּאַמאָסט, לעם אים ליגן די קאָליעס צו צוויי אייזערנע ווירעס — פון ווייט און צו דער ווייט. אין אַ מינוט אַרום האָבן מיר דערהערט פון דער ווייטן אַ פייף, דערזען אַ רויך און פאַמעלעך האָט גענומען סאָפּען און זיך רוקן אויף אונדז אַ ריזיקע חיה מיט צוויי ברענענדיקע אויגן. זי טרעט נישט אויף קיין לאַפּעס, נאָר אויף רעדער, אָבער די רעדער זענען אויך נישט קיין פּראָסטע. אַזעלכע רעדער פּאַסן פאַר עוג־מלך־הבשן. קאָסטנדיקע שטיבער און שטיבער אין אַ שורה, אויך — אויף רעדער. אַלע מיט באַלויכטענע פענצטער. צו די טירן קען מען אַרויפגיין דורך די הענגענדיקע גאַנעקלעך מיט די אייזערנע טרעפּלעך. נאָר ווי באַלד איך גיי מיטן טאַטן, איז מיר גאָרנישט סטראַשנע. איך פאַרשפּאָר אַפילו איבערפרעגן, איך פאַרשפּאָר עס האַלטן אויפן קאָפּ.

אינעװײניק איז ערגער, װי אין אַ געװײנלעכער שטוב. אינעװײניק זענען דאָ בענק אַזױ װי קאַנאַפּעס מיט הױכע װענטלעך. אינעװײניק זענען דאָ מענטשן, נאָר אָרט סטײעט פאַר יעדן. מיר מאָסטען אײן אונדזערע זאַכן, מיר זעצן זיך אַװעק און דער טאַטע רעכנט מיר אױס, װיפל סטאַנציעס מיר האָבן ביז אירשאַ... אַז דער פּאַיעזד רירט פון אָרט, װערט מיר מאָדנע — די שטיבער זענען אַװעק און װעלן גײן דורך װאַלד און איבער טײך און דורך אָפּגעגראָבענע בערג. װאָס זשע טוט זיך עס דאָרטן בײַ נאַכט פון יענער זײַט פענצטער?...

אין אירשאַ קריכן מיר אַראָפּ.

װילן מיר, קענען מיר אונטערנעכטיקן אַ פּאָר שעה, און אַז נישט, טרעפט, אַז באַלעגאָלעס פאַרנעמען די פאַרשװינדלעך פון באַן און פאָרן גלײַך. אין אירשאַ איז אַ סך זאַמד אונטער די פיס און אַ סך פרײַער, נישט קײן פאַרסטראַיעטער פלאַץ. אַנ־אָ איז פון דער װײַטנס אַ שטוב און אַנ־אָ איז אַן אײנפאָר, אין אײניקע ערטער לײַכטן זיך די פענצטער. ס'איז אפשר גוט צו װױנען אין אירשאַ, האָבן אַרום זיך אַזעלכע שטיקער פרײַען פלאַץ, זײַן נישט שטאַרק װײַט פון דער ליניע און מענטשן אַלערלײ פאַרפאָרן צו דיר אין אַלע צײַטן פון מעת־לעת. און קײנער איז דיר נישט איבעריק, פון יעדנס װעגן זוכט זיך אָפּ אַ שטיקל אָרט אויף אַװעקלײגן דעם קאָפּ, פון יעדנס װעגן זוכט זיך אָפּ אין אַלע צײַטן פון מעת־לעת אַ הײסע גלאָז טײ און אַ װאָרט — אַװדאי:

— פון װאַנען איז אַ ייד?

— װוהין פאָרט מען?

— װי װײַט איז פון סלאָװעשנע צו אַ באַן?...

הײסט עס, אַז סלאָװעשנע אונדזערע װערט דאָ אויך דערמאָנט. איך װיל װיסן אַ זאַך, װאָס איך װעל קײנעם נישט דערצײלן און בײַ קײנעם נישט פרעגן, נאָר אינעװײניק איז בײַ מיר די פראַגע װאַך: בײַ די באַלעבאַטים פונעם אײנפאָר קערן דאָך זײַן קינדער, צװישן די קינדער זענען דאָ מײדלעך, אַלע באָרװעסינקע מיט קורצע גרינגע קלײדעלעך. װאָס זשע טוען זײ גאַנצע טעג? ס'װעט זײ באַנג טאָן, װאָס איך בין דאָ דורכגעפאָרן און זײ האָבן מיך נישט געזען?

פון אירשע קיין ראַדאָמישליע האָבן מיר 28 ווערסט. נישט קיין סך, נאָר... אַז מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף דער גרויסער ענגער פור, אַלצדינג מוליעט, אַלצדינג איז דאָ האַרט. דער באַלעגאָלע איז דאָ אויך אַ ייד, נאָר דער אויסזען זיינער איז אַנדערש, דער לשון איז אַנ־דערש און אַפילו דער געשריי אויף די פערד איז אַנדערש. די נעמען פון די דערפער זענען אויך אַנדערשדיק. קליין־ראַטשע, גרויס־ראַטשע, ועפרין,ווישעוויטש, לטיוקע. ס'איז טאַקע אַ העזה פון אַ באַלעגאָלע מיט דריטהאַלבן פערד. פאַר וואָס עפעס דריטהאַלבן? ווייל אַ דריט פערד — אַ ביסל אַ קלענערס, — איז צוגעשפּאַנט פון דער זייט מיט די פּאָסטאָראָנקעס פאַר אַן אַבאַראָק און מען פאַרשטייט נישט אויף קלאָר צי ס'העלפט, צי ס'מאַכט קאַליע. ס'פּלאָנטערט זיך נאָר פאַר די פיס, ערגעץ, ווי אַ יוצא־דופן. איז אַ העזה פון זיי וועקן דעם שליאַך — „ני סוועט, ני זאַריאַ" — בונטעווען די בערגלעך און די ווילדע אַראָפּ־באַרגן און אַרויפבאַרגן, אַט־אַט האָט עס אונדז אַלע פאַרשווינען שיעור נישט אויסגעשאָטן אין אַ טייך אַריין. ס'איז אַ טייך צי אַ וואַסער? ווי אַזוי זשאַלעוועט ער נישט קיין מענטשן?! ווי אַזוי ווייסט ער, אַז מיר וועלן דאָ נישט אַרויספאַלן?! און ערשט פּלוצעם בלייבן מיר שטיין אַלע אַראָפּגעבויגן מיטן וואָגן אין יענעם טייך און מיר ווייסן נישט, וועמען וועלן מיר זיך אויסגלייכן! לאָזט זיך אויס — צוליב דעם איז מען געבליבן שטיין די פערד זאָלן זיך אָנטרינקען?... יאָ, זיי האָבן זיך אָנגעטרינקען, זיך אָפּגעפּריכעט און — אַוועקגעטריבן, מיינט איר וווהין? טאַקע גלייך אין טייך אַריין. אַז מיר האָבן דערלעבט אַרויספאָרן אַרויף אויף אַ צווייטן ברעג, מעג איך שווערן, אַז ס'איז ביי איטלעכן אַראָפּ אַ שטיין פונעם האַרצן. טאָמער עפּעס, האָלט איך זיך אָן פאַרן טאָטנס אַרבל. און מיינט איר, אַז ס'איז שוין ראַדאָמישליע?! ע־הע! ס'איז נאָך אַפילו קיין אָנהייב נישט! אין אַ לאַנגן דאָרף איז דער באַלעגאָלע אַראָפּ־געשפּרונגען גרינג, ווי אַ קאָץ און לעם איינעם אַ הויף איז ער ערגעץ פאַרשוווּנדן געוואָרן. ער זאָל כאָטש זאָגן אַ וואָרט?! נאָר גיך איז ער צוריק געקומען מיט אַ האַלב זעקל האָבער אוודאי און עס געגעבן אַ וואָרף אויפן וואָגן ביי זיך אונטערן געזעס, זיך אַרויפגעכאַפּט מיט

איין פוס אויפן וואָגן, די ווישקעס אין די הענט — די רעדער דרייען זיך שוין ווייטער...

דער טאַטע האָט צו אים אַ זאָג געטאָן: אויף דער לטיוּוקע.

דאָס ווייס איך — די באָבע וווינט אויף דער לטיוּוקע. ס׳איז שוין כמעט ראַדאָמישליע, נאָר ס׳איז אַ דאָרף. און, שטעלט אייך פאָר, מיר זענען געפאָרן און געפאָרן, ס׳איז דוכט זיך, קיין עק און קיין סוף נישט געווען צום פאָרן און לעם דער באָבעס הויפל, אַז מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט, זענען נאָך אַלע געשלאָפן. אמת, די באָבע האָט שוין אַקוראַט אָפּגעשפאַרט די טיר און לעם דער מומע אסתרס קלייטל, וואָס ביינאַנד מיט דער באָבעס שטוב, כאָטש זי איז נאָך געווען פאַרשפאַרט האָבן שוין געוואַרט אַ פאָר פויערישע קונהטעס.

די באָבע האָט זיך מיט אונדז צעקושט נישט שטאַרק הייס, נישט שטאַרק קאַלט און מיר זענען שוין ביי דער באָבען אין שטוב... דער פעטער בערל, און דער פעטער איציק —ביידע נאָך נישט קיין חתונה געהאַטע זענען אַ ביסל שפּעטער אויפגעשטאַנען. זיי האָבן מיר געמאַכט אַ וויוואָט אַ בעסערן, ווי די באָבע — פאָרט יונגע! און ביי טאָג ערשט בין איך מיטן טאַטן געגאַנגען צו דער מומע באַבלען. געסט זענען מיר דאָרט געווען אַנגעלייגטע ביז גאָר. כאַנציע איז געווען שטאַרק צופרידן, וואָס איך וועל זיך ביי איר לערנען. און זי האָט מיט מיר טאַקע גוט געלערנט, איי, איך האָב גאָרנישט פאַרגעדענקט פון דעם, איז מיר קיינער נישט שולדיק. נאָר פיר שורות זענען מיר געבליבן אין קאָפּ: „באַגאַט אי סלאַוועו קאַטשוביי, יעוואָ לוגאַ ניעאַבאָזרימי. טאַם טאַבוני יעהאָ קאָניי פּאַסוטסיאַ וואָלני ניעכראַנימי״... (פון פּושקינס „מאַזעפּע״).

אַ וועלכע טאָכטער איז ביי אים געווען? פאַר וואָס איז ער געוואָרן מאַזעפּען אַ שונא, איז מיר שווער געווען צו פאַרשטיין — איך שטעל זיך נאָר פאָר.

צייט האָב איך איך געהאַט פרייע אַ סך. ביי דער באָבע אין די גרויסע שטיבער מיט די נידעריקע סטעליעס פלעג איך זיך אַרומיאָגן מיט פאַליען, דער מומע ריוולס און שפּעטער מיט ביילען, דער מומע אסתרס. פאַליע איז שוואַרץ־חנעוודיק און ווייך, ביילקע איז מיט ליכטיקע

האָר — אַ שיינע, יונגע טעלעצע. ביילע באָרעט זיך מיט מיר, ווען פּאָליע איז לעם אונדז נישטאָ. די אַלטינקע יידישע דינסט, דער באַבעס, שרייט אויף אונדז — ס׳געפּעלט איר נישט אונדזער שפּיל איבער אַ סך זאַכן. נאָר מיר הערן זי נישט. מיר זענען גערן, וואָס די באַבע איז פאַרנומען אינעם גרויסן הויף מיט אירע האַרבאַרניע־געשעפטן. איציק מיט בערלען אַרבעטן אין האַרבאַרניע — איז די וועלט פאַר אונדז אַ פרייע.

נישט אייביק איז מען קינדעריש־יונג, נישט אייביק איז גוט אויפן האַרצן.

ס׳איז געווען אַ ליכטיקער שיינער זומער. ביי דער באַבען זענען אַ סך ביטן אין הויף. אונדזער האַרבאַרניע מיט דער מומעס אין איינעם זענען אַנטקעגן דער באַבעס אַ גאָרנישט מיט אַ נישט. דאָ גייען גרויסע פּאַרטיעס יוכטן. גרויסע פּאַרטיעס פּאָלוואָל. דאָ אַרבעטן יידישע און קריסטלעכע אַרבעטער. סעבאַסטיאַן איז אַן אַרבעטער אַ גבר. אויף זיינע פּלייצעס קען ער, דוכט זיך, אַוועקטראָגן אַ האַלבן הויף...

נו, גוט. זיץ איך איין מאָל ביי דער באַבע אין סטאָלאָווע און לייען פונעם גראַף טאָלסטאָי אַ מעשה ״כאַזיאַין אי ראַבאָטניק״. אַז איך האָב זיך אַריינגעליינט אַקוראַט און שוין גוט דערפילט, ווי דער ווינטער מיטן פראָסט, מיט דער מעטעליצע זענען דאָ אומעטום, ווו די וועלט איז גרויס, מען קען זיך פון זיי אין ערגעץ נישט באַהאַלטן, אַן אויסגע־וואַשענע רעדנע פערדט אויפן שטריק און דער ווינט שליידערט זי אומ־ברחמנותדיק הין און צוריק. דערוויל פאַרווילט זיך מיר „אויפן גאַס״ — אַ מענטש איז דאָך נישט מער, ווי אַ מענטש — כאַפּ איך זוכן מיין שאַליק, דאָס ווינטערדיקע היטל, די פּאַלטע און אַזוי ווי אויף צו להכעיס, איז נישטאָ אין ערגעץ נישט — נישט די קוטשמע, נישט דער שאַליק, נישט די פּאַלטע. ווו האָבן זיי געקענט אַהינקומען? איך וויל שוין אַפילו ווערן אין כעס, ביז איך טו זיך אַ לאָז צו דער טיר אַ באַקעטער און דער דרויסן טוט אויף מיר אַן עטעם אַזאַ שמעקעוודיקער, אַזאַ זומער־דיק־ליבער און ערשט אינעם הילצערנעם בית־הכסאלע האָב איך זיך שוין מיט אַלע סימנים דערטראַכט, אַז וואָס עפּעס אין מיט דרינען? — איצט איז דאָך זומער — איי פאַר וואָס בין איך געווען איינגעגלויבט,

אַז ס׳איז אַ ביטערער ווינטער אין דרויסן מיט אַ פראָסט און מיט אַ מעטעליצע, איז עס פון דעם, וואָס איך האָב זיך שטאַרק איינגעלייענט אינעם גראַף טאָלסטאָיס פאַרפאַסונג!... נו, מילא, ס׳טרעפט אַ מאָל אַ פאַרדרייעניש!...

ביי דער באַבע אין שטוב פלעגט אַלע פרייטיק צו נאַכט און שבת אין דער פרי זיין אַ מנין אין סטאַלאָווע. דער זיידע, אונדז צום לעבן, האָט עס נאָך געוועז איינגעפירט ביי זיין לעבן. ס׳איז דאָך ווייטלעך גיין אין שטאָט אַריין. געדאַוונט האָבן ביידע פעטערס מיינע — איציק און בערל, דער דריטער פעטער מיינער — אייזיק — פלעגט קומען, — אַ הויכער, אַ פעסטער, מיט אַ שפיציק געשוירן בערדל. סרוליק דער מומע אסתרס איז שוין געווען בר־מצווה. אַ פּאָר יוכטאַרניקעס — אַר־בעטער, עטלעכע שכנים פון גאָס און אַ פּאָר באַלעבאַטישע יידן — אַזוי פלעגן זיך צונויפקלייבן אַ פופצן־זעכצן מאַן. זוכן און רופן צו אַ מנין האָט מען פאַרשפּאַרט — מען פלעגט אַליין קומען.

ווען־נישט־ווען פלעגט מען אין דער פרי, נאָכן דאַווענען, נעמען צו ביסלעך בראָנפן און צו שטיקעלעך האָניק־לעקעך. דאָן האָט שוין דאָס דאַווענען טאַקע געהאַט אַ פאַרענדיקטן טעם.

שבת נאָך מיטאָג, פאַרן שלאָף, פלעגט די באַבע אויפקלייבן אַ בערע־מאָק מיט קוילעטשן און אָפטראָגן אין קאָמאָד אין אַלקער, ערגעץ פאַר־שליסן, ווייל ביי טאָג וועלן זיך אָנלויפן די אייניקלעך — דער מומע ריוולס, דער מומע אסתרס, דעם פעטער אייזיקס קינדער און זיי וועלן מאַכן אַ פאַגראָם אויף די קוילעטשן! נאַשן מעג מען, נאָר מיט אַ מאָס.

די באַבע פלעגט נישט זאָגן, אַז גאָט האָט ליב דעם קאַרגוטש... זי פלעגט נאָר זאָגן, אַז גאָט ווייסט, ווען ער „פאַרגלויבט״ די שליסלען... ווער ס׳קען שפּאָרן, דער וועט האָבן פון וואָנען צו לעבן, מיט וואָס צעפירן די הענט...

ניסל (נאָטאָן) דער מומע אסתרס איז שוין, קיין עין־הרע אַליין ביי זיך אַ באַלעבאָס. ער און זיין ווייבל אַניוטע מיט די שוואַרצע גע־קרויזטע האָר, ווי ביי אַן אמתער ציגיינערין, אַליין איז זי פון טשערנאָ־ביל, זיי וווינען שוין אין שטאָט אין אַ דירה. דער טיש איז ביי זיי

געדעקט מיט אַ שיין טישטעך און פון אויבן שטייט אַ גראַפין מיט וואַסער אויף אַ ווייסער פּאָרצעלייענער טאַץ מיט אַ ניקלנעם פּלייטעלע אַרום און אַרום. ער אַרבעט אויף אַ שטעלע ביי די האַרנשטיינס און פאַרדינט זיך שוין ווערדליק פאַר אַ פּאָרפאָלק. אַליין איז ער אַ ליכטיקער, אַ בלאָנדער, נישט קיין הויכער, גייט ביי זיך זייער געפּוצט און קען, זאָגט מען, אַ בלעטל גמרא. דאָס האָט ער טאַקע צוגעזאָגט דעם טאַטן, אַז ער וועט אָפּלערנען מיט מיר אַ שטיקל גמרא. יאָ. יאָ. אַז מען וויל זיך באַקלערן, איז ער דאָך מיינס אַן אייגן געשוועסטערקינד. אָבער וואָס בין איך מיט אים פּאַר אַ גלייכן, אַז ער איז אַ גרויסשטאָטישער און אַן אויסגעפּוצטער און קען שוין אַזוי גוט אי יידיש, אי רוסיש. אמת, ער טרייבט מיך נישט, ער רופט מיך אַפילו צו, ווען ער זעט מיך און איין מאָל האָבן זיי מיך אַפילו זאַסטאַוועט עסן מיט זיי וואַרמעס. עסן האָב איך טאַקע געגעסן ביי זייער אַ שיין־געגרייטן טיש, נאָר שעמען האָב איך זיך געשעמט — דאָס איז איינס, און, צווייטנס, איז עס מיר נישט אין גאַנצן איינגעגאַנגען: יונגע מענטשן, הייבטוועלטיקע, ווער ווייסט צי זיי היטן אָפּ כשרות. איך בין אין גאַנצן נישט קיין פאַרפרומ־טער, אָבער איך בין געוווינט צו כשרן יידישן עסן. ביי דער באָבען און ביי דעם פעטער צאַליען — אין די צוויי שטיבער מעג מען עסן אויף געוויס. ביי זיי קלער איך אַפילו נישט איבער.

גמרא? יאָ, מיר האָבן זיך געקליבן לערנען גמרא... אָבער עפּעס איין מאָל אין דער פרי, טאַקע גאַנץ פרי, קאַיאָר, איז אין גאַנצן אומ־געריכט געקומען צו פאָרן נאָך מיר דער טאַטע... דער טאַטע האָט זיך געשעמט אויסזאָגן, אָבער פאַר אַן אייגענער מוטער איז נישט שייך זיך באַהאַלטן. און ער האָט איר דערציילט, אַז ליבע, דאָס הייסט, די מאַמע, לעבט נישט, עסט נישט און שלאָפט נישט — מען זאָל מיך ברענגען צוריק אַהיים. די באָבע האָט געפייערט, געשריגן, אפשר נישט מיט קיין כעס, נאָר גאַנץ הויך און מיט איר געוויינלעכן געשמאַקן קוויטש, אַז וואָס וועט מיט איר דאָרטן ווערן??? די וועלט וועט זיך איבערקערן? אָט זענען ביי איר, ביי דער באָבען, צוויי זין אין אַמע־ריקע און דער דריטער, שייליק, זאָל געזונט זיין, איז שוין אויך אַוועק־

געפאָרן — ער וועט אין גיכן צונעמען די מומע כייקען מיט די קינדער. נו, איז וואָס? — און זי זאָגט אויף דער מאַמען נאָך שיינע ווערטער, נאָר מיר שווייגן, מיר ענטפערן איר גאָרנישט: אין אַ טאָג צוויי אַרום האָב איך זיך צעזעגנט ביי דער מומע באַבלען אין שטוב מיט אַלעמען און אין אַלע איבעריקע שטיבער. דער פעטער וועלוול, דער באַבעס איי־דעם, אַ הויכלעכער, אַ שווייגנדיקער, מיטברילן, לעם לעדער־זאַכן איז ער עפעס אַ מין קאָמיסיאָנער. און די מומע ריוול האָט אים קינדער אויפן טוץ. ס׳איז אים נישט שווער. ער קען, ווייזט אויס, גוט לערנען. האָט ער אויך מיט מיר גערעדט אַ פּאָר ווערטער, און ביי ניסלען און ביי דער מומע הענציען — ביי איטלעכן.

ס׳האָט מיר נישט באַנג געטאָן, וואָס איך פאָר אַוועק. ס׳איז מיר נאָר געווען אַ שאָד, וואָס איך לאָז דאָ איבער פאַליען דער מומע ריוולס און ביילען דער מומע אסתרס — מיט זיי איז געווען גוט זיך שפּילן. דאָרטן, אין דער היים, וועל איך עס נישט האָבן.

נישקשה, איך וועל נאָך זיי גוט בענקען. זיי זענען צו מיר גוט.

איך זאָל פרעגן ביי דער מאַמע פאַר וואָס האָט זי מיך אַזוי גיך צוגענומען פון ראַדאָמישליע, קען איך קיין ליגן נישט זאָגן, וואָרום אין דער היים איז מיר בעסער, ווי אומעטום! ווען מען קען מאַכן, אַז ראַדאָמישליע זאָל זיין צו אונדז נאָענט, אַזוי ווי באָקעיוושטשינע, וואָלט איך מן־הסתם, אַלע טאָג געלאָפן אַהין. זיין אַ ביסל דאָרט און דערנאָך — צוריק. בפרט, אַז איך גיי שוין נישט אין חדר און ס׳איז ביי מיר אַ פרייע וועלט.

* * *

פאַר מיר איז נישט געווען קיין נייס אויפשאַרן אין הויף די זדיביצע, אַריינטראָגן אַ בערעמאָק האָלץ, אַ מאָל וואַסער, פאַרלייגן דער בהמה היי, אָנפּאָיען דעם פערד, צעוואַשן אַ גריבל, אָדער אַ בינטל שערסט, אים צעטריקענען, איבערקערן אויפן דעכל די מעזדרע און זי אַרויפטראָגן אויפן בוידעם.

אַ מאָל, אַז ס׳איז געווען אַ סך אַרבעט אין האַרבאַרניע, האָב איך שוין געהאָלפן אָפּגעבן אַ זאַפּאַר אויך, אַרויסטראָגן מיטן טאַטן די נאָסיל־קעס נאָסע זדיביצע, אָנגיסן מיטן טאַטן אין איינעם דעם קעסל. אין צעבריק גייען אַריין פיר עמער. דערנאָך נעמען מיר בײדע די עקן פונעם גלאַטן דרוטשאָק אויפן אַקסל, דער דרוטשאָק האַלט דעם צעבריק פאַר די אויערן פעסט אַ מחיה — אַוועק אין הייזל אַריין, איבערגעקערט דעם צעבריק וואַסער אין קעסל אַריין און ווייטער צום ברונעם. מען האָט וועגן דעם נישט גערעדט — ווען אָנהויבן, ווען זיך שטעלן צו דער אַרבעט, נאָר איך האָב זיך אי געשפּילט, אי געהאָלפן אין האַרבאַרניע. ס׳איז דאָך ביי זיך. דער טאַטע האָט מיר אַ מאָל מיטן גוטנס געוויזן, ווי אַזוי ס׳דאַרף זיך טאָן און איך האָב זיך געפילט גוט אין דער אַרבעט. איך בין נישט קיין פאַרקויפטער. אַלע מאָל, אַז מען דאַרף עפּעס טאָן, טו איך, און אַז איך בין מיט דעם פאַרטיק, פרעג איך ביי קיינעם נישט און וואַש זיך אָפּ און טו זיך איבער און עס אָפּ און גיי זיך וווהין איך וויל. אַ מאָל קען איך אַפילו גיין אין בית־מדרש לערנען — דאָרטן לערנען נאָך אַ פּאָר יינגלעך. כאָטש אַזאַ טעם האָט עס שוין, נאָר די גאַנצע זאַך איז אין דעם, וואָס אַז איך וויל — גיי איך. משהקען דעם רבס האָב איך ליב באַגעגענען. שבת גייט ער גערן מיט מיר שפּאַצירן און דערציילט מיר אויס, וואָס ער האָט געלייענט. ער לייענט זייער אַ סך, אי אַלטע, אי נייע ביכלעך. ווייזט אויס, אַז ער האָט אויך אַ סך ליידיקע צייט. ער העלפט בערלען מאַכן די ליכט, אַ מאָל מאַכט ער זיי אַליין. דאָנערשטיק און פרייטיק שטייט ער ביים צעווען די הייוון און פאַרקויפט די ליכט. אָבער צייט האָט ער גענוג. זיך צושלאָגן אין שטעטל צו אַ תכלית איז נישט שייך, סיידן זיך דערוואָרטן אויף אַ שידוך...

און איך אַליין? — איך דאַרף שוין אין גיכן בר־מצווה ווערן. קיין גרויסער פרעסער אויף עבירות בין איך נישט. אויב ס׳קומט אַפילו אַ מאָל אַן עבירה, קומט זי מערער אין געדאַנק. אין געדאַנק ווערט זי געבוירן, אין געדאַנק צעפלאַקערט זי זיך, אין געדאַנק ווערט זי אויס־געלאָשן. שבת צעברעכן אַ שטעקל — גאָט באַהיט! שבת אָנצינדן אַ שווע־

בעלע — קיין מאָל אין דער וועלט. עסן, אָדער כאָטש אַ שמעק טאָן, צי נעמען אין האַנט אַ שטיקל חזיר? — ווייס איך וואָס?! פּסח האַלטן אין האַנט ברויט, אָדער אַ שטיקל בייגל? — גייט שוין, גייט! און, פון דעסטוועגן, אָט ווער איך שוין בר־מצווה, דאָס הייסט, אַז איך בין שוין איינגעשפּאַנט. וואָס וועל איך טאָן, טאָמער וועט זיך מיר, אַזוי ווי אויף צו להכעיס עפּעס פאַרגלוסטן?! ביין, ווי איר ווילט זיך, נאָר ס׳איז פון דעסטוועגן סטראַשנע.

סיי ווי, ווען ס׳איז מיר געוואָרן ניין יאָר, צען און ווען שוין צוועלף, האָב איך געזשאַלעוועט, וואָס איך בין שוין אַ גרויסער. און איצט, אַז ס׳דאַרף שוין מיר ווערן דרייצן? איר שפּילט זיך אַ ביסל? — דרייצן יאָר?! דאָס הייסט שוין איבערגעשפּאַנט אַ גרענעץ... איי, אַז דו ווילסט קלערן, זענען דאָך דאָ ייִנגלעך און מיידלעך, אַז ס׳ווערט זיי פופצן און אַכצן, און אַז זיי גייען אַפילו צום פּריזיוו, זענען זיי דאָך נאָך אַלץ ייִנגלעך?!

נאָר מיר אַרט אַ זאַך, וואָס ס׳איז אַפילו נישט אַזוי גוט זי אויסריידן:

דרייצן יאָר און די שולד איז אין מיר אַליין — ביי דרייצן יאָר דאַרף מען שוין זיין אַ שטיקל מענטש. און איך? — לעם דעם טאַטן מיט דער מאַמע, לעם אונדזער שטוב בין איך זיך א י ך. איך העלף אַפילו און טו אַפילו שווערע אַרבעט. ביי זיך האָב איך קיין מורא נישט, ביי זיך טו איך און די אַרבעט האָט אַ ווערט, נאָר ווען איך דאַרף זיך אַליין שטעלן אויף די פיס, דאַן פיל איך אין זיך נישט קיין העפּטיקייט, קיין קראַפט, דאַן בין איך גאָלע גאָרנישט. נאָר פאַר וועמען זאָל איך עס דערציילן? פאַר קיינעם אין דער וועלט! איך ווייס נאָר, אַז ס׳דאַרף מיר ווערן דרייצן יאָר און איך שעם זיך מיט עפּעס, פּונקט ווי איך וואָלט געווען אַן אָפּנאַרער און אַ פאַרלייקענער. און איך האָב דאָך ביי קיינעם קיין מאָל גאָרנישט צוגעגנבעט און קיינעם גאָרנישט נישט צוגעזאָגט אַזעלכעס, וואָס איך זאָל נישט קענען אויספילן?!...

* * *

מען האָט מיך צוגענומען אין דער פערטער גרופּע אין שקאָלע. מען

האָט אָפּגערעדט, אָדער ס׳איז געווען אַזוי אָפּגערעדט, אַז שבת גייען נישט די יידישע שילער.

וואָס האָב איך דאָרט געדאַרפט לערנען? ווען האָב איך זיך געגרייט ביי יעווטושעווסקען אין דער פערטער גרופּע אַריין געדענק איך נישט.

אילאָווייסקעס איסטאָריע און וואָס נאָך?... ביי מיר איז פון קליינ־וויין אויף דער אויסשפּראַך אויף רוסיש נישט קיין צעקרומטער, כמעט ווי איך שרייב ריכטיק. ענטפער ריכטיק און רייד נישט שלעכט. פון וואַנען האָט זיך עס ביי מיר גענומען, ווייס איך נישט. דערווייל אַ דאַנק גאָט, אַבי נישט ערגער. אין הויף אין שקאָלע איז זומער ליידיק און פריי. פאַר די לערער זענען דאָ באַזונדערע אויסגעטיילטע דירות מיט גאַנעקלעך פאַר יעדער אויסגעפאַרבטער טיר. יעווטושעווסקי האָט צוויי גרויסע געלע וואָנסעס. דאָס פּנים עטוואָס קלייענדיק, נאָר ער מוז זיין זייער אַ גוטער. זיין גאַנץ געהאַלט גייט אַוועק אויף יענער אלמנה, דער ראַדיעווטשיכען מיט די פינף קינדער, וואָס גייען אַלע ריין אָנגעטאָן.

יעווטושעווסקי זינגט מיט זיין כאָר אַלע זונטיק אין קלויסטער. ער איז אַ ווילער מענטש, אַלע ווייסן עס. איך געדענק שוואַך, ווי אַזוי איך האָב זיך עקזאַמענירט, ווי אַזוי מען האָט מיך צוגענומען. פּונקט אַזוי ווי ס׳איז אָנגעקומען גרינג און אָן דולעניש, אַזוי גרינג האָט איך עס אין מיטן ווינטער אַוועקגעוואָרפן. קיינער האָט נאָך אין לעבן מיך אַזוי נישט גענאַרט, ווי איך — זיך אַליין.

איך האָב גענומען דערוויזן דעם טאַטן מיט דער מאַמען, אַז מען פאַרגיט עפּעס אַ האַלב בלעטעלע מיט גרויסלעכן כתב, וואָס מען קען אויסלערנען פאַר איין מינוט, מען פאַרגיט איינע אָדער צוויי זאַדאַטשקעס. ס׳איז אַרויסגעוואָרפענע צייט. אַרויסגעוואָרפן דאָס גיין אַהין. אַז איך וועל זיך אַ נעם טאָן, וועל איך פאַר איין ווינטער קאָנען אויסלערנען פאַר אַלע זיבן גרופּעס.

זיכער איז עס נישט קיין גוזמא, ווען איך נעם זיך טאַקע, וואָלט איך עס דורכגעמאַכט. פעיִקייטן, אַ קאָפּ האָב איך נישט קיין שלעכטע. אָבער אין דער אמתן, האָב איך נישט נאָר קיין זיבן גרופּעס נישט געמאַכט, איך האָב די גרינגע און ווינציקע פּראָגראַם פאַר דער פערטער

גרופּע אויך נישט געמאַכט, טאַקע דערפֿאַר, וואָס איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז ס׳איז גרינג און דערום וועל איך גרינג עס באַוויזן אָפּטאָן מאָרגן און איבערמאָרגן און נאָך שבת. דערצו האָט מיך קיינער נישט אונטער־געטריבן, קיינער האָט מיך נישט געמוסרט און... אַזוי איז עס געבליבן אויף אייביק. איך האָב זיך נאָך אָנגעקלערט, אַז איך גיי צו ברוך־אייזיקן דעם שוחט אַלע פֿאַר טאָג אָפּלערנען אַ שטיקל גמרא. און פֿאַר אַ פּאָר וואָכן בין איך טאַקע געגאַנגען אַלע פֿאַר טאָג, אויסער שבת. ברוך־אייזיק פֿלעגט זיך אַליין שטעלן דעם קליינעם סאַמאָוואַרל. ער פֿלעגט מיר עס דערלערנען מיטן שכל, וואָס ביזן דאַוונען דאַרף מען פּראַווען בקיות, פּשוטער גערעדט — האָבן דעם מאָגן פֿאַרן דאַוונען און אַ הייס גלאָז טיי אַלע גאַנץ פּרי העלפֿט אים זייער. אויפֿן טיש טרעף איך ביי אים שאַלעכץ פֿון אַן אויסגעגעסענעם איי — דאָס איז געווען זיין וועטשערע פֿאַרן שלאָפֿן. די חלפֿים הענגען ביי אים אין געווענטענע, אָדער פֿילצענע שיידלעך, גרויסע און קליינע. אָפֿט גלעט ער זיי אויס אָן אַ שאַרפֿשטיין אין מיין אָנוועזנהייט — ער ציט זיי אָפּ. די חלפֿים, סיי די גרויסע און באַזונדערס די קליינע, האָבן אין זיך אַ שיינקייט. ווען איך ווייס נישט, אַז זיי קירצן די יאָרן ביי אַ סך שיינע און ליבע באַשעפֿענישן, זיי טרינקען זיך אָן מיט הייס, זודיק בלוט, דערנאָך ווישט זיי ברוך־אייזיק אָפּ אין אַ שמאַטע, וואָס ער טראָגט מיט זיך, אָדער אין דער פֿאַלע פֿון דער קאַפּאָטע, וואָס איז ביי אים נישקשהדיק פֿאַרשמאַלצן. דערפֿאַר מאַכט מלכה זיינע אַלע שבת אַ מאָגן־קוגל, אַ קישקע־קוגל.

פֿון דעם לערנען ביי ברוך־אייזיקן איז אויך גאָרנישט אַרויסגעקומען. פֿאַרטראַכט איז עס געווען זייער שיין, איך האָב דאָך עס אַליין אויפֿ־געגעבן. אָבער ברענגען עס צו אַ תכלית — דערויף האָט ביי מיר קיין מאָל נישט געסטייעט קיין כשרע פֿאָדים, און דער עיקר, וואָס איך האָב זיך געזעגנט מיט די דאָזיקע אונטערנעמונגען אַ סך גרינגער און אַ סך ווינציק באַמערקבאַר, ווי זיי האָבן זיך ביי מיר אָפּירגענומען. איך געדענק אַפֿילו נישט, איך זאָל האָבן דערפֿון האַרצעסעניש, אָדער פֿאַרדראָס. איך דערפֿיל אַ מאָל, אַז ס׳בלייבט אַ ליידיק אָרט דאָרט, ווו ס׳האָט זיך עפּעס געדאַרפֿט אָנזאַמלען רעכטס. אָבער אויב איך בין

געוועןָ אַן ערלעך יינגל, איך האָב ביי קיינעם נישט געגנבעט, האָב איך אויף אַן אומברחמנותדיקן אופן באַגנבעט זיך אַליין. איך האָב נישט געלערנט טעג, איך האָב נישט געלערנט וואָכן און באַגנבעט האָב איך זיך — אויף יאָרן. איך האָב נאָך דענסטמאָל נישט געוווּסט, אַז ס׳איז אויפן גאַנצן לעבן.

פריי זיך, איציק, דו האָסט דאָך אַ באַהאַלטענע פאַרענטפערונג, אַ שטילע טרייסט: שמואל יאַנקל דער שוסטער איז דאָך אויך אַן ער־לעכער ייד און האָט אַ שטוב, אַ ווייב און שיינע קינדער. יהושע דער קאָזשושניק קען נישט לערנען, נאָר ער איז אַ שטילער און פיינער באַלמעלאָכע. ער האָט אויך אַ ווייב, אַ שטוב און פיינע קינדער...

דאָס ביסעלע, וואָס איך קען, האָט זיך מיר אויך אָנגעגומען אומ־גערן. מיינע טאַטע־מאַמע האָבן מיר געגעבן אַ גוטע באַטור, נישט קיין שלעכטן קאָפּ. מאַמע טייערע, איך וועל דיך נישט פאַרשעמען!

איך וועל דיך אפשר, נישט פאַרשעמען — נישט מיט מיין אייגענער שטאַרקייט — נאָר מיט גאָטס הילף.

און צווישן די דאָזיקע טועכצן האָט זיך ערגעץ איינגעמאָסטעט דער טאָג פון מיין בר־מצווה.

גאָט איז מיין עדות, אַז איך האָב אַרויסגעקוקט מיטן גאַנצן האַרצן, אַז דער דאָזיקער טאָג זאָל גיכער דורכגיין. איך האָב ביז אים נישט צוגעגרייט דאָס, וואָס ס׳דאַרף אין זיך פאַרמאָגן — איך — אַ דרייצן־יאָריק יינגל. און מיין האַרץ האָט מיר שוין געזאָגט, אַז אויף ווייטער וועל איך אויך נישט באַווערסטייען... די חובות, דאָס נישט דערטאָגענע האָט זיך אָנגעפּאַפּט און וועט זיך אָנפּאַפּן איינס אויפן צווייטן אָן אַ צאָל און אָן אַ מאָס. און אַז דער טאָג וועט זיך, ווי עס איז, אויסשיילן צווישן דעם קאַיאָר מיטן פאַרנאַכט, דערויף האָב איך געהאַט אייגענע איינגעי־חזרטע סימנים: אין אַ תענית, ווי שווער ס׳זאָל נישט זיין דאָס פאַסטן, פלעג איך זיך גרינג קענען געבן צו פאַרשטיין, אַז די צייט שטייט נישט אויף איין אָרט — אָט־אָ פאַרגייען דאָך די וואָכן פון איין שבת ביזן צווייטן, אַזוי וועט דער תענית אויך זיך מוזן דורכרוקן צוזאַמען מיט זיינע בשכנותדיקע טעג, אַזוי אַז אייביק פאַסטן וועט מיר נישט אויס־

קומען. ס׳וועט זיך דערלאַנגען ווען עס איז צו האַלבן טאָג, דערנאָך צו גרויסן טאָג, דערנאָך וועט זיך דער טאָג אָנהייבן אַראָפּלאָזן און דערנאָך וועט שוין זיין גאָרנישט שווער צו דערציַען ביזקעלע נאַכט... אָדער לאָמיר זאָגן, אַז דער טאַטע פאָרט אַוועק קיין אָוורוטש נאָך אַ פּעסל טראָן מיט אונדזער פערד און וואָגן — ציט זיך זייער אויס ביז ער וועט פאַרפאָרן אַהין און ביז ער וועט קומען צוריק. אָבער, אַז איך פאַרשפּיל זיך מיט עפּעס, אָדער איך פאַרטו זיך אין חדר און דערנאָך גייען מיר אַהיים וואַרמעס עסן, נעם איך זיך פאָרשטעלן דעם שטיקל וועג צווישן סלאָוועשנע און אָוורוטש און ווו דער טאַטע קער איצט זיין. די רעדער קייקלען זיך מעסיק, דאָס פערד לויפט נישט גיך, אָבער אויב דער טאַטע איז אַרויסגעפאָרן אַרום זיבן אין דער פרי, און אויב איצט איז שוין 12 ביי טאָג, איז ער שוין געוויס אין אָוורוטש אינעם איינפאָר־הויף, דאָס פערד איז שוין אויסגעשפּאַנט און שטייט מיטן פּנים צום וואָגן און קייט. דער טאַטע איז אונטערן זעלביקן הימל. נאָר ער זופט אַנדער לופט. דאָרטן גייען אַרום אַנדערע מענטשן, דאָרטן זענען אַנדערש די גאַסן און די סעדער, די קלויזן, די הייזער און אַפילו דער הייליקער אָרט איז דאָרטן אויך אַן אַנדערער. מיין טאַטע גייט דאָרט אַרום. ער האָט דאָרטן אַ טועכץ, נאָר אין אַ דריי שעה אַרום וועט ער איינשפּאַנען ס׳פערד, אַרויפקאַטשען דאָס פּעסל טראָן און זיך לאָזן מיטן זעלבן וועג צוריק. אַכט אַ זייגער, ביין אַ זייגער, צום העכסטנס צען וועט ער, אם־ירצה־השם, זיין צוריק אין דער היים. דאָס פערד, מיט אויסגעצויגענע זייטן, אַ ביסל לענגלעך און דין, וועט אויך דערפילן, אַז ס׳איז שוין אין דער היים. ס׳וועט זיך אויסקאַטשען אויסגעשפּאַנטערהייט אין הויף און וועט אַליין אַוועקגיין אין שאָפּע צום זשאָלעב. נישקשה, פאַר דער נאַכט וועט זיך עס אויסרוען...

אָט אַזעלכע סימנים האָב איך ביי זיך געהאַט וועגן טאָג, וואָס איך וויל ער זאָל שוין דורכגיין, און ס׳זאָל שוין זיין מאָרגן און ס׳זאָל שוין זיין דאָס געוויינלעכע צוריק, ווי געווען.

דער טאַטע מיט דער מאַמע האָבן, ווייזט אויס, זיך אַנדערש געגרייט צו מיין בר־מצווה. מעגלעך, אַז ווען איך וועל דערלעבן זיין אַ גרויסער

און צוזאַמען מיט מיין ווייב אויפציִען קינדער, וועט ביי מיר אויך זיין אַ יום־טוב, ווען מירן פֿראַווען פֿאַר אונדזער עלטערן יינגל די בר־מצווה. אויב דער ברית איז אַ יום־טוב, זענען דערנאָך די בר־מצווה און די חתונה שוין אַ גאַנצער סכום פֿון פֿרייד.

וואָס זשע געדענק איך פֿון דער בר־מצווה? מע האָט מיר אויפגענייט אַ סורדוטל, שבת קען מען אים אָנטאָן אין שול אַריין, אָבער דער שניידער האָט מיר אים צו פֿיל פֿאַרשמאָלט, אַזוי, אַז נישט נאָר ס׳האָט נית געסטייעט אויף „זריסט״, נאָר פֿון סאַמע אָנהייב איז מיר געווען ענג אין די פּאַכוועס און קורץ אין דער טאַליע, אַז קיין הנאה און קיין פֿרייד האָט מיר אָט דאָס נייע מלבושל נישט פֿאַרשאַפֿן. תפֿילין האָבן מיר באַשטעלט ביי מיכאלן. שיינע תפֿילימלעך מיט ווייכע גוטע רצועות — טאַקע אַ צירונג די רצועות. מן־הסתם פֿון שאַגראַן. די בתים נישט קיין גרויסע, נאָר זייער שיינקייט און נייקייט האָט מיר געלויכטן גלייך אין האַרצן אַריין. און זייער ווייכער שפּיגלדיקער גלאַנץ איז טאַקע געווען אַ יום־טוב. איך האָב געפֿילט, אַז חנה דער רביצינס, מלכה דעם בידאָס, גיטל מיכציעס, שיפֿרה יאַנקל־כייקלס, מיינע יינגערע ראַוועסניצעס און אַזוי ווי חברטעס, וועלן מיר אין האַרצן שטאַרק־שטאַרק מקנא זיין. דוכט זיך, אַזעלכע פֿיינע קינדער און שיין אָנגעטאָן און קענען אַלצדינג, נאָר גאָט איז זיך באַגאַנגען מיט זיי נישט ערלעך, ער האָט זיי באַוואָלט אויף דור־דורות. דעם מאַנספֿאַרשוין האָט ער געמאַכט פֿאַרן גאַנצן טוער, פֿאַרן גאַנצן באַלעבאָס אי אויף ד ע ר וועלט, אין אויף י ע נ ע ר וועלט.

ס׳רייסט מיר דאָס האַרץ אויף די מיידלעך. איך וואָלט זיך מיט זיי בפֿירוש געטיילט. ס׳קומט זיי אַ גלייכער חלק און אפֿשר נאָך אַ בע־סערער. אָבער ס׳נישט אין מיר געווענדט. ס׳נישטאָ דער טאָג איך זאָל נישט געדענקען דעם „שלא עשני״... איך וועל זיי נישט זאָגן פֿון די תפֿילין. איך טאָר אַפֿילו נישט אַרויסווייזן, אַז איך פֿאַרשטיי עס. אָבער איך זשאַלעווע זיי, וואָס איז? זיי זענען דען נישט שענער און בעסער פֿון מיר?

די מאַמע האָט אָפּגעבאַקן ביי שיינען דער סאַרוועריין לעקעך. מיר

האָבן צוגעגרייט בראָנפן 57־קער מיט רויטן טריוואָקס און רויטן בלעטל. מער האָט מען נישט באַדאַרפט. דער מנין האָט געדאַוונט ביי אונדז אין שטוב — מן־הסתם איז דעם טאַטן אַזוי איינגעפאַלן. געווען זענען ביים מנין קנאַפּע צוויי צענדליק יידן. מיין רבי שמואליק דער מלמד איז אויך געווען. ער האָט מיר געהאָלפן לייגן די תפילין... וואָס הייסט ער האָט מיר געהאָלפן? — ס׳איז פשוט געווען אַן אונטערהאַלט, אַז ער האָט געזען, ווי איך טו אַלץ ריכטיק, כאָטש נישט דרייסט — וארשתיך לי לעולם, וארשתיך לי בצדק ובמשפט ובחסד וברחמים, וארשתיך לי באמונה, וידעת את ה׳.

דער נביא האָט עס געזאָגט אין גאָטס נאָמען, אַז ער האָט פאַרקנסט פאַר זיך דאָס יידישע פאָלק, די יידישע אומה אויף אייביק. און איצט, ווען איך זאָג עס, בין איך שוין מיט אים פאַרקנסט.

מיר האָבן אָפּגעדאַוונט ביי אונדז אינעם ערשטן אַלקער. מען האָט אָפּגעגעבן דעם טאַטן מיט דער מאַמע מזל־טוב. די מאַמע האָט זיך פאַררויטלט. דער מאַמעס האַרץ אין דער רגע מעג מען זיך פאַרגינען אים פילן. די יידן האָבן צונויפגעלייגט יעדערער זיין טלית און תפילין. מען האָט דערלאַנגט צום טיש גלעזעלעך, מען האָט דערלאַנגט טעלער מיט אָנגעשניטענעם לעקעך, אַזוי ווי צו אַ ברית, אַזוי ווי אויף אַ חתונה, טאַקע גרויסע שטיקער לעקעך. מען טרינקט לחיים, מען בייסט צו מיט לעקעך, מען גיסט אָן נאָך צו גלעזעלעך, מען ווינטשעוועט, מען טונקט דעם לעקעך אינעם בראָנפן און ס׳פילט זיך, אַז אַלע יידן, ווי אויך דער טאַטע און די מאַמע, וואָלטן ווען, ס׳זאָל זיך ציען, ס׳זאָל אַ ביסל געדויערן די ליבע מינוט.

די מומע לאה און נאָך אַ שכנה בייסן צו אין קיך און טונקען אויך דעם לעקעך אין בראָנפן. ביי דער מאַמע שטייען אַזוי ווי טרערן אין די אויגן ביים ווינטשעווען. די מאַמע זאָל האָבן נחת אין מיר און אין אַלע קינדער.

— קום נאָר אַהער! — רופט מיך די מומע. זי וויל מיר צווינטשעווען באַזונדער.

צי דען בין איך שוין אַ גרויסער, אַז מענטשן רעדן צו מיר, ווי צו אַ בר־דעת און מענטשן האַלטן פון מיר?

* * *

...ווער האָט עס געקענט גלויבן, אָדער כאָטש זיך פאָרשטעלן, אַז מיין סלאָוועשנע וועט אָפּגעבערענט ווערן נישט אויף צו בויען זיך צוריק, אַז מיין סלאָוועשנע וועט זיך צעפאָרן איבער דער וועלט, אַז ס׳וועט קומען אַ צייט, ווען אין גאַנץ סלאָוועשנע וועלן פעלן דריי מענטשן צו אַ מנין. געבליבן זענען נאָר צוויי הייליקע אָרטן. איינער, דער אייביקער, שוין אויך אָן אַ צוים, אויף אים פעלן שוין אַ סך אהלים און אַ סך מצבות. ס׳איז שוין פאַרוואַקסן געוואָרן דער וועג צו אַ סך קברים. און אייניקע קברים זענען שוין מיט דער ערד אויסגעגלייכט. אָבער אויפן אַלטן הייליקן אָרט האָט זיך יעדער בר־מינן זיין היים, זיין ווילן, זיינע פיר איילן. ווייבער מישן זיך נישט איבעריקס מיט קיין מאַנסבילן, בלויז אַזוי בשכנות, ווי די ווייבערשע שול לעם דער מאַנסבילשער. קינדער זענען פאַר זיך אַ „קאָלאָניע״. נישט אַזוי איז געשען מיטן נייעם הייליקן אָרט אינעם קעגנאיבערדיקן עק שטאָט, טאָקע הויכלעך — ביי מיר אויף דער שיניצע. דער צווייטער הייליקער אָרט איז נאָך, ווי אַ פרישע אָפענע ווונד. דאָ זענען באַפריינדעט און צונויפגעשמאָלצן געוואָרן אין זייערע לעצטע מינוטן טאַטעס מיט קינדער, מיט מאַמעס, מיט באָבעס, מיט מאַנען און אייניקלעך. היטלער, דעם „ליכטיקן״ אייביקן „גאַניידן״ זאָל ער האָבן, דאָס איז איינס פון זיינע שפּילן, וואָס ער האָט זיך פאַרגינט נישט נאָר אין סלאָוועשנע, נאָר אויך אין קיעוו, אין אַמסטער־דאַם, אין פּראָסקוראָוו, אין ווילנע, טשענסטאָכאָוו און טויזנטער שטעט, וואָס מיר האָבן אַפילו זייערע נעמען נישט געהערט. היטלער האָט זיך אומעטום געמאַכט דענקמעלער פון בערג מיט פאַרפּייניקטע אומגעבראַכטע מענער, פרויען און קינדער, וועלכע האָבן קיין וואָפן נישט געברויכט און אַפילו קיין פּראָסטן שטעקן און קיין שטיין, וואָס מע הויבט אויף אויף אַ הונט, נישט אויפגעהויבן און נישט געוואָרפן אויף היטלערן און אויף זיינע מענטשן.

אַזאַ הייליקן אָרט פאַרמאָגן מיר אויך. אין אונדזער קליינינקער פאַר־וואָרפענער סלאָוועשנע, אינעם קעגנאיבערדיקן עק שטאָט.

אויב ביים אַלטן בית־עולם האָט מען צעגנבעט די צוים, האָט דער נייער אויף זיך קיין צוים נישט געזען. און ס׳האַלט דערביי, אַז נישט יעדערער וועט שוין דיר אָנווייזן דעם ריכטיקן אָרט פון אונדזער ברודער־ און שוועסטער־קבר. און אויב מען וועט דיר אָנווייזן, איז אין דער פינקטלעכקייט שוין נישט שטאַרק צו גלויבן.

יאָ, ס׳זענען אונדז געבליבן צוויי הייליקע אָרטן מיט גראָז און מיט ביימער פאַרוואָקסענע. און איך מעג מיט זיכערקייט זאָגן, אַז אַהין ציִען זיך בענקענישן און געדאַנקען ביי יונגע און אַלטע, ביי קרעפטיקע און שוואַכע און אויף די שליאַכן פון עטער (עפיר) באַגעגענען זיך די דאָזיקע געדאַנקען מיט שטילן טיפן וויי און איידעלער בענקשאַפט — אַלע אויפן וועג קיין סלאָוועשנע. נאָר גיין גייען זיי פון באַזאַר און דאָמבראָוויץ, פון מאַלין און עמעלטשין, פון טשקאַלאָוו און לענינגראַד, פון אָדעס און פון חיפה, פון בוענאָס־איירעס און טשיקאַגאָ, בראַזיליע און קאַנאַדע — אומעטום האָסטו לייב פון דיין לייב, סלאָוועשנע, בלוט פון דיין בלוט. אומעטום זענען זיי איינגעוועבט אין דעם לעבן. אַנדערע גייען נאָך צו אַ מנין, אַנדערע, פאַרקערט, האָבן נישט קיין מזוזה אויפן ביי־שטידל פון דער טיר, נאָר טו פאַר זיי אַ זאָג, אָדער זאָלן זיי באַמערקן ערגעץ די אותיות געדרוקט — אוי, סלאָוועשנע! — אַזוי קערן מיר זיך אויס, אַזוי קוקן מיר זיך אום — הער נאָר! — עמעצער האָט, דוכט זיך, געזאָגט, אויסגערעדט, צי ס׳האָט זיך מיר אויסגעדאַכט — — —

ס ל אָ ו ו ע ש נ ע ?! — — —